STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13924

# VEN YASH IZ GEKUMEN

Jacob Glatstein

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Leif D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

# ווען יאש איז געקומען

## ביז איצט דערשינען פון זעלבן מחבר:

**יעקב גלאַטשטיין**
פאַרלאַג „קולטור", ניו־יאָרק, 1921

**פריַיע פערזן**
פאַרלאַג „גראַהאַר סטאַדאָלסקי", ניו־יאָרק, 1926

**קרעדאָס**
פאַרלאַג „יידיש לעבן", ניו־יאָרק, 1929

**יידיש טיַיטשן**
פאַרלאַג ח. בזשאָזא, וואַרשע, 1937

**ווען יאָש איז געפאָרן**
פאַרלאַג „אינזיך", ניו־יאָרק, 1938

**עמיל און קאַרל**
פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי, ניו־יאָרק, 1940

**ווען יאָש איז געקומען**
פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי, ניו־יאָרק, 1940

### גרייט צום דרוק:

א גוטע נאַכט וועלט און אַנדערע לידער

א בוך קורצע נאָוועלן און דערציילונגען

### ווערט צוגעגרייט:

ווען יאָש איז צוריקגעפאָרן

יעקב גלאַטשטיין

# ווען יאָש איז געקומען

פ א ר ל א ג
משה שמואל שקלארסקי
ניו יאָרק, 1940

VEN YASH IS GEKUMEN
(When Yash Arrived)

By YONKEV GLATSTEIN

Copyright, 1940
FARLAG M. S. SKLARSKY
New York, N. Y.
Printed in U.S.A.

# קאפיטל איינס

# I

— אַפילו פון דער בלאָטע וועל איך זינגען צו דיר, מיין גאָט, אַפילו פון דער בלאָטע.

מען האָט שוין געהאַלטן ביים סוף פון דער וועטשערע. אַ צאָל געסטע האָבן שוין פאַרלאָזט דאָס עס־צימער. אַנדערע זיינען נאָך געזעסן ביי זייערע טישן און זיך קאַלופּעט די ציין, דערטרונקען דאָס גלעזל טיי און זיך געפּוילט אויפצוהייבן.

איין טיש איז נאָך געווען איינגאַנצן באַזעצט. קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. אַ מאַן, מיט אַ קאַפּל אויפן שפּיץ קאָפּ, איז געזעסן אויבנאָן און געפירט טיש און אַ זיבן־אַכט מענער האָבן אים געקוקט אין מויל אַריין. עטלעכע האָבן גע־לאָזן געגעסן דעם קאָמפּאָט, אָבער זיי האָבן אַפילו ניט געזען די קליינע טעלערלעך. זיי האָבן גענאָגט און גענאָגט דאָס לעצטע ביסל זאַפט פון די האַרטע פלוימען־קערן און זיי אַרומגעוואָרפן אין מויל פון דער לינקער באַק צו דער רעכטער. אָבער אמת הנאה האָבן זיי געהאַט פון דעם מאַן מיט דעם קאַפּל. זיי האָבן פון אים די אויגן ניט אַרונטערגענומען.

— האַ, וואָס זאָגט איר? — האָט דער טיש־פירער פאַר־האַלטן דעם באַלעבאָס פון האָטעל, אַ ייד אַן אויסגעדאַרטער, מיט אַ לאַנגער, דינער נאָז, וואָס האָט נישט געהאַט קיין ברעקל פלייש אויף זיך, ממש הויט און ביינער. די אויסגעדאַרטע נאָז האָט אַרומגעשמייעט און גלייך דערשמעקט וואו עס פעלט עפּעס צום טיש, ווער עס מאַכט אַ קרומע מינע. עס האָט אַזש געשווינדלט אין די אויגן פון אים, ווייל יעדער מינוט האָט ער אויסגעמאָסטן דאָס עס־צימער פון איין עק צום אַנדערן.

— עץ צאָלט און איך דאַרף צופרידנשטעלן. דאָס איז דער

חשבון, — האָט ער כסדר געהאַלטן אין איין איבער׳חזר׳ן ווי אַ שפּרוך, לויפנדיק פון טיש צו טיש.

— האַ, וואָס זאָגט איר, פאַניע בוכלערנער? איר האָט דאָך עפּעס אַ קלוגן נאָמען. זיי לאָזן נישט נעמען נאָך אַ קעלישיקל. איז עס אַזאַ גרויסע חכמה? זיי טענה׳ן, אַז כ׳על זיך נאָך אָנ׳שיכור׳ן. וואָס, מיינט איר, זאָג איך דערויף?

דער פאַרהאַלטענער איז געבליבן שטיין, אָבער ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, און דער עיקרשט די נאָז, רעכטס, און גלייך לינקס, צו זען אויב מען נויטיקט זיך נאָך אַלץ אין זיין השגחה. ער איז געשטאַנען אויף שפּילקעס, אָבער דער מאַן מיט דעם קאָפּל איז אַ גאַסט און אַ שיינער גאַסט דערצו, טאָר מען אים נישט מעיז פּנים זיין.

— ווייסט איר וואָס איך זאָג דערויף? איך זאָג, אַז אַפילו איך זאָל זיך אָנ׳שיכור׳ן און זיך וואַלגערן אין בלאָטע. וואָס דאַרף מען מער בזיון, אַ שיינער באַלעבאָס ווי איך, מיט אַ בערדל, מיט אַ קאָפּל? אָבער אַפילו פון דער בלאָטע וועל איך זינגען צו דיר מיין גאָט, אַפילו פון דער בלאָטע.

— גוט געזאָגט, מיינע נאמנות, — האָט צוגעבאָמקעט דער באַלעבאָס, וואָס האָט שוין געהאַט באַשלאָסן, אַז אַלץ איז אין אָרדנונג און ער האָט אָנגעשטעלט די גאַנצע נאָז מיט אויפמערק־זאַמקייט אויף דעם פולן טיש.

— גוט געזאָגט. אַ קעלישיקל קאָן קיינמאָל נישט שאַטן. מיין זיידע עליו השלום האָט געטרונקען פאַרן עסן, אינמיטן עסן און נאָכן עסן. מיינט איר, חלילה, אַז ער איז געווען אַ שיכורניק? ניין, אַ ביסל מבוסם׳דיק.

— איז, לחיים! — דער מאַן, וואָס האָט געפירט טיש, האָט אָנגעגאָסן אַ גלעזל, דערלאַנגט דעם האָטעל־אייגנטימער, זיך אָנ־געגאָסן אַ צווייטס און געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דער באַלעבאָס איז אים פאַרלאָפן דעם וועג און אויסגעליידיקט דאָס גלעזל מיט איין זופּ.

— זאָלט איר מיט געזונט זיין, איר טרינקט דאָך עפּעס נישט ווי קיין ייד. איר טרינקט דאָך גאָר ווי אייער זיידע.

דער גאַנצער טיש האָט אויסגעפּלאַצט אין אַ געלעכטער און בובלערנער האָט אַ פאַרשעמטער געהאַלטן דאָס ליידיקע גלעזעלע.

— ס'הייסט גלאַט טרינקען? און וואָס הערט זיך עפּעס מכוח זאָגן אַ גוט וואָרט? טרינקען אָן אַ גוט וואָרט איז דאָך עפּעס מעשה עשו.

און ער האָט גענומען דאָס ליידיקע גלעזעלע פון האָטעל-אייגנטימערס האַנט און נאָכאַמאָל אָנגעגאָסן אַזאַ פול גלעזל, אַז יענער איז געשטאַנען און עס געהאַלטן אַ הילפלאָזער, ווייל ער האָט מורא געהאַט, טאָמער גיט ער דעם מינדסטן שאָקל וועט עס אַריבערפליצן ווי אַ פולער ברונעם.

— די צרה מיט יידן איז, וואָס מען האָט נישט שטאַרק ליב דעם רבונו של עולם, — האָט דער מאַן מיט דעם קאָפּל גענומען זיין אייגן גלעזל און עס אויפגעהויבן הויך, ווי ער וואָלט טאַקע געטרונקען אַ טאָסט פאַר אימיצן וואָס זיצט איבער דעם טיש — מען האָט פאַר אים מורא, אוודאי, מען כאַפּט אַ ציטער אום יום-כפור, אָבער אַזוי אין אַ פראָסטן מיטוואָך, מען זאָל אים ליב האָבן, איר פאַרשטייט, מען זאָל דערפילן, אַז עס צעגייט זיך אַ בענקשאַפט נאָך אים אין אַלע אברים. כ'מיין, יאָ, מען זאָל אים טאַקע גוט ליב האָבן.

ער האָט באַשמעקט דאָס גלעזעלע ווי אַ פּסאַמביקס און קוים-קוים אָפּגעטרונקען. דער באַלעבאָס האָט זיין גלעזל אויפגעהויבן העכער ווי צו הבדלה, אָבער ער האָט אַלץ מורא געהאַט צו טרינקען.

— שרייען זיי, אַז איך וועל זיך אָנ'שיכור'ן, — איז ער צוריקגעקומען צו זיינס. — אָבער אפילו פון דער בלאָטע וועל איך זינגען צו דיר, מיין גאָט, אפילו פון דער בלאָטע.

ער האָט אַ ביסל אויסגעגלייכט דאָס קאָפּל אויפן קאָפּ און פאַרצויגן אַ ניגון אונטערן נעזל. אין אָנהויב האָט דער ניגון נישט געהאַט קיין באַזונדערע פיזיאָנאָמיע, אָבער מיטאַמאָל האָט פון דעם זמר'ל אָנגעהויבן רינען אַ וועלט מיט מתיקות. עס איז אַריין אין די ביינער, עס האָט מיטגעטראָגן, דער גאַנצער

טיש האָט געזונגען. דער האָטעל־אייגנטימער האָט איצט איינ־געשטעלט, געגעבן אַ שליק און אויך מיטגעזונגען.

ווען דער מאַן אויבנאָן האָט שוין איינגעזען, אַז ביי אַלעמען האָבן די קעפּ אַוועקגע׳חלש׳ט אויף אַ זייט, אַז זיי זינגען מיט פאַרמאַכטע אויגן, אַז דער גאַנצער טיש ברענט מיט דעם ניגון, אַז דאָס געזאַנג איז שוין איינגעשטעלט אַזוי התלהבות׳דיק, אַז עס גייט שוין פון זיך אַליין און עס וועט זיך אַזוי גיך נישט אָפּשטעלן, ווייל דער ניגון האַלט ערשט אין מיטן רעכטן באַרג־אַרויף, האָט ער געזאָגט: „לחיים, לחיים, יידן!” און איבער־געקערט דאָס גלעזל.

און בעת דאָס געזאַנג האָט זיך שוין גענומען אַרונטער־קייקלען און די גע׳חלש׳טע יידן האָבן זיך אָנגעהויבן אויס־טשוכן פון דעם טראַנס, האָט זיך אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר אַכט־ניין און צוואַנציק אויפגעהויבן פון זיין טיש און גענומען גיין מיט סאָלדאַטסקע טריט. אין דער זעלבער צייט האָט זיך פון אַ צווייטן, נאָענטן טיש אויפגעהויבן אַ הויכער, פעסט־געבויטער מאַן, וואָס האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט עטלעכע בליקן און גע־שטאַנען אויף איין אָרט, ווי ער וואָלט געפאַרשט צו זען, וואָס דער יונגערמאַן האַלט ביים טאָן. דער יונגערמאַן איז אַזוי אָפּ־געגאַנגען עטלעכע טריט, נאָר מיטאַמאָל האָט ער זיך אָפּגע־שטעלט, ווי ער וואָלט זיך גע׳ישוב׳ט, און ער איז צוריק גע־גאַנגען צו זיין אייגענעם טיש. דער פעסט־געבויטער מאַן האָט אַלץ פון אים נישט אַרונטערגענומען די אויגן.

— פּאַניע בראַנסקי, — האָט דער פעסט־געבויטער אים גערופן, אָבער יענער האָט זיך נישט ווייסנדיק געמאַכט.

ביי זיין אייגענעם טיש האָט זיך דער פּאַן בראַנסקי אַוועק־געשטעלט און זיך פאַרנויגט, טיף פאַרנויגט מיט גרויס ווירדע פאַר דעם יידיקן טיש. ער האָט זיך אויסגעגלייכט, צוגעגאַנגען צום טיש, וואו דאָס געזאַנג האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט פאַרלאָשן און זיך געווענדט צו איינעם פון דער גרופּע אין אַן עלעגאַנטן פּויליש.

— אין אַלטן עגיפּטן האָבן די מומיעס געמאַכט אַ געפער־

לעבן טומל. מען האָט זיי געקאַנט איינגעמען בלויז מיט גוטן, מיט אַ סך פריינטשאַפט.

דער מאַן, וועמען דער עלעגאַנטער יונגערמאַן האָט גראָד אויסגעקליבן, האָט געגומען קנייטשן דעם שטערן, ווי די רייד וואָס ער האָט נאָר־וואָס געהערט וואָלטן אים פאַרשאַפט גאָר אַ סך יסורים. פאַן בראַנסקי איז געשטאַנען איבער אים האַלב־פאַרנויגט. ער האָט אַלץ געוואַרט אויף אַ תשובה.

ער האָט געהאַט באַקן, וואָס זיינען געווען פאַרגאָסן מיט אַ מאָדנער רויטקייט, אַ רויטקייט וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שעמעוודיקייט, וואָס דאַרף באַלד אָפּגיין, אָבער די פאַררויטלט־קייט איז אַלץ נישט אָפּגעגאַנגען, נאָר האָט געברענט ביידע באַקן. די אויגן זיינען געווען גרויסע און בלאָע, נאָר פאַרהויכט בלוי, ווי פאַרהויכט גלאָז. זיי זיינען געווען פאַרוואָלקנט און גערעדט האָט ער, דוכט זיך, גלייך צום מאַן ביים טיש, אָבער ווען מען וואָלט געפירט אַ ליניע פון זיינע פאַרוואָלקנטע אויגן צום מאַן, וועמען ער האָט געשטעלט אין פאַרלעגנהייט, וואָלט מען געזען, אַז די אויגן האָבן געקוקט אַ האָרעלע אָן אַ זייט.

דער מאַן, איבער וועמען ער איז געשטאַנען, און נאָך אַלץ געוואַרט אויף אַ תשובה, האָט זיך נישט געפילט גאָר פויגלדיק. ער האָט זיך געהאַלטן אין איין דרייען אויפן בענקל. דער גאַנצער טיש איז אַ ביסל צעטומלט געוואָרן. דער מיטן קאָפּל האָט פון גרוים פאַרלעגנהייט געקליבן קרישקעס פון טישטוך און זיי געוואָרפן אין מויל אַריין.

דער פעסט־געבויטער איז צוגעקומען מיט זיכערע טריט און אָנגענומען דעם פאַן בראַנסקי ביים אָרעם. ער האָט אים געהאַלטן מיט אַן אייזערנער האַנט, אָבער ער האָט זיך באַמיט אים צערעמאָניעל אַרויסצופירן פון עס־צימער.

— פּראָשע באַרדזאָ! — האָט פאַן בראַנסקי זיך אויסגע־גלייכט און זיך געלאָזט אַרויספירן.

— דאָס איז נעבעך אַ טראַגעדיע, אַ טראַגישע טראַגע־דיע, — האָט דער הער בוכלערנער דער ערשטער געקראָגן לשון. ער האָט עס אַ זאָג געטאָן, אי לשם אינפאָרמאַציע און אי וויל

ער האָט געוואָלט אַ ביסל אויפהייטערן די פאַרגליווערטע געסט. ספּעציעל האָט ער גערעדט צום מאַן, וואָס איז נאָך אַלץ געזעסן, זיך געדרייט אויפן בענקל און געקנייטשט דעם שטערן, ווי עס וואָלט אים געטראָפן אַ גרויס אומגליק.

— אַט דער־אַ איז זיך נעבעך אַ גביר אדיר, אָבער ס׳וואָלט שוין געווען אַ סך גלייכער, ווען ער זאָל אינגאַנצן נישט זיין, — האָט דער האָטעל־אייגנטימער געגעבן אינפאָרמאַציע צו די עט־לעכע געסט, וואָס זיינען נאָך געבליבן אין עס־צימער. אָבער גערעדט האָט ער דערהויפּט צו די פרישע געסט, ער האָט זיי געוואָלט אָפּשפּרעכן דעם שרעק. — זיין שוועסטער איז אויך דאָ אין האָטעל און דער געזונטער גוי טרעט נישט אָפּ פון אים אויף קיין רגע, כאָטש ער איז אומשעדלעך ווי אַ פליג.

— אַ משוגענעם טאָר מען פאָרט נישט געטרויען, — האָט געזאָגט דער מאַן ביים טיש, וואָס האָט שוין אויפגעהערט קנייטשן דעם שטערן און צוריק געקראָגן זיין גלייכגעוויכט. — ער איז גוט־גוט און מיטאַמאָל קאָן ער אָפּבייסן די נאָז.

— ע, מען בייסט נישט קיין נעז, איך וואָלט אים דאָ נישט געהאַלטן קיין שעה, ווען מען בייסט נעז, — האָט בובלערנער זיך געהיצט. ער האָט גלייך דערשמעקט, אַז מען דאַרף זיך גאָר שטאַרק היצן, ווייל מען וויל אים דאָ איבערפירן פּרנסה. — אַזוי פּאַוואָלינקע איז ער שוין ביי מיר אַ וואָך זעקס און עס פעלט נאָך, ברוך השם, ביי קיינעם נישט קיין נאָז.

— הען אַ ביסל, — האָט דער מאַן, וועמען פאַן בראָנסקי האָט געשטעלט אין אַ פאַרלעגנהייט, זיך נאָך אַלץ נישט גע־לאָזט באַרואיקן, — ערשט געווען אין אַזעלכע עולמות עליונות, קומט ער אַריין מיט עגיפּטן. משל כחרס הנשבר. און וועמען דאַרף עס טרעפן? מעך. אַ משוגענער דאַרף זיין מחוץ למחנה, ווי אַ טויטער, רחמנה ליצלן. קאַליע געוואָרן דער לאָמפּ אין קאָפּ — גיי זיך אין דיין רו אַריין.

— און אַ קאַפּיטשקע רחמנות? אוים? נישטאָ? — האָט דער האָטעל־אייגנטימער געמאָנט. — אַ מענטש ווערט משוגע דאַרף מען אים דערשיסן, ווי אַ הונט, להבדיל?

— כ׳מיין שיסן. ווער שיסט? וואָס בין איך, אַ שיסער? כ׳רעד גלאַט אַזוי. כ׳זאָג ס׳איז אַ גרויסער צער, — האָט ער זיך גענומען צוריקציען — ערשט געברענט אַזאַ טייערער לאָמפּ און פּלוצים — פּיו, אויסגעלאָשן.

דער מאַן מיט דעם קאָפּל האָט איצט אויסגעזען אַ ביסל שווערלעך. ער האָט זיך עטלעכע מאָל בגנבה געהויבן פון בענקל, אָבער ער האָט זיך געשיקט צוריק אַוועקגעזעצט, ווייל ער האָט איינגעזען, אַז עס הויבט זיך נישט אַזוי לייכט.

ער האָט נאָך אַלץ געברומט אַ ניגון, כאָטש דער טיש האָט זיך שוין געהאַט האַלב אָפּגעליידיקט.

— וואָס זאָגט איר, פאַניע שטיינמאַן, — האָט איין ייד אים געוואָלט העלפן זיך אויפהויבן. — מיר וועלן איינשטעלן?

— זענט איר דאָך אַ שטיקל עזות פנים. עס הייסט, אַז איר וואַרפט, מיר-נישט דיר-נישט, אַ חשד אויף מיין זיכערן גאַנג און גלייכן שכל. אָט גיט, אדרבא, אַ קוק.

און ער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט מיט אַ ריס און געבליבן שטיין אויף די פיס. ער איז געשטאַנען אַזוי אַ ווײַלע, ביז ער האָט זיך גענומען גיין צו דער טיר.

— איז דאָס אַ ייד אַ ברען, קיין עין הרע, — האָט דער לעצטער ייד ביים טיש גערעדט צום באַלעבאָס. — איר הערט, פאַניע בוכלערנער, דאָס איז פון די יידן, וואָס מען זעט שוין באַלד אַזעלכס נישט. ער איז שוין גאַרנישט פון די פאַרקאַליכטע.

דער האָטעל-אייגנטימער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, ווי ער וואָלט אַריינגעשטאָכן דעם שפּיץ פון דער נאָז אין דער לופט. ער איז אַזוי געשטאַנען עטלעכע רגע׳ס כדי צו מאַכן אַ שטיקל איינדרוק מיט זיין פּאָזע, ביז ער האָט געענטפערט און אַריינגעלייגט אין זיין קול אַזוי פיל ברוגז, אויף וויפיל עס איז נאָר געווען מעגלעך. ווייל געדענקט האָט ער, אַז ער רעדט פּאַרט צו אַ גאַסט, וואָס מען וויל פונדעסטוועגן נישט שטאַרק באַליידיקן.

— וואָסי, איר מיינט, אַז בלויז פאַרקאַליכטע קומען צו מיר? זאָלט איר מיר געזונט זיין, דאָ איז אַ פּלאַץ פאַר געזונטע

מענטשן, וואָס ווילן אַ ביסל הנאה האָבן פון עולם הזה אויך.

— כ'מיין, — האָט דער מאַן געזאָגט טראַציק, — ס'רוב אין דער געגנט, זיינען פּאַרקאַליכט, מען קאָן זאָגן, ניין פון צען זיינען פּאַרקאַליכט.

— אַ שרעקלעכע גוזמא, מען איז אַ ביסל נערוועאיש, אַ ביסל אָפּגעשלאָפּט, מען קומט אויף קוראַציע, און די פּאַוויעטשע איז דאָך טאַקע דאָ, — און ער האָט גענומען פּאָכן מיט דער דינער נאָז. ער האָט אַ שוועב געטאָן מיט דער האַנט איבער דער לופט, זי צוגעמאַכט, ווי ער וואָלט געכאַפּט אַ פליג אינמיטן פלי, געהאַלטן די פאַרמאַכטע פויסט און מיטאַמאָל געעפנט די האַנט. ער האָט אויפגעשטעלט די ליידיקע דלאָניע און זי געהאַלטן פלאַך און ביינערדיק, פול מיט באַדייטונג, ווי עס וואָלט דאָרט געלעגן אַ טייערער דימענט.

— איר פּילט עפּעס אַ מין ווינטעלע? אוודאי, אַז איר זענט דאָ, זענט איר דאָך נישט אין שטאָט. קאָנט איר נאָך מיינען, אַז דאָס ווינטעלע איז אַלעמענס ווינטעלע, אָבער לאָזט זיך נישט אָפּפרייערן. עס איז בלויז אַ היג ווינטל אַזעלכס. זופּט דעם ווייַן — שאַמפּאַניער. עס איז נישט נאָר מחיה נפשות. עס איז ממש מחיה מתים.

די צוויי טעכטער זיינע האָבן איצט אָפּגעראַמט דעם טיש. זיי האָבן געראַמט מיט דער זעלבער שווייגנדיקייט, מיט וועלכער זיי האָבן דערלאַנגט. בוכלערנער האָט זיי פון צייט צו צייט געגעבן באַפעלן, אָבער די טעכטער האָבן אַפילו די אויגן נישט אויפגעהויבן און ס'איז שווער געווען צו וויסן, אויב זיי האָבן אים געפאָלגט, אָדער אינגאַנצן איגנאָרירט.

צווישן זיך האָבן זיי אויך נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, נאָר שטום אַרונטערגענומען פון די טישן.

אַ יונגע, באַרוויסע שיקסע איז זיי געקומען צוהעלפן. די שיקסע איז געווען הויך און שלאַנק און זי האָט געהאַט שאַרפע אויגן, וואָס האָבן פאַרמאָגט אין זיך אַ פלעמל פון אַ שמייכל. שווער געווען צו כאַפּן וואָס פאַר אַ מין שמייכל דאָס איז געווען. עס האָט געהאַט אין זיך אַ ביסל שפּאָט, אַ ביסל חוצפה,

אַרויסרוף און אַ רעכט ביסל פֿויערשע קלוגשאַפֿט. אירע פֿיס זײַנען געווען באַשפּריצט מיט בלאָטע, און נישט געקוקט אויף דער באַרוויסקייט האָבן די טריט אירע געוויגט דאָס הויז. די גלעזער האָבן געטאַנצט אויף די טישן און די שיקסע האָט געשפּאַנט נאָך פֿעסטער, ווי זי וואָלט זיך געשפּילט מיט די טאַנצנדיקע גלעזער.

אינדרויסן האָט טאַקע געבלאָזן אַ שטיקל ווינטל. אויב נישט אַזוי שאַמפּאַניערדיק, ווי דער הער בוכלערנער האָט עס געשאַצט, אָבער עס איז געווען גענוג מחיה׳דיק. אויף דעם גרויסן גאַניק, וואָס האָט אַרומגענומען דאָס הויז פֿון אַלע זײַטן, זײַנען געווען אויסגעזעצט די געסט, וואָס האָבן נאָך שטיל פֿאַרדייעט די וועטשערע. זיי זײַנען נאָכן עסן אַרײַנגעפֿאַלן אין שטולן און אַפֿילו זיך געפּוילט אַרונטערצוגיין די עטלעכע טרעפּ, וואָס האָבן געפֿירט פֿון האָטעל אַרונטער צום ביסל גראָז. דער שמאָלער אַספֿאַלטענער אַרײַנגאַנג צום האָטעל איז פֿון ביידע זײַטן געווען באַצירט מיט דינע ביימלעך. איצט איז דער אַרײַנגאַנג געווען באַזעצט מיט וויגשטולן, וואָס האָבן זיך טאַקע שטיל געוויגט, ווי זיי וואָלטן אויך לײַכט באַרירט געוואָרן פֿון דעם ווינטל. אויף די שאָקלשטולן האָבען זיך געוויגט פֿרויען און מענער, אַ סך פֿון זיי גאַנץ שווערע און לײַביקע, און ס׳איז געווען אַ וואונדער, וואָס זיי האָבן זיך געקאָנט אַזוי לײַכט און ווינטלדיק וויגן, ווי זיי וואָלטן געווען עלעגאַנטע זומערדיקע באַשעפֿענישן. די שטולן זײַנען דערגאַנגען ביז צו די עטלעכע טרעפּ פֿון דעם דרייגאָרנדיקן האָטעל.

אַ נידעריקער, געפֿלאָכטענער טויער האָט געמאַכט אַ שטיקל מחיצה צווישן דעם האָטעל און דעם טראָטואַר אַרום.

דער מאַן, וואָס האָט ערשט געפֿירט טיש, האָט געשפּאַנט הין און צוריק, אָבער איצט האָט ער געפֿירט אַ גאַנצע טשאַטע ווײַבער. ער האָט שפּאַצירט אין בלויזן קאָפּ. די געדיכטע גרויע האָר זײַנען זיך צעפֿלויגן, אָבער זיי האָבן זיך אַלע מאָל, אַליין פֿון זיך, צוריק פֿאַרקאַמט אויף צוריק. ער האָט געהויבן דעם שטאָלצן קאָפּ מיט דעם געשניצטן זילבערנעם בערדל. דעם

מאנטל האָט ער געטראָגן נישט אָנגעטאָן אויף די אַרבל, נאָר פאַרוואָרפן ווי אַ פעלערינע און אונטער דעם מאַנטל האָט ער געהאַלטן אַ שטעקן. ער האָט געשפּאַנט ווי אַ שטאָלצער סולטאַן און נאָך אים זיינען געגאַנגען די ווייבער. גערעדט האָט ער הויך און מען האָט אים געקאָנט הערן איבער דעם גאַנצן האָטעל.

— דער טאַטע לאָזט זיך וואוילגיין, — האָט אַ שווערע, מיטליעריקע פרוי, מיט אַ טרויעריק פּנים, אַ זאָג געטאָן צו איר שכנה, אויף דער צווייטער שאָקלשטול.

— אָן זיין שאָדן אויף אַלע יידישע מענער, דאָס איז אַ שווינקייט פון אַ מאַנספּאַרשוין, — האָט די צווייטע געענטפערט מיט אַ ביסל אַ שנעלערן וויג.

— און סך הכל איז ער נישט קיין געזונטער. קרענקט אויף די נירן און האָט רעומאַטיזם. איז דאָ נישט פאַר קיין נחת, — האָט די טאָכטער צוגעגעבן.

— כ׳מיין, — האָט די שכנה אַ ביסל אָפּגעשטעלט די וויג־שטול, — קאָן מען עפּעס וויסן? מען זאָגט אַ פּנים איז אַ מסור. קיין עין הרע, ס׳איז זיך דאָך צו פאַרקוקן אויף אים.

— אַ קראַנקער מענטש. איך דאַרף דאָס אַכטונג געבן אויף אים און מיר אַליין ברעכן די קריזשעס ביינאַכט. אָט ווי איר זעט, אַזוי גיך ווי עס פאַלט צו די נאַכט ווער איך אויס מענטש און איך דאַרף אים געבן די פּילן און דאַרף אים מיט געוואַלט לייגן שלאָפן, אַז נישט וואָלט ער געלעבט 48 שעה אַ טאָג.

— אַ וואָ, אַ שווינקייט פון אַ מאַנספּאַרשוין, — האָט זיך אַלץ די שכנה נישט געקאָנט אָפּוואונדערן. — אַז מען קאָן אַזוי, קיין עין הרע, אויסקוקן אויף דער עלטער, — האָט זי פאַר־ענדיקט מיט אַ בענקשאַפט.

— טאַטעשי! — האָט די טאָכטער גערופן.

— רופסט שוין שלאָפן? איך וועל דיך דורם זיין!

— נאָך נישט, טאַטעשי, אָבער באַלד.

— היינט האָט ער געכאַפּט אָן איבעריקע כוס׳ע און ער וועט עס שוין אויסקרענקען, — האָט די טאָכטער אַלץ גערעדט צו דער שכנה. — די צרה מיט אים איז, וואָס דער וועלט גיט

ער זונשיין און איך קריג די וואָלקנס מיט דעם גאַנצן רעגן, — האָט זי שוין געזאָגט ווי צו זיך אַליין, מיט אַ שטיקל פאַרוואורף, אויף דעם טאַטנס חשבון.

שטיינמאַן איז געבליבן שטיין פאַר זיין טאָכטער און אויפגעהויבן דעם שטעקן, ווי ער וואָלט זיך פאַרמאָסטן אויף איר.

— איך וועל דיר, מיינע נאמנות, גוט אָנברעכן די ביינער, אויב דו וועסט מיך שיקן שלאָפן מיט די הינער צוגלייך. אוים שקלאַפעריי. היינט וועל איך גאָר גיין אין גאָרטן אריין, הערן אַ ביסל מוזיק און קוקן אויף שיינע מיידלעך. וואָדען, מיינסט, אַז איך וועל דאָ אָפּפינצטערן מיין לעבן מיט די יידענעם?

— גאָרנישט עלעגאַנט פון אייך, הער שטיינמאַן, — האָט זיך די אינגסטע פון דער גרופּע אָנגערופן קאָקעטיש, — גאָרנישט קאַוואַלעריש.

— וואָס פאַר אַ יום-טוב איז היינט, טאַטעשי, וואָס דו ווילסט זיך אַזוי לאָזן וואולגיין?

—אַ יום-טוב, אוודאי איז אַ גרויסער יום-טוב. עס איז דאָך נישט מער ווי צוויי טעג צו שבת קודש. דערמאָן זיך נאָר, אין צוויי טעג אַרום וועט קומען צו שפּאַנען דער הייליקער שבת, די טייערע מלכה. קומט, יונגערמאַן! מיין נאָמען איז שטיינמאַן. ווי הייסט איר? איר זענט ערשט היינט געקומען צו מיטאָק?

און ער האָט מיך אָנגענומען ביים אָרעם און מיך געפירט צום טויער פון גאָרטן, עטלעכע טריט פון האָטעל.

— געדענק, טאַטע, איך גיי דיר נאָך פוסטריט. לאַנג וועל איך דיך נישט לאָזן בושעווען.

— און איך וועל שלאָגן מכות רצח, אַז דו וועסט דעם טאַטן נישט לאָזן אַרויסרעדן אַ וואָרט צו אַ מענטשן. — ער האָט ווידער אַ הויב געטאָן דעם שטעקן אויף זיין מיטליעריקער טאָכטער, זיך אָנגעבויגן און איר אַ קוש געטאָן.

ער האָט אָנגעטאָן אַ העלפט פון זיין מאַנטל אויף דעם לינקן אָרבל און מיט דער לינקער האַנט האָט ער אַרומגעוויקלט די צווייטע העלפט פון פאַלטן אַרום זיך ווי אַ פעלערינע. די רעכטע האַנט, אָן דעם פאַלטן, האָט איצט אויסגעזען אינגער

האַנט. האָט זי טאַקע קאָקעטירט און מאַנעווורירט מיט דעם שטעקן.

ער איז געגאַנגען לעבן מיר און אומגעדרייט דעם קאָפּ צו דער טאָכטער.

— שענק מיר אַ האַלבע שעה לעבן, פּראַניע טייערע. אַ האַלבע שעה לאָז מיך אויפהערן צו זיין אַ קרימינאַלניק ביי מיין געזונט.

## II

פון אַלע זייטן האָט מען איצט געהאַלטן אין איין גיין צום פּאַרק. מען איז געגאַנגען מיט אַ געצאַמטער אומגעדולד, ווי מען וואָלט געוואָלט מאַכן צוויי טריט פאַר איינעם, אָבער מען האָט זיך געהאַלטן סטאַטעטשנע. מען איז איינער דעם אַנדערן נישט פאַרלאָפן דעם וועג.

אַז מען איז אַריבער דעם טויער און מען האָט דורכגעמאַכט די לייכטע אינספּעקציע פון היטער, האָט מען גלייך דערפילט דעם געזונטן אַראָמאַט פון די געדיכטע ביימער, וואָס האָבן זיך געוועלדערט אין די זייטיקע אַלייען. נאָר געגאַנגען איז מען שטיל און געלאָסן מיט דעם שטויביקן הויפּטוועג.

די לעצטע קאָלירן פון פאַרנאַכט האָבן שוין אָנגעהויבן צו ווערן רויכיק און אומבאַשטימט, און די קליינע אָזערע, וואָס איז געלעגן אין סאַמע צענטער פון הויפּט-שפּאַציר, האָט איצט אויסגעזען בלוי-שוואַרץ.

פאַרשטעקט הינטער ביימער איז געשטאַנען אַן אַלטאַנקע. פון דאָרט האָט זיך געטראָגן די מעשענע מוזיק פון אַ קליין אָבער שרייענדיק אָרקעסטערל. אַ גרויסער נומער 5 האָט באַ־צירט די אַלטאַנקע און געוויזן, אַז דאָס שפּילט מען אַצינדערט דעם פינפטן נומער פון פּראָגראַם. מען האָט שוין געהאַלטן ביים סאַמע סוף פון „ל׳אַרליזיען”, דער עולם האָט שפּאַצירט מיט דער מוזיק. אַפילו ווען מען האָט אָפּגעלאָזט די לייצן פון געדאַנק און גע׳חלומ׳ט גייענדיק, האָט מען פונדעסטוועגן געפילט, אַז ערגעץ

ווייט הינטער די חלומות שפּילט מוזיק, און ווען דער נומער האָט זיך געענדיקט האָט מען זיך געוויינלעך אויפגעכאַפּט און גאָרנישט געדענקט — נישט וואָס מען האָט געטראַכט און נישט וואָס מען האָט געשפּילט.

מען האָט שפּאַצירט אַרום דער קליינער אַזערע און אומעטום, אַפילו אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער זייט, האָט מען אויך געהערט דעם אָרקעסטער. די אַנדערע זייט פון דער אַזערע איז געווען גענוג ווייט, אָבער דער אָרקעסטער איז געווען די בריק און די זיכערקייט, אַז מען איז נישט אַרויסגעפאַלן פון דעם אַנגעצייכנטן שפּאַציר, אַז מען גייט נאָך מיט די זעלבע מענטשן, מיט וועמען מען האָט אָנגעהויבן פון סאַמע אָנפאַנג, אַז מען לעבט צוזאַמען אַ קיילעכדיק לעבן.

פונקט אויף דעם אַנטקעגנאיבער פון דער אַלטאַנקע איז געשטאַנען אַ הילצערנע געביידע, צוזאַמענגעשלאָגן פון שטיקער ביימער — אַן אמת וואַלד-הויז. עטלעכע טרעפּ איבער דעם שפּאַציר-גאַנג, אויף אַן אומזיכערער פּאָדלאָגע פון אַלטע ברעטער, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ רישטאָוואַניע, זיינען געזעסן מענטשן פאַרלעכוויי, באַזונדער — און גע׳חלום׳ט, מסתמא די זעלבע מוזיקאַלישע חלומות, וואָס ווערן איבערגעשלאָגן פון אַ מעשענעם טראָמפּייט, אָדער דערשראָקן פון אַ צימבל. דאָס איז געווען די קאָנדיטאָריי אונטער דעם פרייען הימל. ווען מען איז פאַרבייגעגאַנגען האָט מען אויפן שפּיץ צונג דערפילט די צוקער- און פוטער-געבעקסן, ווי מען וואָלט זיי פאַרזוכט שפּאַצירנדיק. פאָרלאָך זיינען געזעסן און זיך געקוקט אין די אויגן אַריין. אַרום דער אַזערע זיינען געלעגן אויספּאַנטאַזירטע שטיקער ערד, פאַרפלאַנצט מיט בלומען, צוזאַמענגעשטעלט מיט אַן אויג פאַר קאָליר און פאַר פאָרם. אַלע פאָר טריט האָט מען געזען די בלומען-בערגלעך, נאָר איצט האָבן די קאָלירן געגומען פאַרלירן זייער פולבלוטיקן רויט, געל אָדער גרין. אין דעם פאַרנאַכט-ליכט האָבן זיי געזוכט אַ בשותפות׳דיקן קאָליר, אַ צוזאַמענדיקע דרימל-פאַרב. די בלומען האָבן איצט אויסגעזען ווי ווילדע באַרג-בלומען, מיט וואַסערדיקייט אין די קאָלירן. זיי

האָבן אָנגעהויבן אָנצואָווערן די שאַרפֿע, שרייענדיקע און אויס־געכאָוועטע באַזונדערקייט. די אָזערע איז געוואָרן פֿאַרגליווער־טער פֿון מינוט צו מינוט און זי האָט געקראָגן אַ דין הייטל איבער אַ געדיכטער פֿינצטערניש.

דער אָרקעסטער האָט אָהער אַריבערגעטרובעט דעם „בלויען דונאַיי". די עלעקטרישע לעמפּלעך אויף דיביימער האָבן זיך אָנגעצונדן און דער גאַנצער שפּאַציר־גאַנג איז באַגאָסן געוואָרן מיט אַ ליכט, וואָס האָט נאָך מער פֿאַרטונקלט די אומגעהייערע פֿינצטערניש פֿון די זייטיקע אַלייען, דער בלויער וואַלץ האָט דעם טראָט געמאַכט טאַנצנדיקער. אינוויינּיק, אין דער קאָנדי־טאָריי, האָבן זיך טאַקע שוין געדרייט פּאָרלעך. ביי די פֿינצ־טערע גלעזער זיינען געבליבן זיצן בלויז איינזאַמע מענטשן. עס איז שוין געווען סוף אויגוסט און די עטלעכע איינזאַמע מענטשן, מיט ־דעם אַנטוויקלטן געפֿיל פֿון מעלאַנכאָליקער, האָבן אינמיטן פֿון דער זומערדיקער פֿרייד, די ערשטע דערפֿילט דעם ווייטאָג, אַז די זומער־טעג זיינען געציילטע.

— ווען איך בין ראָטשילד, ווייסט איר, וואָס איך וואָלט געטאָן? — האָט מיין מיטשפּאַצירער מיך אויפגעוועקט. — איך וואָלט דאָס גאַנצע יידישע פֿאָלק געצוואונגען צו פֿאַרברענ־גען אַ חודש ־ צוויי אין אַזאַ אַטמאָספֿערע. אָט אַזאַ רו דאַרף אונדזער פֿאָלק האָבן פֿאַר זיינע צעבראָכענע נערוון.

מיר זיינען אַ ביסל אוועק אָן אַ זייט און געקומען צו אַ בריקל. אונטער דעם בריקל זיינען געשטאַנען פּאָרלעך, האָבן געשעפּט וואַסער מיט אַ בלעכערנער קוואָרט און גע־טרונקען.

— דאָס איז דער קוואַל פֿון ליבע, — האָט מיך מיין באַ־גלייטער אינפֿאָרמירט, — זשרודלאָ מילאָשטשי. איך בין אויך אַמאָל געווען אַ בעלן צו טרינקען פֿון דעם קוואַל, האָב איך אָבער געקראָגן אַ בויכווייטאָג; צו־אַלט פֿאַר דעם. ווייזט־אויס, אַז יונגעלייט פֿאַליובעט עם דוקא.

אַ נידעריקער מיט אַ סאַמעטן, ראַבאַניש קאַפּעליושל איז פֿאַרבייגעגאַנגען.

— אַ גוטנאָוונט, הער שטיינמאַן.

— גוטנאָוונט, ס'מאַכט מען עפּעס גוטס?

— ברוך השם. וואָס הערט זיך עפּעס ברומו של עולם?

— אַזוי־אַ, על רגל אחת?

דער נידעריקער איז זיך ווייטער געגאַנגען, ווי דער ענטפער וואָלט פאַר אים געלייזט אַלע פּראָבלעמען.

נאָך אים איז געגאַנגען אַ ביסל אַ העכערער, אויך מיט אַ ראַבאַנישן קאַפּעליוש, אָבער דער סאַמעט האָט שוין נישט אַזוי געגלאַנצט, אין דעם לאָמפּן־ליכט פון פּאַרק. ווייזט־אויס, אַז דער קאַפּעליוש איז געווען אַ ביסל אַן אָפּגעקראַכענער און היפּש אָפּגעטראָגן.

ביי דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ קליין קינד, וואָס האָט זיך דוקא געוואָלט אַרויסרייסן פון אים.

— ניטע, זלמנ'שי, ניטע, — האָט ער געזאָגט מיט אַ סך צונג אין די ווערטער. — ס'מיינסטו, ס'איז נעכטן, ווען דו ביזט אַנטלאָפן און האָסט פאַרבלאָנדזשעט?

דאָס קינד האָט זיך אַלץ געריסן פון זיין האַנט און מיט אַ הייזעריק קול פון אַן אַלטן האָט ער אָפּגעענטפערט:

— נו, איז וואָס? האָבן מיך אפשר בערן און לייבן אויפגעפרעסן; ווילדע חיות פאַרצוקט?

ער האָט געשאָקלט דאָס קעפּל מיט די לאַנגע פּאות און דאָס קליינע סאַמעטענע היטעלע האָט זיך גערוקט אויף אַלע זייטן און געוויזן אַז ס'איז נישט געפערלעך, טאָמער פאַלט עס אַרונטער, זיצט נאָך אונטער דעם היטעלע אַ יאַרמעלקע. ער האָט אויסגעזען אַ יאָר זעקס - זיבן לויט דעם וואוקס, אָבער זיין פּנים איז געווען אַ סך עלטער.

אַ ביסל אָפּגערוקט האָט געשפּאַנט נאָך אַ שטאָלצער, ראַבאַנישער קאַפּעלוש. שווער געווען צו באַשטימען ווי אַלט דער שפּאַצירער איז געווען. עס איז געווען רעכט, אַז אַ יאָר זיבעצן, אָבער עס האָט אויך געקאָנט זיין אַ דרייצן־יעריקער בחור. ער איז געגאַנגען אַליין פאַר זיך מיט געמאָסטענע טריט, אין לאַטשן מיט ווייסע זאָקן. עס האָט אויסגעזען, ווי ער מאַכט פון שפּאַציר

אַ גאַנצן ריטואַל, אַ שטייגער ווי איינער פון חומש, וואָס איז אַרוים לשוח בשדה.

און צוויי יונגע פרויען,ביידע פון דער זעלבער הייך, אַ ביסל העכער פון מיטלוואוקס, זיינען נאָכגעגאַנגען. זיי האָבן געטראָגן קאָלירטע שאַלעכלעך אויף די אַקסלען — איינע אַ רויטס און די צווייטע אַ גרינס. זיי האָבן גערעדט שטיל, כמעט גע־שעפּטשעט. בלויז פון צייט צו צייט האָט איינע געשטרעקט דעם קאָפּ צו זען, אויב דאָס קליינע אינגעלע האָט טאַקע געזיגט און זיך אויסגעריסן פון דער האַנט.

— זאַלמען לעבן! — האָט זי אויסגעזונגען.

זי איז געגאַנגען היפּש ווייט פון דעם זאַלמענדל, אָבער עס איז געווען קענטיק, אַז זי האָט גאָר אַ נאָענטע שייכות מיט אים.

און נאָך די צוויי פרויען זיינען געגאַנגען אַ צען־צוועלף יידן מיט שוואַרצע בערד, רויטע בערד און גרויע בערד. זיי זיינען שוין געגאַנגען אָן אַ סדר, האָבן פאַרשטעלט דעם גאַנצן וועג און גערעדט הויך, אָבער אַז זיי זיינען פאַרבייגעגאַנגען האָבן זיי זיך אַ ביסל פאַרשעמט און יעדער איינער האָט אוים־גערופן סאָליד:

— גוטנאָוונט, הער שטיינמאַן!

יעדער איינער באַזונדער האָט עס אויסגעזונגען און גע־שטרעקט דעם קאָפּ צו מיין קאָמפּאַניאָן, וואָס האָט איצט אַרויפּ־געלייגט די גאַנצע וואָג פון זיין קערפּער אויפן שטעקן.

— איר הערט, — האָט זיך שטיינמאַן אָפּגערופן, נאָכדעם ווי די קליינע אַרמיי איז פאַרבייגעגאַנגען, — איך קען זייער גאַנצע גזע, אַ סך בעסער פון זיי אַליין. איך קאָן זיי דערציילן מעשות וועגן זייער זיידן און עלטער־זיידן, ביז צום בעל־שם, אַז די האָר זאָלן זיך שטעלן קאַפּויר. אַזיסטן ווייסן זיי דען פון זייערע הענט און פים און לייב און לעבן?

— עס איז אַ גליק וואָס דער יונגער פּרינץ, — האָט ער געזאָגט מיט אַ ביסל שפּאָט, — דער וואָס שפּאַצירט פאַר זיך, האָט אונדז נישט באַמערקט. ער איז אַ מורא׳דיקער נודניק. ער איז אַ גאַנצער חקרן און ער וואָלט זיך צוגעטשעפּעט צו

אונדז ווי אַ קלעשטש. איר זענט אפשר אַ בעלן זיך צוצוזעצן?

ער האָט מיך צוגעפירט צו אַ באַנק, וואָס איז געשטאַנען אײנגאַנצן אין דער פינצטער, אונטער אַ געדיכטן בוים, ווייט פון שפּאַציר־גאַנג.

איך האָב אים דערמאָנט, אַז זײַן טאָכטער האָט אים שטרענג אָנגעזאָגט צו קומען אַהיים פרי.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט רואיק און באַקוועם, זיך גוט צוגעדעקט מיט דער נישט־אָנגעטוענער טייל פון זײַן פּאַלטן, ווי מיט אַ קאָלדרע.

— היינט האָרך איך זי ווי די קאַץ. היינט איז זי נישט מײַן באַלעבאָס. איך בין שוין דאָ אַ דריי וואָכן און ס'איז מיר שוין נמאס צו זײַן אַ סטאַטעק. וואָס האָב איך שוין נישט געטאָן? געגומען זאַלץ־בעדער, בלאָטע־בעדער, שוועבל־בעדער; געטרונקען טעם־טויט וואַסערן, געגאַנגען שלאָפן מיט די הינער. מען מאָג דאָך אַמאָל אַ הוליע טאָן.

— אַז איר וועט קיינעם נישט אויסזאָגן, וועל איך אײַך דערציילן אַ שיינס, — האָט ער זיך צוגעבויגן, ווי ער וואָלט מיר טאַקע געוואָלט פאַרטרויען אַ סוד. — איך האָב זיך היינט אַ ביסל צופיל פאַזוואָליעט ביים טיש. ביי מיר, אַז איך כאַפּ אָן איבעריקע כוס'ע, דערפילן עס גלייך די פיס. דער קאָפּ איז נישט צום פאַרזינדיקן, אָבער די פיס ווערן ווי געליימט.

— מען קען אײַך דאָ גוט, — האָב איך אים אַ זאָג געטאָן.

ער האָט געענטפערט מיט אַ דינעם שמאָלץ, וואָס ער האָט זיך פונדעסטוועגן באַמיט צו באַהאַלטן.

— שוין צייט, מען זאָל מיך קענען. איך קום שוין דאָ צווישן די פאַרקאַליכטע דאָס זיבעטע יאָר.

ער האָט מיר דערקלערט באריכות, אַז דאָס וואָרט פאַרקאַליכט האָט אייגנטלעך אַ טאָפּלטן מיין. מעדיציניש זאָל עס מיינען, אַז די אָדערן ווערן פאַרלייגט מיט קאַליך און די רערן ווערן פאַרזשאַווערט. אָבער דאָ פּייפט מען אויף דעם מיין, דאָ פאַרשטייט מען דאַרונטער, אַז דער קאָפּ ווערט אַ ביסל פאַרקאַליכט. דאָס פאָרן אַהער האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן מיט

סקלעראַז, אָבער ביסלעכווייז האָט מען גענומען רעדן, אַז עס איז גוט פאַר נערוון, און נערוון זיינען דאָך כידוע אַ נאָענטער שמעלקע מיט צערודערטקייט. ביז ס׳האָבן אָנגעהויבן אהער צו קומען פאַלנע משוגעים, אָבער די שטילע, די רואיקע. דרייט מען זיך אַרום צווישן זיי און אומזין. ס׳איז אַ משל קעגן גאַנצן לעבן. דו ווייסט קיינמאָל נישט, אויב דער צווייטער איז נישט אַ ביסל פאַרקאַליכט. דער צווייטער, ווידער, קוקט דיך אָן מיט פאַר־דעכטיקע בליקן. דערפאַר איז אַ סגולה אַ שנעפסל, אָבער היינט האָב איך אַ ביסל איבערגעזאַלצן.

— מיט דער סוויטע, וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען, קער איך זיך אַ ביסל אָן, — האָט ער מיר געזאָגט און געוואַרט, אַז איך זאָל אים פרעגן ווי אַזוי.

— משפחה?

— ניין, — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט. — איך שטאַם דוקא פון אַנדערע יידן, שיינע יידן, וואָס האָבן געאַרבעט אויף זייער ברויט מיט דעם שוויים אויפן שטערן, ביי מיר אין משפחה זיינען געווען גרויסע לומדים, נאָר זיי האָבן געהאָרע־וועט אויף ברויט.

— איך שרייב, — האָט ער מיר מסביר געווען, — חסידישע מעשות און די גאַזעטן, זיינען מיר שוין אַזויערנאָך שטיקלעך משפחה.

— אַמאָל, גאָר אַמאָל זיינען געווען פייערדיקע יידן. זיי זיינען געווען גרויסע מענטשן. זיי האָבן געפילט באמת, אַז זיי זיינען טאַקע דעם רבונו של עולם׳ס שטעלפאַרטרעטער, און, לאָמיר זיך נישט נאַרן, זיי זיינען טאַקע ראוי געווען. זיי האָבן געקענט כביכול׳ס אַלע קאַפּריזן און ער האָט גוט געקענט זייערע. מען האָט זיך טאַקע אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר גע׳ברוגז׳ט איינער אויף דעם אַנדערן, אָבער עס איז נישט געווען קיין פערזענלעכער רוגז. עס האָט זיך אַלץ געהאַנדלט אין פאָלק ישראל. איבער־געבעטן זיך האָט מען אַ שבת אָדער אַ יום־טוב. יידן האָבן זיך אויסגעטאָן פון זאָרג, איז מען אַ ביסל דורכגעקומען מיט דעם רבונו של עולם, איר הערט? איך אַליין פאַרמאָג אַ חסידישע

נשמה. איך בין אַ פולבלוטיקער חסיד. נאָר כ׳האָב נישט קיין רבין צו וועמען צו פאָרן.

ער האָט מיר גענומען דערציילן פון דער גאַנצער ראַבײַיִשער משפחה.

— דער אַלטער פאָרט־אַרום איבער שטעט און שטעטלעך און האָרעוועט שווער און ביטער. ער איז דער פרנסה־געבער פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, וואָס טוט נישט אַ האַנט אין קאַלטן וואַסער. דער אַלטער איז אַמאָל געווען אַ וואוילער ייד, אָבער אַז מען דאַרף פאַרקויפן ראַבײַישע שטיק פאַר אַזאַ גאַספּאָדאַרסטוואָ, קיין עין הרע, האָט מען נישט קיין צייט צו בעטן פאַר זיך. מען דאַרף רק האַלטן אין איין מתפלל זיין פאַר אַנדערע. אַזאַ ייד האָט גאָר קיין צייט נישט אַרײַנצוקוקן אין אַ ספר. ווען ער זאָל נישט האָבן קיין זכות אָבות, האָט מיר דער אַלטער נישט איינמאָל געזאָגט, וואָלט ער געפילט, אַז ער באַשווינדלט יידן פון קאָפּ ביז די פיס. ווייל וואָס איז ער אַליין, משטיינס געזאָגט? וואָס האָט ער צו פאַרקויפן? ער האָט דען צייט זיך אָפּצוגעבן דין וחשבון? ער קאָן עפּעס מיט זיינע שוואַכע כוחות עפענען דעם קוואַל פון פרנסה פאַר יידן? אָדער האָט ער דעם כוח אַרויפצובאַפעלן? ווי לאַנג איז דער שיר זיך צו פאַרלאָזן אויף דעם זיידן? ווי לאַנג איז דער שיר, אַז אַן אייניקל זאָל זיך באַהאַלטן הינטער דעם זיידנס זשופּיצע?

— אַזוי פלעגט ער מיט מיר זיך אויס׳טענה׳ן. ווייל דער עול פון פרנסה פאַלט שווער אויף זיינע דאַרע פּלייצעס. איר דאַרפט זען ווי די גאַנצע פאַמיליע וואוינט — ווי די מאָנאַרכעס. נאָר לעצטנס איז דער אַלטער געוואָרן אַ שותק, אַ כעסן, אַ זויערער ייד. אַז ער טרעפט מיך, זע איך באַשיינפּערלעך, ער וויל זיך אויסרעדן דאָס האַרץ פאַר מיר, אָבער ער גיט אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי איינער רעדט: מילא, מען וועט זיך שוין סיי־ווי לאַנג נישט אַרומדרייען אויף דער וועלט.

— איר האָט געזען דעם ערשטן, מיט דעם שיינעם קאַפּעלושל, מיט דעם געפלאָכטענעם בערדל און מיט די רויטע בעקעלעך? האָט מען אים אויסגעשריבן אַזש פון אַמעריקע. ער

אַליין איז אויך איינגעטונקען אין יחוס. דאָס ווייבל זיינס האָט איר באַמערקט פאַרביישפּאַצירן? אויב איר האָט אַן אויג פון אַ תלמוד חכם, האָט זי געטראָגן דאָס גרינגע שאַלעכל. זי איז אַן אמת׳ע יפת תואר, כאָטש זי גייט נישט אין אייגענע האָר. זי טראָגט אַן אַריסטאָקראַטיש שייטעלע. איצט שוואַנגערט זי. איר זעט ווי אַנגעפּיקעוועט מיט אינפאָרמאַציע איך בין?

— איך זאָל אייך דערציילן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן, ווען דער זיידענער יונגערמאַן איז געקומען פון אַמעריקע? עס איז נישט פאַר מיינע כוחות. דאָס אָנקוקן איז פאַרגעקומען אין ווין. די כלה איז געפאָרן פון פּוילן, דער חתן פון אַמעריקע. אָנגעקוקט זיך מיט מזל און זיך צעפאָרן. זי, צוריק קיין פּוילן, ער — קיין אַמעריקע. געפעלן? שייך געפעלן, אַז דער שידוך איז געווען געשלאָסן פון פריער. צום יאָר איז מען זיך שוין צוזאַמענגעקומען אין פּוילן און ס׳איז געשטעלט געוואָרן אַ חופּה. איך מאַך עס אייך בחפּזון, אָבער איר האָט דאָך מיסתמא געלייענט וועגן דער דאַזיקער רבי׳שער חתונה אין אַלע צייטונגען. פופצן טויזנט חסידים האָבן געהוליעט טאָג און נאַכט אונטערן פרייען הימל. מען האָט געלעבט ווי ציגיינער אין אויפגעשטעלטעביידלעך, מען האָט אַלע טאָג געגעבן גאַנצע טעאַטער־פאָרשטעלונגען. די מאַרשאַלעקס האָבן זיך געשאַרפט די צונגען און געקנאַקט גראַמען. מען האָט זיך פאַרשטעלט פאַר נקבות און פאַרבונדן די בערד מיט פאַטשיילעס. מען איז געריטן אויף פערד ווי חסידישע קאָזאַקן. עס האָט זיך געטאָן עד לב השמים גאַנצע צוויי וואָכן. איך בין אויך אַ בעלן געווען צו זען די חתונה. מילא, איך האָב שוין אָנגעזען פאַרשיידנס, אַ סך, אַ סך אין מיין לעבן, אָבער אַזוינס האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען. עס זיינען זיך צוזאַמענגעפאָרן אָרום טויזנט שנאָרערס — דאָס גאַנצע ביסל יידישע אָרימקייט איז געווען פאַרזאַמלט אויף איין אָרט. זייערע געשלעגן ביי די טישן זיינען נישט צום באַשרייבן. די סאַרווערס, די קעכינס, די שמשים, די גבאים, איר האָט זיי באַדאַרפט אָנקוקן, ווי זיי זיינען געפאַלן פון די פיס. איר האָט באַדאַרפט הערן די פאַרשיידענע קאַפּעליעס מיט כלי־זמרים, די

כישוף׳דיקע פידעלעך. די חזנים מיט זייערע באַזונדערע משוררים און מיט קוויטשעדיקע אינגעלעך, וואָס יעדער איינער האָט גע־האַט אַ כלי, אַ ברכה פון גאָט. מען האָט געשאָכטן אָקסן, הינער, קאַפּהענער, קאַטשקעס, גענדז און אַפילו אינדיטשקעס. מען האָט געהוליעט, געטאַנצט און אָוועקגעפאַלן טאַנצנדיק, און אַלץ דער־פאַר, ווייל עס איז אַ גרויסע מצוה. מען האָט די מצוה דורכ־געפירט אַזוי געטריי, הלוואי אויף אַלע אַנדערע פון די תרי״ג מצוות געזאָגט געוואָרן.

— בלויז דער אַלטער האָט זיך אַרומגעדרייט ווי אַ נעבּ־טיקער ביי דער שמחה. ער האָט געוואוסט, אַז דערווייל וועט דאָס אַלץ אויסגיין צו זיין קאָפּ. עס איז צוגעקומען נאָך אַ מויל און נאָך אַ הויזגעזינט פאַר אים. אַלע זין זיינע האָבן זיך צו גאָרנישט דערשלאָגן. זיי האָבן אָנגעוואוירן זייער רבנות אין די קליינע שטעטלעך, האָבן זיי זיך גלייך מישב געווען און זיך אַריבערגעקליבן מיט האק און פּאַק, ווייב און קינד, צום אַלטן טאַטן נעבעך. נישט איינמאָל האָט ער מיך אינמיטן דעם גאַנצן פרייד־יאַריד אָפּגעשטעלט. ער איז צוגעקומען נאָענט, אויפגע־הויבן דעם קאָפּ און געוואָלט דערציילן וואָס עס טוט זיך איצט ביי אים אויף דער לונג, אָבער ער האָט אַ יידישן זיפץ געטאָן, געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט און אַוועק.

פלוצים האָבן מיר דערהערט אַ שווער סאָפּען. שטיינמאַנס טאָכטער איז אָנגעלאָפן אָן אָן אָטעם. זי האָט אונדז דערקענט אין דער פינצטער.

— כ׳לעבן, טאַטע, האָסט מיר אָפּגעטאָן אַ גוט שפּיצל. האָסט אין מיר געהאַט אַן אמת׳ע עבירה.

— וואָסי? וואָס איז געשען?

— איך האָב דאָך שוין געשיקט גאַנצע עקספּעדיציעס נאָך דיר. איך בין דאָך שוין אויסגעלאָפן דעם גאַנצן גאָרטן. האָסט דאָך שוין באַדאַרפט זיין צוויי שעה אין בעט.

זי איז אָוועקגעפאַלן אויף דער באַנק און שווער געאָטעמט.

— אָט דער איינציקער טאַטע מיינער וועט מיר מאַכן אַ לונגנפעלער, אַ האַרצפעלער, אָדער עפּעס אַן אַנדער פעלער.

דאָס האָט איר אים קאַליע געמאַכט. ער האַלט זיך אָנשטענדיק אַזוי לאַנג ווי ער האָט נישט קיינעם. אָבער אַזוי שנעל ווי ער דערזעט אַ נייעם מענטשן, ווערט ער אײַנגאַנצן אָן איבער־געפירטער.

— פראַניע לעבן, — האָט ער איר געגלעט דעם קאָפּ, — ווי לאַנג, מיינסטו, וועסטו נאָך דאַרפן ליידן פון מיר? סך הכל, נאָך אַ פופציק יאָר.

## III

— טשיפּ, טשיפּ, טשיפּ, הינדעלעך, קאַטשקעלעך, גענזע־לעך! טשיפּ! טשיפּ!

איך האָב געעפנט די אויגן, אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון פענצטער. אַרום און אַרום איז געווען שטיל, נאָר דאָס האָט די שיקסע אַזוי צוזאַמענגערופן די עופות און זיי געגעבן צו עסן. די קליינע הינדעלעך, וואָס האָבן זיך געשאָקלט און זיינען נאָך נישט געווען זיכער אויף די פיסלעך, האָבן געקעמפט איבער יעדער זערנע און געמאַכט אַ גערודער. די שיקסע האָט זיך גע־רייצט מיט חברה קליינוואַרג און געוואָרפן די זערנעס זייער ווייט, אָבער זיי זיינען אומעטום אויסגעוואַקסן, מיט אַ בייזן גע־פלאַפּל. כ׳ווייס נישט וואָס עס האָט מיך אויפגעוועקט פון טיפן שלאָף: דער קאַמף פאַרן ביסן ברויט, אָדער דער שיקסעס חנ׳עוודיקער יידיש. זי האָט אַרומגעטאַנצט אַ באַרוויסע צווישן די עופות, ווי זי וואָלט געווען זייערס אַן עלטערע שוועסטער. די קליינע הינדעלעך האָבן אַנטקעגן די באַפעדערטע הינער און קאַטשקעס אויסגעזען ווי קינדערלעך אין די הוילע סטענדלעך, אָבער זיי האָבן געמאַנט זייערס מיט חוצפה און וויפיל זיי האָבן געקראָגן איז פאַר זיי אַלץ נישט געווען גענוג.

— הינדעלעך! קאַטשקעלעך! גענזעלעך! טשיפּ-טשיפּ!
— האָט זי זיך גע׳חנ׳דלט און באַ׳טעמ׳ט דעם „לעך” פון דער לעצטער זילבע, ווען זי האָט דערזען מיין קאָפּ אין אָפענעם פענצטער.

זי האָט געכאַפּט מיין איבערראַשונג און זי האָט מיך גע־וואָלט איינגאַנצן פּלעפן. זי האָט מיך דערפּאַר באַגריסט אויף יידיש מיט „אַ גוטן אויפשטאַנד".

און נישט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער האָט זי זיך צע־לאַכט, נאָר מער פון אַלץ האָבן געלאַכט אירע גרויסע, קרומלעכע ציין.

און זי האָט זיך גלייך צוריקגענומען צו די הינער, וואָס האָבן איצט געמאַכט דעם אמת'ן טומל אַרום איר. זיי האָבן גע־וואַלדעוועט, הלמאי זי האַלט זייער עסן און זי מאַכט זיך נאַריש. זי האָט שנעל געוואָרפן קרישקעס ברויט און געזונגען:

**אַ פּאַסטוכל איז געווען אַמאָל.**
**אין דעם לאַנד כנען.**
**מיט שאָף און רינדער גאָר אָן אַ צאָל**
**פלעגט זיין האַנדל זיין.**
**און אַז ער איז רייך געוואָרן —**

זי האָט געזונגען מיט אַ סך מאָרגנדיקער פרייד און אַלץ געקוקט מיט אַן אויג אויף מיר, אויף ווי ווייט איך קאָן נישט קומען צו זיך פון איבערראַשונג.

דער פרימאָרגן האָט נאָך געהאַט אויף זיך די פייכטקייט פון ערשט־געבוירן. די קאַמערן, וואו די עופות זיינען געלאָפן אַריין און אַרויס, זיינען געשטאַנען בשכנות מיט דעם קאַמער פאַר פריוואַטן געברויך. אַז מען איז געזעסן אינעווייניק, האָט מען, דורך דער פאַרמאַכטער טיר, געזען, ווי עס גאָלדיקן זיך ליכט־פּאַסן, ווי עס פליען פאַרביי פאַרשיידענע פליגן מיט אַ געזשום. גאָלדיק־גרינע פליגן האָבן זיך אפילו אַריינגעכאַפּט דורך די גרעסערע שפּאַרעס, געפּרעפּלט און אַרויס. מען האָט געהערט דאָס יונגע קול פון דער שיקסע.

די קאַטשקעס זיינען געשטאַנען איבער אַ גרויסער שיסל מיט איינגעווייקט ברויט. בוכלערנער איז שוין אַרומגעלאָפן און צוריקגעשטעלט די שטולן, וואָס זיינען געווען איבערגעקערט אַ גאַנצע נאַכט ווי אַ סגולה קעגן אַ רעגן.

— איר זענט דאָך שוין דעם ערשטן טאָג אויפגעשטאַנען בלחוך, — האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן און פאַר מיין כבוד וועגן אַ ביסל אָפּגעשטעלט די אַרבעט. — היינט וועלן מיר, אם ירצה השם, האָבן אַ טאָג, וואָס וועט זיין גאָלד מיט זילבער. זעט, וואָס איר האָט די זכיה צו זען. גיט אַ קוק דאָרטן ביים באַרג. מען קאָן גלייך דערקענען, אַז דאָס איז נישט קיין גזלנ׳ישע זון, וואָס וועט ברענען און שרפה׳נען, נאָר אַ מילדע זון, וואָס וועט גלעטן און לאַסטשען.

אויפן באַרג, וואו ער האָט איצט געוויזן מיטן פינגער, האָט זיך געזען אַ קליין וועלדל, וואָס האָט, פון דעם אָרט וואו מיר זיינען געשטאַנען, אויסגעקוקט ווי אַ שטיל געזעמל פון פינף-זעקס ביימער. דאָס גאַנצע וועלדל איז געווען איינגע־טונקען אין אַ ראָזער רואיקייט און די זון איז איצט געווען די קרוין פאַר די עטלעכע ביימער. אַרום דער זון האָט געברענט אַ שטיק הימל מיט הייסן קופער, אָבער וואָס ווייטער פון ברע־נענדיקן אָרט האָט זיך דאָס קופער אָפּגעקילט און איז צע־שוואומען געוואָרן אין קילע פייער-פּאַסן.

בוכלערנער האָט נאָך אַלץ געקוקט אויף דער יונגער זון. זיין קאָפּ האָט איצט אויסגעזען ווי דער פּאַטריקנטער קאָפּ פון אַ מומיע. די האָר זיינען שוין ביי אים באַלד געווען אינגאַנצן אויסגעקראָכן. דאָס טונקעלע פּנים האָט נישט געהאַט קיין איין ליכטיק אָרט, עס איז געווען ווי מען וואָלט פון אַ לעבעדיקן קאָפּ אַרויסגעקוועטשט דעם גאַנצן זאַפט. ער איז אַרומגעגאַנגען אין שטעקשיך, געטראָגן אַ פּאָר ברייטע, לייווענטענע הויזן און אַ צעריסן העמד מיט אָפּגעשוירענע אַרבל.

— ווען איר פאָלגט מיך, אַז איר האָט זיך שוין יאָ אויפ־געהויבן מיט די פייגל, כאַפּט אַ לאַנגן שפּאַציר וועט איר האָבן אַפּעטיט. איר קאָנט זיך דורכגיין אין שטעטעלע, אָדער איר קאָנט זיך באַקענען מיט יענעם באַרג. דראַפּעט זיך אַרויף. קלעטערן איז געזונט. עס איז אַריבערצוגיין אַ וואַסערל, וואו מען פלעסקעט זיך אַ גאַנצן טאָג. איבער דעם וואַסערל ליגט אַ שמאָל ברעטל, נאָר, איך וואָרן אייך, גייט פּאַראויס און קוקט

זיך נישט אום. אויב איר וועט זיך אומקוקן וועט פון אייך טאַקע קיין זאַלץ נישט ווערן, אָבער באַץ אין וואַסער אַריין וועט איר יאָ. וואָס־זשע מיינט איר געשעט, אַז איר פאַלט אַריין? עס איז זייער פליטקע, איר פאַרנעצט זיך בלויז אַ ביסל די קליידער. נאָר אַז איר ווילט זיך צוהערן צו אַן עצה טובה, גיט אַ שפּיי אויף דעם באַרג. וואָס טויג אייך קלעטערן? וואָס זענט איר געקומען אַהער — ווייזן קונצן? וואָס דאַרפט איר דעם באַרג? ביי מיר איז אַ באַרג פון שיינקייט וועגן. דאָס אויג האָט הנאה. איך וואָלט אייך געראָטן איר זאָלט זיך גאָר אַריינכאַפּן אין גאָרטן און זען ווי אונדזער גאָרטן קוקט־אויס אַן מענטשן. דאָס גראָז שמעקט איצט דאָרט ווי אין גן־עדן און די בלומען הייבן איצט אָן צו עפענען די פּיסקלעך.

— פאַרשטייט זיך, — האָט ער ווייטער גערעדט, — וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך אייך צו געבן עצות? וואָס פאַר אַ רעכט האָב איך אייך צו פאַר׳מיאוס׳ן אַ באַרג? אַז מען האָט יונגע, געזונטע פיס איז אוודאי נישט קיין עולה צו קלעטערן. אַז איר האָט אַמביציע, האָבן מיר פאַר אייך דאָ אַ קלענערן באַרג, וואָס איז אַ קאָמבינאַציע פון אַ שפּאַציר מיט גימנאַסטיק. איר קלע־טערט אַרויף לייכט און איר דאַרפט נישט אַוועקלייגן דאָס חיות. אר דאַרפט זיך בלויז פאַרנעמען רעכטס דורכן שטעטל. עס איז טאַקע אַ קלענערער באַרג, אָבער ער איז אַ יחסן, אַ שטיק פּוי־לישע געשיכטע, פּאָניאַטאָווסקי האָט אויף דעם באַרג געקעמפט ווי אַ העלד. אָבער וואָס שטיי איך דאָ און דול אייך אַ קאָפּ? אַז איר ווילט, קאָנט איר קריגן די אמת׳ע אינפאָרמאַציע ביי דער שיקסע.

— איך האָב אייך שוין טויזנט מאָל געזאָגט, פּאַניע בוכ־לערנער, אַז מיין נאָמען איז נישט שיקסע. איך הייס אַנדזשיאַ, — האָט זי קאָקעטיש אויסגעזונגען אויף יידיש.

— איר הערט, ווי זי רעדט מאַמע־לשון? בעסער פאַר מיינע טעכטער. זיי שעמען זיך צו רעדן יידיש און זי רעדט, אויף צו להכעיס, נאָר יידיש. זי איז אָבער, נישטאָגעדאַכט,

אַ טויבע. טאָמער בעט מען זי זיצן, לייגט זי זיך. אָט די בתולה איז געבאָרן געוואָרן אין שטעטל.

— בתולה, בתולה פוי, כ׳האָב פיינט אַזאַ וואָרט! — האָט זיך די שיקסע גענומען קרומען.

— נו, אוודאי, זי האָט פיינט צו זיין אַ בתולה. ווי לאַנג איז עס שוין וואָס עס איז דיר פאַר׳מיאוס׳ט געוואָרן צו זיין אַ בתולה? — האָט ער עס אַרויסגעזאָגט, ווי אַ גוט־אויסגע־שטודירטע פראַגע, וואָס ער האָט אינסצענירט איצט, פאַר מיין הנאה וועגן.

— פאַניע בוכלערנער, — האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, — איר זענט אַ כל־בו׳ניק! — און זי האָט זיך צוריק גענומען צו די הינער מיט די קאַטשקעס.

כ׳בין פאַרבייגעגאַנגען אַ געוועלבל, פון וואַנען עס האָט זיך געטראָגן דער געמישטער גערוך פון נאַפט, הערינג און טאַבאַק. אויפן וועג, אָנגעשפּאַרט ביי אַ בוים, איז שוין געזעסן אַן אַלטער, בלינדער בעטלער. ער האָט זיך געקראַצט, גע׳צלם׳ט און גע־קייט מיט די אַלטע יאַסלעס. ער האָט אַלעמאָל אָפּגעבראָכן אַ קליין שטיקל פון אַ פאַרדאַרט שטיק ברויט, וואָס איז פאַר אים געלעגן אויף דער אַלטער, צעריסענער סערמיגע און ער האָט געמאַכט אַזעלכע מאָדנע קיי־גרימאַסן, אַז דאָס פּנים זיינס איז געוואָרן נאָך רחמנות׳דיקער און די אויגן נאָך בלינדער. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן צעקייענדיק אַ שטיקל ברויט, האָט ער געעפנט דאָס מויל אין אַ גענעץ, ווי ער וואָלט זיך אַליין גע־וואָלט איבערצייגן, צי ער האָט טאַקע דאָס ברויט צעמאָלן. פון דעם גרויסן גענעץ האָט מען געזען, אַז ער האָט שוין נישט קיין איין צאָן אין מויל. נאָך דער דאָזיקער שווערער אַרבעט האָט ער זיך צעוויינט און אויפגעשטעלט אַ ציטערדיקע האַנט, אָבער ער האָט זיך באַלד מיאש געווען און ווידער גענומען קייען אַ שטיקל ברויט.

אַ שמאָל סטעזשקעלע האָט אַרומגעגאַרטלט דעם באַרג, וואָס איז געשטאַנען אין סאַמע צענטער פון שטעטל. ווען מען איז אַרויפגעקומען אויפן שפּיץ האָט מען געהאַט דאָס געפיל,

אַז מען איז דעם באַרג אַרומגעגאַנגען פון אַלע זייטן. פון שפּיץ באַרג האָט זיך געוויזן אַ שיטערער וואַלד און אַ סך זומער־הייזלעך באַהאַלטן אין פּרוכט־סעדער.

איך האָב זיך אָוועקגעלייגט אויפן גראָז און געפילט ווי די זון וואַלט זיך אַנגעוואַרימט אין מיר, ווייל פון מינוט צו מינוט איז די זון געוואָרן וואַרימער און וואַרימער.

## IV

די געשלאָסענע אויגן מיינע האָבן ווי אַ זיפּ דורכגעלאָזט בלויז דאָס סאַמע דינסטע ליכט, און איך האָב געפילט אַז אַלץ אַרום מיר איז פאַרפלייצט מיט זון.

הכלל, דאָ־אָ וועל איך זיך עס דאַרפן אָפּרוען פון עטלעכע וואָכן פוילן, אויפן וועג צוריק. צוואַנציק יאָר אַז איך האָב געבענקט נאָך די עטלעכע וואָכן און איצט ליג איך דאָ מיט קראַנקע ביינער, האָב איך געפעדימט האַלב־פאַרשלאָפענע געדאַנקען.

פון צייט צו צייט האָב איך נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון און איך האָב ברייט געעפנט די אויגן. רעכטס האָט זיך געשאָטנט אַ בוים און פון בוים איז אַרונטערגעהאַנגען אַ מעשן בילדל פון אַן אַלטן הייליקן. דער הייליקער האָט געהאַט אַ לאַנגע באָרד און אַ שטרענג, פאַרזאָרגט פּנים. מיר איז שטאַרק געפעלן די וואונדערלעכע אַרבעט פון דעם הייליקן בילדל. איך האָב זיך געטראַכט, אַז מען וואָלט עס באַדאַרפט אַריינלייגן אין קעשענע, אָבער אין דער מינוט איז מיר איינגעפאַלן אַ נאַרישער געדאַנק, אַז עס וועלן אָנהויבן קלינגען אַלע קלויסטערס, דורך געהיימע דראָטענע סיגנאַלן, אויב איך וועל זיך נאָר צורירן צום בילד. אָבער ווי נאַריש דער געדאַנק איז געווען, האָב איך פאָרט מורא געהאַט זיך צוצורירן צום גראַווירטן הייליקן, וואָס האָט אויף מיר געקוקט מיט לעבעדיקע אויגן. מיר איז געפעלן, וואָס דער אַלטער איז אַן אמת׳ער פּראָדוקט פון נייעם טעסטאַמענט. ער האָט אויסגעקוקט פּאַטריאַרכיש ווי אַ יעקב אָבינו, אָבער פונ־

דעסטוועגן האָט פון אים צו מיר געבלאָזן אַ פרעמדקייט. ער איז דוכט זיך אַן אונדזעריקער, נאָר אַביסעלע גע׳שמד׳ט. מיך האָט איבערראַשט וואָס אַ מענטשלעכע האַנט האָט אין דער קליינער גראַווירּאַרבעט באַוויזן אַזוי בולט דאָס אַלץ אַרויסצוּברענגען. דער אַלטער האָט אויף מיר געקוקט מיט ביסטרע אויגן.

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז ערשט נישט לאַנג צוריק איז מיר באַשערט געוועזן איבערצושפּילן אַ שטיקל חומש, וואָס געהערט צו אַ סך אַ פאַרצייטיקערער עפּאָכע, ווי דאָס פּנים פון דעם הייליקן. אַ גרויס שטיק צוליב דער שווערער ראָלע, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו שפּילן, ליג איך דאָ איצט מיט צעבראָכענע ביינער, וואָס בענקען נאָך אַ סך שלאָף.

איך בין געזעסן אין דער קהילה. אויף די ווענט זיינען געהאַנגען בילדער פון דאָזאָרעס, וואָס איך האָב געקענט אין מיין קינדהייט, אָבער וואָס ליגן שוין איצט אויף דעם עולם האמת. מען האָט מיך געשיקט רופן. אַזוי איז מען טאָקע גע־קומען זאָגן, אַז מען שיקט רופן דעם אַמעריקאַנער זון.

ביי אַ לאַנגען, נאַקעטן טיש, אויף אַ לאַנגער, אָפּגעשאָבענער באַנק, זיינען געזעסן מענער מיט גבורה׳דיקע פּנים׳ער. אַזעלכע טישן ווערן באַנוצט אויף יידישע חתונות. ווען איך בין אַריין האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן, זיך פאַרנייגט און זיך צוריקגע־זעצט שווייגנדיק.

— וואָס דאַרפט איר מיך האָבן, אין אַזאַ לאַגע? — האָב איך געפרעגט.

אָבער געענטפערט האָבן מיר שוין נישט קיין לובלינער יידן, נאָר מענטשן פון חומש, די קינדער פון חת. איין חתי, מיט אַ לאַנגער, גרויער, שפּיציקער באָרד, האָט מיר געזאָגט, אַז די קרקע, וואָס די קהילה גיט מיר פאַר דער מאַמען, איז אַ מציאה טויזנט דאָלאַר, נאָר היות ווי די מאַמע איז געווען אַ צדיקת און איך בין דאָ אַ גאַסט, און אַ גאַסט וויל מען נישט באַרייסן, וועט עס מיך קאָסטן סך הכל 500 דאָלאַר.

— וואָס איז 500 דאָלאַר צווישן מיר און צווישן דיר? —

האָט כמעט געזאָגט אַט דער עפרון, דער חתי, — און דיין מת באַגראָב.

— עס איז פרייטאָג, די מאַמע האָט געהאַט אַ גרויסן זכות, וואָס זי איז געשטאָרבן ערב שבת, דאָס מיינט אַן שום שהיות גלייך אין גן־עדן אַריין. מען קאָן נישט פאַרלירן קיין צייט, — האָט אַן אַנדער חתי זיך אָנגערופן. — דער קבר איז בחצי חנם. וועסט שוין אַליין זען, גלייך ביים רב׳ס אוהל, זכותו יגן. אַט דאָ איז דער אוהל, — האָט ער געוויזן מיט דער האַנט, — און דאָ איז דער קבר, וואָס מיר גיבן אַוועק פאַר אַ שיבעש, כדי מען זאָל נישט זאָגן, אַז מען האָט דיך באַריסן. נישקשה, דיין מאַמע איז נאָך ווערט געווען ביי דיר, אַז דו זאָלסט האַנדלען ווי אַ געטרייער זון.

און דאָס לעבן פון איטע רחל איז געווען קנאַפּע זיבעציק יאָר, לויט דער רוסישער מעטריקע. דאָס זיינען געווען די יאָרן פון איטע רחל׳ס לעבן, — האָט זיך פאַר מיר געוויקלט אַן אייגן חומש׳ל. איטע רחל ליגט און וואַרט. זי איז אומגעדולדיק, דער גן־עדן שטייט אָפן. די קלעפּסידרעס מיט די גרויסע בוכשטאַבן באַשוואַרצן די אַלטע ווענט פון די הייזער מיט איר נאָמען, אָבער איך דאַרף איצט צוקלאַפּן מיט די קינדער פון חת, פונוועגן דער הייל פון מכפלה, וואָס ליגט עטלעכע טריט פון רב.

האָב איך זיך אויפגעהויבן און זיך טיף פאַרנייגט.

— אַ פרעמדער, אָבער אַ תושב בין איך ביי אייך. דאָ האָב איך זיך אויפגעכאַוועט און אַהער בי̇ן איך געקומען באַגראָבן מיין מת.

— דעם געקליבנסטן פון אונדזערע קברים קריגסטו, באשר זי איז געווען אַ פרומע יידענע, — האָט אַריינגעוואָרפן אַ ברייט־פלייציקער חתי.

איך האָב אַרויסגענומען די פאַפּירלעך, אָפּגעוואויגן דאָס פּוילישע זילבער און ס׳איז צוגעקלאַפּט געוואָרן דאָס עסק. אַלע חתים האָבן זיך אויפגעהויבן פון די ערטער און זיך טיף פאַרנייגט.

— אין אַ האַלבער שעה אַרום וועט זיין די לויה !

און באַלד זיינען שוואַרץ געוואָרן די גאַסן, און באַלד האָבן די דערשראָקענע געוועלבער זיך געשלאָסן און געעפנט, ווען דער וואָגן האָט זיך דורכגעשוואַרצט אַ וועג איבער די איליצעס, וואָס זיינען געלעגן ווי געפּאַלענע, געהויקערטע קעמלען.

די זון אויף מיינע ברעמען האָט גענומען ווערן שווערער. איך האָב געוואוסט, אַז די איבערגעשראָקענע איליצעס און די פּושקע וואָס קלאַפּט מיט אייביקע מטבעות, וואָס עס איז זיי אַ מורא אויסצוטוישן, און די עגלה וואָס גייט כלומר'שט, און די יידן מיט די יידענעס, וואָס באַלייטן און גייען אויך כלומר'שט, און דאָס געשריי איבער דעם אַלץ, וואָס איז איבערגעהאַקט געוואָרן אינמיטן און געבליבן פלאַטערן אין דער לופטן — דאָס איז נישט געגיי און נישט געקלאַפּ און נישט באַוועג, נאָר אָפּשטעל, אַבסאָלוטסטער אָפּשטעל. נישט נאָר איז עפּעס אַנטשוויגן געוואָרן, נאָר יעדער איינער איז געבליבן פאַר זיך פאַרשוויגט. עס איז גאָרנישט פאַראַן וואָס אָפּצודינגען פון דעם אָפּשטעל, אַ האָר נישט — עס איז סוף. זאָל עס מיינען הונדערט, אָדער טויזנט, אָדער טריליאָן, אָבער איצט איז עס אויס. איך האָב דוקא געוואָלט טראַכטן פון איינס, פון סאַמע אָנהויב, פון יונג-איינס, פון ערשטע טריט. איינס ווער וויסט, ווער וויסט איינס? איז פּופּציג איינס? איז צוואַנציג איינס, איז צען, איז איינס איינס? זאָל דאָס אפשר זיין אַ קליינטשיק אינגעלע אין אַ גראַנאַטן גאָרניטורל, מיט אַ ווילציפּעטן-היטעלע?

אַ קליין אינגעלע, אין אַ גראַנאַטן גאָרניטורל, מיט אַ וויל-ציפּעטן-היטעלע איז געגאַנגען טאַנצנדיק. די שיך, וואָס די מאַמע האָט נאָר-וואָס געהאַט צוגעקנעפּלט מיט דעם אויערל פון אַ צוקנעפּלער, האָבן געסקריפּעט. עס איז שוין געוועזן העט הינטערן שטאָט. די שיך האָבן שוין אָנגעהויבן פאַרשטויבט צו ווערן. די הייזער זיינען געוואָרן נידריקער און נידריקער, ביז זיי זיינען אינגאַנצן פאַרשוואונדן. עס האָבן זיך גענומען באַ-ווייזן סעדער, אַלערליי פרוכטן-ביימער. באַרנעס האָבן זיך קוים-קוים געראַויטלט, גרינע עפּל, וואָס האָבן אַליק געמאַכט די ציין פון בלויזן קוקן אויף זיי, גרויסע פליישיקע ווייַנשלען. אַ סך

בלומען האָבן זיך געריסן דורך די אייזערנע שטאַכעטן אַרום די בלומען־גערטנער. אויף אַ לאַנקע מיט געלע טשאַטשקעס איז געלעגן אַ קו, ווי זי וואָלט געפאַלן אויף די קני און זיך געפוילט אויפצוהויבן.

דאָס אינגעלע איז ווילד געוואָרן פון די ריחות און קאָלירן. ער איז געלאָפן און נאָך מער פאַרשטויביקט די קליינע שטיווילעטלעך.

— ניטע, אומרו, עסט נאָך אַנטפאַלן ווערן.

דאָס האָט אויף אים אָנגעשריגן זיין מומע עטקע, וואָס האָט אין איין האַנט געטראָגן אַ שווער קיישל און מיט דער אַנדער האַנט האָט זי אומזיסט געזוכט זיך אָנצוקייטלען אין זיין הענטל.

די מומע עטקע האָט געזשמורעט די אויגן, זי האָט זיי נישט געקאָנט עפענען אַנטקעגן דער זון. דאָס אינגעלע האָט זיך גערייצט מיט דער מומען, ער האָט אוועקגעהאַצקעט פון איר, ווי ער וואָלט געריטן אויף אַ פערדל. צום גליק האָט זיך פון ציט צו צייט געהערט דאָס בילן פון הינט און דאָס אינגעלע איז געלאָפן צו דער מומען נאָך שוץ.

— ניטע, לויף נישט אַריין אין קיישל, עסט נאָך איבערקערן די יויך, דער טאַטע וועט גאָרנישט האָבן וואָס צו עסן.

סיי־ווי האָט שוין דאָס אינגעלע מורא געהאַט, אַז פאַר דעם טאַטן וועט נישט בלייבן קיין לעק יויך. דאָס איבערגעלאָדענע קיישל האָט געגעצט און איבערגעלאָזט סליאַדן אויפן זאַמד.

די מומע עטקע האָט זיך אַ ביסל צוגעזעצט אויף אַ שטיין און געווישט דעם שוויים.

— העט — אַ היץ אַ ביסל. — זי האָט געווישט דעם שוויים מיט דער האַנט.

— ניטע, זעץ זיך נישט אַוועק. עסט זיך אינגאַנצן פאַרסאַרגען. עסט איינרעכטן די נייע הייזקעס.

דאָס קיישל איז נאָך אַלץ געווען וואַרים, כאָטש פון אונטערנשלאָס אַהער איז שוין געווען אַ היבשער מהלך. דאָס אינגעלע האָט זיך געפילט זייער גוט און ער האָט געמאַכט קולות.

— או - או - או - או - או - או.

— נאָך ווייט צו די קאַזאַרמעס?

— כ׳ווייז? נאָך אַ מהלך רע. אַ חמימה אַ ביסל!

— דער טאַטע דינט טאַקע?

די מומע עטקע האָט זיך אַלץ געווישט דעם שווייס.

— וואודען? אַ ברירה האָט ער געבעך?

— וועמען דינט ער?

— פּאַניען.

דאָס אינגעלע האָט געוואוסט, אַז אַ גרויסער גוי, מיט אַ גרויסער פּאַניע־נאָז, שטייט איבערן טאַטן און הייסט אים צילעווען און מאַכן — פוי! דער טאַטע האָט נישט איינמאָל גענומען אַ שטעקן און געוויזן, ווי מען צילעוועט.

— וואָס מיינט דינען, מומע עטקע?

— דינען הייסט זיין אַ זעלנער.

— וואָס מיינט אַ זעלנער?

די מומע עטקע איז שוין ווידער געגאַנגען און געטראָגן פאַרזיכטיק דאָס קיישל. זי האָט געשוויגן, ווייל דאָס אינגעלע האָט געפרעגט נאָכלאָזיק.

— וואָס מיינט אַ זעלנער? — איז דאָס אינגעלע צוגעשטאַנען און געוואָרן ערנסטער.

ער האָט געטופּעט מיט די שיך און אַרויפגעקאָפּעט אַ שטיקיקן שטויב.

— איך ווייס נישט, מיינע נאמנות, איך ווייס נישט.

— לאָמיר זען, אַז דו ווייסט נישט, לאָמיר זען, אַז דו ווייסט נישט, — האָט דאָס אינגעלע געפּאָדערט שווערע באַווייז און ער האָט גענומען וויינען אָן טרערן, ווייל עס איז אים געווען שטאַרק גוט, ווייל עס האָט געשמעקט פון די סעדער און ווייל די זון האָט געבאַקן און ווייל עס האָבן קיין הינט נישט געבילט.

די מומע איז איליטשקע טאָג געגאַנגען טראָגן עסן דעם טאַטן, וואָס איז אַוועק אויף די דריי וואָכן. זאָל ער נישט דאַרפן עסן דעם קייסערס יושקע. אָבער היינט האָט זיך צוגעטשעפּעט

דער קלעשטש — דוקא מיטגיין, זען דעם טאַטן אין סאָלדאַטסקע היטל, זען זיינע שליפּעס.

— סלוזשבע! — האָט די מומע אַרויסגעזאָגט אַ האַרט וואָרט.

דאָס אינגעלע האָט גענומען שנעל אָוועקרייטן אויף זיין אויסגעטראַכט פערדל און שרייען: „סלוזשבע! סלוזשבע!"

— ניטע, ווילדע זאַך.

די מומע עטקע האָט זעלטן געלאַכט. איר קאָפּ איז פאַר דעם אינגעלע געווען ווי אַ טריפנדיק לעכט. יעדער יאָר האָט עס אָפּגעטריפט אַ ביסל, ביז דער מומעס קעפּל איז געוואָרן שמעלער און צערונענער.

אָבער דאַסמאָל, ווען דאָס אינגעלע איז געגאַנגען צו די קאַזאַרמעס, האָט דער מומעס קאָפּ נאָך געהאַט די גאַנצע פאַר־פורעמטקייט. דער טריף־טריף האָט זיך נאָר־וואָס געהאַט אָנ־געהויבן.

דאָרטן אונטערנשלאָס איז געזעסן די מאַמע. זי האָט געהאַט וואַרימע הענט, וואָס האָבן אים צוגעגלעט דעם קאָפּ, נאָכדעם ווי זי האָט אים פאַרקעמט די לאָקן. דאָרט, ערגעץ־ווייט אין די קאַזאַרמעס דינט דער טאַטע, און צווישן דיביידע שפּאַנט דאָס אינגעלע מיט דער מומען.

— זאָלסט געבען דעם טאַטן אַ קיש אין דער האַנט אַריין, — האָט די מאַמע אָנגעזאָגט.

ער איז געגאַנגען און געגאַנגען. קיינער איז נישט נאָכ־געגאַנגען, קיינער האָט נישט געקוקט אויף אים, נישט פון פאָרנט און נישט הינטער אים. ער מיט דער מומען זיינען געווען אַליין — סיידן אפשר דאָס אויג פון אַ יונגנמאַן, בלויז אַן אויג פון אַ דינעם, אויסגעבלייכטן הויט־און־ביינער.

דאָס אויג האָט באמת נישט אָפּגעלאָזט פון אויג, נישט דאָס אינגעלע און נישט די מומען, ווייל אויך דאָס אויג איז געגאַנגען און געגאַנגען, איינער אַליין אַ פאַראיינטער, אין אַ געדיכטן געשטופּ און געדרענג. אָבער דער יונגערמאַן איז געווען אַליין, שוין אַן דער מומען, אין אַ פרעמדער שטאָט, און

געשטופּט האָט ער זיך מיט אַלעמען און פֿון צווישן אַלעמען. ווען נישט דאָס פּאַרזיכטיקע אויג פֿון אַ יונגענמאַן, יאָרן שפּע־טער, וואָלט קיינער נישט געוואוסט, אַז עס איז אַמאָל געווען אַ אינגעלע מיט אַ גראָבאַטן אַנצוגל, מיט אַ ווילציפּעטן־היטעלע.

עס האָט געשמעקט מיט רויטן קאַוואָן און אַ ביסל צוגע־לעגענע טאָמיטאָס, אויף זינגענדיקע פּושקאַרטס. דריי פּאַר דריי — ווייבעלעך, דריי פּאַר דריי — נעמט זיי — כאַפּט זיי — זעקס פּאַר אַ ניקל.

די לופֿט האָט פֿאַרמאָגט אַ קילע, קלאָרע וואָניקייט. די געצונדענע שויבן, די לאָמטערנעס איבער די פּושקאַרטס, די וואַרימע קילקייט, די קינאָ־שילדן, דער מאָן אויפֿן וואָגן מיט די קאָוועגעס, די יידן פּאַר די שולן נאָך מנחה־מעריב — דאָס אַלץ האָט געהאַט אַרום זיך אַ שלייער פֿון פֿרעמד־שטאָטיקייט, מער נאָך — פֿון פֿרעמד־וועלטישקייט. ווי אומפּאַרשטענדלעך דאָס איז נישט געווען, האָבן די סאַמע געוויינלעכסטע זאַכן געהאַט אַרום זיך אַ לופֿט פֿון אומגעוויינלעכער אַנדערשקייט, פֿון לעגענדאַרישער ווייט־אַוועקיקייט. ספּעציעל איז דאָס גע־ווען ענג צוזאַמענגעוועבט מיט די נעכט און מיט דעם ליכט פֿון די נעכט, מיט דעם קאָליר פֿון די נעכט און מיט דעם שימער, און דעם אופֿן ווי די נעכט זיינען אַריין אונטער דער הויט און ווי זיי האָבן זיך געלייגט אַרום הארץ און אַפֿילו אונטער די נעגל און אוודאי געזונגען אין יעדער פֿינגער.

דאָס איז געווען אין אַ פֿרעמדער וועלט, אָבער אין אַן איי־גענער, נאָענטער איסט סייד, וואָס האָט נאָר־וואָס דערוויילט מאיר לאָנדאָנען, מיט דעם איידעלן פּנים, מיט די שטיפֿערישע אויגן און דינער, סענסיטיווער נאָז. ער איז געגאַנגען מיט דעם עולם, וואָס האָט נאָר־וואָס דערוויילט אַן אייגענעם מענטש, אין אַ פֿרעמדער וועלט, אין אַ פֿרעמדער שטאָט, וואו ער איז איינער אַליין, וואו ער שטופּט זיך און גייט און גייט און איז אפשר נישט מער ווי אַן אויג, וואָס פֿאַרלירט נישט דאָס אינגעלע מיט דער מומען, מיט דעם קיישל.

ווייל דאָס אויג האָט אינמיטן פון דער גאַנצער פּרעמדר־שטאַטיקער פרייד כסדר געטשאַטעוועט אויף דעם אינגעלע, אויף דער מאַמען אונטערנשלאָס און דעם טאַטן אין די קאַזאַרמעס — אויף דער סאַמע ערשטער קלאָרער געדעכעניש פון טאַטע־מאַמע, צווישן וועלכע דאָס אינגעלע איז געגאַנגען, ווי אויף אַן אַוועק־געלייגטער שטריק־בריק. טאָמער פאַלט, חלילה, דאָס אינגעלע אַרונטער, ווערט דער יונגערמאַן נישט מער ווי אַן אויג, וואָס זעט גייענדיק, שפּאַנענדיק, פאַראויס, פאַראויס, אינמיטן אַ גרויס געדרענג — אַ באַזונדערטער.

ווען נישט דאָס אויג, וואָס האָט צוריקגעקוקט און צוריק־געטראַכט און כסדר געזוכט אַ פונוואַנען, וואָלט בפירוש קיינער נישט געזען דאָס אינגעלע מיט דער מומען. זיי וואָלטן אַזוי גייענדיק צעגאַנגען ווי אַ רויך. זיי וואָלטן אַריין אין די קאַ־זאַרמעס. דאָס אינגעלע וואָלט געזען דעם טאַטן אין סאָלדאַטסקן היטל. ער וואָלט אַוודאי פון גרויס איבערראַשטקייט פאַר־געסן אַ קוש טאָן דעם טאַטן אין האַנט. דער טאַטע וואָלט אים אַריינגעפירט און געוויזן אויסגעפּוצטע ביקסן, מיט גלאַנציקע שטיקעס, אויסגעשטעלט אין דרייעקן און אַרומגעשלאָסן מיט רינגען. דער אָפיצער מיט די שוואַרצע וואָנסן וואָלט אים אַ הויב געטאָן הויך און אַרויפגעזעצט רייטן צו זיך אויף די פּלייצעס, אָבער דאָס אינגעלע וואָלט זיך געשראָקן צו וויינען.

דעם טאַטנס היטל וואָלט דעם טאַטן אַ ביסל אַוועקגע־פּרעמדט און ער וואָלט געשטאַנען פונוויטנס און געזען ווי דער טאַטע ווישט־אויס דעם טעלער מיט אַ שטיקל געביטלט ברויט און זאָגט־אָן דער מומען, וואָס איז געזעסן פאַר זיך, אין אַן אייגענער פאַרשוויגנקייט, אויפן שוועל פון דער קאַזאַרמע, מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן, וואָס זיינען פאַרבלענדט געוואָרן פון צופיל מענערשע סאָלדאַטסקע שטיוול.

זאָג איטע ראַכעשין, אַז גאָט זאָל זי אַזוי מחיה זיין, ווי זי האָט מיך מחיה געווען. די הענט דאַרף מען איר אויסקושן.

דער מאַמעס הענט קנעטן ראָגעלעך מיט ראָזשינקעס און צימרינג. אַז מען נעמט זיי אַרויס פון אויוון, פאַרשמעקן זיי

דאָס הויז. די מאַמע קנעט אירע אייגענע הענט, וואָס שמעקן מיט צימרינג און מיט וואַרימקייט אין פוטער־געבעקס.

דאָס אַלץ וואָלט סיי־ווי געשען. דאָס אינגעלע וואָלט צו־ריקגעגאַנגען מיט דעם זעלבן וועג, דורך סעדער, בלומען־גערט־נער, הינטבילעריי און אַ ביסל אַן אַפּגעקילטער זון. אָבער קיינער וואָלט אים נישט געזען, ווען דאָס פּאַראיינזאַמטע אויג אויף דער איסט סייד וואָלט אים נישט אויסגעגראָבן פון העט־צוריק, פון אַן אָנהויבעניש, וואָס איז געווען ווי אַן ערשטער טראָט.

און דאָס זוכנדיקע און צוריקפּאָרשנדיקע אויג פון יונגג־מאַן האָט עס, מיט יאָרן שפּעטער, אויסגעגראָבן דערפאַר, ווייל ער האָט דערפילט, אַז אויך ער איז אָנהויב, וואָס קאָן זיך נאָך אויסמישן מיטן עולם און נישט ווערן, אויב אימיצער וועט אים נישט אָנכאַפּן, פּאַרצייכענען און פאַרגעדענקען. אויב עמיצער וועט אים נישט נאָכגיין פוסטריט אויף דער איסט־סייד, וואָס האָט געשמעקט מיט וואַרימער צוזאַמענדיקייט — די פּרוכטן, די פּעדלערס, די מיידלעך, וואָס זיינען געגאַנגען אין די קינאָס, די קילע נאַכטיקייט, די מידע צעליכטיקטקייט, די פרעמדע שאַרפ־קייט, וואָס שטראָמט אַריין דורך די נאָזלעכער, מיט דער לופט, וואָס האָט ממשות — שעפּ, קוויקעניש.

איז הינטער דעם אינגעלע געגאַנגען דאָס פאָרשנדיקע אויג פון דעם הויט־און־ביינער, וואָס האָט אים צוריקגעבראַכט אַהיים און אים געגעבן די ערשטע באַפעסטיקטקייט פון אַ דערוואַק־סענעם, ווען ער האָט אים געוויזן, ווי זיין קליין ברודעדל קריכט אויף דר'ערד ווי אַ קעצל, מיט אַ גרויסן, מענטשלעכן קאָפּ.

דערנאָך זיינען געקומען קאַלטע, אייז־פאַרקאָוועטע פענצ־טער, פּאַנאַנדערגעבליטע, לאַנגע נעכט, שטומע לאָדנס, בלאָ־טיקע רעגנס און לינדערע טעג.

אַ וואַרים הויז. דער טאַטע איז שוין אינדערהיים. קיינער געדענקט שוין אַפילו נישט, ווען ער איז צוריקגעקומען פון דינען. די מאַמע העפט און זינגט „אין בית־המקדש אין אַ ווינקל חדר". דער ברודער קריכט שוין נישט, ער גייט שוין אַרום, ער פּאַלט

און צעבלוטיקט זיך די נאָז. דער זיידע שטייט ביים קאַכל-אויוון און וואַרימט זיך די הענט. און ס׳איז שוין דאָ אַן אונטן אויך. אונטן וואוינט שיינדעלע די הור, וואָס בענטשט לעכט אַלע פרייטיק-צו-נאַכטס, לעשט זיי אויס און גייט-אַרויס צו די זעל-נער. דאָס אינגעלע מוז שוין זיין אַ רעכט ביסל אונטערגעוואַקסן, ווייל מען היט זיך פאַר אים, אָבער ער כאַפּט ווערטער, וואָס בלייבן שטעקן אין די אויערן, ווי שפּינוועבס.

שיינדעלעס טעכטערל מיט די רויטע צעפּלעך פאַרנאַרט אים אויפן בוידים און שפּילט זיך מיט אים אויף פּויליש. עס איז פינצטער, עס איז היים-דערשטיקט צו ווערן אויפן בוידים, און עס איז גוט צו פילן אירע וואַרימע, פאַטשנדיקע הענטלעך און הערן איר פּויליש לידעלע, וואָס ער האָט נישט פאַרשטאַנען און וואָס איז געווען אַזוי קיצלדיק און וואַרים-פינצטער ווי דער בוידים.

דער צוריקקוקער האָט גענומען דאָס אינגעלע מיט דער מומען און אַרום אים אויפגעבויט אַ גאַנצן הויף, מיט אַ הויז, מיט אַ לאַנקע פונוויטנס, און מיט פעטערס, מומעס, און אפילו מיט אַ שול. דאָס אינגעלע האָט זיך שוין נישט געפילט אַזוי אַליין און אַזוי צווישנדיק, מיט אַ טאַטן און אַ מאַמען, אין צוויי פאַרשידענע ווייטע פּונקטן. עס האָט זיך שוין געטומלט אַרום אים מיט פריינט אויפן הויף, מיט אַ סך יידן און יידענעס און מיט קונצנמאַכער, וואָס מאַכן קאַזשעלקעס, שלינגען שווערדן, האַלטן טירן אויף אַ צאָן, און מיט בלינדע הויף-זינגער, וואָס ווערן געפירט פון קליינע באָרוויסע אינגעלעך מיט אַלטע אויגן.

איי, צי האָט איר, ליבע יידן געהערט,
וואָס עס איז זיך אין פּיטערבאָרג פאַרלאָפן,
איי עס איז אַ קאַמעניצע מיטן פייער אַוועק,
איי עס איז געווען אַ גרויס געשרעק,
ווען דריי קינדערלעך זיינען נעבעך
פאַרברעוועט געוואָרן.

נאָר דאָס איז שוין געווען אַ סך שפּעטער, נאָך דעם שפּאַציר צו די קאַזאַרמעס; דאָס איז שוין געווען היבשע וואָכן, חדשים

און אפשר יאָרן, נאָך דעם ערשטן דערמאָן-פּונקט, ביים האָריזאָנט פון קוים - קוים געדענקען. דאָס איז שוין געווען אַ סך זומערן און ווינטערן, נישט גלאַט אַזוי קאַלט און פינצטער און זון, נאָר באַשטימטע גאַנצע פאַרגליווערטע שטיקער, וואָס זיינען ווינטער און זומער, זומער און ווינטער, אָדער פסח און סוכות, ערב-זון און ערב קאַלטע ווינטן.

און פון דעם מאָמענט אָן זיינען שוין צעשווימען געוואָרן די פאַרשידנקייטן. עס איז נישט קלאָר, אויב דאָס אינגעלע איז אינגאַנצן דערטרונקען געוואָרן און פאַרשוואונדן אין דעם אויג, אין דער הויט-און-ביינערדיקער פאַרפרעמדטקייט, צי דער איסט-סיידער פאַרשער איז גאָר געוואָרן איינס מיטן אינגעלע, און מיט אים דורכגעשלאָפן אַ זומער, אַ ווינטער, אַ זומער, אַ ווינ-טער, גאַנץ אָפט פערצן - זעכצן שעה אַ מעת-לעת.

דער וועקזייגער האָט אַלעמען געוועקט צו דער אַרבעט, מען האָט זיך געקראַצט, גערעדט בייז און אָנגעצויגן, איינער נאָך דעם אַנדערן געשווענקט דעם קלאָזעט, אומגעדולדיק, איינער נאָך דעם אַנדערן, און מיטגענומען מיט זיך אַ דין הייטל פון נישט-אויסגעשטאַנענער פאַרטוכלעטער גערוכיקייט, פון אויפ-געשטאַנען, אויסגעליידיקט, איבערגעכאַפּט אין פופצן מינוט, פון נישט-באַפרייטע און נישט-צעגאַנגענע בלעזלדיקע לופטן, וואָס מוזן זיך געפינען אָן אויסשוויץ דורך די הויטן פון די הונדערטער צוזאַמענגעקלעפּטע הארטע פיס, ווייכע און הארטע און וואַרי-מע הינטנס און פאַרנטס, דערשראָקענע, צוריקגעצויגענע, אָנ-געצויגענע און צוגעצויגענע, אין די קורצזיכטיקע סאָבווייען, פאַרזשאַווערטע עלעווייטעדס, און איבערגעלאָדענע טראַלים.

עס האָט געקלאַפּט און געבראַזגעט און גערעדערט, אָבער ער איז אַלץ געשלאָפן.

און ווייל די צוויי האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט און פאַראיינט האָט זיך גאָר מיטאַמאָל אין ניו יאָרק באַוויזן דאָס אינגעלע. ער האָט זיך אַרומגעדרייט און געקוקט אויף אַלץ פון אונטן-אַרויף. אמת, ער איז שוין געגאַנגען אָן דער מומען. דער מומעס פּנים האָט שוין דורך דער צייט געהאַט היבש אָפּגעטריפט. זי

האָט שוין חתונה געהאַט מיט אַ היטלמאַכער, וואָס האָט איר צוגעשאַנסט אַ טאָכטער און זי געהאַלטן אין איין ממית'ן. זי האָט זיך שוין געהאַט גע'גט מיט אים און איז ווידער אַריינגע־פאַלן אין אַ שמאַלצגרוב, צו אַן אַלטן אַלמן, וואָס האָט זי ווידער געמאַכט פאַר אַ גרושה. די מומע איז פון די חתונות און גט'ן אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז זי האָט זיך געשטעלט דינען ביי דער עלטערער שוועסטער. זי איז נאָך איינגעשרומפּענער גע־וואָרן, נאָך נידריקער און נאָך קאַרגער אויפן וואָרט.

דאָס אינגעלע איז געגאַנגען איינינקער אַליין איבער ניו־יאָרק, און זיך געוואונדערט, וואָס ער זעט אַלץ דורך פאַרשטענ־דיקע אויגן. ער האָט געשמייכלט צו זיך אַליין און נישט געוואָלט אויפוואַקסן, ווייל די פרעמדע שפּראַך איז אים געווען גוט צום גומען, עס איז אים געווען גוט ווידער אָנצוהויבן פון סאַמע גאָרנישט, פונדאַסניי , אָן קיינעם נישט.

ער איז געגאַנגען אין אַ פּרעפּ־סקול, וואו ער האָט געמאַכט אַ וואוילערישן אָנשטעל פון אַ דערוואַקסענעם, ווייל דאָרטן זיינען געזעסן פאַרדינער־יונגעלייט און מיידלעך מיט אַריבערגעוואָר־פענע פּיס אויף זיין פאַרפּלאָנטערטער אומרו, ווי זיי וואָלטן דאָרט אַריינגעפּלאָנטערט זיין האַלדז און אים געקיצלט ווערגנ־דיק אָבער פאַר זיך אַליין האָט ער געוואוסט, אַז ער איז קליין, נישט אויפגעוואַקסן און שטאַרק אונטערן וואָג, אפשר בלויז אַ קליין ביסל שווערער, ווי אין יענעם טאָג, ווען ער איז גע־גאַנגען צו די קאַזאַרמעס.

און בעת דאָס אינגעלע האָט אַרומגעשפּאַנט אין ניו־יאָרק, האָט דער גראָטעסק־אונטערגעוואַקסענער איסט־סיידער יונגער־מאַן, דער אויסגעדאַרטער און פאַרבענקטער, דאָס שטיק ניש־טערנדיקע אויג, גענומען ווייזן קונצן פון גרוים בענקשאַפט. ער איז, ווען אים האָט זיך פאַרגלוסט, דווקא אַוועק קיין לובלין און פאַרצייכנט, באַטראַכט, געזוכט און באַטאַפּט יעדער דער־מאָנונג, ווי עס וואָלט געווען אַ מאָנומענט, אָדער אַ באַזונדער שטיק לעבן מיט אַן אָנהויב, אַ מיטן און אַ סוף, מיט אַ סך

לופט, וועטער און פינצטערניש און אַ שפּילקע־קעפּל זון, וואָס פּיקט זיך דורך וואָלקנס.

אָבער דאָס אײנגעלע מיט דעם וואוילערישן אָנשטעל איז געזעסן אין אַן איסט־סײדער סקול, וואו מידע שנײדער, העמדל־נײער און פּאַקעטבוק מײקערס האָבן מיט די לעצטע מידע כוחות זיך געקלאָמערט אין אַ האָפנונג, אַז מען וועט זיך ראַטעווען פון פינצטערן שאַפּ און אַרויף אויף אַ העכערן שטאַפּל. דער פינצ־טערער שאַפּ האָט שוין צו יענער צייט אָנגעהויבן רעמאָנטירט צו ווערן מיט אַ סך פענצטער, קירצערע אַרבעט־שעה'ן, און שטאָלצער מאָנערישקייט פון נוצלעכע הענט. אויפן העכערן שטאַפּל האָט זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן דער הינער־אויגן דאָק־טאָר, איבער אים איז געשטאַנען און אַרונטערגעקוקט גוטמוטיק דער אַפּטײקער, אויף אים האָט אַרונטערגעשמײכלט מיט פון אויבנאַראָפּיקן חוזק דעם דענטיסט, דער אַדוואָקאַט און דער דאָקטאָר.

און אַן אַ זײט פון דער לײטער מיט די שטאַפּלען, מיט די מלאכים, וואָס דראַפּן זיך און טרעטן־אַן אויף די הינעראויגן פון דעם ערשטן געראָטעוועטן פּראָפעסיאָנאַל, מיט די קלײנע מעסער־לעך און נעגל־רײסער, און קלעטערן אַרונטער, ווען זײ מײנען אַז זײ גײען אַרויף, איז געשטאַנען אַ לערער מיט אַ פּעט מעפּיסטאָפעַ־ליש פּנים און געלאַכט אַזוי האַרציק, אַז זײנע אויגן זײנען אַוועק־געשוואומען און געוואָרן קלענער און קלענער און פּאַרטערנטער.

דער לערער איז נעבעך פּאַרשאָלטן געוואָרן מיט אַ ײדישן אַקצענט, אַז מען האָט אים אויסבראַקירט פון שטאָטישע לערן־אינסטיטוציעס. פון גרוים האַרצקרענקעניש האָט ער אַלײן פּאַר־קאַריקאַטורעוועט זײן אַקצענט, און אים וואָדעווילײזירט אין אַ מין גאַליציאַנעריש־דײטש־ענגלישער איסט־סײדערישקײט. ער איז געשטאַנען און אויסגעזונגען זײן ײדישן ענגליש פאַר די צוקונפטיקע פּראָפעסיאָנאַלן און חוזק געמאַכט פון אַלע זײ־ערע האָפנונגען, דערלײזערישע פּלענער און אויסרעכענונגען. ער האָט געטאָן זײן בעקערישע אַרבעט מיט אַ סך געניטקײט און אַן אויסגעאַרבעטער רוטינע. ער האָט אַרײנגערוקט אַ שנײדער

אויף אַ לאַפּעטע, אים אַ ביסל אָפּגעברוינט און אַרויסגעשלעפּט אַן אַפּטייקער. ער האָט עס געמוזט טאָן שנעל, ווייל די צייט וואַרט נישט, דער שאַפּ פאַרהויקערט דאָס לעבן און די יאָרן פאַרטעמפּעןן אַ ביסל דעם מוח. אָבער צווישן פאַררוקן די לאַ־פּעטע און וואַרטן אויף דעם פאַרטיקן פּראָדוקט, מיט אַן איבער־געניצעוועטער קאַריערע, וואָס דאַרף זיך טראָגן פאַר אַ ניי קאַפּיטל לעבן, איז ער געשטאַנען און געלאַכט, אַז ער איז שיר צעזעצט געוואָרן און דער גאַנצער קלאַס איז שיר צעשפּרונגען געוואָרן. ער איז געווען אַ גוטמוטיקער שלעכטער. ער וואָלט נישט געגאַנגען פונדאַנען ביז אַהין אימיצן שלעכטס צו טאָן, אָבער אַז זיי זיינען אַלע געקומען צו אים האָט ער זיינע סטו־דענטן פיינט געהאַט מיט אַ פּאַסיווער שנאה.

ער האָט געלערנט אין גראַמען און פאַרוואַנדלט דעם קלאַס אין אַ זינגענדיקן חדר. ער האָט געלערנט ענגלישע געשיכטע און ליטעראַטור מיט דעם ניגון פון מעביר זיין די סדרה. ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער קענער פון ענגלישער ליטעראַ־טור און מיט אַלע זיינע בלאָזן-שטיק האָט ער אַריינגעהאַמערט אין די שווערסטע קעפּ לערע, ווי צייכנס אָדער פלעקער פון אַן אַלטערטימלעכן שריפט. יעדער ביסל אינפאָרמאַציע האָט זיך געדענקט דורך אַ הומאָריסטישער סימבאָליק. ער האָט חוזק געמאַכט פון שעקספּירס העלדן, פון זייערע ליבעס, ליידנשאַפטן און מאָרדן; ער האָט אָפּגעלאַכט פון די העלדן פון געשיכטע.

— איז שיילאָק געגאַנגען אין שול אַריין דאַווענען, איידער ער האָט געוואָלט אָפּשניידן דאָס פונטעלע פלייש? — האָט ער געפרעגט דעם קלאַס, וואָס האָט אין איין כאָר געענטפערט:

— ניין! ניין!

— האָט איר שוין געזען אַ ייד, וואָס זאָל וועלן עסן אַ סטעיק פון אַ לעבעדיקן גוי?

— ניין! — האָט דער קלאַס געדונערט.

— איז שעקספּיר געווען אַ גרויסער פּאָעט?

— יאָ! — האָבן אַלע געענטפערט ווי יונגע סאָלדאַטן.

— איז שעקספּיר געווען אַ גרויסער אַנטיסעמיט?

— יאָ! יאָ! — האָט דער קלאַס געענטפערט און זיך געקאַטשעט פון געלעכטער.

דער לערער אַליין האָט מיטגעלאַכט ווי אַ שטיפעריש קינד. זיינע אויגן זיינען געוואָרן קליינע אייגעלעך, ווען ער האָט דער־ציילט ווי דער קעניג טשאַרלי האָט אַ געשריי געטאָן צו זיין מאַמען אַ היסטאָרישן געשריי, וואָס האָט געקלונגען אומגעפער אַזוי:

— מאַמע! גיב אַהער די פּאַדזשאַמע! ווייל איך מוז גיין אין מילכאָמע.

ער האָט געהאַט אַ מיאוס ווייב און ער האָט פּאַר צייט־פאַרטרייב געשריבן הייסע געשלעכטלעכע לידער, וואָס ער האָט געדרוקט אין גריניטש ווילעדזש ווינקל־זשורנאַלן. די אומשול־דיקערע לידער זיינען געווען אויסגעקלעפּט אויפן סקול־בולעטין. דער פּרינציפּאַל איז געווען גענוג געשעפטסמאַן צו רימען זיינע גערעאַטענע לערער און צו ווייזן אַז זיי זיינען נישט אַבי ווער. איין ליד צו אַ מיידל האָט זיך אָנגעהויבן מיט — דו ביסט דאָס פערד, איך דער רייטער, דו ביסט די כוואַליע און איך דער שיפער, וואָס רודערט.

— צו וואָס דאַרפט איר דאָס אַלץ — האָט ער אונדז גע'מוסר'ט. — עפנט זיך אַ קענדי סטאָרקע, אָדער פאַרקויפט ני־פּענטס! האָט חתונה, טוט־אָן אַ וואַטשענטשעין, פּאַשעט־אוים אַן אנשטענדיק בייכל און כאָוועט־אוים ביים ווייב אַן אָנ־זעעוודיקן הינטן.

נאָך דעם גלאָק, ביים איבערבייט פון די קלאַסן, האָט ער זיך אָנגעשטופּט אַ פול מויל מיט שאָקאָלאַד און בשום אופן נישט געוואָלט ענטפערן אויף קיין פראַגן.

— איך בין אַ שטרענגער יוניאָן־מאַן, איך אַרבעט נישט קיין אָווערטיים, — האָט ער גלייכגילטיק געקייט פאַרצונגטע ווער־טער דורך קינדיש־אָנגעשוואָלענע באַקן.

אַלע האָבן אים מקנא געווען און זיך געוועט, אַז דער מאַן וועט לעבן זיינע צוויי הונדערט יאָר, ביז אַלע האָבן פאַרלוירן דעם געוועט, ווען אין אַ שיינעם טאָג איז ער געשטאָרבן אויפן

עלעווייטעד, פֿאַרנדיק אין סקול אַריין פֿאַר זיינע לאַכנדיקע לעקציעס.

דאָס אינגעלע האָט צו יענער צייט געזען דעם טויט פֿון פּראָפֿיל און אויסגעמיטן זיינע אויגן. אַ מידער יונגערמאַן, מיט פֿינצטערע אויגן, וואָס איז פֿינף מאָל דורכגעפֿאַלן אין געאָמעט־ריע, איז בשלום אַריין אין קאַלעדזש. אפֿשר האָבן זיינע עקזאַ־מינאַטאָרן אויף אים רחמנות געקראָגן און זיי האָבן אים גע־האָלפֿן אַוועקשטעלן דעם ערשטן פֿוס אויף דער לייטער. ער איז געגאַנגען מיט אים אַ גאַנצן אָוונט און אָן אויפֿגעלעבטער האָט ער געוויקלט זיין באַנייט לעבן — אַקט נאָך אַקט. ער האָט גע־וויזן די פּיקטשור פֿון זיין סוויטהאַרט. ער האָט אים דערציילט וויפֿיל געלט ער האָט אָפּגעשפּאָרט אין באַנק. דאָס געלט וועט אים קלעקן פֿונקט אויף צוויי און אַ האַלב יאָר און שפּעטער וועט אים די סוויטהאַרט אַרויסהעלפֿן מיט איר באַנקביכל. אין עטלעכע טעג אַרום איז ער געשטאָרבן פֿון ניומאָניע. אַ לאַנגע צייט האָט דאָס אינגעלע נישט געקאָנט פֿאַרגעסן זיינע פֿינצ־טערע אויגן מיט די פֿאַרפֿינצטערטע האָפֿנונגען. ער האָט אַפֿילו געזען אויף דער עוועניו די סוויטהאַרט. זי איז געגאַנגען איינע אַליין פֿאַר זיך הין און צוריק. נישט איינמאָל האָט ער געוואָלט צוגיין צו איר און איר געבן אַ סימן, אַז ער ווייסט פֿון אירע אַלע צוזאַמענגעקראַכטע פּלענער, אַפֿילו פֿון דעם באַנק־ביכל אירן, וואָס האָט געהאַט אויסרעכענונגען אויף צוויי און אַ האַלב יאָר פֿאָראויס. ער האָט אָבער מורא געהאַט צוצוגיין צו איר. ער האָט געהאַט דאָס געפֿיל, אַז זי איז פֿאַר׳קנס׳ט צום טויט.

האָט דער טויט אַמאָל אָנגעקלאַפּט אין זיין דינער וואַנט, אין ענגן מעבלירטן צימער. דאָס איז געווען פּעטסי׳ס האַנט פֿון דער אַנדערער זייט וואַנט. פּעטסי איז געווען אַן אויסגע־טראַכטער נאָמען פֿון אַן אויסגעטראַכטן מענטש. דאָס אינגעלע האָט אים אויסגעטראַכט, ווייל ער האָט געמוזט אויסטראַכטן זיין פּנים און זיין וואוקס. ער האָט אים געהערט לעבן אויף יענער זייט וואַנט, ער האָט אים אַפֿילו געהערט זינגען און אים

געהערט קרעכצן אויף דעם סקריפּנדיקן בעט. צווישן זיין אייגן בעט און דעם אויסגעטראַכטן פרעמדנס בעט איז געשטאַנען אַ וואַנט, אַן עלענדע, אַ שלעכט־געפּאַרבטע וואַנט, אַן אויסזיכט־לאָזע, ווי די ווענט אין די געוויינלעכע אָרימע מעבלירטע צימערן.

דאָס אינגעלע האָט אים געהערט קרעכצן דורך די נעכט, אים געהערט רעדן פון שלאָף, אָבער ער האָט אים קיינמאָל נישט געזען. אפשר האָט דער אויסגעטראַכטער גערעדט צו אים דורך דער וואַנט, אויף דער מאָדנער שרעק־שפּראַך פון דער נאַכט, ווען יעדער סקריפּ האָט טויזנט מורא׳ס און יעדער מענטש־לעכער געשריי קומט־אַרויס ווי פון אַ געשאָכטענעם האַלדז, וואָס שרייט מען זאָל אים ראַטעווען.

איינמאָל האָט ער געקרעכצט אַזוי האַרצרייסנדיק און זיך אַזוי שטאַרק און ווילד געוואָרפן אויפן בעט, אַז דאָס אינגעלע, וואָס האָט געהאַט אַן אייגענע טעריטאָריע פון שרעק־חלומות, ספּעציפישע חלומות, וואָס ווערן געבאָרן בלויז אין מעבלירטע צימערן, אַן לופט און מיט אַ סך טונקלעקייט — האָט נישט געקאָנט שלאָפן. אינדערפרי האָט דאָס גאַנצע הויז גענומען גיין אויף רעדלעך. דער שכן האָט דורך דער נאַכט „גענומען די גַעז". ער האָט פאַרקיטעוועט יעדער שפּאַרינקע, פאַרלייגט דעם שליסללאָך, אַרומגעפּאַקט די פענצטער מיט שמאַטעס, כדי מען זאָל נישט שפּירן דעם גאַז־גערוך.

צוויי פּאָליסלייט האָבן אים געפּאַטשט אין די באַקן, גע־פּאַטשט אין הינטן. זיי האָבן געזוכט אינפאָרמאַציע וועגן אים און נישט געפונען קיין ברעקל דאָקומענט. די אַלטע באַלעבאָסטע פון די מעבלירטע צימערן האָט אפילו נישט געדענקט זיין נאָמען.

— פּעטסי, — האָבן אים די פּאָליסלייט געוועקט פון דעם פאַרזיכטיק־צוגעגרייטן טויט, אויסטראַכטנדיק אַ נאָמען, וואָס איז געווען אַזוי ווייך ווי זיינע טויטע באַקן און אַזוי האַריק ווי זיין האָריקע ברוסט, וואָס זיי האָבן געקנאַטן. — שטיי־אויף, זאָלסט וויסן, אַז עס וועט זיין צו־שפּעט, אויב דו מאַכסט עס נישט שנעל, פּעטסי.

פּעטסי, דער אויסגעטראַכטער מענטש, וואָס האָט געזונגען

אויף יענער זייט וואַנט און האָט אַרויסגעקרעכצט דאָס לעבן פון זיך, וואַרפנדיק זיך אויף דעם סקריפּנדיקן בעט, האָט נישט גע־ענטפערט. אפשר דערפאַר, ווייל פּעטסי איז נישט געווען זיין נאָמען און אפשר דערפאַר, ווייל ער האָט געהאַט אַ געהיימען און פעסטן צוועק מיט זיין נעמען די געז און ער האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט לאָזן איבעררעדן.

דער קיל־באַטראַכטער טויט פון אומבאַקאַנטן, די פּלוצים־דיקע האַנט אויף דער פּלייצע פון דעם, וואָס האָט זיך אַזוי לאַנג געמאַטערט איבער גאָמעטריע, כדי איצערצובויען זיין לעבן (ער איז געווען אַ באַטנהאַל מייקער), דער איבערראַשנדיקער פּלאַץ פון דעם לערערס געלעכטער — די אַלע טויטן האָבן אים גענומען פאַר די אויערן און אים מיט געוואַלט געוואָלט אַרויפּציען, אַרויסציען פון זיך אַליין און אוועקשטעלן אויף אַ שטיקל פונדאַמענט, זאָל זיין אַ טרויעריקער פונדאַמענט, אָבער אַ שטיקל פונדאַמענט מוז מען דאָך האָבן, ווי לאַנג איז דער שיר אַרומצוגיין מיט דעם פּלעגמאַטישן גיי און מיט דעם פּלעג־מאַטישן ערשטן וואונדער, ווי ביים סוף־וועג וואָלטן נאָך אַלץ געווען קאַזאַרמעס און אַ טאַטע אין אַ זעלנערש היטל.

אָבער איבער דער וועלט איז געלעגן אַ כמאַרע, האָט זיך דאָס אינגעלע אין ניו־יאָרק פאַרגונען אָפּצולייגן זיין אייגענע תכלית׳דיקייט און אפילו זיין אייגענע דערוואַקסנקייט, ביז יענער דאָרט, זיין דאַרער שאָטן, וואָס איז אוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און זיך מיט אים לעצטנס געביטן — אַליין אוועק צוריק אַהיים און אים געבראַכט קיין אַמעריקע אויף בייז אָדער אויף גוט־וואונדער — וועט פאַרטיק ווערן מיט זיינע בענקשאַפט־עקס־קורסיעס אין לובלין, וואו מען קען פּרוּוון אויסגעפינען, הלמאי קומען נישט אָן קיין בריוו און וואָס מאַכן עפּעס טאַטע־מאַמע און די ברידער און די קליינע שוועסטער וואָס מאַכט?

ער איז געזעסן ביי דר. טענענבוימען אין קאַבינעט און גע־קוקט אין דעם דאָקטאָרס אַלטע אויגן. ווי לאַנג איז עס, וואָס דער דאָקטאָר איז צוריקגעקומען פון דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער מלחמה, אַ יונגער דאָקטאָר מיט אַ פאַרשניצט, בלאָנד בערדל,

מיט אַ סך אַמביציע צו ווערן דער היילער פון אָרימקייט, — ווי לאַנג איז עס, וואָס ער איז געווען ביי אונדז אין הויז און געקוקט פאַרבענקט אַרויס אויף די געל־גרינע לאַנקעס, וואָס מען האָט געזען אויף מיילן, דורך אונדזערע פענצטער.

— לופט! לופט! — האָט ער געשריגן, ווי ער וואָלט אויסגעדריקט אַ גרויסן הונגער, דעם הונגער פון פאַרקעלערטע און פאַרדומפּענע קינדער, נאָך דעם וואונדערלעכן אומזיכטבאַרן שטאָף. — עס איז אייך מקנא צו זיין. איר ווייסט גאָר אַליין נישט ווי עס איז אייך מקנא צו זיין.

דער דאָקטאָר טענענבוים האָט געהאַט אַזאַ ווייטען בליק, אַז ער האָט נישט געזען דאָס נאָענטזיכטיקע, ער האָט נישט געזען, אַז איידער דער בליק וואַנדערט אַוועק צו די לאַנקעס, פאַרטשעפּעט ער זיך אין פאַרוויינטע, אין רעגן־דורכגעפוילטע קאַמערן, די פריוועטן פאַר גאַנצע הויזגעזינטן.

אָבער דר. טענענבוים איז דעמאָלט געווען יונג און היינט איז ער אַלט. ער זיצט אין אַ פאַרלאַטעט רעקל און אין קאַמיש־פאַרקירצטע הויזן, וואָס זיינען שוין משמעות עטליכע מאָל אָפּ־געקירצט געוואָרן. ער איז קליין, אָבער ער קוקט־אויס נאָך קלענער אַ זיצנדיקער — זיינע פיס דערגרייכן אפילו ניט ביז צום דיל. אין שטאָט, זאָגט מען, אַז מען האָט אים אויפגעהערט נוצן — דאָס זאָגט איינער דעם אַנדערן אויפן אויער אַזוי מע־טאָדיש און אַזוי גרויזאַם, ביז מען האָט אים ערשט מיט עט־ליכע חדשים צוריק אַרויסגעוואָרפן פון זיין דירה. ער האָט שוין באַלד נישט קיין פּראַקטיקע. ער זיצט גאַנצע טעג אין פּראָפעסיאָנאַלן קלוב און שפּילט שאַך מיט אָפּגעדינטע דאָק־טוירים. דער טאַטע נוצט אים נאָך, אוים לאָיאַליטעט צו יענעם צוריק, צו דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער מלחמה, צו די יאָרן ווען דער טאַטע אַליין האָט נאָך געהאַט אַ בלאַנד בערדל און ווען דער דאָקטאָר איז גערופן געוואָרן צו די קינדער. די מאַמע האָט אייביק געקרענקט, אָבער זי האָט זיך זעלטן פאַרגונען זיך אָפּצוגעבן מיט זיך אַליין און דער טאַטע האָט געוואוסט,

אַז עס איז נישטאָ גאָר אַזאַ חולאת, וואָס לאָזט זיך נישט אויס־שוויצן אין מרחץ.

איצט זיצט ער מיט דעם דאָקטאָר אין דעם אָפּגעטראָגענעם קאַבינעט, אויף אַ הינקנדיק בענקל און ער וויגט מיט די קור־צינקע פּיס און זאָגט, אַז פאַר דער מאַמען איז נישטאָ קיין האָפענונג. מען קאָן עס אָנטאַפּן מיט דער האַנט — אַ גוס. יעדער איינער קען עס שוין אָנטאַפּן, נישט נאָר אַ דאָקטאָר.

נישטאָ קיין האָפענונג! נישט פאַר זיך, נישט פאַר מיין מאַמען, נישט פאַר דעם גאַנצן דור מאַנסבילן, וואָס האָט נאָך געהאַט דאָס בלאָנדע בערדל אין דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער מלחמה; פאַר אַלע מאַמעס, וואָס זיינען דעמאָלט געלעגן אין קינפּעט, אָדער געכאָוועט קינדער.

נישטאָ קיין האָפענונג — האָט ער פאַרשריבן דעם גאַנצן דור. זיין ווייב איז געשטאָרבן מיט עטלעכע יאָר צוריק. עס האָט אויסגעזען, ווי ער שפּאַנט פאָראויס און ער פירט אַ מאַרש פון זיינע פּאַציענטן באַרג־אַרונטער.

— איר פאַרשטייט, אייער מאַמע איז נישט קראַנק אויף קיין קראַנקהייט. זי איז קראַנק אויפן טויט. טויט איז דאָס סאַמע פאַרקערטע פון לעבן, — האָט ער געזאָגט און אונטער־געדריגעט מיט די קליינע קינדערשע פּיסלעך אין די קליינטשיקע קאַמאַשן.

אָבער דער דאָקטאָר האָט גערעדט שוין נישט מיט דעם אינגעלע און נישט מיט זיין אַלטער־עגאָ, דעם איסט־סיידער באַגלייטער, נאָר שוין מיט אַ דריטן, וואָס האָט זיך אַליין נישט געקאָנט אַרויס׳חלומ׳ען פון אַ גאַנצן פּלאָנטער. ער האָט זיך אַליין, דעם שפּאָגל־דריטן, דערקענט בלויז לויט עטלעכע דורכ־בליצנדיקע באַמערקונגען. אַזוי, למשל, האָט ער געדענקט, אַז ווען ער האָט געטראַכט וועגן טויט פונם לערער, וואָס איז פּלוצים אַוועקגעפאַלן, פאַרנדיק אין פּרעפּ־סקול, האָט אין אים אויפ־געטויכט דאָס געשטאַלט פון ריטשאַרד קאָרי. אָבער ריטשאַרד קאָרי געהערט אַבסאָלוט נישט צום אַרסענאַל פון אינגעלעס זכרונות און נישט אַפילו צו די פאַרצייכענישן פון דעם פאַרשנ־

דיקן אויג, אין זיין קפיצת הדרך צווישן היים און איסט-סייד. ריטשארד קאַרי איז שוין דער חלומות-באַגאַזש פון אַ דריטן, וואָס איז אַריינגעפּלאָנטערט געוואָרן, דוקא ווייל דער דריטער האָט זיך געוואָלט אַרויספּלאָנטערן און געזוכט אַ שטיקל שטרוי־עלע, כדי אַרויסצוקומען אויף דער קלאָרעניש.

קלאָר איז אַז דער דאָקטאָר האָט גערעדט צום זעלבן מענטש, וואָס איז נאַר־וואָס געפאָרן אויף אַ דראָזשקע, און ווי פאַרנאַכטיק־טונקל עס איז נישט געווען, האָט ער אַלץ נישט געקאָנט ברייט צעעפענען די אויגן, ווי די קליינע, גלייכע שטרעקע פון דער באַן צום טאַטנס הויז, וואָלט געווען גע־פּלאָסטערט מיט אַ גרויס וואונדער — דאָס וואונדער פון אַ מקוים געוואָרענעם חלום — און מיט אַזויפיל אומגעדולדיקע שטיינער, פעלזן, בערג און טאָלן, אַז עס האָט זיך גענומען דוכטן — דו וועסט קיינמאָל נישט אָנקומען, דער חלום איז טאַקע מקוים געוואָרן, אָבער עס האָט געדויערט אַ בליציקע רגע און דו האָסט עס נישט אָנגעכאַפּט, דער הימל האָט זיך טאַקע געשפּאָלטן, אָבער דיינע אויגן זיינען געווען געשלאָסן, איצט פאַרט מען שוין אויף דער אַנדערער זייט פון חלום. די מאַמע איז געשטאָרבן אויף יענער זייט, דיינע אַמאָליקע חברים האָבען גערעדט צו דיר, די אַלטע הייזער האָבן דיר עפּעס אָנ־געזאָגט, אָבער די דראָזשקע, וואָס איז ערשט אָנגעקומען, האָט זיך אָפּגעשטעלט — אויף אַ באַגריס, אויף אַ מאַך מיט אַן אויג, אויף אַ שמייכל, אויף אַ טרויעריקן דערמאָן, אויף אַ פאַרגעס — און שוין פאַרט זי אַוועק.

און וואָלט איך געהאַט כוח, וואָלט איך געוואוסט, אַז מען וועט מיך פאָלגן, וואָלט איך זיך געבעטן רחמים ביים דראָזשקאַרזש. איך וואָלט געשריגן מיט די לעצטע כוחות:

— לאָזט מיך אַרונטער! לאָזט מיך אַרונטער! שטעלט זיך אָפּ.

די דראָזשקע מיט דעם דראָזשקאַזשעס גלייכגילטיקע פּליי־צע פאַרט שוין אַוועק פון אַלץ. אַ חלום קאָן געדויערן גאַנצע צוואַנציק יאָר און דער באַשייד פון חלום איז אַ רגע, קוים גע־

כאַפּט און געזען אין פּלי פון צייט־אימפּעטיקייט. און שוין ליגסטו ווידער און דרימלסט זיך אַרום מיט שפּינוועבס פון אַ נייעם חלום, וואָס פרעסט צייט און הויט און לייב און לעבן מיט אַזוי פיל פאַרשווענדערישקייט, ווי עס וואָלט נישט אויס־געמאַכט, אויב דו ווערסט זיך ווען עס איז אויפכאַפּן פון דער פאַרטאַכליעוועטער צייט, אָדער אַזוי איינשלאָפן און דער חלום וועט זיך חלום׳ען פון זיך אַליין און צו חלום קומען דיינע קינדער און קינדס־קינדער.

## V

אַ העזל איז פאַרבייגעלאָפן און געבליבן שטיין מיט אַן אויפגעהויבן פּיסל. דאָס העזל האָט זיך געקראַצט און זיך דערווייל איינגעהערט, אויב עס שמעקט נישט מיט געפאַר. איך בין געלעגן נאַזניק און זיך נישט גערירט פון אָרט. איך האָב נישט געוואָלט איבערשרעקן דאָס ליבע באַשעפעניש. אים צוליב האָב איך גלייך אָפּגעשטעלט דעם שטראָם דערמאָנונגען. איך בין געלעגן און זיך געוואָרימט. נאָר מיטאָמאָל האָבן זיך דערהערט טריט און דאָס העזל האָט געכאַפּט אַלע פיר און אַנטלאָפן.

פאַר מיר איז געשטאַנען שטיינמאַן. ער האָט מיך גלייך דערזען ליגנדיק אַן אויסגעשטרעקטער אויפן גראָז.

— ווי אַזוי האָט איר געטראָפן צו מיין באַרג? דאָ קום איך דאָך אַלע אינדערפרי זאָגן מה טובו אוהליך יעקב. וואָס פאַר אַ רעכט האָט איר אַהער צו קומען אָן מיין דערלויבניש?

ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק און איך האָב זיך אין שפּאַס פאַר אים אַנטשולדיקט.

— גלויבט מיר, אַז מיך פאַרדריסט נישט אַזוי, וואָס איר זענט דאָ אויפן באַרג, ווי וואָס איר האָט זיך געפעדערט און געקומען פאַר מיר. געוויינטלעך בין איך דער ערשטער דאָ. איך קלעטער אַרויף ווי אַ בורטשענדיקער בלעם, מיט זיפצן און קרעכצן און מיט קללות, אָבער אַז איך קום אַרויף און קוק זיך אַרום אויף אַלע זייטן, ווער איך אַ בענטשער. איך קוק זיך איין

אין די אַלע האָטעלעכעלעך, וואָס יידן האָבן דאָ אויפגעבויט, און איך דערפיל זיך אין קלעם פון יידישע ברכות. איך צעזינג זיך אויפן קול: ווי שיין זיינען דיינע געצעלטן, יעקב.

— דאָ, לינקס, שטייט אַן אַלטער קלויסטער מיט אַן אַלטן צמענטאַרזש, און אויף דעם באַרג האָט זיך גענוג בלוט געגאָסן. מען רעדט שוין נישט פון פּאָניאַטאָווסקים צייטן, נאָר אין דער וועלט־מלחמה האָט דער באַרג אויך געשפּילט אַ סטראַטעגישע ראָלע. עטלעכע מאָל איז דער באַרג געווען אין די הענט פון די עסטרייכער, די רוסן האָבן געקעמפט פאַר אים ווי די לייבן. אָבער נאָך דאַרפט איר וויסן, אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט מען דאָ קיין איין ייד נישט אָנגעזען. אויף דעם באַרג וואָלט קיין ייד נישט געוואַגט אַרויפצוגיין. איצט זיינען שוין פון דאַנען באַלד אַנטלאָפן אַלע גוים. איר זעט די אַלע געצעלטן? מה טובו אוהליך יעקב — הלואי אויף לאַנגע יאָר.

איך האָב אַ קוק געגעבן אויף אים און געזען, אַז ער האָט אויסגעזען נישט דערשלאָפן. די אויגן האָבן זיך אים האַלב פאַרמאַכט ביים רעדן, דערפאַר איז זיין קול געווען וואַרימער. ער האָט אַלעמאָל פאַרלוירן דעם פאָדים און עס צוריק אָנגע־כאַפּט, דין, ווי אַ שטיקל שפּינוועבס. זיין קול האָט געקלונגען פאַרבענקט.

— איר זענט שלעכט געשלאָפן?

— אַז איר וועט זיין אַזוי אַלט ווי איך בין, וועט איר אויך שלעכט שלאָפן, יונגערמאַן, — האָט ער אויף מיר כמעט אָנ־געשריגן.

זיין קאָפּ האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, אָבער ער האָט אים צוריק דערכאַפּט. ער האָט עטלעכע מאָל געשאָקלט דעם קאָפּ אויף ניין, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אויסטשוכען פון אַ שלאָף, וואָס איז אים באַפאַלן. דערפאַר האָט ער גענומען רעדן ווי פונמיטן.

— שוין צוואַנציק יאָר ווי איך בין אַן אַלמן. מיין טאָכטער איז דאָס איינציקע וואָס איך האָב אָפּגעשפּאַרט, איז זי מיר צוליב פאַרזעסן, געוואָרן דעם טאַטנס קראַנקען־שוועסטער. איר

גלויבט מיר, צי ניין, אַז וואָס עלטער איך ווער, אַלץ מער הויב איך אָן צו באַגרייפן די טיפע באַדייטונג פון קינדער זכרים. די אָריענטאַלישע בענקשאַפט נאָך דעם זון, דעם יורש, איז גאָרנישט קיין איבערטרייבונג. עס ווערט פאַרשטענדלעך. איך אַליין זוך אויך אַ יורש. זעט איר, אַז איר וועט מיך פרעגן, וואָס אַזוינס האָט מען ביי מיר צו ירש'ענען, אויף דעם וועט שוין זיין שווער צו ענטפערן. גאַנץ אָפט זעץ איך זיך אַוועק און איך טראַכט. ס'גיט אַ בליץ, אַ דונער, האָקוס-פּאָקוס, און עס דערשיינט מיין יורש. ער וויל ממשיך זיין. וואָס וועל איך אים אָבער איבער־געבן און וואָס דאַרף איך אים איבערגעבן? דאָס איז אַ האַרבע קשיה. דער טאַטע מיינער האָט געלעבט ביז 99 יאָר. ער איז איינגעשלאָפן אין זיין שטול. איך האָב זיך אַמאָל איינגערעדט, אַז איך וועל דערציען ביז זיין עלטער. נאָר מיין האַרץ רוימט מיר איין אַ שטילינקען סוד. מילא, אַז מען וועט קומען רופן, וועט מען קיין ברירה נישט האָבן. ווען דער טאַטע איז נפטר געוואָרן, בין איך שוין אַליין געווען אַ שטיק מיין טאַטע. איך האָב שוין אויך געהאַט גרויע האָר. פרי גרוי געוואָרן. אָבער אייער דור איז דאָך אַ דור פון שקצים. איר וועט דאָך גלייך אַ פרעג טאָן, וואָס האָבן מיר אייך אַזוינס איבערצוגעבן. גיי איך אַרום איינער אַליין און איך טראַכט גאַנץ אָפט, אַז איך וואָלט אייך געוואָלט באַשווערן צו האַלטן עפּעס טייער, אָבער וואָס אייגנטלעך וויים איך נאָך נישט. און די צייט רוקט זיך.

ער האָט אויסגעשפּרייט זיין מאַנטל אויפן גראָז און זיך אויך אַוועקגעלייגט נאָזניק לעבן מיר. ער האָט אַרויפגערעדט ווערטער, ווי ער וואָלט אָפּגעלאָזט זייפנבלאָזן. ער האָט פאַר־מאַכט די אויגן און אונטערגעברומט אַ ניגונדל.

— ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין אינגל האָב איך גלייך געוואוסט, אַז איך בין נישט אַליין. כאָטש וויסן דאַרפט איר, אַז דאָס וואָרט אַליין איז דוקא געווען ווי אָנגעמאָסטן אויף מיר. איך האָב זיך דערצויגן ביי אַ פעטער אין אַ פּוילישן וואַלד. דער פעטער איז געווען אַ וואַלד-שרייבער. אָבער קאָנט איר דען האָבן אַ באַגריף, וואָס עס האָט געמיינט אַזוינס אַ פּוילישער

וואַלד אין 1860 ? פאַרמאַכט די אויגן און גיט אדרבא אַ טראַכט.

— פונדעסטוועגן האָט מיין אַליינשאַפט מיך נישט געשראָקן. איך האָב גוט געוואוסט דעם גאַנצן יחוס מיינעם. פון פאָטערס צד שטאַם איך פון מהר"ם טיקטין. פון מוטערס צד פון מגן אברהם. איך האָב געוואוסט, אַז איך שטאַם פון 19 דורות רבנים, ביז די שלשלת איז איבערגעריסן געוואָרן אין וואַלד. נאָר אַז מען פאַרמאָגט אַזאַ יחוס איז מען דען חלילה אַליין אין אַ וואַלד? בפרט, אַז דער פעטער מיינער איז געווען אַ פייערדיקער לערנער און ער האָט מיך טאַקע אויסגעשריבן פון טאַטנס הויז, כדי ער זאָל מיט מיר קאָנען לערנען. ער האָט געהאַט היתר הוראה, נאָר ער האָט געאַרבעט שווער און ביטער אויף אַ ביסן ברויט.

ער האָט ווידער אָנגעהויבן ברומען אַ ניגון אונטער דער נאָז. זיין שלעפעריק קול איז נאָך שלעפעריקער געוואָרן.

— אַי, אַ ניגון. אַ ניגון פאַרענטפערט אַלץ, די שווערסטע פּראָבלעמען. געווען צווישן רבנים שטומע נשמות, דאָס וואָס זיי האָבן נישט מתקן געווען מיט תורה, האָבן זיי מתקן געווען מיט אַ ניגון.

אומדערוואַרט האָט ער זיך אויפגעזעצט, גוט צוגעדריקט ביידע פאַרמאַכטע אויגן און געווישט די הייטלעך, ווי ער וואָלט פון זיי געוואָלט אויסדריקן די גאַנצע מידקייט. און ווי ער האָט געעפנט די אויגן האָט ער טאַקע אויסגעזען פרישער.

— אָט דאָס פּיצעלאַנציקל דרימעלע, אָט דאָס רעדן פון שלאָף, רוט מיך מער אויס ווי אַ נאַכט אין בעט, ווען אַלע אַלטע ביינער באַקלאָגן זיך אויף הונדערט קראַנקהייטן. קומט, מיר דאַרפן שוין גיין. איר מוזט שוין אוודאי זיין גוט הונגעריק. בוכלערנערס הערינג איז אַן אַנטיק אויף דער וועלט. מען דאַרף דערויף זיין אַ מבין. ער איז רויטלעך, און האָט טאַקע אַ גערוך, קוקט־אויס אַ ביסל צוגעפוילט, אָבער פאַר יודעי נגן איז עס די ריכטיקע סחורה, ווייל עס דערכאַפּט דאָס האַרץ.

מיר זיינען געלאָסן אַרונטער פון באַרג און ער האָט מיך גענומען פירן דורך אַן אַנדערן וועג צוריק צום האָטעל.

— טראַכט זיך גוט אַריין אין דעם וואָס איך האָב אייך געזאָגט, — האָט ער מיט מיר אויפן וועג איינגעטענה'ט, — מען קאָן נישט רואיק פאַרמאַכן די אויגן אויף אייביק, אויב עס וואַרט נישט אַ יורש, אַ זון, וואָס איז גרייט איבערצונעמען דעם טאַטנס פאַרמעגנס. מיין טאַטע האָט אויף די עלטערע יאָרן געבענקט נאָך דעם טויט, ווי אַ פרומער ייד נאָך אַ מצוה, וואָס ער האָט נאָך נישט אויסגעפּראוווט. די תכריכים זיינען, פאַר־שטייט זיך, געלעגן גרייט שוין היפּשע עטלעכע יאָר. ער האָט זיך אַ סך מאָל געשפּיגלט אין זיי. אַ יידישע לויה איז ביי אים געווען אַ שטיק פון דעם עונג, וואָס אַ ייד דאַרף דורכמאַכן, אָבער איך גיי אַליין, ווי אין חומש שטייט, און ווער וועט מיך אַרבן? — איז ער אַריינגעפאַלן אין חומש־שפּראַך.

פאַר דעם האָטעל זיינען שוין געשטאַנען צענדליקער אומ־געדולדיקע געסט. בעת מיר האָבן געהאַלטן ביים דערנענטערן זיך צום טויער, איז דער האָטעל־אייגנטימער אַרויסגעקומען און פלעגמאַטיש גערופן די געסט מיט אַ טעמפּן גלאָק. ער האָט אים געוויגט אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט געשאָקלט אַ גלייכגילטיקן לולב, אָבער ווען ער האָט אונדז דערזען, האָט ער אָנגעהויבן קלינגען שנעל. ער האָט אויפגעהויבן דעם גלאָק אין דער הויך און אים אונדז אַנטקעגנגעקלונגען אין פּנים אַריין, ווי ער וואָלט אויסגעשפּילט אַ ספּעציעלן ברוך הבא צו שטיינמאַנען.

שטיינמאַן האָט פאַרשטאַנען די גלאָק־שפּראַך. ער האָט גענומען גיין נאָך שנעלער. אים האָט הנאה געטאָן די ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט און ער האָט זיך דערפאַר אויסגעגלייכט, כדי אויסצוזען נאָך גלייכער און ווירדיקער. ווען מען האָט אים גע־זען אַריינגיין אין האָטעל האָט זיך ערשט דער גאַנצער עולם גענומען רירן.

# קאפיטל צוויי

# I

נאָכן עסן, ווען שטיינמאַן האָט געהאַלטן אין גיין פון עס־צימער, האָט אים די טאָכטער אונטערגעטראָגן אַ פּיל און אַ גלאָז וואַסער. זי האָט אים די פּיל אַריינגעלייגט אין מויל. ער האָט פאַרזיפּט מיט אַ ביסל וואַסער און זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף דער טאָכטער, ווייל די פּיל האָט אים איבערגעשלאָגן אין מיטן רעדן און גראָד דעמאָלט, ווען ער האָט צעלייגט אַ געדאַנק אויף טעלערלעך.

ער האָט איינגעטענה'ט מיט אַ מאַן, וואָס האָט געטראָגן אַ העל און געקעסטלט היטל. דער מאַן איז געווען אַ סך נידריקער פון שטיינמאַנען און האָט נאָך געהאַט אַ היפּשן בויך, וואָס האָט שטאַרק פאַרקלענערט זיין וואוקס. פון היטל האָבן אין פאַרשיידענע זייטן אַרויסגעשטאַרטשעט שטיקער געלאַקטע האָר. כאָטש דער קאָפּ זיינער איז געווען צוגעדעקט, איז פונדעסטוועגן געווען לייכט צו דערקענען, אַז דאָס איז לעצטע ביסל טויט־געוויקס פון אַ פּליך. די האָר האָבן אויסגעקוקט ווי זיי וואָלטן געהערט צום היטל און נישט צום קאָפּ.

שטיינמאַן האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר דעם מאַן און אַז יענער האָט מיך שיינע עטלעכע מינוט אַרומגעטאַפּט מיט פראַגן, האָט ער מיך פלוצים אָפּגעשטעלט.

— שוין, שוין, איך ווייס שוין, מער דאַרפט איר זיך נישט מטריח זיין, — און פלוצים האָט ער מיך גענומען דוצן — יעך וועל דיר זאָגן אַ שיינע זאַך. עס האָט געפעלט אַ האָר און דו האָסט געקאָנט זיין מיין זון.

— אהאַ, דו וואונדערסט זיך, הער זשע מיך אויס. מיר האָט מען שטאַרק גערעדט אַ שידוך מיט דיין מאַמען, אָבער גאָר שטאַרק, און ס'האָט שוין געהאַלטן אויף אַ דרך. אָבער דער מאַמען דיינער איז אַלץ נישט געפעלן מיין יחוס. זי מיר — דוקא יאָ, הלמאי זאָל איך ליגן זאָגן. איך בין נאָך דערצו געווען

אַן אָרימער יונג, כ'האָב מיין יחוס נישט געקאָנט באַשמירן מיט פּרנסה. הכלל, עס האָט שוין געהאַלטן ביי ברעכן טעלער און מיטאַמאָל איז געוואָרן אוים. איר זעט, פאַניע שטיינמאַן, קוקט אים גוט אָן. ער איז שיר מיין זון.

איך האָב אים געוואָלט דערציילן, אַז זיין געוועזענער שידוך איז ערשט נישט לאַנג צוריק געשטאָרבן, אָבער ער האָט מיר נישט געגעבן קיין געלעגנהייט צו רעדן. ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט אויף אַ שטאַרקער באַגייסטערונג, וואָס ער האָט דערטאַפּט אַ מאָדנע משפּחה.

אויף דער פאָדלאָגע פון גאַניק איז האַלב געלעגן און האַלב געזעסן אַ פרוי און געהרויכערט אַ פּאַפּיראָסל. צווישן דער פּאָדלאָגע און איר צעשפּרייטער ברייטקייט זיינען געלעגן עטלעכע פלושענע קישעלעך. זי האָט געהאַט אַ גרויסן קאָפּ און אויף דעם קאָפּ איז נאָך געווען אָנגעמויערט אַ הויכע פריזור, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּיתום ורעמסס פון פריזירעריי. זי האָט זיך אָנגעלענט אָן דער וואַנט, אַרויסגעשטעלט דעם ברייטן בוזים און געשטרעקט די פיס אין אַזאַ באַקוועמקייט, וואָס האָט פּאַקטיש קיינעם נישט געלאָזט דורכגיין. מענטשן האָבן שפּאַצירט, צוגעקומען צו די אויסגעשטרעקטע פיס און כאָטש ס'איז נאָך געבליבן אַ גוטע העלפט צום שפּאַציר אויפן גאַניק פון האָטעל, איז מען גלייך צוריקגעגאַנגען, ווייל קיינער האָט נישט געוואָלט נעמען אויף זיך אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט. זי האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסע געביידע, וואָס איז צוזאַמענגעשלאָגן געוואָרן אויף דערווייל; און טאָמער חלילה וועט מען איר שטערן, וועט איינקראַכן די פריזור, ס'וועט צוזאַמענפאַלן דער בוזים און ס'וועט קומען צו אַ קאַטאַסטראָפע.

אָבער נישט געקוקט אויף דער איינגעפונדעוועטער באַקוועמקייט האָט זי געבאַמבלט מיט אירע לאַנגע אויערינג, באַוויזן אַרונטערצושאַרן דאָס אַש פון פּאַפּיראָסל מיט אַ מענערשער געניטקייט. פון דער נאָענט האָט זי אויסגעזען ווי אַ גרוי־געוואָרענע ציגיינערין.

— רוזשע, באַקען זיך, דאָס האָט געקאָנט זיין אונדזער זון.

פשעפּראַשאַס, כ'מיין מיין אייגענער זון, — האָט ער זיך גאָר־נישט געקאָנט אָפּוואונדערן. ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט אַ צערטלעכן בליק, ווי ער וואָלט טאַקע צו מיר געקראָגן אַ שטיקל קרובה'שע באַציאונג. ער האָט איבערדערציילט דעם גאַנצן יחוס, אָבער זי האָט אַרויסגעלאָזן דעם רויך מיט אַ שטו־דירטער געלאַנגווייליקטקייט.

— פאַניע פינקעל, פאַניע פינקעל, — האָט זי געזאָגט מיט חוזק און זי האָט אים אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק וואָס האָט קלאָר געמיינט, אַז ער רעדט עובר־בטל'דיקע רייד. אָבער נישט נאָר ער, נאָר איך בין אויך געוואָרן אַ ביסל צוגעפּלעטשט פון איר גלייכגילט.

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט הילפלאָזיקייט און ער האָט זיך פאַרענטפערט שטיל, קוים וואָס מען האָט אים געהערט.

— מיין צווייט ווייב, — האָט ער אַ קוועטש געטאָן מיט די אויגן, ער האָט מיר געוואָלט געבן צו פאַרשטיין אַ רעיון, — מיין צווייט ווייב.

עס זאָל הייסן, איר קאָנט שוין אַליין פאַרשטיין מיין לאַגע, איר כאַפּט דעם געדאַנק, אַז מען טאָר נישט זאָגן קיין צווייט וואָרט?

פונדעסטוועגן האָט ער פאָרט אַרויסגעוויזן אַ ביסל כאַראַק־טער. ער האָט מיך אָנגענומען ביי דער האַנט זייער וואַרים. ער האָט עס געטאָן דעמאָנסטראַטיוו צו באַווייזן, אַז ער רייסט זיין משפחה'שאַפט מיט מיר אַלץ נישט איבער, וואָס זיין צווייט ווייב זאָל נישט טראַכטן וועגן דעם. פאַרקערט, ער רעדט נאָך אַלץ וועגן דעם ענין.

— ניין, — האָט ער געזאָגט, — דיין טאַטע קאָן זיך טאַקע זיין אַ וואוילער מענטש, אָבער פּראַקטיש גערעדט האָט דיין מאַמע נישט געטראָפן. איך האָב אין לובלין אַ שם פאַר אַ ייד אַ נגיד. איך פאַרמאָג זיך פיינע עטלעכע קאָמעניצעס, איינע גלייך ביים זאַקסישן גאָרטן. איר האָט אַ באַגריף, וואָס דאָרט איז ווערט אַ קאָמעניצע? און שאַצן שאַצט מען מיך אפשר — איך האָב געוואָרט, אַז עס זאָל פאַלן אַ שווערער ציפער ווי אַ באָמבע,

אָבער ער האָט ווייכער געמאַכט דעם קלאַפּ — מען שאַצט מיך אפשר אין פינף מאָל מער ווי איך פאַרמאָג.

שטיינמאַן איז געוואָרן אומגעדולדיק און אַפילו אַ קליין ביסל אייפערזיכטיק, וואָס די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט איז אַפּגעווענדט געוואָרן פון אים. ער האָט זיך גענומען גיין, אָבער מיין לובלינער האָט אים אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט.

— זאָל איך גאָט היטן, פאַניע שטיינמאַן, וואָס הייסט איר לאָזט מיך אינמיטן, אויפן דראַנזשיק? איר לאָזט מיך שטיין מיטן בייטשל און איר גייט זיך אַוועק.

שטיינמאַן איז נאָך אַלץ געווען ברוגז׳לעך. ער איז צוגע־גאַנגען צו אַ שטול און זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט געוואָלט זיין ביחידות, נאָר אַז מיר האָבן זיך גענומען וויג־שטולן און זיך אויך אַוועקגעזעצט לעבן אים, האָט ער זיך גלייך געלאָזט איבערבעטן.

— וואָס לאָז איך דען שטיין אינמיטן? איר האָט מיר גאָר־נישט איבערגעשלאָגן, — האָט ער געזאָגט ענוות׳דיק. — נאָך דעם מאָלצייט, וואָס מען פּאַקט דאָ, קיין עין הרע, אריין, האָב איך זיך גענומען דערמאָנען אין די עסנס, וואָס מען האָט אַמאָל געגעסן מיט פּופּציק, אפשר מיט גאַנצע זעכציק יאָר צוריק. עסנוואַרג שפּילט אַ גרויסע ראָלע. מען רעדט וועגן נאַציאָנאַלע מאכלים, ווייל די מאכלים אַליין האָבן כאַראַקטער. אַז איך וויל זיך דערמאָנען אין מיין קינדהייט איז רעכט, אַז איך זאָל זיך דערמאָנען אין אַ שטיקל ברויט אָנגעריבן מיט קנאָבל. עס איז אַלץ דאָסזעלבע: דאָס שטיקל ברויט, דער קנאָבל, דער מאַמעס האַנט, בעת זי דערלאַנגט דאָס ברויט, און דאָס שטיקל ברויט ווערט אַ טייל פון מיין יונג לעבן. עס איז אָבער אַ גרויסער מהלך, דעמאָלט איז דאָס רעפטל ברויט אַלט געווען פיר יאָר און היינט עס איך פילן.

— לאַנג לעבן זאָלט איר, פאַניע שטיינמאַן, אַז איר רעדט איז טאַקע דאָ וואָס צו הערן, — האָט זיך פינקל צעוואַרימט. — איר לייגט עס אַרויס אַזוי קלאָר, אַז עס איז אַ מחיה. בחור׳ווייז בין איך אַמאָל מגולגל געוואָרן קיין גאַליציע. אַזוי שנעל ווי איך

נעם זיך דערמאָנען אין די גאַליציאַנער מאכלים, שטייט מיר אַלץ פאַר די אויגן, פאַר די נאָזלעכער, פאַר אַלע חושים.

פינקעל האָט זיך באַגייסטערט פאַר זיינע אייגענע רייד.

— נעמט אַזאַ וואָרט ווי באַנען. אין לובלין זאָגט מען בוינע, אַנדערע זאָגן באָב, פאַסאָליעס, אָבער אַז איך זאָג ארויס דאָס וואָרט באַנען, דערזע איך, ווי דער וואַסערטרעגער גייט שבת פון דאַווענען. ער גייט אָנגעטאָן לאַטעס אויף לאַטעס, אָבער אַן אויסגעקראָכן שטריימל טראָגט ער, ווי אַן אָרימער רב. דאָס איז געווען קירה.

אַ הויכער אָפיציער איז פּלוצים צוגעקומען צום הויז. ער האָט געגומען גיין אויף די טרעפּ און נישט קוקנדיק אויף קיינעם איז ער אַן אַ וואָרט צוגעגאַנגען צו אַ מאַן, וואָס איז געזעסן פאַר זיך. דער אָפיצער האָט אים אַ רוף געטאָן מיט אַ פינגער און יענער האָט זיך אויפגעהויבן און אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ היפּנאָטיזירטער. עס האָט אויסגעזען זייער וויכטיק, אָבער ביידע זיינען שוויינגדיק צוגעגאַנגען צו אַ טישל, וואו ס׳איז אונטער די הענט אויסגעוואַקסן אַ שאַך און זיי האָבן זיך פאַרטיפט אין שפּיל.

— אַז איך דערמאָן זיך אין פעסער קוואַסניצעס, — האָט פינקעל זיך נישט געקאָנט אָפּרייסן פון זיינע מחשבות און שטיינמאַן האָט אויף אים געקוקט מיט אַ גוט שמייכעלע, ווייל ער אַליין האָט זיך איצט פאַרגונען, נאָך פרישטיק, אַקוראַט אַזאַ לייכטן געשפּרעך, — אַז איך דערמאָן זיך אין דעם זויער-קרויט, אין דעם עפּל וואָס מען האָט אַרויסגעגראָבן פון פאַר-פרוירענעם פאַס און וואָס האָט געקאָנט מינטערן אַ גע׳חלש׳טן. אַן איי מיט אַ ציבעלע איז געווען דאָס קעניגלעכסטע מאכל. מען האָט געגעסן אַ פאַלשע זופּ, וואָס איז טאַקע געווען פאַלש פון קאָפּ ביז די פּיס. אַמאָל אויך אַ שטיקל דעמפּ-פלייש, אָבער אויפן לעפל, כ׳מיין טאַקע אַזוי ווי איך זאָג אייך, אויפן לעפל און נישט אויפן טעלער. שיין וואָלט אויסגעזען אַ גאַליציאַנער הויזגעזינט פון זעקס מענטשן, וואָס האָט געקויפט אַמאָל אַ האַלב פונט פלייש פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, אַז מען זאָל טיילן

פּאַרציעס אויפֿן טעלער. איז דאָס געווען אַ מחיה׳דיקע אַרים־קייט! — איז פֿינקעל באַגייסטערט געוואָרן פֿון זיינע אייגענע דערמאָנונגען.

פֿאַר גרויס התפּעלות האָט ער אַרונטערגעבאָפּט זיין היטל און גענומען ווישן אַ שוויסיקן, רויטן פּליך מיט גרויסע, געלע פֿלעקן. די טויטע האָר זיינען איצט געפֿלויגען אין אַלע זייטן.

— ברויט איז געווען נישט צו פֿאַרזינדיקן. דאָנערשטיק האָט מען פֿאַרמישט די ראָשטשינע און פֿרייטיק גאַנץ פֿרי האָט מען געבאַקן דאָס ברויט פֿאַר דער גאַנצער וואָך. אָבער אַ חוץ ברויט איז מען אָפּגעקומען מיט טייגלעך מיט מילך, קאָשע מיט מילך. אויפֿן לעפּל האָט מען געגעבן אי די באָנען און אי דאָס פֿלייש. דערפֿאַר איז שוין שבת געווען טשאָלנט, אַמאָל פֿיש, וואָס האָט אַפֿילו געפֿילטערהייט געהאַט דעם טעם פֿון אַן אָרימען הערינג. אַרבעס, קוגל מיט פֿעטן. אינמיטן וואָך האָט מען אויך געגעסן פֿיש, אָבער דאָס איז שוין געווען אַן אַנדער מין פֿיש, אַ מילכיקער, מיט אַ סך ביינער. אַזוי שנעל ווי מען האָט אים טועם געווען האָט מען גלייך געוואוסט, אַז עס איז אַ פּראָסטער מאָנ־טיק אָדער אַ מיטוואָך. היינט די באַבוליע־בולקעלעך, די געבראָ־טענע קאַרטאָפּליעס, וואָס האָבן זיך געבראָטן ווי קאַשטאַנעס, און האָבן געהאַט אַ באַזונדערן טעם, ווען מען האָט זיי געגעסן מיט פּאָדשמעטאַנע. אַ שטיקל ברויט מיט שמאַלץ און מיט זאַלץ איז געווען אַ דערקוויקעניש. אָבער די גאַנצע אָרימקייט, דער דלות איז אַרומגעשוואומען אין דער ציקאָריע, שוואַרצע, ברוי־דיקע ציקאָריע, מיט אַ קויטיקן שוים. עס איז געווען וואונדער־לעך צו לעבן אויף דער וועלט, — האָט פֿינקעל זיך אַזש צעסאָפּעט פֿון גרויס התפּעלות און צוריק אָנגעטאָן דאָס היטל. — איך בין דעמאָלט געווען אַ אינגל פֿון אַ יאָר פֿערצן. גאַליציע!

— אויסגעצייכנט! איך האָב אייך נישט געוואָלט איבער־שלאָגן, — האָט שטיינמאַן אים צוגעגעבן מוט. — עס איז געווען אויסגעצייכנט.

— איך דאַנק אייך, וואָס איר האָט מיך געלאָזט אויסרעדן פֿון די טיפֿעניש. אַז איך וויל אַמאָל אַ רעד טאָן וועגן מיינע

קינדער־יאָרן, אָדער וועגן עסן, מאַכט מיין ווייב אַ מינע, ווי איך וואָלט געהאַט אַ גע׳שמד׳טן האָלדז. זי שנורעוועט צוזאַמען דאָס פּיסקעלע ווי אַ טייבעלע, ווי זי וואָלט געלייגט הינטערן אויער. דאָס צווייטע ווייב, — האָט ער זיך פאַרענטפערט און געקוקט פונדעסטוועגן, אויב ער זיצט גענוג ווייט פון איר, אַז זי זאָל נישט הערן.

ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ פאַרבייגייער און מיך געפרעגט אויב איך דערקען אים.

— גיב זיך נאָר אַ דערמאַן, — האָט ער געהאַלטן דעם פינגער, ווי ער וואָלט מיך גענומען אויף אַן עקזאַמען.

דער מאַן האָט מיר טאַקע אויסגעזען אַ ביסל קענטלעך, אָבער איך האָב זיך בשום אופן נישט געקאָנט דערמאָנען.

— איך וועל דיר צוהעלפן, ער איז אַ לובלינער פעלדשער.

— בערל רופא! — האָב איך אויסגעשריגן.

ער האָט זיך צעלאַכט, אַז ער איז שיר נישט אַרונטער־געפאַלן פון שטול.

אַ שיינער בערל רופא. בערל רופא ליגט שוין אַ צוואַנציק יאָר אין ד׳רערד. ער איז שוין פאַר דיינע צייטן געווען אַן אַכ־ציקער. דער־אַ איז שפאַק פעלדשער, שוין אויך אַ מאַן פון אַ יאָר אַכציק. אָבער זעט ווי ער גייט גלייך ווי אַ סטרונע, ווי אַ פעלד־פעבל. אָבער טויב איז ער ווי די וואַנט. פייפט אים אַריין אין די אויערן.

ער האָט אים צוגערופן און פאַרגעשטעלט. יענער איז גע־שטאַנען אָנגעשטייפט, האָט נישט גערעדט קיין וואָרט און איז גלייך אַוועק.

— ער איז אַוועק, — האָט ער דערקלערט, — נישט ווייל ער האַלט זיך פאַר אַ גדול, נאָר דערפאַר ווייל ער האָט אינגאַנצן אויפגעגעבן דעם חוש פון הערן. עס שטייט אים שוין נישט אָן אפילו אויסצופרואוון זיין געהער, ער ווייסט, אַז עס אַרבעט שוין נישט באַלד צוואַנציק יאָר, פאַרוואָס־זשע זאָל ער זיך נאַריש מאַכן? און ווייל ער הערט נישט וואָס אַנדערע רעדן, איז ער

ביי זיך מיסתמא שטאָלץ און ער וויל נישט מען זאָל הערן וואָס ער זאָגט.

— אַ שיינע מעשה, — האָט פּינקעל אַלץ געלאַכט. — בערל רופא! דער האָט כאָטש געגעבן כינע פּאַר קדחת און גענומען אַ גאַנצן פּערציקער, אָבער בערל רופא האָט נאָך גענומען אַ גילן און געזאָגט אַזוי ערלעך, אַז עס האָט געקאָנט רירן אַ שטיין — איר הערט? מיר זאָלן אַזוי קיינם נישט וויסן פון קיין שלעכטס, ווי איך וויים נישט וואָס דעם קינד איז. שפּעטער איז געקומען די אַפּשפּרעכערקע, אָפּגעשפּראָכן אַ גוט־אויג, געהייסן אויפקאָכן פלוימען און דער חולה האָט געמוזט משתין זיין אויף די הייס־אויסגעקאָכטע פלוימען, און דאָס קדחת איז אַוועק ווי מיט דער האַנט.

ער האָט ווידער געכאַפּט אַ קוק, אויב זיין ווייב הערט נישט זיינע דערמאָנונגען. זיין ווייב האָט גראָד איצט פאַררויכערט אַ ניי פּאַפּיראָסל און זי האָט זיך נאָך שווערער אָנגעלענט אויף דער וואַנט.

— נו־אַ, גע'הולכ'ט! — האָט דער אָפּיצער געמינטערט זיין מיטשפּילער. — נו־אַ, — האָט ער זיך צעזונגען גמרא'דיק.

דער ייד האָט אים געסטראַשעט דווקא אויף פּויליש, אַז אויב מען וועט אים יאָגן וועט ער זיך גלייך אויפהויבן, ווייל ער האָט פיינט, אַז מען יאָגט אים אונטער מיט בייטשן. ביי אים איז דאָס אַ קאָפּ־זאַך. וואָס שפּילט ער, אין ביינדלעך?

דער אָפּיצער האָט אים אָנגעקוקט שפּאָטיש און ער האָט אים באַרואיקט מיט אַ שמייכעלע.

— דאָבזשע, דאָבזשע, — און ער האָט אים געקלאַפּט אין פּלייצע. דער אָפּיצער האָט נאָך אַלץ אונטערגעזונגען און עס איז געווען קענטיק, אַז ער איז געווען שטאַרק צופרידן, וואָס ער האָט דעם ייד אין אַ פּאַסטקע. און אַז דער ייד האָט זיך אַ ביסל באַרואיקט, האָט דער אָפּיצער אָנגעהויבן פון סאַמע אָנהויב און ווידער מיט אַ גמרא־ניגון.

— נו, צאַ טאַ זאַ שאַבעס האַלטן? גע'הולכ'ט, פּראַשע פּאַנאַ!

אָבער דער ייד איז שוין געווען אַזוי פאַרטיפט אין אַ גאַנג, אַז ער האָט געהאַלטן אַ שטיק און ער האָט נאָכגעזונגען גמרא־דיק דעם אָפּיצערס פּראַגע.

— זאַ שאַבעם האַלטן! זאַ שאַבעם האַלטן! געה'ולכ'ט, זאָל זיין געה'ולכ'ט — ער האָט אַלץ געהאַלטן דאָס שטיק און אַז דער אָפּיצער האָט געזען, אַז עס איז אַ מעשה אָן אַן עק, האָט ער זיך פאַרטיפט אין אַ קאָמבינאַציע און ביידע האָבן געזונגען דועט ווי נאָכטוואַנדלער און דוקא אויף אַ קוויטש.

— געה'ולכ'ט! געה'ולכ'ט! — דער ייד האָט אים איבער־געלאָזט אינמיטן דערינען און האָט זיך פּלוצים פאַרנומען אויף אַ טיפן באַס: — צאַ טאַ זאַ שאַבעם האַלטן! זאַ שאַבעם האַלטן!

— איר זעט די צוויי שאָך־שפּילער, — האָט שטיינמאַן געזאָגט, — זיינען זיי ביידע אַ קאַפּיטשקע פאַרקאַליכט, דער ייד מער פון אָפּיצער, און פאַרקאַליכטערהייט האָט דער אָפּיצער פיינט אַ ייד. איז אָבער אַן אומגליק, וואָס ער האָט ליב שאָך און ער מוז נעבעך אָנקומען צו יידן. און מען האָט אים מורא אָפּצוזאָגן. דער ייד קאָן אַזוי אוים מורא אָפּזיצן און אַריינהאַקן אַ צען שאָכן, איינעם נאָך דעם אַנדערן. אַז ער הויבט זיך אויף פון בענקל וואַקלט ער זיך אויף די פיס. דער אָפּיצער איז אַ בע־סערער שפּילער, אָבער איר דאַרפט אים אָנקוקען, ווען עס גע־שעט אַמאָל אַ קאַטאַסטראָפע און ער פאַרלירט אַ פּאַרטיע. ער ווערט גזלן, רוצח, מערדער, פּאָגראָמשטשיק און ער זידלט גלייך דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, וואָס האַלט אין איין שווינדלען און שאַכערמאַכערן.

— אַ מלאכה ביי זיי צו ווערן אַ פּאָגראָמשטשיק, — האָט פינקעל גענומען רעדן שטיל. — דער רוצח ליגט דאָך אים אויפן פּנים. שש... ער מבינ'ט כל דבור.

— מיינס אַן עלטערפעטער, אַן אַרענדאַר, האָט געמוזט כסדר האַלטן אין איין פאַרשפּילן שאָך מיט זיין פּריץ, — האָט שטיינמאַן דערציילט. — דער פּריץ האָט אים געזידלט נאָך יעדן פאַרשפּיל, אים גערופן קאַליקע, אידיאָט, זיך געלאָזט וואָוילגיין.

נאָר טאַמער האָט זיך איינמאָל געטראָפן, אַז דער פעטער האָט זיך פאַרגעסן און געוואונען אַ פּאַרטי, האָט אים דער פּריץ אַזוי צע׳מזיק׳ט מיט אַ שטעקן, אַז דער פעטער איז אָפּגעלעגן קראַנק דריי וואָכן.

— דער פּאַגראָמשטשיק ליגט דאָך זיי אין די ביינער. זיי וואָלטן זיך געבאָדן אין אונדזער בלוט. פון פּרעה׳ן אָן, וואָס האָט זיך געבאָדן אין בלוט פון קליינע יידישע קינדער, ווי איז מיר, — האָט פינקעל שוין גערעדט אַ ביסל העכער, — גוואַלט געשריגן, פאַרוואָס קומט עס אונדז, פּאַניע שטיינמאַן? וואָס האָט מען צו אונדז, פּאַניע שטיינמאַן?

— ע, איר פרעגט דאָך גרונטאָוונע פראַגן, — איז שטיינמאַן געוואָרן ערנסט, — איר ווילט וויסן תּוך זאַכן. איז הערט־זשע, זיי ווילן אונדז אומברענגען. נישט אַ האָרעלע ווייניקער. אום־ברענגען. אָט בין איך אַ פּוילישער פּאַטריאָט, ווי איר קוקט מיך אָן. פונדעסטוועגן וואָלטן זיי מיך אויך אומגעברענגט. מען וויל אונדז פּשוט פאַרטיליקן. דאָס איז עס — פאַרטיליקן, נישט דערלעבן זאָלן זיי.

— אָבער פאַרוואָס? — האָט פינקעל געפרעגט מיט אַ רחמנות פּנים. — עס מוז דאָך זיין אַ פאַרוואָס. בין איך געווען אַן אָרימאַן, האָט מען מיך פיינט געהאַט, בין איך היינט אַ גביר, קיין עין הרע, פאַרגינען זיי מיר נישט דאָס לעבן. איז מיין טאַטע געווען אַ פרומער ייד, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, האָט מען אים פיינט געהאַט, איז שוין מיין זון, דער איינציקער טאָפּ־לאָקשן מיינער, אַ טרייפניאַק, ער עסט שוין ראַקעס און פּליאַקעס, און ווייכט פון אַ מקום־קדוש — האָט מען אים פיינט. איר הערט, גאַנץ אָפט דריקט עס מיך צו און איך וויל שרייען אין די גאַסן: פאַרוואָס?

— פאַרוואָס? פאַר שבת. אַ שיינע געשיכטע. איך זאָל זיך דאָ אָוועקזעצן און אייך געבן דעם תּירוץ פאַרוואָס קין וויל דווקא דערמאָרדן הבל׳ען. דאָס איז דעם עלטער־עלטער־זיידעניו ווייערס, קינ׳ס יובע. יאָ, מען האָט אונדז פיינט פאַר שבת, און מען האָט אונדז פיינט פאַר מחלל שבת זיין. מען האָט פיינט

פרומע יידן — לייבסערדאַקעס און פרײַדענקער, וואָס עסן ראַקעס, מען האַסט אונדזערע קאַפּיטאַליסטן און קבצנים, אונדזערע רעאַקציאָנערן און ראַדיקאַלן, אונדזערע ברויטגעבער און די וואָס שטאַרבן דריי מאָל אין טאָג פאַר אַ שטיקל ברויט. מען טראַכט־אויס שיינע נעמען, מיט עקאָנאָמישע אורזאַכן. אַמאָל הייסט ער פּרעה, אַמאָל הייסט ער טאָרקוועמאַדע, און אַמאָל גיט ער זיך אַ נאָמען היטלער, ימח שמו, אָבער —

— איר ווייסט, — האָט זיך שטיינמאַן פּלוצים איבערגעשלאָגן, — איך האָב אויף מיינע פּלייצעס איבערגעלעבט דעם באַרימטן קאַלישער פּאָגראָם. דאָס האָט זיך גערעכנט פאַר דעם ערשטן פּאָגראָם אין פּוילן, כאָטש איך קאָן אייך נישט גאַראַנטירן, אַז אונדזערע גוים האָבן זיך פריער אויך נישט צעיובעט. נאָר אַזוי ווי עס הייסט אַזוי ביי היסטאָריקער און איך אַליין בין פון זעלבן פאַך, מוז איך האַלטן שטאַט און עס באַצייכענען פאַר דעם ערשטן — זאָל זשע זיין דער ערשטער. יעדע זאַך מוז האָבן אַ שטיקל אָנהויב, איז דאָס דער אָנהויב, אָבער יידישע פּאָגראָמען האָבן נישט קיין אָנהויב און נישט קיין סוף. און געשען איז דער ערשטער פּאָגראָם איבער דעם ערוב. די גוים האָבן דעמאָלט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דאָס איז אַ געהיימער יידישער טעלעגראַף. עס איז שוין אַ מעשה פון אַ יאָר 55. דעמאָלט האָט זיך געגאָסן יידיש בלוט ווי וואַסער. איך האָב זיך געראַטעוועט על פּי נס, באַהאַלטנדיק זיך אין שול, אין אַן אַלמער פון ספרים. אַרום מיר אין שול האָט מען געמאַכט אַ חורבן, מען האָט געהאַקט, געבראָקט, געפּלינדערט, גערויבט, געריסן, געפליקט און מטמא געווען ספר־תורה׳ס, אפילו נישט געשאַנעוועט דעם בית־יהודה׳ס באַרימטע ספר־תורה. איר האָט אוודאי נישט געהערט פון דער מסורה, אָבער איר קאָנט קריגן אַ שטיקל באַגריף, ווען איך וועל אייך דערציילן וואָס עס שטייט געשריבן אין ספרים, אַז בעת די ספר־תורה איז געשריבן געוואָרן זיינען געפלויגן פונקען פון יעדן אות. איז די ריינקייט אויך אַריינגעפאַלן אין די הענט פון די אומווירדיקע רשעים. נאָר מיך האָבן די בוליגאַנעס פאַרזען. באַשערט געווען, ווי איר זעט, אַ ספר פון דער

אַלמער, וואו איך בין ניצול געוואָרן, געפינט זיך נאָך אַלץ ביי מיר. עס איז אַ צעפּליקטע גמרא, אַ בבא בתרא. איך וועל זיך דערמיט, ביי מיין לעבן, קיינמאָל נישט שיידן.

פינקעלס אויגן זיינען איצט געווען אָנגעגאָסן מיט טרערן. ער האָט געקוקט אויף שטיינמאַנען מיט וואונדער. ער האָט דורכגעלעבט דעם פּאָגראָם אין שול, געזען באַשיינפּערלעך, ווי שטיינמאַן איז געראַטעוועט געוואָרן. ער האָט געהאַט אַ פרום מויל, ווי ער וואָלט אַליין געוואָלט גומל בענטשן.

— איך ווייס נישט צי איר זענט אַ סך עלטער פון מיר, אָבער פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן אַלט און אַלט. אַז איך נעם דערציילען, דערצייל איך וועגן פּרעסאַרניע, — האָט ער זיך געשטראָפט, — און אַז איר רעדט, איז ממש ווי איך וואָלט געהערט פאַרלייענען אַ מעשה-ביכל.

## II

דאָס רעדל פון וויג-שטולן אין געוואָקסן און געוואָקסן. שטיינמאַן איז שוין איצט אויסגעקומען אינמיטן און אַרום אים האָבן זיך שוין געוויגט אַ זיבן - אַכט צוהערער.

— דעמאָלט איז די ישיבה, וואו איך האָב געלערנט, איבער־געטראָגן געוואָרן צוליב דעם פּאָגראָם קיין בזשעזין, אָבער צו יענער צייט האָט זיך באַוויזן אין פּוילן דר. עזריאל הילדעסהיי־מער. ער איז געקומען קיין לאָדזש נאָך שטיצע פאַר זיין ראַבינער־סעמינאַריום אין בערלין. ער איז געקומען כלומרשט ווערבירן תלמידים פאַר זיין סעמינאַריום.

אַ קליינקייט, איך גיב זיך אַזוי אַ זאָג — הילדעסהיימער, עס איז אַ שפּרונג צוריק מיט מיינע אַלטע פיס. הילדעסהיימער איז אַ קאַפּיטל, און נישט נאָר אַ קאַפּיטל, נאָר אַ גאַנץ בוך. — שטיינמאַן האָט געשוויגן אַ ווייל און ווידער גענומען דערציילן:

עס האָט זיך אַ שיין ביסל אָפּגעטאָן, ווען דער יידישער דייטש איז געקומען קיין פּוילן. יידן זיינען געלאָפן אויף בייז וואונדער

הערן זיינע פרומע דרשות. אַנגעטאָן איז ער געווען ווי אַן אמת'ער דייטש, אָבער ער איז געווען משוגע-פרום. ער האָט פאַרמאָגט אַ הדרת פנים, עס איז זיך געווען אויף וועמען צו פאַרקוקן. אַזאַ ייד האָט יענע צייטן אַ פּנים געהאַט ווי איינער פון די פאַרלוירענע שבטים.

היינט זיינע באַ'טעמ'טע דרשות, וואָס ער האָט געהאַלטן אין די שולן! יידן האָבן זיך גאַרנישט געקאָנט אָפּוואונדערן פון דעם ניי-מאָדנעם מגיד, וואָס האָט נישט געסטראַשעט מיט פעסלעך סמאָלע אין גיהנום, נאָר וואָס האָט גערעדט וועגן די העכערע פליכטן פון אַ ייד צום רבונו של עולם.

פאַרשטייט זיך, אַז ביי אים איז גאָט דערהויבן געוואָרן צו אַ ריבאָנענע שעל אָלעם. אונדזערע פּוילישע יידן האָבן נישט געהאַט קיין צו-גרויסען צוטרוי צו אַזאַ פאַרדייטשמערישטן גאָט, אָבער זיי האָבן ליב געהאַט די דרשות, וואָס זיינען געהאַלטן געוואָרן אויף אַן אמת'ן דייטש און נישט אויף דייטשמעריש. יעדער דרשה האָט ביי דר. הילדעסהיימער געהאַט אַ באַרג-אַרויף און אַ באַרג-אַרונטער. נאָך איידער ער האָט געענדיקט האָבן יידן דערפילט, אַז ער האָט שוין אויסגעשעפּט דעם גאַנצן ברונעם ביז צום דנאָ. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס אונדזער-ריקע יידן האָבן געהערט וועגן דעם יידישן גאָט אויף אַ פרעמ-דער, האַלב-פאַרשטענדלעכער שפּראַך. עס איז נישט געווען דער זעלביקער האַרציקער טאַטע-פאָטער, מיט וועמען דער בער-דיטשעווער האָט זיך אויסגעטענה'ט, נאָר אַ ווייטלעכער, אַ פרעמדער, אַן אויסגעפּראַנטעוועטער און אַ פאַרדייטשמעריש-טער. יונגעלייט האָבן שוין אָבער קאָקעטירט מיט דעם געדאַנק פון אַ וועלטלעכן גאָט און דר. הילדעסהיימער האָט גערעדט צו זיי וועגן דער „פילאָזאָפיע פון רעליגיאָן". די יידענעס אין ווייבער-שול האָבן גאַרנישט פאַרשטאַנען, אָבער זיי האָבן געוויינט ווי צו כל-נדרי. געוויינלעך האָבן זיי אויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין ביים דעם ערשטן באַקענטן וואָרט וואָס זיי האָבן געראַטעוועט, אין דעם ים פון דייטש. עס האָט געמעגט זיין אַן אומשולדיק וואָרט האָבן זיך יידענעס אַרומגעכאַפּט מיט דעם ווי מיט אַן

אייגענעם, אַ ווייטן קרוב, וואָס איז נעבעך געווען פאַרפאַלן אַ לאַנגע צייט צווישן טייטשן.

דר. עזריאל הילדעסהיימערס פולער, זאַפטיקער נאָמען איז געווען אויף אַלעמענס ליפּן. אַלע האָבן געוואוסט, אַז ער איז געקומען ווערבירן תלמידים פאַר דעם סעמינאַריום.

הכלל, איך האָב זיך פאַרשריבן מיט אַ גרופּע חברים צו שטודירן אויף ראַבינער. איך בין שוין דעמאָלט געווען פאַר׳סמ׳ט מיט השכלה־ספרים, שוין געהאַט אַריינגעזופּט תולדות חכמי ישראל, דברי ימי עולם, אשמות שומרון, עיט צבוע און דעם פיינעם פאַסטאָראַל פון אהבת ציון. איך האָב זיך אַרומגעשפּילט מיט אַ חלום, וואָס האָט געקלונגען זייער וואַזשנע — נישט מער און נישט ווייניקער, ווי צו רעפאָרמירן דאָס יידיש־פּוילישע גייסטיקע לעבן.

— ווי איר זעט מיך איצט אַ לעבעדיקן, — האָט שטיינמאַן געמאַכט אַ שטיקל הפסקה און געכאַפּט דעם ערשטן קוק אויף די נײַ־צוגעקומענע, וואָס האָבן געשלונגען יעדער וואָרט, — מיר זיינען אַלע געגאַנגען צופוס קיין בערלין. מיר האָבן געשפּאַנט מיט די שענסטע און ריינסטע האָפנונגען צו טרינקען פון קוואַל פון וויסן, אָבער געקראָגן האָבן מיר אַ שיינעם קבלת פנים.

צי דערפאַר וואָס דר. עזריאל הילדעסהיימערס נסיעה קיין פּוילן איז געווען אַ מאַטעריעלער דורכפאַל, צי גאָר ווייל דר. הילדעסהיימער האָט בטבע געהאַסט אַ פּאָלנישן יודע, אָבער ווען מיר זיינען מיט מזל אָנגעקומען קיין בערלין און געוואָלט צופאַלן צום באַרימטן קוואַל, האָט ער אונדז אַלעמען געהאַט ערגעץ אַנדערש. ער האָט איגנאָרירט די פּוילישע בחורים. מיר האָבן זיך דערזען אין אַ פרעמדער שטאָט, אָן אַ טאָג איבער־צולעבן. מיר האָבן געשנאָרעט ברויט. די געמיינדע האָט זיך געשעמט מיט אונדזער פּוילישן טראַכט און מען האָט גלייך געזוכט מיטלען ווי פטור צו ווערן פון אונדז.

האָבן זיך טאַקע די שוואַכערע פון אונדז געלאָזט איבער־ריידן און זיי האָבן געמאַכט דעם השיבינו נאָזאַד, אָבער די

עקשנים, און איך בתוכם, זיינען פאַרבליבן, די דייטשע יידן אויף צעפּוקעניש.

און שנאָרנדיק אַ ביסן ברויט מיט אַ געלעגער האָבן מיר זיך אַלע צוגעכאַפּט צו דער דייטשער שפּראַך. איך האָב גע־שלונגען ליטעראַטור, געאָגראַפיע, געשיכטע. איך האָב זיך דערשלאָגן ווי אַ פרייער צוהערער אויף קורסן אין אוניווערזי־טעט. געווען דעמאָלט אַזעלכע קריסטלעכע פּראָפעסאָרן, וואָס האָבן זיך מרחם געווען אויף אונדזער ערלעכן דורשט צו לערנען און זיי האָבן אונדז פאַרשריבן אומזיסט, און פון די הויכע קאַ־טעדרעס אַרונטערגערעדט צו אונדז, ווייל זיי האָבן געוואוסט, אַז יעדער וואָרט איז ביי אונדז אַנגעלייגט.

געבענטשט זאָלן זיין די יידישע דינסטמיידלעך און קעכינס פון גאַליציע, וואָס זיי האָבן אַ ביסל געשפּייזט דעם גוף, בעת די קריסטלעכע פּראָפעסאָרן האָבן זיך מטפּל געווען מיט אונדזער גייסט. די יידישע קעכינס, מיט זייער וואַרים הארץ, האָבן אונדז אַ ביסל צוגעזען. פאַר זיי זיינען מיר אַלץ געווען ישיבה בחורים און זיי האָבן אונדז באַשטאַט אין יידישע הייזער. זיי האָבן אונדז אויסגעזאָגט דעם סוד, ווען מען מעג זיך אַריינ'גנב'ענען אין קיך צו קריגן אַ לעפל וואַרימס. אַ סך פון זיי האָבן פּשוט געוואָרפן אַן אויג אויף עטלעכע פון אונדז און געטראַכט וועגן תכלית, אויף אַנדערע מזל'דיקע הענער האָבן געוואָרפן אַן אויג די יונגע באַלעבאָסטעס אַליין; אַזעלכע זיינען אוודאי געווען פאַרזאָרגט מיט אַלדאָס גוטס. עס האָט נישט גענומען לאַנג און זיי האָבן זיך שיין אויסגעפּאַשעט און עס האָבן גענומען בליען ביי זיי די באַקן. אַזעלכע יונגעלייט האָבן זיך געפילט אין בערלין ווי גאָט אין אדעס. נישט נאָר זיינען זיי געווען באַזאָרגט מיט טעג, נאָר זיי האָבן נאָך געהאַט אַ ביסל טאַשן־געלט אויך.

— איך מוז צוגעבן, — האָט שטיינמאַן אַ קוק געגעבן אויף אונדז מיט זיינע יונגע, שוואַרצע אויגן, — איך בין געווען אַ ווייסטער שלימאַזל. אין מיר האָבן זיך קיין דינסטמיידלעך נישט פאַרליבט און קיין באַלעבאָסטעס אוודאי נישט. איר קאָנט מיר גלויבן אויפן וואָרט, אַז איך בין געווען אַ גאַנץ שיינער

יונגערמאַן, נאָר אַזאַ סקעלעט, אַז מען האָט דעם יונגענמאַן איג־גאַנצן נישט אַרויסגעזען. איך האָב געהאַט מזל צו אַלטע און מיאוסע קעכינס, וואָס בעת זיי האָבן מיר געגעבן צו עסן, האָבן זיי אויף מיר געקוקט מיט אַזעלכע קעלבערנע אויגן און האָבן גע־זיפצט אַזעלכע האַרצרייסנדיקע זיפצעניש, אַז מיין ברויט איז געווען באַשמירט מיט האָפנונג־זיפצן פון אַלטע בתולות. אַזאַ ברויט איז מיר נישט איינגעגאַנגען, עס איז מיר געבליבן שטעקן אין האַלדז.

צו יענער צייט האָב איך נאָך ניט געהאַט אינגאַנצן אויפ־געבן דעם געדאַנק פון ראַבינערייַ, כאָטש דאָס גלחים־יידישקייט האָט מיך שוין היפּש אָפּגעשטויסן. דער הונגער האָט מיך גע־טריבן פון בערלין און איך האָב באַשלאָסן אויסצופּרואוון מיין מזל אין ברעסלאַו, און דעמאָלט בין איך געוואָרן אַ שטיקל איינגייער ביי פּראָפ. גרעץ אין הויז. כ׳האָב זיך געריסן צו אים דורך פאַרשיידענע זייטיקע וועגן און רעקאָמענדאַציעס, ביז פּראָפעסאָר גרעץ האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַן אויסנאַם מיט מיר און מיך געלאָזט צו זיך אין הויז. דער פּראָפעסאָר גרעץ האָט אויך פיינט געהאַט אַ פוילישן ייד, ווי אַן אמת׳ער אַנטיסעמיט. ביי אים איז אַ פּאָלנישער יודע געווען אַ לומפּ און אַ שאַכער־יודע. עס האָט געקלונגען מאָדנע צו הערן די אַלע וואוילע קאָמ־פּלימענטן פון דעם אַלטן גרעץ, וואָס האָט געגעסן אין קאַפּל און האָט אָפּגעהיט פרום־יידישקייט. ער האָט געהאַט אַ שוואַכ־קייט צו האָבן נאָך צוויי יידן ביים טיש יעדן פרייטאָג צו נאַכטס, כדי ער זאָל קאָנען בענטשן במזומן. קידוש האָט ער ליב געהאַט צו מאַכן מיט דעם גאַנצן קנאַק און מיט דער דייטשער אויס־שפּראַך. ער האָט קאָקעטירט מיט דעם הייליקן לשון. ער האָט מיך גע׳מוסר׳ט, וואָס איך כאַפּ אָפּ אַזוי שנעל. ער האָט מיר דערקלערט אַז קידוש איז ריטואַל, פייערלעכקייט, און אַז מען דאַרף עס זאָגן מיט גרוים ישוב הדעת, נישט ווי די פּאָלנישע יודן, וואָס האָבן נישט קיין זין פאַר צערעמאָניע, וואָס זיינען אָדער פינסטערלינגע, אַבערגלויבישע, שמוציקע חסידים — גרעץ האָט געשפּיגן קלעק אויף די חסידים, ווי זיי וואָלטן געווען

די געמיינסטע יידן אויף דער וועלט — אָדער זיי ווערן פּושעים און אַפּיקורסים, וואָס פאַרלייקענען די השגחה פּרטית.

נאָך דעם קידוש האָט דער אַלטער פּראָפעסאָר נישט פאַר־פעלט צו דערמאָנען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, אַז דעם בעכער האָט אים געגעבן אַ מתנה נישט קיין אַנדערער, ווי דער אַלטער משה מאָנטעפיאָרע בכבודו ובעצמו. ער האָט זיך אין דעם בעכער געשפּיגלט, און אַז ער האָט אים אַרויסגעגעבן פון דער האַנט אויף אַנצוקוקן, האָט ער פונדעסטוועגן נאָך אַלץ געהאַלטן אַ פינגער אָדער צוויי אויף דעם בעכער, כּדי צו זיין זיכער, אַז ער וועט נישט אויסטריקענען און פאַרשווינדן אונטער די הענט.

גאַנץ אָפט פלעגט זיך צו פּראָפעסאָר גרעץ פרייטיק צו נאַכטס אַריינכאַפּן אַ גלח. דער גלח און דער אַלטער פּראָפעסאָר זיינען געווײנלעך אַריינגעפאַלן אין טיפער רעליגיאָנס־חקירה. דער גלח האָט געקענט עטלעכע העברייאישע ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט מיט אַן אמת'ן גלח'ישן אַקצענט. דער געשפּרעך האָט זיך גלייך אַוועקגעלאָזט אויף דעם דרך פון דיסקוסיע וועגן די פאַרשיידענע אמונות, אויף דעם שטייגער פון נאַטאַן דער וויזע. דער גלח האָט טאַקע גערופן דעם אַלטן „נאַטאַן דער וויזע", אָבער דער אַלטער האָט זיך נישט געלאָזט אָפּ־קויפן. זיינע אויגן האָבן זיך צעפלאַקערט, ווען אים האָט זיך געדוכט, אַז דער גלח רירט אָן די יידישע אמונה. גרעץ האָט דעמאָלט געפייערט וועגן דער ערהאַבנקייט פון דער יידישער מאָראַל, פון אונדזער מיסיאָן, וועגן דעם לא תרצח, וואָס מען האָט אַרונטערגעדונערט פון סיני פאַר אַ געצנדינערישער וועלט.

ער איז געווען אַ טייערער ייד און אַ גרויסער למדן, דער פּראָפעסאָר גרעץ. מיך האָט ער כּסדר געלערנט, ווי אַ יונגען ראַבינער, ווי אַזוי איינצופלאַנצן די יידישע אמונה, נישט אין די הערצער, נאָר אין די מוחות. אַ האַרץ קאָן זיך לייכט באַקערן, אָבער אַ קאָפּ שטייט העכער ווי דאָס האַרץ. די קלאָרע יידישע רעליגיע רעדט צום מוח.

איך האָב זיך געשעמט פאַר פּראָפעסאָר גרעץ מיט מיין גרויס אָרימקייט און איך האָב זיך אַלעמאָל אַרויסגעדרייט, ווען

ער האָט מיך גענומען אויפן צימבל וועגן אין מקח אין תורה. אַ סך מאָל האָט ער מיר אונטערגעוואָרפן עטלעכע מטבעות אין מיין מאַנטל. אָבער מיין דאָברע־מזל איז געווען האַלבער הונגער. איך האָב זיך געטוליעט צום פאַרקוואַרטן יידישקייט, וואָס האָט אָנגעהויבן צו ווערן פאַראַמעראַצעוועט מיט אַ גראָ־בער הויט. פאַרבליבן איז דאָס פחד־יידישקייט. איך האָב פאַר־קויפט שיר־המעלות׳ן צו קינפעטאָרינס. איך האָב געביטלט חמץ מיט אַ קאָכער־לעפל אין יידישע הייזער. איך בין סוכות אַרומגעלאָפן מיט אַ לולב און געשאָקלט לולב מיט גאַנצע פאַ־מיליעס, וואָס זיינען נישט געגאַנגען אין שול אַריין, נאָר זיי האָבן זיך מורא געהאַט צוצורירן צום עסן אָן אַ שאָקל.

ערב יום־כפור בין איך גאָר געווען באַשעפטיקט. איך האָב געטראָגן אַ לאַנגען קאַפּטאַן, און אָנגעשוואָלענעם, ווייל אונטער דעם מאַנטל האָבן זיך ביי מיר געוואָרימט אַ האָן מיט אַ הון. דאָס בין איך געלאָפן פון הויז צו הויז כפרות שלאָגן. יעדער מאָל האָב איך געכאַפּט אַ קוק צו מיין ער און זי, צו די פרנסה־געבערס מיינע, אויב זיי לעבן נאָך, אָדער זיי זיינען דערשטיקט געוואָרן. אפילו שיקסעשע דינסטן האָבן מיך נישט אָפּגעלאָזט, איך האָב אויך געמוזט דרייען אַ קוויטשנדיקן עוף אַרום זייערע קעפּ. איך האָב געמאַכט דעם פדיון הבן נאָך אַ ברית, צוגע־שטעלט הושענות, דורכגעפירט יאָרצייטן. איך האָב זיך מערסטנס אויפגעהאַלטן אין שול און דאָרטן האָט מען מיך שוין אָפּגעזוכט. הער פרעדיקער, מאָרגן איז יאָרצייט נאָך מיין מאַמען, מאַכן זי דאָס געבעט.

און בשעת מעשה האָט מען מיר אַריינגעשטופּט אין יד עטלעכע מטבעות. ביי אַ סך דייטשע יידן האָט זיך דער יאָרצייט גאַנץ אָפּט אויסגעמישט מיט דעם געבורטסטאָג און אַ סך מאָל האָט געטראָפן, אַז מען האָט מיר געצאָלט צו מאַכן דאָס געבעט פאַר אַ לעבעדיקער מאַמען. דער הער פרעדיקער איז אויך גע־לאָפן אַלע ראש־השנה שופר בלאָזן צו קינפעטאָרינס.

אָבער אויף אַ קורצער צייט בין איך אַ ביסל אויפגערעכט געוואָרן. איך האָב געקראָגן אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ, אויף

א בוידים־שטיבל ביי יאָזעפּאַ קובי. — שטיינמאַן האָט זיך צע־שמייכלט און אָנגעיאָגט אַ שמייכל אויף אַלע צוהערער, ווי אַ מילד ווינטל.

יאָזעפּאַ קובי איז געווען אַן אונגאַרישע יידענע, וואָס איז אוודאי אַלט געווען אַ יאָר ניינציק. האָב איך זיך פאַרדונגען צו איר, נישט חלילה צו טאָן שטוב־אַרבעט, נאָר איר צו דערציילן אַ מעשה פאַרן שלאָפן־גיין.

יאָזעפּאַס מאַן, וואָס איז שוין געווען עליו השלום היפּשע עטלעכע יאָר, האָט זיך ביים לעבן מפרנס געווען פון שמשות, און די אַלטע האָט נאָך אָנגעהאַלטן איר קאָנצעסיע אין שול. יעדער נייער שמש האָט איר געמוזט צאָלן פּראָצענטער פון זיין שול־הכנסה. פאַר כפּרות־שלאָגן, אתרוג־בענטשן, יאָרצייטן, פון אַלץ האָט דער שמש געמוזט צואוואַרפן דער אונגאַרישער יידענע אַ פּראָצענטל, ווייל עס האָט געהייסן, אַז דאָס שמשות געהערט נאָך אַלץ צו איר, אַזוי לאַנג ווי זי לעבט. און געלעבט האָט זי אַ שיין ביסל, זי האָט איבערגעלעבט עטלעכע שמשים.

פון מיינע טאָג־פאַרדינסטן האָב איך אָפּגעשפּאָרט אויף אַ געזאַלצן ברויטבען, וואָס האָט געקאָסט אַ 15 פעניג און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ בין איך געגאַנגען צו זיך אַהיים, אויף דעם בוידים־שטיבל, און אויפן וועג האָב איך געמוזט צוטראַכטן אַ שיינע מעשה פאַר דער יאָזעפּאַ.

די אַלטע איז דוקא געווען אַן אויסקלייבערין, כאָטש זי האָט באַשטעלט אין פאָראויס, אַז די מעשה מוז זיין פאַרבונדן מיט דעם גן־עדן. עס האָט באַדאַרפט שילדערן דעם צוזאַמענ־טרעף פון יאָזעפּאַ מיט איר מאַן, דעם שמש, וואָס וואַרט אויף איר און קאָן זיך גאָרנישט דערוואַרטן. אָבער איידער איך בין צוגעקומען צו דעם אומפאַרמיידלעכן פינאַל, האָט זיך די מעשה געמוזט פלעכטן און פלעכטן. געהאַט האָט יאָזעפּאַ קובי אַן אייזערנעם זכרון. טאָמער האָט זיך אין דער מעשה אַריינגע־כאַפּט אַ וואָרט פון אַן אַלטער, שוין דערציילטער גן־עדן גע־שיכטע, האָט זי אָנגעשריגן אויף מיר, וואָס איך וויל זי באַ־שווינדלען מיט אָפּגענוצטער און פאַרלעגענער סחורה.

דער מאַרך איז מיר אויסגעטרוקנט געוואָרן צוטראַכטנדיק די מעשות פאַר דער אַלטער. אַז איך בין פּאַרטיק געוואָרן מיט מיין דערציילן און זי האָט שוין געהאַלטן ביי איינשלאָפן, נאָכדעם ווי איך האָב פאַר איר אַזוי קלאָר אויפגעלעבט איר באַשערט ווינקעלע אין גן־עדן, אַז זי האָט אַזש געזיפצט פון תענוג, האָט זי מיך באַלוינט מיט דעם יאַרמוש. דאָס איז געווען אַזאַ מין געקעכץ, איך בעט איבער אייער כבוד, וואָס איז באַשטאַנען פון מעל מיט היים וואַסער, פאַרבראָקט מיט קנאָבל און באַפעפּ־פערט און באַזאַלצן צום טעם. יאָזעפאַ קובי איז שוין לאַנג גע־שלאָפן אויף די פיר הויכע קישנס, ווי זי וואָלט געשלאָפן זיצנ־דיק, ווען איך האָב געקייט דאָס געזאַלצן ברויטכען און געזופּט דעם יאַרמוש, וואָס איך האָב כשר פאַרדינט, ווייל יעדע מעשה האָב איך אויסגעגראָבן מיט די נעגל. מיינע טרערן זיינען גע־פאַלן אין טעלער.

גאַנץ אָפט האָט מיך די אַלטע מרשעת געלאָזט הונגערן, ווייל דאָס דערציילן האָט זיך נישט איינגעגעבן. אַמאָל, מעשה שטן, האָט מיין פאַנטאַזיע מיך פאַרקערעוועט אויף אַזאַ סטעזש־קע, וואָס איז געווען דער היפוך פון יאָזעפאַ קובי׳ס פאַרלאַנג. זי האָט אין יעדער מעשה דווקא געוואָלט זען דעם שמש אירן. דאָס איז געווען די באַשטעלונג. די מעשה האָט זיך געקאָנט באַ־וועגן פריי אַרום דער פיינער טעמע. אָבער עס האָט געטראָפן אַז איך האָב גראָד דערזען דאָס פאַרביסענע פּנים פון דער אונגאַ־רישער מכשפה און איך האָב איר געגעבן אַ מכה און נישט קיין מאַן. האָט זי זיך אין מיר נוקם געווען און מיר געגעבן אַ מכה און נישט דעם אויסגעווייקטן יאַרמוש. אַזעלכע הונגער־נעכט זיינען געווען ביטער אַריבערצוטראָגן, אָבער איך האָב זיך גע־טרייסט מיט דעם ביסל טראָציקן אייגנס אין מיין דערציילן. איך בין געווען צופרידן, וואָס איך בין נאָך אינגאַנצן נישט גע־וואָרן קיין פאַרקויפטע נשמה, וואָס איך האָב דאָך אָנגעהאַלטן אַ שטיקל זעלבסטשטענדיקייט און באַוויזן, אַז איך קען אַמאָל גיכער הונגערן, איידער צו געבן יאָזעפאַ קובין איר לאַקריצדיקן, בענקענדיקן שמש אויף יענער וועלט.

## III

מיטאמאָל האָבן מיר דערהערט אַ קוויטשיק שטימעלע. דאָס דאָזיקע שטימעלע האָט געגלעט ווי אַ מאַיאָווע ווינטל, אָבער עס האָט אונדז אַלעמען דורכגעלעכערט מיט באַזונדערע קינזשאַלן. עס איז געווען שווער צו באַשטימען פאַרוואָס און ווי אַזוי. אַז מען וויל, איז דאָס שטימעלע געווען אַפילו אַ מין געזאַנג, אָבער ערגעצוואו איז עס געווען פאַרשאַרפט און אַפילו פאַרשפּיציקט.

— פאַניע פינ—קעל. פאַניע פינ—קעל!

מיר אַלע, וואָס האָבן געשוועבט מיט שטיינמאַנען אין אַנ־דערע עולמות, זיינען דורך דעם שטימעלע מיט געוואַלט אַרונ־טערגעשלעפּט געוואָרן פון די הייכן. מיר האָבן פּלוצים דערזען שטיינמאַנען, ווייל דורך דער גאַנצער צייט האָבן מיר אים נישט געזען, מיר האָבן בלויז געהערט. און וואָס מער מיר האָבן אים גענומען זען, אַלץ מער האָבן מיר געהערט דאָס שטימעלע, וואָס האָט אונדז געהויבן פון די ערטער.

— פאַניע פינקעל! פינ — — קעל!

און אַז מיר זיינען געקומען צו זיך האָבן מיר דערהערט, אַז דאָס שטימעלע קומט פון פינקעלס פרוי, וואָס זיצט נאָך אַלץ אָנגעלענט ביי דער וואַנט און רויכערט אַ פּאַפּיראָסל. איצט איז שוין געווען קלאָר, אַז דער רוף, וואָס האָט אונדז אַלעמען אַזוי דורכגעשטאָכן, האָט געהאַט אין זיך אַ היפּש ביסל פּאַניק, אַקוראַט ווי זי וואָלט זיך געגעניטיקט אין שנעלער הילף, אפשר גאָר אַז מען זאָל זי אויפהויבן פון דער אומבאַקוועמער פּאָזיציע, אין וועלכער זי האָט זיך אַריינגעלייגט. איצט, ווען מיר האָבן זיך אינגאַנצן אויסגעטשוכעט, האָבן מיר שוין געכאַפּט, אַז דאָס געזעגל איז געווען אַן אָנשטעל, ווייל אין דעם געזאַנג איז געווען צעלאָזן געגעוג גיפט.

אָבער וואונדער איבער וואונדער — דער פאַן פינקעל אַליין

איז געזעסן אויף אַן אָרט און איז געווען אַזוי מערדערלעך רואיק, אַז עס האָט געפּלאַטערט מיט סקאַנדאַל. כּדי אונטערצושטרייכן פּאַר אַלעמען, אַז ער איז דער רואיקסטער מענטש אויף גאָטס וועלט, האָט ער אויסגעדרייט דעם דאַשיק פון היטל אויף אַ זייט, מעשה וואוילער יונג. דער דאַשיק האָט זיך זייער שיין צעקושט מיט דעם רעכטן אויער. טאָמער איז דאָס ווייניק געווען, האָט ער זיך געגעבן אַ דריי מיט זיין שטול, ווי ער וואָלט געוויזן פינקטלעך, וואו ער האָט דעם גאַנצן מוזיקאַלישן רוף, וואָס טראָגט זיך איצט ווי אַ פייף פון אַ פייער־וואָגן.

— פאַניע פינקעל, מען רופט אייך! — האָט אימיצער פון אונדז געקראַגן מוט. שטיינמאַן אַליין האָט געקוקט אויף אים מיט שטומע אויגן, ווי ער וואָלט זיך ביי אים געבעטן, אַז ער זאָל נישט מאַכן קיין לייטישע געלעכטער און זאָל איינשטילן דאָס געשריי, וואָס איז געוואָרן פאַניקדיקער פון רגע צו רגע.

— און אַז זי וועט מיך אָפּ'גט'ן, וועל איך זיך דען רירן פון אָרט? — האָט ער געזאָגט מיט אַ רואיקייט, וואָס האָט געקאָנט הרג'ענען אַ מענטשן. — איז דען פאַראַן אַזאַ כּוח, וואָס וועט מיך אַוועקשלעפּן פון דאַנען? האָב איך אַ רעכט צו זיין אַ מאַנסביל און הערן אַ יידיש וואָרט, אָדער ניין?

דער מאַן, וואָס האָט, ערשט נישט לאַנג צוריק, זיך אונטער־געגעבן ווי אַ קעצל צו זיין צווייט ווייב, האָט שוין אויסגעזען ווי אַ פייערדיקער רעוואָלוציאָנער. איצט איז ער שוין גאָרנישט געווען רואיק. ער האָט געשריגן הויך, כּדי זי דאָרט זאָל קריגן דעם ענטפער.

אָבער זי האָט אויך נישט אויפגעגעבן.

— פאַניע פינ—קעל! פאַניע פינ—קעל! — האָט זי נישט געביטן אויף קיין האָר איר שטימעלע. און דווקא דערפאַר, וואָס זי האָט אָנגעהאַלטן דאָס זעלבע שטעכעדיקע געזאַנגעלע, איז עס געפאַלן ווי מיט הייסע קוילן אויף אונדזערע קעפּ.

נאָר איצט האָט זיך שוין איינגעשטעלט אַן אמת'ער דועט. אויף יעדן „פאַניע פינקעל" האָט ער געענטפערט מיט אַ לייבן־געשריי.

— און אַז זי וועט מיך אָפּ׳גט׳ן, וועל איך זיך דען רירן פון אָרט?

די שיסערייִ היין און צוריק האָט אָנגעהאַלטן עטלעכע פיינ־לעכע מינוט. מיר זיינען אַלע געזעסן, ווי מיר וואָלטן זיך מורא געהאַט צו רירן, אַז עס זאָל אונדז נישט טרעפן אַ קויל. פּלוצים האָט זי, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי הילפלאָז אין איר צעשפּריי־טער זיצנדיקייט, זיך געגעבן אַ הויב מיט אַלע כוחות, ווי אַ ווייִ־בערישער שמשון, וואָס וועט אַט, צום לעצטן מאָל, אַ טרייסל טאָן די זיילן. זי האָט אויסגעזען קאָלאָסאַל, ווען זי איז פאַרבייגע־לאָפן, און נאָך שטילער ווי פריער, האָט זי כמעט ווי איינגע־רוימט אַ סוד.

— פאַניע פינ—קעל!

זי איז געלאָפן און פינקעל האָט צוריק אויסגעגלייכט דעם דאַשיק מיט אַזאַ סטאַטעטשנעקייט, אַז עס איז געוואָרן קלאָר: די רעוואָלוציע איז אונטערדריקט. ער האָט זיך כלומרשט גע־מאַכט הארץ און מיט אַ שמייכעלע געזאָגט צו אונדז אַלעמען:

— ס׳צווייטע ווייב!

ער האָט געוואָרט אויף אונדזער רחמנות, אָבער מיר האָבן זיך געשעמט אים צו קוקן אין פּנים. ער האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגנהייט און זיך אויפגעהויבן שטיל פון אָרט און גע־נומען נאָכלויפן זיין ווייב, ביז ביידע זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן.

די ליידיקע וויג־שטול, אויף וועלכער ער איז געזעסן, האָט נאָך אין זיך געהאַט אַ ביסל פון פינקעלס רעוואָלט. זי האָט זיך קוים־קוים געוויגט, ביז זי האָט זיך איינגעשטעלט און געבליבן ווי אַ סימבאָל פון באַזיגטער מאַנסבילשקייט. עס האָט אונדז אַלעמען פאַרקלעמט ביים הארץ און מיר האָבן ניט געקאָנט אַרויסרעדן קיין וואָרט.

— ער איז אַ גאַנץ וואוילע שמאַטע, אַ צער בעל חיים אויף אים, — האָט שטיינמאַן געזאָגט און געמאַכט אַ באַוועגונג זיך אויפצוהויבן פון שטול.

— וואָס זיינען מיר שולדיק? — איז איינער פון אונדז

געקומען צו זיך. — פּאַניע שטיינמאַן, איר וועט דאָך אונדז נישט באַשטראָפן פאַר דער לעמעשקע?

— תּם ונשלם! שוין. וואָס איז דאָ שייך צו באַשטראָפן? עס האָט זיך געענדיקט. די שענסטע מעשה מוז זיך אויך אַמאָל ענדיקן.

— הערט אויס, פּאַניע שטיינמאַן, — האָט אַ ייד געזאָגט געלאַסן, אַרויסנעמענדיק זיין זייגער. — גיט אַליין אַ קוק. נאָך פאַראַן גוטע צוויי שעה צו מיטאָג. עס איז אַ היץ און מיר זיצן דאָ אין אַ גן־עדנ׳דיקן שאָטן. געווען זיינען מיר מיט אייך ביז איצט טאַקע אין גן־עדן, נעמט איר און איר שטעלט אָפּ די גאַנצע געשיכטע? — האָט ער געענדיקט מיט פאַרדראָס.

— אַי, זענט איר אַ ייד אַ עולם־הזה׳ניק. איר ווילט אַלץ אויפפרעסן מיטאַמאָל. לאָזט איבער אַ ביסל אויף מאָרגן, — האָט שטיינמאַן זיך ביי אים געבעטן. אָבער עס האָט שוין גע־הייסן, אַז ער וועט זיך באַלד לאָזן איבעררעדן.

— אַלץ צוליב דער אַרורה? — האָט אַן אַנדערער שווייגנ־דיקער צוהערער געפרעגט.

— אויסגעצייכנט! אַרורה. דאָס איז ס׳ריכטיקע וואָרט, — האָבן אים אַלע אַפּלאָדירט.

— אַרורה איז טאַקע אַ טייער וואָרט און ס׳פּאַסט איר אויסגעצייכנט. אַן אמת׳ע קלאַפּטע. קאָסאַנטיפּע איז געווען אַ הונט קעגן איר, — האָט שטיינמאַן זיך האַרציק צעלאַכט, און פון דעם געלעכטער האָט ער גענומען לייגן אַ בריק צום ווייטערדיקן דערציילן.

— מילא בקיצור, לאָמיר זיך דערמאָנען, — האָט ער זיך פאַרקלערט. — מיר האַלטן, דוכט זיך, ביי יאָזעפּאַ קוביס יאַרמוש. איך בין איינגעדאַרט און איינגעקוואַרט געוואָרן אויף דעם טייערן מאכל און זי איז נאָך אַלץ געווען אויף דער זייט גן־עדן, און איר מאַן אויף יענער. איך האָב שוין לענגער נישט געקאָנט אויסהאַלטן.

## IV

און בעת שטיינמאַן האָט זיך גענומען צוריק אַריינווייגן אין זיין פריערדיקער שטימונג און מיר אַלע האָבן שטיל און אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט ווי ער סטראָיעט אַן דעם האַלדז ווי אַ פידל, איז אויף דער ליידיקער שטול, גאָט ווייסט פונוואַנען, פּלוצים אויסגעוואַקסן פינקעל. ער איז געווען מער טויט ווי לעבעדיק. פון אונטערן היטל האָבן אים איצט אַרויסגעסטאַרטשעט אַלע ווילדע אינזלען מיט האָר. אויס רחמנות האָבן מיר אים נישט געשאָנקען קיין אויפמערקזאַמקייט און שטיינמאַן האָט זיך כמעט ווי אָפּגעקערט פון אים, בעת ער האָט גענומען ווייטער דערציילן.

— איך בין איינגעגאַנגען פון הונגער און באין ברירה בין איך צוריקגעפאָרן קיין פוילן, אָבער געקומען בין איך שוין אַן אויסגעריבענער. איך האָב זיך גענומען מפרנס זיין פון געבן שטונדען פון לערנען מיט קינדער העברייאיש און דייטש. איך האָב שוין דעמאָלט געקנעלט אויף דעם קאָקעטישן העברייאיש און איך האָב געקראָגן אַ שם פאַר דעם דייטשן לערער.

שפּעטער בין איך געוואָרן אַ קאָנסולאַר־אַגענט ביים דייטשן קאָנסול. איך בין אויך געווען אַ ווינקל־אַדוואָקאַט, אַ טלאָמאַטש, אַ שרייבער אין דער דייטשער לאָדזשער צייטונג און פון די אַלע פּרנסות האָב איך אַרויסגעשלאָגן אַ ביסל חיונה.

צו יענער צייט האָט מען אָנגעהויבן צו הערן פון אַ נייער, שיר נישט שבתי־צבי־באַוועגונג. מען האָט גערעדט פון דעם מיט שרעק אין די שולן, מען האָט דערציילט וועגן דער נייער סעקטע, רחמנא לצלן. עלטערע יידן האָבן זיך געשושקעט, אַז די יונגעלייט זאָלן נישט געוואָר ווערן. די סעקטע איז געגרינדעט געוואָרן אין רוסלאַנד און דער פּחד דערפון האָט פאַרוואָלקנט דאָס יידישע פוילן.

און ווער, מיינט איר, איז געווען דער גרינדער פון דער

באַוועגונג? יעקב גאָרדין. גאָרדין האָט געהאַט אַ פּנים, וואָס איז געווען אַליין פאַר זיך זיין אייגענע באַוועגונג — אַ שטיק פּאָניע און שטיק רב. ער איז געווען צוגעפּאַסט פאַר דער רע־ליגיע, וואָס האָט געזוכט שלום צו מאַכן צווישן יידנטום און קריסטנטום, נאַטירלעך אויף דעם חשבון פון יידנטום. עס איז געווען די „בראַטסטוואָ״, אָדער די „ביבלישע ברודערשאַפט״, וואָס האָט געפּרעדיקט פולשטענדיקע אַסימילאַציע, נישט נאָר נאַציאָנאַלע, נאָר אויך רעליגיעזע.

גאָרדין איז געווען. אַ האַלב-געבאַקענער געלערנטער, אַ מענטש מיט אַ סך ענערגיע, וואָס איז ממש געווען וואולקאַניש. איך האָב אים אַ סך מאָל באַגעגנט אויף מיינע רייזעס קיין רוס־לאַנד, ווי אַ יונגער צייטונג-קאָרעספּאָנדענט. איך קאָן ערוב זיין, אַז ער האָט אַליין נישט געוואוסט, וואָס ער קלייבט זיך אָפּצוטאָן. מען קאָן אים אַפילו פאַרטיידיקן, אָבער איך בין אַזוי אין כעס אויף אים, אַז עס גייט מיר נישט אין לעבן צו ווערן זיין מליץ יושר. ער איז געווען אַ פאַר׳גוי׳עשטער ייד, אַ רוסאַק, וואָס האָט געזוכט צו פאַרפּראָסטעווען דעם ייד דורך ערד־אַרבעט. איר קענט דאָך די באַרימטע סאַגע, וואָס אַ סך רעפאָרמירער פון יידישן לעבן האַלטן פאַר די רפואה שלמה קעגן אַלע יידישע צרות. ס׳איז אַ נעכטיקער טאָג. אין צייט פון פּאָגראָמען גע־פינט מען אוים וואו דער יידישער פויער וואוינט און מען מאַכט מיט אים נישט קיין אויסנאַם, סיידן מען מיינט מיט דעם יידישן פויער אַ פאַרשוואונדענעם ייד, אַ ייד וואָס האָט זיך אינגאַנצן אויסגעמישט מיט זיינע שכנים, וואָס גייט, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, מיט זיינע שכנים יעדן זונטיק אין קלויסטער. ווייל טאָמער וועט דער יידישער פויער פאַרבלייבן אַ ישוב׳ניק און ער וועט נאָך אַלץ שבת זוכן אַ מנין, וועט אים קיין פּאָגראָם נישט אויסמיידן. לאָזט זיך נישט איינרעדן קיין נאַרישקייטן, — האָט שטיינמאַן גע׳מוסר׳ט אַן אויסגעטראַכטן דעבאַטאַנט מיט כעס.

גאָרדין איז געווען אַ טאָלסטאָוועץ. ער האָט געוואָלט דיסטילירן פון תנ״ך דאָס ביסל עטיק און דאָס איבריקע האָט ער

געוואָלט פאַרבראַקירן. פון דעם ספר הספרים האָט ער געוואָלט אָפּצאָפּן בלויז ס׳ביסל עטיק. איר ווייסט, אפשר, וואָס פאַר אַן עקסטראַקט דאָס איז? ער האָט געוואָלט שאַפן אַ נייע מאָראַל-לערע, וואָס זאָל ערגעץ-וואו זיין פאַרבונדן מיט ערד-אַרבעט. גאָרדין האָט געהאַלטן אין איין פרעדיקן דאָס נייע, בלוטלאָזע יידישקייט.

יידן האָבן עס געמאַכט אַ סך פשוט׳ער. עס האָט געהייסן, אַז עס איז גאָר אַן ערב שמד סעקטע. זיי האָבן זיך בשום אופן נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין קיין חקירות, נאָר אַז מען האָט דערמאָנט גאָרדינען, איז עס געגאַנגען צוזאַמען מיט אַ שפּיי פאַר דעם ימח-שמו׳ניק. יעקב גאָרדין האָט געהאַט עטלעכע אַרויסהעלפער מיט קלינגענדיקע נעמען. פרילוקי, יעליסאַוו, פאָרטוגאַלעוו און אַ יידן מיט אַזאַ פשוט׳ן נאָמען ווי יוסף ראַבינאָוויטש. אַ איצט באַרימטער יידישער היסטאָריקער איז אויך געווען אַ היפש ביסל פאַראינטערעסירט. איך מאַך עס מילד — פאַראינטערעסירט!

צווישן פאָלק האָט מען דערציילט, אַז די „יודן-קריסטלעכע״ סעקטע האָט געהאַלטן הייליק נאָווי גאָד, אָבער אין נאָווי גאָד האָט מען געבלאָזן שופר. מען האָט אפילו געדאַוונט אין די טליתים ביי די גאָטעסדינסטן פון דער „בראַטסטוואָ״, נאָר אויף די טליתים האָט זיך געבאַמבלט אַ צלם׳ל. יעזוס איז, פאַרשטייט זיך, אנערקענט געוואָרן פאַר אַ יידישן נביא. אַזעלכע מעשות האָט מען דערציילט וועגן דער „בראַטסטוואָ״ אין פוילן. יעקב גאָרדין איז געווען ערנסט פאַראינטערעסירט אין דער „בראַט-סטוואָ״ צווישן גוים און יידן, צווישן צלם און טלית.

איך האָב דעמאָלט אויסגעלאַכט די באַוועגונג מיט וויפיל שרייבערישן כוח איך האָב פאַרמאָגט. איך האָב גאָרדינען נאָכ-געשיקט די גיפטיקסטע פיילן. עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. די באַוועגונג האָט אָנגעהויבן צו וואַקסן. אָבער וואָס איך האָב נישט געקאָנט אויפטאָן מיט מיין פען, האָט אַ שרעקלעכער רוסישער פּאָגראָם יאָ אויפגעטאָן. אַ בלוטיקער פאָגראָם האָט אַרונטערגעשווענקט די גאַנצע „בראַטסטוואָ״ און פון איר גע-

מאַכט אַ בלוטיקן חוזק. גאַרדין האָט אַפּילו נאָכדעם געזוכט צוריק צוזאַמענצושטעלן די רעשטלעך פון דער אָרגאַניזאַציע, אָבער עס האָט שוין נישט געהאָלפן. נאָך דעם ווילדן פּאָגראָם האָט זיך עפּעס נישט געברידערט. ער האָט אַפּילו געפּרואווט אַליין ווערן אַ שטיק ערד־אַרבעטער און ברענגען די גאולה פאַר זיך אַליין, נאָר ער האָט איינגעזען, אַז עס איז נישט קיין תכלית און ער האָט זיך אָפּגעטראָגן קיין אַמעריקע.

אין אַמעריקע האָט דער אַמאָליקער רעפאָרמאַטאָר אין אים געזוכט דורכצופירן אַ שלום צווישן שונד און ליטעראַטור און ווידעראַמאָל צווישן יידישקייט און גוי׳עשקייט. די יידן זיינען ביי אים געווען גוים און די גוים יידן. די **טעמעס פון זיינע** דראַמעס זיינען אַליין אויך געווען טליתים מיט צלם׳לעך. **זאָל** אים די ערד גרינג זיין, ער איז געווען אַ קנאַפּער **ליטעראַט.**

דאָס יידישע לעבן איז אין די אַכציקער יאָרן געווען פאַר־דלפנ׳ט. דאָס פּוילישע יידישע לעבן איז געווען אַזוי פאַר־קבצנ׳ט, אַקוראַט, ווי זאָל איך אייך זאָגן, — און שטיינמאַן האָט גענומען זוכן אַ ביישפּיל, וואָס זאָל קלאָר אַרויסברענגען די דעמאָלטיקע יידישע אָרימקייט, זיינע אויגן האָבן פּלוצים אויפגעלויכטן און ער האָט אויסגעשריגן:

— שוטה בן פּיקהאָלץ וואָס איך בין. איך זוך אַ משל פאַר דעם דעמאָלטיקן יידישן דלות. דער דעמאָלטיקער יידישער דלות איז געווען פּונקט ווי דער היינטיקער, עס זאָל פעלן אַ האָר. דאָס אָרימקייט האָט אַרונטערגעווינט פון אַלע יידישע קאַפּאַ־טעס, ווי היינט. איך האָב געבענקט נאָך אַ זעאונג. די צייט איז געווען רייף פאַר אַ חזיון. דוקא פון דעם עלענד, האָב איך גע־מיינט, דאַרף אַ בליאַסק טאָן מיט אַ וואונדער. איך האָב זיך געפליעסקעט אין יידישן עבר. איך האָב אַ סך מעשה׳לעך גע־שריבן וועגן די כוזרים, וועגן דער פאַנטאַסטישער יידישער האָפנונג אויף אַ יידישער מלוכה ביים קאַספּישן ים. אַ סך פון מיינע פריינט האָבן אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע. איך בין געבליבן פאַרעלענדט און איך האָב זיך געוואַרימט אין די גע־שטאַלטן פון אלדד הדני, פון דעם יידישן משולח, וואָס וואַנדערט

נאָך ביז דעם היינטיקן טאָג און פאַרשפּרייט נישט-געשטויגענע האַפּנונגען, פון דעם יידישן נגיד חסדאי איבן שאַפּרוט, וואָס האָט זיך אָוועקגעזעצט און אויסגעציקלט אַ בריוו צו די כוזרים, נאָר דער בריוו איז געגאַנגען אַזוי לאַנג, אַז ווען ער איז שוין בשלום אָנגעקומען פּאָ אַדרעסו, איז שוין די יידישע מלוכה געווען אַ צעטראָטענע לעגענדע.

איך האָב דעמאָלט אויף מיינע אָרימע פּלייצעס אויך גענומען די אַרבעט ריינצוואַשן די אַמסטערדאַמער יידישע קהילה פון דעם חרם, וואָס די שפּינאָזיסטן האָבן אויף איר אַרויפגעלייגט. פאַרוואָס האָבן יידן, מיר-נישט-דיר-נישט, פאַרטריבן אַן אייגענעם ברודער; פאַרוואָס זיינען זיי פלוצים געשלאָגן געוואָרן מיט אַזויפיל האַרטהאַרציקייט? עס איז געווען אַ גרויסער און גרונטאָונער פאַרוואָס. שפּינאָזאַ איז געווען אַ שאַרפער קאָפּ, אָבער ער איז נישט געווען קיין צאַצקע. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט יעקב גאָרדינס חלום צו מאַכן שלום צווישן קריסטנטום און יידנטום. געוויינלעך האָבן מיר געהערט פון קריסטלעכע קוואַלן וועגן שפּינאָזאַן, אָבער איך האָב זיך אונטערגענומען צו ווייזן שפּינאָזאַן, אין ליכט פון יידישע מקורים.

אָבער מיטאַמאָל איז אונדז אַ ביסל ליכטיקער געוואָרן דער גלות. אַ נייער שלום-מאַכער איז דערשינען אויף אונדזער הימל, נישט קיין קאַסאַקער ייד, וואָס קוקט אַריין אין תנ״ך און וואַרפט אַן אויגל אויף דעם ברית החדשה, נאָר אַ שפּאָגל-נייער שלום-מאַכער, וואָס האָט געזוכט שלום צווישן חלום און רעאַליטעט. עס האָט זיך דערהערט דער רוף — אויב איר ווילט, איז עס נישט קיין לעגענדע! פונקט ווי אַ גרויסער, געניאַלער מוזיקער שאַפט אַ נייע מעלאָדיע, וואָס האָט קיינמאָל נישט עקזיסטירט און וואָס ווערט ממש אַ לעבנס-נויטיקייט, אַזוי לעבנס-נויטיק האָט אויף יידישע ליפּן געקלונגען דער נייער נאָמען: דר. טעאָדאָר הערצל.

מיט דעם נאָמען איז אויפגעגאַנגען אין יידישן לעבן אַ ליכט. די ווערטער אין סדור, וואָס מען פלעגט שוין אָפּפּרעפּלען אָן כוחות, האָבן געקראָגן האַפט און זיינען געוואָרן אָנזעעוודיקער.

כ׳מיין, פֿאַרשטייט זיך, די ווערטער וועגן צוריקקערן קיין ציון, וועגן דעם איבעראַיאָר, וואָס דאַרף מאַכן אַ סוף צו יידישע צרות.

מיר האָבן ערשט גענומען איינזען, אַז מיר זיינען געווען שטילע אַפּיקורסים. די תּפילות און תּחנונים זיינען מיט דער צייט געוואָרן אָפּגעריבן און דער מיין איז געוואָרן פֿאַרטושט און פֿאַרבליאַקעוועט.

מיט דעם נאָמען הערצל האָבן די תּפילות געקראָגן אַ ניי לעבן. ציון איז געוואָרן נאָענט, מיט דער האַנט צו דערגרייכן. דער איבעראַיאָר איז געוואָרן אַ ציל אין לעבן, נישט אַ ציל נאָכן טויט.

אָבער מיר האָבן געהאַט אַ שווערע אַרבעט. מיר אין פּוילן זיינען אַלעמאָל געווען אָנגעשראָקן דורך פֿאַלשע משיח-באַוועגונגען. מיר האָבן געמוזט פֿאַר׳שכל׳ען דעם משיח-געדאַנק ביי יידן. משיח איז געגאַנגען האַנט אין האַנט מיט תּחית המתים, מיט פֿאַרשיידענע סימנים, וואָס האָבן באַדאַרפֿט לאָזן הערן די טריט. מיר האָבן געמוזט געפֿינען דעם מיטלוועג צווישן גלויבן און מעשׂים. מיר האָבן געמוזט מאַכן פֿון אַ משל אַ נמשל, פֿון אַ פּאָעטיש בילד אַ רעאַליטעט.

הערצל, דער פּאָעט, האָט טאַקע פֿאַרמאָגט אַ רעאַל-פּאָליטישן חוש. מיר, אַ גרופּע, יונגעלייט, האָבן עס גלייך אָפּגעשאַצט און מיר האָבן גענומען איינקנעלן מיט דעם עולם דעם שווערן געדאַנק פֿון אַן ארץ ישׂראל אין אונדזער אייגענער צייט.

די אומבאַשטימטע אַספּיראַציעס פֿון דר. פּינסקערס שיבת ציון באַוועגונג זיינען איבערגעגאָסן געוואָרן אין אַ כּלי אַן לעכער. עס האָט זיך געהאַלטן, עס איז נישט פֿאַרלוירן געגאַנגען קיין איין טראָפּן.

מען רעדט וועגן נסים, אָדער מען קוועטשט מיט די פּלייצעס און מען גרויסט זיך מיט אומגלויבן. אָבער אָט די אויגן, וואָס איר זעט איצט, האָבן געזען דעם גרויסן נס. יידישע קרומע פּלייצעס האָבן זיך בפֿרוש אויסגעגלייכט. דאָס איז געווען די עלעקטרע פֿון אונדזער גלות. עס איז אונדז ליכטיק געוואָרן.

מיר זיינען געוואָרן שטאָלצע יידן און מיר האָבן גענומען רעדן אין אַ גרויסן חלום פּראַקטישע רייד.

יאָ, ליבע פריינט, איך בין געווען אויף דעם ערשטן קאָנגרעס אין 1897. איך האָב געהאַט די גרויסע זכיה צו שטיין נאָענט און אַריינקוקן אין זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן. ווער איז דענצמאָל געווען מיין גלייכן? איך האָב זיך צעוויינט, ווען איך האָב אים געזען פּנים אל פּנים. איך שעם זיך נישט אויסצוזאָגן, אַז איך האָב אים אַ קוש געגעבן אין דער האַנט. נישט ווי מען קושט אין דער האַנט אַ גלח להבדיל, נאָר ווי איך האָב אַמאָל קליינערהייט געקושט דעם טאַטן מיינעם אין דער האַנט, ווען ער איז געקומען פון בית-המדרש און געפלאַקערט מיט יראה.

און הערצל איז סך הכל געווען עלטער פון מיר מיט אַ יאָר אָדער צוויי. אָבער דער יונגערמאַן האָט פּאַרמענטשלעכט אין זיך אַ גרויסע לעגענדע. ער האָט אָרגאַניזירט אונדזער אַלעמענס ווילן. עס איז געווען ווי אַ גרויסער מאָלער וואָלט דורך אַ גע-שטאַלט סימבאָליזירט דעם חלום פון אַ פּאַריאַכט פאָלק. דר. הערצלס פּנים האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט די אויסגעאיידלטע פּראַקטיק פון אַ פאָלק, וואָס וועט קיינמאָל נישט מיד ווערן צו האָפן.

דר. הערצל האָט צו מיר גערעדט אויף זיין ווינערישן דייטש, וואָס איך האָב אָגב שלעכט פאַרשטאַנען. אַז ער האָט גערעדט איז ער געוואָרן אַזוי מענטשלעך-יידיש. ער האָט אַפילו גערעדט אַ ביסל אונטער דער נאָז. פון דער פּלאַטפאָרמע האָט ער אויך גערעדט אונטער דער נאָז, און דאָס האָט געקלונגען אַזוי היימיש-יידיש, אָן רעדנערישן אָנשטעל.

אין דעם שוואַכן רעדנער-טאַלאַנט האָט ער פאַרמאָגט אַ פלאַם-פייער, וואָס מען זעט אַזוינס נישט היינטיקע צייטן. עס איז נישט געקומען פון רעדנעריי, נאָר פון אינעווייניק. ווען ער האָט גערעדט האָט ער נישט באַדאַרפט אימיצן איבעררעדן. יעדער רעדנער איז אַן אויסשרייער פון סחורה, ער פאַרקויפט עפּעס, אָבער דר. הערצלען האָט איר געגלויבט. אַפילו ווען ער האָט גערעדט ציפערן, זיינען זיי אַרומגעפלויגן איבערן גאַנצן

קאָנגרעס־זאַל ווי קאַבאַליסטישע צייכנס. די טרוקענע ציפערן, וואָלט איך געזאָגט, האָבן זיך געגראַמט. די דעמאָלטיקע קליינ־באַגריפלעכקייט פון מיליאָנען פאַר דערלייזונג איז געווען גענוג גוזמא׳דיק פאַר יענער צייט, אָבער ווען דר. הערצל האָט זיך געוואָרפן מיט מיליאָנען, האָט איר געקאָנט שווערן, אַז ער האָט זיי שוין אין קעשענע.

און איך האָב אויך געטראָפן ביי די קאָנגרעסן אַ קליינעם, אַ נידעריקן, מיט אַ דיקן בליק, מיט אַן אויפגעהויבענעם בויך, — אַ געבוירענער דיפּלאָמאַטישער בויך, — אויף וועלכן דער פראַק איז געזעסן ווי אויסגעגאָסן.

ניין, ער האָט נישט געהאַט קיין לייבן־שטימע. אַ לייבן־שטימע האָט יעדער שרייער. ער האָט גיכער פאַרמאָגט אַ בערן־שטימע. ער איז געווען אַ ריזיקער רעדנער און ער האָט געהאַט דעם שטנ׳ס פייער אין זיין געלעכטער. דר. הערצל האָט זיך זעלטן פאַרגונען אַ וויץ אָדער אַ גלייכווערטל, אָבער דר. מאַקס נאָרדוי האָט געהאַט אַ בייטשנדיקן הומאָר. ער איז שוין געווען דאָס וואונדער־קינד פון אייראָפּע און האָט זיך גערעכנט פאַר דעם גרעסטן מייסטער־רעדנער. דר. נאָרדוים פּנים איז געווען אַזוי קלוג, אַז איר האָט תחילת נישט געטרויט, אַז אַזאַ מענטש זאָל זיך קאָנען פאַר׳חלומ׳ען. נאָר דער חריף האָט גע־קאָנט געבן אַ פּלי, וואָס זאָל מיטהויבן דעם גאַנצן עולם. ער האָט געקאָנט לאַכן אין זיין רעדע, אָבער ער האָט אויך געקאָנט זינגען. און געבויט האָט ער ווי אַן אַרכיטעקט. ווען ער האָט אָפּגערעדט האָט איר געהאַט דאָס געפיל, אַז די רעדע זיינע שטייט לעבן אים, און מיר, צוזאַמען מיט אים, באַוואונדערן זי.

איך בין דאָס געווען דער קוריער פון קאָנגרעס. מיר האָט מען פאַרטרויט שנעלע און וויכטיקע בריוו צו הערצלען. הערצל האָט איבערגעלייענט, זיין טונקל־בלאַס פּנים האָט זיך אָנגע־גאָסן מיט אַ ביסל קאָליר. ער האָט אין אַזעלכע מאָמענטן אויסגעזען פאַרברוינט פון דער זון. ער האָט גלייך אָנגעשריבן דעם ענטפער צו די אַנדערע פירער, וואָס האָבן אים געפרעגט אַ שאלה אין טאַקטיק. איך בין געווען דער פּאָסט־טרעגער פון

די הייליקע שליחות׳ן. יאָ, מיר איז באַשערט געווען צו ווערן דר. הערצלס פּערזענלעכער שיק-אינגל פֿון פּאַרטרויטע פּאַפּירן.

מיינט נישט, אַז מיר פֿון פּוילן זיינען דענצמאָל געפֿאָרן צו די קאָנגרעסן מיט דער ברייטקייט און פֿאַרמעגלעכקייט פֿון אַ היינטיקן ציוניסטישן שליח. ניין, מיר האָבן זיך דערהונגערט ביז באַזעל. מיר האָבן מיטגענומען עטלעכע ברויטן, אַ סלאָי פּוטער, אַ שטיקל קעז, וואָס איז אויפֿן וועג פֿאַרשימלט געוואָרן. מיר האָבן צוזאַמענגעשלעפּט די הוצאות פֿאַר די האַרטסטע בענק אין די דעמאָלטיקע וואַגאָנען. עס איז געווען ערגער ווי גיין צופֿוס. אַ סך פֿון אונדז האָבן זיך פּשוט דורכגעגנב׳עט, ווייל מיר האָבן אַפֿילו די קאַרגע הוצאות נישט געקאָנט צו־זאַמענזשעברעווען.

אויף די קאָנגרעסן זיינען מיר געווען שטום. מיר האָבן קיינמאָל נישט געקראָגן קיין געלעגנהייט צו רעדן אַ וואָרט. וואָלט מען אונדז געגעבן אַ וואָרט, וואָלטן מיר זיכער גע׳חלש׳ט פֿון שרעק. מיר האָבן געהויבן הענט צום שטימען און זיינען געווען די צופֿרידענע סטאַטיסטן פֿון אַ גרויסער דראַמע. אָבער נישט געקוקט אויף דער שטומקייט האָבן אונדזערע הערצער גערעדט פֿון פֿרייד. טיאָך-טיאָך, טיאָך-טיאָך האָבן באַראַבאַ־נעוועט די הערצער.

נאָר אַזוי גיך ווי מיר, די שטום-צונגיקע, זיינען צוריקגע־קומען צו זיך אין די קליינע שטעטלעך, זיינען מיר געוואָרן אַזוי באַרעדעוודיק, אַז קיין כּוח האָט אונדז נישט געקאָנט אָפּשטעלן. נסים ונפֿלאות — ביי זיך אין די שטעט און שטעטלעך זיינען מיר געוואָרן די וועקער און די שרייער. די גאַנצע שטומע פֿרייד, וואָס מיר האָבן אין זיך געזאַמלט ביי די קאָנגרעסן, האָבן מיר אַרויסגעדונערט. מיר האָבן געקראָגן וואונדערלעך לשון. מיר האָבן אונדזער פֿרייד אַרויסגעשריגן מיט אַ סך מסירת נפֿש אין די שולן און בתי-מדרשים. מיר האָבן גענומען די שווערע רייד וואָס מיר האָבן געהערט און מיר האָבן זיי איבערגעזעצט אויף פֿאָלקס-שפּראַך. מיר האָבן עס געמאַכט

צוגעֶנגלעך און פאַרשטענדלעך. מיר זיינען געווען די פּאָפּולאַ־ריזירער פון דעם געדאַנק.

מיר האָבן געפּרעדיקט ציוניזם אין די שולן, אָבער דעם גרעסטן דערפאָלג האָבן מיר געהאַט אין די שניידער־שולן און שוסטער־שולן. די וואוילע באַלמעלאָכעס האָבן גלייך געכאַפּט דעם רעיון, אַז מיר זוכן נישט צו פאַרשנעלערן אונדזער דער־לייזונג, נאָר אַז מיר זוכן זי אַרויסצושלעפּן פון בלאָטע, ווייל אונדזער הילף האָט זיך היפּש פאַרזאַמט. די באַלמעלאָכעס האָבן אונדז געגעבן כוח און גלויבן. פריער האָבן זיי זיך אונטערגע־געבן און שפּעטער האָבן שוין אויך אָנגעהויבן צו פאַלן די באַלעבאַטישע פעסטונגען.

די באַלעבאַטישע שולן האָבן גענומען פאַלן ווי די מויערן פון יריחו. אמת, נישט מיט אַ בלאָז, נאָר מיט אַ סך אַרבעט און אויפקלערונג. מיר האָבן געמוזט שאַפן צענדליקער סטילן — פאַר דעם גלויבער, פאַר דעם סקעפּטיקער, פאַר דעם שטיקל אַפּיקורס, פאַר דעם ייד, וואָס ווייסט אַז ער דאַרף זיך קייקלען קיין ארץ ישראל, פאַר די וואָס האָבן געקענט אַלע סימנים פון עיקבתא דמשיחא, פאַר אַלטע לייט, פאַר יונגוואַרג, פאַר פּראַק־טישע יידן און פאַר טרוימער.

מיר זיינען געוואָרן פּאָעטן, סטאַטיסטיקער, פינאַנציסטן, מגידים, מטיפים, דרשנים. מיר האָבן געמוזט צו יעדער באַזונ־דערער גרופּע רעדן אויף איר באַזונדער לשון, ביז פרומע רבנים האָבן אונדז אויך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין. דאָס איז געווען די שווערסטע פעסטונג. זיי האָבן אויף אונדז געקוקט מיט דעם גרעסטן אומצוטרוי. זיי, די געדולדיקע און געזונטע יידן, האָבן געהאַט צייט צו וואַרטן אויף משיח'ן. אָבער זיי האָבן אויך איינגעזען, אַז דאָס פאָלק פאַלט שוין נעבעך פון די פיס. זיי האָבן גענומען באַטראַכטן דעם ציוניזם ווי דעם שופר של משיח. משיח קאָן אויך קומען, ווען די יידן וועלן שוין זיצן אויף זייער אייגן לאַנד.

שטיינמאַן האָט אויף אונדז אַלעמען געגעבן אַ קוק. דער־נאָך האָט ער געקוקט אויף יעדן באַזונדער און געשוויגן. עס

איז געווען אַ ניכטערער בליק, אָדער בעסער — אַן אויסגע־ניכטערטער.

— אַ, אַ, קינדערלעך, איי־ליו־ליו, פויגעלעך, מאַכט־צו די אייגעלעך. איר וויגט זיך דאָך איצט אויף די שטולן, ווי קינדער אין די וויגן, און איר האַלט אַט־אַט ביי איינשלאָפן. איר וואַרט אַוודאי אויף דעם סוף פון דער מעשה, אָבער ווען איך זיץ אַזוי און דערצייל אייך טויזנט מיט איין טאָג, וואָלט די מעשה אַלץ קיין סוף נישט געהאַט. ווי זאָגן די קינדער: האַק־מעסער, שאַבמעסער, די מעשה איז אויס.

— איצט איז שוין צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די אונגאַרישע מכשפה האָט אייך געגעבן דאָס ביסל איינגעווייקטס פאַר איי־ערע מעשות, — האָט איינער פון די צוהערער זיך אָנגערופן. — איר זענט דאָך ממש אַ רופא חולים. ווען איר זעצט אַוועק טויזנט פאַרקאַליכטע יידן, וואָלטן זיי געגעזן געוואָרן, ווי איך בין אַ ייד, פון אייערע מעשות.

שטיינמאַנס טאָכטער איז ווידער צוגעקומען און ניט אַרויס־רעדנדיק קיין וואָרט, האָט זי אים דערלאַנגט אַ פּיל אין מויל אַריין און אים געלאָזט פאַרטרינקען מיט אַ גלאָז וואַסער.

שטיינמאַן האָט געמאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט אַרונטער־געשלונגען אַ ביטערע זאַך.

— איר האָט געזען אַט די פּיל? דאָס איז דער סוף פון דער מעשה. און גוט וואָס איר האָט דערמאָנט די יאָזעפאַ קובי, ווייל די פּיל פירט גלייך אין גן־עדן אַריין, וואו די יאָזעפאַ איז זיך שוין איצט משמח מיט דעם שמש.

— רעדט נישט קיין פּוסטע זאַכן, — האָט פינקעל אַרויס־געפּלאַצט. — איך וועל אייך נישט לאָזן רעדן אַזוי. מיר וועלן נאָך דאָ אַהערקומען שיינע, היפּשע עטלעכע יאָר און איר וועט אונדז דערציילן און דערציילן.

— איר גאַראַנטירט, הייסט עס? — האָט שטיינמאַן איבער־געפרעגט מיט אַ גוטמוטיקן חוזק.

— איך בין אייך מבטיח, — איז פינקעל אויפגעשפּרונגען פון שטול. — שאַט, איך וועל אייך גאָר זאָגן. מיר האָט אַמאָל

אַ גוטער ייד אין גאַליציע געוואונטשן, אַז וויפיל עס איז מיר באַשערט צו לעבן, זאָל איך לעבן נאָך צען יאָר, טייל איך זיך מיט אייך גלייך אויף גלייך. הערן דאַ עדות, אַז איך גיב אייך אַוועק פינף יאָר.

— ווער נאָך איז גרייט צו זיין אַזאַ פילאַנטראָפּ? — האָט שטיינמאַן געפרעגט. — פינף יאָר איז נישט קיין קלייניקייט. אויב מען וואַרפט זיך אַזוי מיט פינפער יאָר, קאָן איך נאָך ווערן אַ מתושלח.

— גייט שוין גייט, — האָט זיך געוויצלט איינער פון די שטול-זיצער. — דער גוטער ייד האָט נישט אויסגערעכנט אויף אייער ווייב. זי וועט אייך מקצר זיין דאָס לעבן אויף צען יאָר.

— כ'מיין, אַז אַ ייד וויל רעדן שטות'ערייען, — איז פינקעל געוואָרן אַ צעטומלטער. — נאָר אַז איר זענט שוין יאָ אַזאַ חכם, וויל איך אייך זאָגן, אַז אַפילו דאָס האָט דער גוטער ייד באַוואָרנט. ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז קיין ווייב וועט מיך נישט איבערלעבן.

— פאַרוואָס האָט איר דאָס באַלד נישט געזאָגט? אַזוי איז דאָך אייך לייכטער אַריבערצוטראָגן צרות פון ווייב, ווייל איר לעבט מיט בטחון.

עס איז געוואָרן אַ געלעכטער. אַלע האָבן זיך גענומען הויבן פון די שטולן. אָבער אין דער מינוט האָט זיך באַוויזן בוכלערנער.

— צעקריכט זיך נאָר נישט ווי די הינער. מען גייט שוין באַלד קלינגען צו מיטאָג.

— מען מוז זיך אַביסל דורכגיין, מאַציאָן, מען קאָן אַזוי פאַר'גולמ'ט ווערן, — האָט זיך שטיינמאַן געווערט.

— יאָ, איר האָט גוטע פופצן מינוט, איר קאָנט נאָך אויס-גיין דאָס שטעטל לאָרכה ולרחבה, — האָט אים בוכלערנער אַריינגעוואָרפן אַ יידיש וואָרט. — בעת מען דעקט צום טיש קאָנט איר נאָך שפּאַצירן פאַר אַפּעטיט. איך וואָרן אייך, אַז עס וועט זיין וואָס צו עסן און אַז איך נעם בלויז צו ליידיקע טעלער, ווייסט איר דאָך אַליין.

שטיינמאַן איז געגאַנגען און נאָך אים האָבן גענומען שפּאַנען אַלע זיינע צוהערער. פריער האָבן זיי אים געלאָזט גיין אויבנאָן, אָבער שפּעטער האָבן זיי אים אַרומגערינגלט, אַזוי אַז ער האָט געהאַט אימיצן צו דער רעכטער האַנט, צו דער לינקער, פון פאָרנט און פון הינטן. ער האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— אויב איר האָט נישט קיין פּאַראיבל, ליבע יידן, אויב איר האָט באמת נישט קיין פּאַראיבל, לאָזט מיך שפּאַצירן אַליין מיט מיינע רעיונות. דאָס וואָס איך האָב היינט דערציילט האָט עפּעס אין מיר אויפגעראָיעט אַזויפיל דערמאָנונגען, אַז איך מוז מיט זיי האָבן יחוד.

— אָך, בכבוד גדול, בכבוד גדול, — האָבן אַלע אויסגע־שריגן אין איין קול. און זיי האָבן גענומען אַוועקגיין, יעדער פאַר זיך באַזונדער.

בלויז פינקעל אַליין איז געבליבן שטיין אויף אַן אָרט און אים נאָכגעקוקט אַ פאַרבענקטער. וואָס וויטער שטיינמאַן איז אַוועק, אַלץ מער האָט זיך פינקעלס קאָפּ געצויגן נאָך אים, ווי דער קאָפּ פון אַ גרויסן פויגל.

— איז דאָס אַ ייד! איז דאָס אַ ייד! — האָט ער אויס־געזונגען, — קאַניינעהאָרע. קאַניינעהאָרע זאָל אים ניט שאַטן.

ער האָט געהאַט פולע אויגן מיט טרערן.

# קאפיטל דריי

# I

נאַכמיטאָג און אַ גאַנצן טאָג האָט מיך שטיינמאַן אויסגע־מיטן. איך האָב געזען, אַז ער לויפט פּשוט אַוועק פון מיר. ער באַהאַלט זיך אויס, און טאָמער נעם איך גיין, לויפט ער אין אַ פאַרקערטער ריכטונג.

איך האָב זיך געוואונדערט, ביז איך האָב איינגעזען, אַז עס איז אפשר גוט אַזוי. דער ייד איז ווי ווייַן און עס איז נויטיק זיך אָפּצורוען פון אים. עס קאָן געמאָלט זיין, אַז ער אַליין זעט עס איין און ער וויל מיר געבן אַ געלעגנהייט אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם, כדי ער זאָל זיך נישט צועסן.

דערווייל האָט מיך אָפּגעזוכט אַ יונגע פרוי, וואָס האָט זיך געמעלדעט, אַז זי איז מיין קוזינקע. זי האָט אויסגעפונען, אַז איך בין דאָ און זי האָט באַשלאָסן, אַז זי מוז מיך אָפּזוכן. ווי אַזוי זי איז מיין קוזינע, איז מיר נישט געווען אינגאַנצן קלאָר. איינער, אַ צוגעקומענער אין מיין משפחה, איז איר קוזין, דער־פאַר האָט זי שוין באַשלאָסן, אַז זי איז מיין קרובה.

זי הייסט סאַבע, פאַרקירצט פון סאַבינע, און זי האָט מיך דערקענט, זאָגט זי, כאָטש זי האָט מיך קיינמאָל נישט געזען. זי האָט שוין אַזאַ חוש. עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי דערקענט אַזוי אַ מענטשן, וועמען זי האָט קיינמאָל אין לעבן נישט געזען.

אָבער נאָכדעם, ווי זי האָט מיר דאָס געזאָגט, האָט זי שפּאַצירט לעבן מיר אַ שווייגנדיקע און זיך געטוליעט צו מיר. אַז זי האָט אָפּגעשוויגן אַ מינוט צען, האָט זי גענומען וואַרפן פראַזן ווי קאָנפעטיע.

זי איז געווען יונג און טרויעריק און האָט געהאַט אַרום זיך אַן אַטמאָספערע פון איבערגעברענטקייט. זי האָט געוואָרפן

אַפּאָריזמישע זאָגעכצן, װעגן דעם װי שײן עס איז צו שטאַרבן יונגערהײט, װעגן פרײד װאָס בליט און װיאַנעט און װעגן שװײגן װאָס איז אײגנטלעך אַ בית־עולם פון װערטער.

מיר זײנען אױסגעקומען אױף אַ באַרג. אַז איך האָב זיך אָװעקגעזעצט, האָט זי זיך געזעצט אַ ביסל נידעריקער און אַ װײלע אַרױפגעקוקט צו מיר אַ שװײגנדיקע.

— דו װײסט, — האָט זי מיר געזאָגט, — װען מײן מאַן װאָלט מיך דאָ געכאַפּט מיט דיר, װאָלט ער אונדז בײדע געבראָכן רוק און לענד. ער װאָלט מיר גוט אָנגעבראָכן די בײנער און דיך װאָלט ער אױך נישט געשאָנעװעט.

איך האָב מיסתּמא אַ ציטער געטאָן און זיך אינסטינקטיװ גענומען אױפהױבן.

— מײן מאַן איז טאַקע אַ גבור, — האָט זי מיך געטרײסט, — אָבער, ניש'קשה, װאָלסט געמעגט זײן אַ ביסל העלדישער.

איך האָב איר געגעבן צו פאַרשטײן, אַז איך האָב קײנמאָל נישט געמאַכט קײן קאַריערע פון העלדישקײט און אַז אױב איך װעל חלילה כאַפּן פּעטש צוליב איר, װעלן זײ זײן אומזיסטיקע פּעטש, און אומזיסטע פּעטש איז שװערער אַריבערצוטראָגן.

זי האָט מיר אױפגעקלערט, אַז דער מאַן איז איצט װײט פון איר, כאָטש ער האָט אַ טבע צו מאַכן פּלוצימדיקע װיזיטן. ער היט זײן ביסל װײב. אַז ער קומט, פרעגט ער זיך נאָך, װי אַ שפּיאָן, און פרעגט אַפילו אױס דאָס פינפיעריק אינגעלע.

— און ער אַלײן איז אַן אַפּגעהיטער מאַן?

— חלילה! אַ הולטײ, אַן אױסװאורף!

זי װעט מיר, האָט זי געזאָגט, קודם כל אױס'משל'ען װי ער קוקט־אױס. ער איז עלטער פון איר מיט אַ יאָר צװאַנציק. האָט אַ קײלעכדיקן ליסע־קאָפּ, מיט אַ שװערלעכן קאַרק, װאָס פאַלדעװעט זיך. ער איז נידעריק, אָבער ברײט־פּלײציק, און װי נידעריק ער איז, זײנען אים די פיס נאָך קירצער, לױט דער פּראָפּאָרציע פון קערפּער. זײ זײנען גלאַט אַזױ צוגעטשעפּעט, װי זײ װאָלטן געװען גײערס און נישט װי אַ באַרעכטיקטער טײל פון קערפּער. ער האָט שװערע הענט. אַז זײ פאַלן אױף אימיצן

איז שלעכט. ער שלאָגט זי רעגעלמעסיק, כאָטש ער גיט איר ווייבערישע קלעפּ. מיט יעדן קלאַפּ קאָן מען זען, אַז ער קאָן עס פאַרבעסערן מיט אַלדעם גוטן. ער האָט אַ קלוג, בייז פּנים. די קורצזיכטיקע אויגן זיינע כאַפּן זאַבן אויפן וואונק. ער האָט אַ פליישיקע נאָז, וואָס איז מער דיק ווי לאַנג.

— ער שטאַמט פון גרויס יחוס: פאַבריקאַנטן און לערנער. איך שטאַם אויך פון יחוס, אָבער פון גרויס אָרימקייט. האָט ער מיך גענומען, ווי איך בין געשטאַנען און געגאַנגען. עס האָט געהייסן אַ גליק־שידוך, ווייל אַלע אין שטאָט האָבן געוואוסט, אַז איך האָב געהאַט געליבטע. ער האָט דאָס מיר קיינמאָל נישט פאַרגעוואָרפן, כאָטש עס איז קלאָר, אַז דערפון שטאַמט זיין שטענדיקער פאַרדאַכט. ער האָט מיך פאַרשיקט אויף דעם משוגעים־אינזל. די דינסט שפּיאָנירט מיר נאָך, דאָס קינד שפּיאָ־נירט מיר נאָך. אָבער, ליבער העלד מיינער, דו דאַרפסט קיין מורא נישט האָבן. איך האָב זיי ביידע היינט פאַרשיקט אויף אַ רייזע ביז ביינאַכט.

מיר האָט שוין אָנגעהויבן ווערן אַ ביסל אינטערעסאַנט.

— נו, און ווי גייען זיינע געשעפטן? — האָב איך זי גע־געבן אַ פרעג. — ווער זיגט, די שפּיאָנען־ביורא, אָדער איר?

זי האָט נישט געענטפערט גלייך. זי האָט לאַנגזאַם פאַר־רויכערט אַ פּאַפּיראָסל.

— מיר זאָלן האָבן אַזויפיל טויזנטער, וואָס דער שפּיאָנאַזש האָט שוין פאַרזען. עס איז שוין ביי מיר געוואָרן אַ ספּאָרט אַזאַ. ווער וועמען? ווען עס איז טרויעריק אויפן האַרצן, איז עס נישט קיין שלעכטער שפּיל. עס איז אַ פראַגע פון סטראַטעגיע. עס איז אַ שאַרפער שפּיל.

— נו, און ער האָט שוין אַמאָל געכאַפּט אויך?

זי האָט אַ ציטער געטאָן.

— ביים זיך אָפּ די צונג! חלילה. איך וואָלט געהאַט אַ שיינע לויה. ער האָט מיך שוין אַ סך מאָל כּמעט געכאַפּט, אָבער פון כּמעט ביז כאַפּן איז פאָלג מיך אַ גאַנג. איך האָב

געכאַפּט געגוג פּעטש, אָבער אַרויסקומען קומט ער אַרויס דער אומגערעכטער. עס פֿייניקט אים דאָס געוויסן, וואָס ער שלאָגט אויף אַ פֿאַרדאַכט.

— ווי לאַנג גייט שוין אָן דער שפּיל?

— אַ יאָר זעקס. דאָס הייסט, פֿאַרהייראַט זיינען מיר אַ יאָר אַכט, אָבער דאָס ערשטע יאָר האָב איך טאַקע אויף אָן אמת געמאַכט אָן אָנשטרענגונג צו זיין אַ וואוילע, כשר׳ע פֿרוי. דאָס צווייטע יאָר האָב איך זיך געלערנט ווי אים איבערצושפּיצן.

— און פֿון וואַנען ווייסט איר, — איך האָב זי געאירצט, כאָטש זי האָט מיר געזאָגט דו די גאַנצע צייט, — אַז איך געהער אויך נישט צום גרויסן דעטעקטיוו־סטאַף פֿון אייער מאַן?

זי האָט זיך צעלאַכט.

— דאָס וואָלט געווען גרויסאַרטיק. אין אַנדערע ווערטער, דאָס וואָלט געהייסן, אַז איך האָב אַליין אויסגעזוכט מיין אומגליק.

שפּעטער האָט זי צוגעגעבן:

— דו ווייסט? גאַנץ אָפט טראַכט איך, אַז בעת איך שפּיל דעם שפּיל פֿון סטראַטעגיק, וואָלט איך אַמאָל געוואָלט פֿאַרלירן. איך בין שוין היפּש מיד.

און זי האָט גענומען דערקלערן, אַז אויסגליטשן גליטשט זי זיך געוויינלעך אויס, ווען עס איז איר אומעטיק אויפֿן האַרצן.

— דו ווייסט פֿאַרוואָס איך רעד אַזוי אָפֿנהאַרציק, ווייל צווישן אונדז וועט גאָרנישט פֿאַרקומען. איך דערצייל עס אַלץ איצט אין פֿריידן, אַזוי צו זאָגן.

דער מאַן, האָט זי געזאָגט, מוז איצט שוויצן אין דער ציגאַרעטן־פֿאַבריק. אָבער וויפֿיל ער שוויצט, איז עס אַ גאָרנישט קעגן דעם, וואָס ער שוויצט־אַרויס די נשמה פֿון זיינע אַרבעטער. ער איז אַ הונט מיט אויערן.

— אָבער איך וואָלט באַדאַרפֿט מילטשען, ווייל דאָס גאַנצע גוטס גיסט ער מיר אין האַלדז אַריין — קליידער און צירונג, און פֿאַרווייַלונג און לוסט־רייזעס, די בעסטע באַנבאָנען, דאָס

רייכסטע פּוטערוואַרג. איך נעם דאָס אַלץ צו. אוודאי בין איך אַ פּאַסקודסטווע.

קאַליע געוואָרן איז זי אין ווארשע. זי איז געגאַנגען אַ יאָר אויף קורסן. זי האָט געוואוינט אין איין צימער מיט אַ מוזי־קאַנטקע, אַ פיינע פּיאַניסטין. די פּיאַניסטין האָט געהאַט אַזוי פיל פריינט — פּאָעטן און מאַלער, אַקטיאָרן און מוזיקאַנטן. די פּיאַ־ניסטין איז געווען אַ ווילדע. זי האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ פאַרגעניגן־פרעסערקע, אַ נאַשערקע, וואָס וויל אַלץ פאַרזוכן.

— איך בין געווען אַ נאַרישע ציג, אין יעדן איינעם האָב איך זיך פאַרליבט און יעדער איינער האָט מיך געלערנט אויסליבן. זיך איינגעשפּאַנט און אויסגעשפּאַנט. און ווי לייכט די קינסט־לער מאַכן עס. בעת עס האָט מיר געשניטן דאָס האַרץ, האָבן זיי זיך אויסגעשפּאַנט מיט אַ זעלטענער לייכטקייט. בלויז איינער האָט זיך צוגעטשעפּעט צו מיר און געמיינט גאַנץ ערנסט, האָט ער געהאַט אַ קליינטשיקן חסרון. ער איז געווען אַ גוי. פאַרפּאַטשן דאָס פּנים מיינע עלטערן האָב איך נישט געהאַט קיין כּוח. נאָך איצט ווידמעט ער לידער צו מיינע איניציאַלן. ער איז אַן אָנגעזעענער דיכטער. איך טראַכט פון אים זייער אָפט און ער האַלט אַ ביסל אויף דאָס גלייכגעוויכט מיינס. ער איז געווען אַ טיפער מענטש און אַ טרויעריקער. ער האָט קיינמאָל קיין לאַך נישט געטאָן. וואָס ער האָט אַזוינס געזען אין מיר, ווייס איך נישט. איך האָב אַ ליידיקן קאָפּ, אַ פּוסטע בלי. איך פאַרמאָג בלויז אַן איינגעבאָרענעם טרויער. קאָן זיין, אַז ער האָט מיך ליב געהאַט, פאַר דעם טרויער מיינעם. ער האָט טאַקע געשריבן אַ סך לידער צום טרויעריקן מיידל, צו זיין טרויעריקער פרייד. ער האָט זיך ליב צו שפּילן מיט ווער־טער, אָבער עס איז אמת, אַז די פרייד פון יונגשאַפט איז טרויעריק.

זי האָט אויסגעריסן אַ גאַנצע זשמעניע גראָז און עס צוגע־לייגט צו די נאַזלעכער. זי האָט עס אַריינגעאָטעמט, ווי זי וואָלט געהאַלטן בלומען.

—איך האָב ליב דעם גערוך פון ערד. פריער איז דער גערוך פריקרע, אָבער שפּעטער ווערט עס אייגן, ווי אייגענער שוויים.

— דו הערסט ווי איך רעד? ווען איך בין געווען אינגער, האָבן די מאָלער און שרייבער אין מיר אַריינגערעדט, איצט רעדט עס פון מיר אַרויס. איך וואָלט שוין געוואָלט דערגיין צו אַן אייגן וואָרט.

— יאָ, איך האַלט, אַז די חברה האָבן מיך קאַליע געמאַכט. זיי זיינען וואונדערבאַרע יונגען, אָבער זיי לויפן די גאַנצע צייט אין אַן ערגיץ. און געלאָפן זיינען זיי איבער מיר. זיי זיינען געווען צו שטאַרקע באַרג-לופט פאַר מיר. זייערע רייד, זייערע באַוועגונגען, זייער אינטערעס — אַלץ האָט מיר פאַרשאַדט. מאָדנע, מיט יעדן פון זיי בין איך געווען גאַנץ, אָבער אַזוי שנעל ווי מען האָט מיך אַוועקגעוואָרפן און איך האָב באַדאַרפט לעבן אויף זיך אַליין, בין איך געוואָרן אַ שטיקל שאָלאַכץ, אַ לעכט אָן פייער, נאָך ערגער — אַן אַוועקגעוואָרפן נאָזטיכל. פאַר מיר איז דאָס געווען צו-שאַרף. איך האָב זיך געמוזט באַוואָרענען מיט לייכטזין, ווייל פון מיינע ערשטע אַנטוישונגען, האָב איך זיך שיר אַריבערגעפּעקלט אויף יענער וועלט. איך האָב נישט געוואוסט קיין קונצן, איך האָב עס נאָך גענומען ערנסט, אָבער ערנסט ווערט חוזק, ווען דער צווייטער לאַכט דיך אויס.

אָבער אַז זי פאַרטראַכט זיך אַמאָל און פאַרטיפט זיך, דוכט זיך איר אויס, אַז זי זוכט אַ מענטשן מיט וועמען צוריק גאַנץ צו ווערן. אַ, ער וועט קיינמאָל נישט קומען.

זי מוז מיר דערציילן אַ שיינס. מיט אַ יאָר צוריק האָט זיך איר געדוכט, אַז זי האָט באַגעגנט אַן אייגענעם. טאַקע דאָ-אָ צווישן די פאַרקאַליכטע. פונוואַנען האָט זי געוואוסט, אַז ער איז אַן אייגענער? ווייל זי האָט זיך גענומען פאַרטראַכטן וועגן זיך, וועגן דעם, וואָס זי אַליין קאָן געבן אין נדן. און אין אַזעלכע מאָמענטן שווייגט זי געוויינלעך. עס איז די מורא, אַז זי רעדט מיט אַ פרעמד קול. דוקא ווען זי רעדט קיילעכדיק, שרעקט זי זיך, אַז דאָס זיינען די ברעקלעך און שטיקלעך, די צווטן פון די

יוגנט־רייד, ווייל די חברה קינסטלער זיינען גוטע ריידער.

אָבער פּאַראַיאָרן האָט זיך איר געדוכט, אַז דער באַשערטער איז שוין טאַקע געקומען. דער באַשערטער, וואָס דאַרף זי אַוועק־נעמען פון רייכקייט, פון צירונג, פון איר גאַנצן גוטס. ער וועט זיכער קיינמאָל נישט קומען, אָבער זי איז אַלעמאָל גרייט. זי שפּילט זיך גאַנץ אָפט מיט דעם געדאַנק פון אָרימקייט, און עס איז גאָרנישט אַזאַ קרומער געדאַנק. זי ווייסט אָבער נאָך אַלץ נישט, אויב איר קינד איז אַ טייל פון דעם פרעמדן לעבן, וואָס איז אויף איר אַרויפגעצוואונגען געוואָרן, אָדער עס דאַרף זיין אַ שטענדיקער טייל פון איר — אָרים אָדער רייך, גליק אָדער אומגליק.

דער וואָס האָט אַ ביסל באַלויכטן איר לעבן, איז געווען אַ געענדיקטער אויף כעמיע. אין פּוילן, פאַר אַ ייד, מיינט עס אַ געענדיקטער שלימזל. ער האָט געשטאַמט פון אַן אַסימי־לירטער משפּחה, וואָס איז פאַראָרימט געוואָרן. אין אוניווערזי־טעט האָט ער זיך אַליין גענומען אויף פאַרהער און אַ ביסל האָבן אים גענומען אויף פאַרהער די פּעטש, וואָס ער האָט געקראָגן פון די פּוילישע סטודענטן.

— ער איז געוואָרן אַ פרומער ייד און דאָ האָב איך אים גע־טראָפן אין דער סוויטע פון דעם רבי'ן, וואָס שטייט דאָ איין. דאָס פרומע היטעלע און דער פרומער הולך זיינער האָבן מיך נישט אָפּגענאַרט. איך האָב אים דערזען און איך האָב אים גע־זוכט. עס איז געווען שווער צוצוקומען, אָבער איך האָב אים געקראָגן אויף אַ באַזונדערן שפּאַציר.

— ער איז געווען אַ טרייסטער, אַ פּראָפעסיאָנעלער טרייס־טער. ווען איך האָב אים געטראָפן איז ער געווען אַ ביסל צעטומלט. ער האָט געהאַט באַשלאָסן, אַז יידן לעבן איבער שווידערלעכע צייטן, אַז זיי ווערן צעטראָטן, נישט נאָר ווייל מען טרעט אויף זיי, נאָר ווייל קיינער טרייסט זיי נישט. האָט ער אויף זיך גענומען די מיסיע צו פאָרן פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל און ווערן אַ טרייסטער. אַ מגיד פון פרייד האָט ער עס גערופן. ער איז געווען שיין, זיין בלאָנד־

בערדל האָט בשום אופן נישט געוואָלט ווערן חסידיש, נאָר עס האָט געהאַט אַ סטודענטישן וואוקס. זיינע בלויע אויגן האָבן געלויכטן מיט יונגען גלויבן, און זיין מויל — זיינע רייד האָבן זיך געוואַרימט אין זיין קול. ער האָט פאַרמאָגט פונקט אַזעלכע רייד, וואָס האָבן געגעבן האָפנונג, און זיין נאָמען האָט זיך פאַרשפרייט איבער די יידישע שטעטלעך. אַז דער טרייסטער איז געקומען שבת אין אַ שול אַריין, האָט אַ נייע פרייד אויפֿגעלויכטן איבער דער יידישער אָרימקייט.

— ווען איך האָב אים באַגעגנט האָט ער זיך געפונען אין דעם געמיט פון צווייפל. ער האָט מיר דערקלערט, אַז ער ווייסט נאָך נישט אַקוראַט, אויב ער טוט זיין פליכט. עס קאָן זיין, אַז ער האָט אַ טעות, ווייל ער טרייסט דאָס פאָלק אָבער נישט דעם באַזונדערן יידן. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז זיין חוב איז גאָר צו גיין פון טיר צו טיר און רעדן צום באַזונדערן מענטשן און נישט דורך דער שול צו אַלעמען. נאָר ביז ער האָט זיך פאַרטרויט פאַר מיר, ביז ער האָט געוואָלט רעדן צו מיר, האָט מיך געקאָסט געננוג. דאָס איז אויך געווען אַ שפיל אַזאַ, אָבער שוין נישט דער, אין פאַראויס געוואונענער, שפיל מיט מיין מאַן, נאָר אַ טויט-פאַרלוירענער.

— פיר חדשים האָב איך געקעמפט מיט אים און מיט זיך אַליין. דאַרפסט נישט פאַרגעסן, אַז דורך דער גאַנצער צייט האָב איך נאָך געמוזט האַלטן אַן אויג אויך אויף מיין מאַן. איך האָב אים פאַרדעכטיקט, אַז ער פאַרדעכטיקט מיך. איך האָב געפירט אַזוי פיל ביכער, אַז איך בין שיר משוגע געוואָרן.

— דערביי האָב איך נאָך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך לאָך פון זיך אַליין. איך האָב אויסגעשטראַלט פון זיך אַ שד'ל, וואָס האָט פון מיר אַליין געלאַכט דאָס גרעסטע געלעכטער. מיר האָט זיך נאָר געדוכט, אַז איך שפיל פוטיפיר'ס ווייב מיט יוסף'ן. צום אומגליק, האָט ער טאַקע געהייסן יוסף און אין מיינע אויגן איז ער געווען אַזוי שיין ווי יוסף.

— פאַראַן אַ וואַלד הינטערן שטעטל, וואָס האָט אין זיך אַ קילע שטילקייט. אומעטום ליגן טויטע, געלע בלעטער, וואָס

קנאַקן אונטער די פיס. די בלעטער זיינען גליטשיק און די ערד איז פאַרשימלט. איבערן וואַלד ליגן צעוואָרפן אַ סך טויטע ביימער.

— נישט אויף איין טויטן בוים זיינען מיר דאָרט געזעסן. ער איז שטענדיק געווען אָפּגערוקט פון מיר און ער האָט מיר נישט געקוקט אין די אויגן. מאָל דיר, עס איז מיר אָנגעקומען מיט גרינע ווערים, ביז איך האָב ביי אים גע׳פּועל׳ט צו זיצן מיט מיר אין וועלדל.

— איך האָב אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, ווי איך אַליין וואָלט געווען אַ גאַנצע אַרמיי. איך האָב אים אָפּגעוואָרט, איך האָב געטשאַטעוועט אויף אים, איך בין אים דערגאַנגען די יאָר, עס איז מיר געווען אַ גרויס רחמנות אויף אים, אָבער איך האָב עס געטאָן, ווייל מיר איז געווען נאָך אַ גרעסערער רחמנות אויף זיך אַליין.

סאַבע, האָט ער צו מיר גע׳טענה׳ט, איך האָב פאַר דיר מורא. דו האָסט אַזעלכע הונגעריקע אויגן, אַ הונגעריק מויל. אַפילו די ווערטער דיינע זיינען הונגעריק.

ער האָט צו איר אָפּט גערעדט וועגן דער פּאָעזיע פון יידיש־קייט און ס׳איז פאַר איר געווען אַ נייע וועלט. די יידן אַרום איר זיינען אַלע געווען אַזעלכע זעלבסטפאַרשטענדלעכע און פּראָסאַ־ווערטע, אַז זי האָט אין זיי נישט געזען קיין שום פּאָעזיע. אירע ברידער זיינען וואָכעדיקע יידן, מיט יידישע היטעלעך און מיט קורצע שטיוועלעך. דער טאַטע אירער איז אָפּגעשטאָרבן ווען זי איז געווען אַ יונג קינד. דאָס איינציקע ביסל פּאָעזיע אין הויז איז געווען דער מאַמעס לעכט־בענטשן. די ווערטער אירע זיינען געווען אַזעלכע וואָכעדיקע און ליכטיקע.

— אָבער יוסף איז געווען פאַרליבט אין יידישקייט. ער האָט גערעדט דערפון מיט אַזוי פיל פלאַקער, אַז איך האָב אָנ־געהויבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס ער צינדט אַזוי הערצער, פאַר־וואָס ער ברענגט טרייסט.

— אַמאָל האָט ער מיר פאַרטרויט, אַז ער וואָלט זיך גע־וואָלט אַריבערכאַפּן קיין דייטשלאַנד. ווען ער וואָלט נאָר געהאַט

אַ מיגלעכקייט זיך אַריינצושמוגלען, וואָלט ער עס מיט פּאַר־גענינגן געטאָן. ערשט דאַרט דאַרף מען אים איצט האָבן.

נאָר צוזאַמען מיט אַזעלכע ווערטער האָט ער איר אויך דערציילט, אַז ווען עס וואַקסט אין אים אַזאַ גאווה, ווען ער נעמט זיך איינרעדן, אַז אין אים ליגט אַזוי פיל טרייסט, קריגט ער פאַר זיך מורא און ער טרעט אויף זיך, ער פּייניקט זיך, ער פּאַסט תעניתים. ער שלאָפט נישט קיין נעכט. אַלץ כדי ער זאָל צעפּלעטשן דעם גרויסהאַלטער. אין אַזעלכע מאָמענטן האָט ער איר אויסגעזען צו זיין אַ גוי׳עשער ייד. צופיל פּראָבלעמען פאַר אַ ייד, וואָס איז אַ ייד ווייל אַזוי איז ער. זי האָט עס אים ביי אַ געלעגנהייט געזאָגט און ער האָט איר אויף צומאָרגנס דערציילט, אַז זי האָט אים פאַרשאַפט אַ סך צער. ער האָט אַ סך נאָכגעטראַכט, ווייל עס האָט זיך אים אָנגעהויבן אויס־ווייזן, אַז אפשר איז ער טאַקע אַ פּרעמדער, אַ ייד פון דרויסן.

— און איינמאָל איז מיר באַשערט געווען אים צו זען אַ צעררייצטן. דאָס איז איינציקע ביסל פאַרגעניגן, וואָס מיר איז פאַרבליבן פון דעם גאַנצן ראָמאַן, מישטיינס געזאָגט. ער האָט זיך געהויבן פון אָרט און געלאָפן הין און צוריק, ביז ער האָט ביי זיך גע׳פּועל׳ט מיר צו זאָגן, אַז ער לאָזט זיך רעדן שידוכים, אַז ער קלייבט זיך צו ווערן גאַנץ, ווי יעדער גאַנצער ייד.

— איך האָב דערזען זיין אומרו און זי דערקענט. איך האָב זיך געפילט אַנטקעגן אים ווי אַ מאַמע, וואָס פאַרשטייט אַקוראַט וואָס דעם קינד טוט וויי; און דאָס איז פאַר מיר געווען אַ שטיקל באַפרידיקונג. ווען איך האָב אים געזען אַזוי אומ־רואיק האָט עפּעס געלאַכט און געוויינט אין מיר.

— זייי געזונט, יוסף, האָב איך אים געזאָגט. זיי געזונט, האָב איך אים דעמאָלט געזאָגט עטלעכע מאָל, און אים בכיון געזאָגט דו, כאָטש די גאַנצע צייט האָב איך עס נישט געוואָגט צו טאָן. איצט בין איך אָבער געווען זיכער, אַז גראָד ווען איך האָב אים אינגאַנצן פאַרלוירן, האָב איך פאַרלוירן אַ נאָענטן מענטשן. ער האָט מיך אָנגעקוקט מיט צעטומלטע אויגן, עס איז נישט געווען שיין פון מיר, וואָס איך האָב דעמאָלט אויס־

געזען פֿאַרשטענדיקער פֿון אים. ער איז געווען אַזוי גרין, ווי די גרינע ערד אין וועלדל.

ער איז פֿאַרשוואונדן און דריי וואָכן שפּעטער האָט ער חתונה געהאַט. זי איז געווען צופֿרידן, ווי זי וואָלט אויסגעגעבן אַן אייגענעם זון. ער האָט גענומען אַ פֿיינע, יידישלעכע פֿרוי מיט אַ היפּשן נדן. עס איז גוט, וואָס אַזאַ מענטש וועט נישט האָבן קיין פֿינצטערן עול אויפֿן קאָפּ פֿון זוכן אַ שטיקל ברויט.

— איך בין אײנע אַליין אַ סך מאָל געגאַנגען אין וועלדל, געזעסן אויף די זעלבע ערטער, וואו מיר פֿלעגן זיצן. איך האָב געקריצט היראָגליפֿן אויף דער פֿייכטער ערד און איך האָב גע׳חלום׳ט פֿון ווערן קלענער און איינגעשרומפּענער, אַז איך זאָל אײנגאַנצן נישט פֿאַרנעמען קיין סך פּלאַץ אויף דער וועלט, פּונקט ווי אין מיינע קינדער־יאָרן. איך פֿלעג דעמאָלט אָפֿט חלום׳ען פֿון פֿאַרנעמען וואָס ווייניקער אָרט אויף גאַנץ וועלט. איך האָב ליב געהאַט צו קוקן אויף שמאָלע, פֿאַרמאַכטע צייטונג־קיאָסקן און זיך פֿאַרשטעלן, אַז איך וואוין אינעווייניק, אָדער אין אַן ענגער קאַמער, באַזונדער און אַליין.

— דער פֿאָטער מיינער האָט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז דאָס איז די בענקשאַפֿט נאָך דער מאַמען. דאָס וועלן ליגן צוזאַמענגעקוועטשט אין דער מאַמעס בויך. עס קאָן זיין, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי. ווייל גאַנץ אָפֿט רוק איך אַרונטער די ראָלעטן, אין דעם זוניקסטן טאָג, און לייג זיך אַריין אין מיין קינדס קליין בעטל. עס איז אַ ביסל ענגלעך, אָבער דו ביזט אַזוי אַליין און נאָענט צו זיך, און דו קאָנסט דיר אויסביטן דעם שענסטן חלום.

— און אַזוי־אָ פֿאַרליר איך זיך אַליין און יאָג זיך נאָך זיך אַליין. איך חלום זיך אַליין און ווער אינגאַנצן אָפּגעריסן פֿון דער וואָר. איך טו־אָפּ מיינע פֿליכטן צום מאַן, צום קינד, צום פּיצל לעבן, ווי אַ נאַכטוואַנדלערין. מיין אײנציקער קאָנטאַקט מיט זיך איז מיין פֿריינדין, די פּיאַניסטין, וועמענס יוגנטלעכע אייביקע באַוועגונג איך האָב עס איבערגענומען. אָבער זי גראָד איז געוואָרען אַ לייט. זי איז יוסט און באַלעבאַטיש און פֿלעגמאַטיש. זי האָט אויך געטאָן אַ רייכן שידוך. זי קומט צו מיר גאַנץ

אַפּט און זעצט זיך אַוועק, אײַנגאַנצן אײַנגעגנורעט אין אַ באַבלום־טער שאַל. זי איז אַזוי אײַנגעהילט, ווי זי וואָלט געוואָלט צודעקען שעמעוודיקע גלידער אַנטקעגן אַ וואַנדאַלישן אָנפֿאַל. זי זיצט מיטן קעפּל אָן אַ זײַט, ווי זי וואָלט זיך בסדר געשראָקן. אירע גלידער זײַנען שפּיציק און ווינקלדיק ווי אַ קינדס. זי האָט אַן אָפֿן פּנים און — כ׳ווייס נישט ווי פֿאַר אַלעמען — אָבער פֿאַר מיר איז עס אַ מאַפּע פֿון איר יוגנט מיט אַלע זינדיקע הנאה׳ס. זי שלאָפֿט אַזוי אײַן, אײַנגעגנורעט אין איר שאַל. זי זעט־אויס ווי אַ יונגע, שיינע באַבע און זי שמייכלט פֿון שלאָף.

און אַז איך פֿרעג זי, צי זי האָט ליב איר מאַן, צי זי איז גליק־לעך, פֿאַרלירט זי דאָס געדולד און שרײַט־אויס, אַז פֿון אַזעלכע זאַכן רעדט מען נישט. זי איז באַרואיקט, ענטפֿערט זי און באַמיט זיך מיר אויך אײַנצורעדן אַ קרענק. דו, זאָגט זי צו מיר, דאַרפֿסט אויך זײַן גליקלעך. אַ מאַן, אַ קינד — ווען דו וואָלסט געוואוסט, רעדט זי מיר בסדר אײַן, ווי געגנוג דאָס איז פֿאַר איין לעבן.

נאָר אַז זי הויבט זיך אויף, וואַרפֿט אַרונטער פֿון זיך די רעזיגנירטע שאַל, און גייט אַרום איבערן הויז, דערקען איך זי פֿון אַמאָל. זי גייט און אירע פֿײַנע גלידער טאַנצן פֿאַראויס מיט אײַנגעוואוינטן אַרויסרוף, ווי זיי וואָלטן אויסגערופֿן מיט ציטערדיקער פֿרייד, אַז די האַרינטע קומט נעמען און געגנומען צו ווערן. דאָס איז די קולטור פֿון גיין — אַ מדרגה, וואָס איז אַן אָנזאָג אויף דער קולטור פֿון קאָנען ליגן.

— זי רעדט אַמאָל פֿון האַרמאָניע מיטן לעבן. זי האָט אַ שפּאָגל־נײַ פֿערדל — דאָס יידישע ווייבל מוז זיך אײַנצאַמען. גייען מיר אַרונטער אונטער דער חופּה און מיר נעמען אויף זיך דעם הרי את, מוז מען ווערן אַ יידיש ווייבל. וואָס דאָס מיידל האָט געטאָן — אויב עס איז אים ליב איז אונדז ניחא. אָבער דאָס ווייבל מוז געדענקען, אַז דאָס יידישע הויז האָט אַ פֿעסטן פֿונדאַמענט — איין גאָט און איין מאַן. דווקא זי, וואָס האָט געהאַט אַזאַ פֿײַנעם רעפּערטואַר פֿון ליבעס — דווקא זי רעדט אַזוי. איך וואָלט דיך אַריבערגעלייגט און גוט אָנגעשמיסן, אָדער איך וואָלט דיר גוט צעדראַפּעט דאָס פּנים, זאָגט זי, און זי

ווערט ווי אַ צוגעלאָזן און צערטלעך קעצל. זי נעמט מיך אַרום און גלעט מיר די האָר.

— איך בין קראַנק — האָב איך זיך ליב פאַר איר צו פּיעסטשן.

— אַלע פרויען זיינען קראַנק. אַ געזונט לעבן מאַכט זיי געזונט. אַ פרוי דאַרף יונג אַלט ווערן, ווייל אין דער ווייבעריש־קייט ליגט ערשט אַ נייער קוואַל, אַ גאַנצער רעזערוואואַר פון יוגנט. הער נאָר, דו, אויסגעלאָסן שטיק, שרייט זי אָן אויף מיר, אַז איך האָב זיך געקאָנט באַרואיקן, מעגסטו אוודאי.

סאָבע איז אוועק פון מיר און האָט מיך נישט געבעטן מיטצו־גיין. איך האָב געזען ווי זי איז אַרונטער פון באַרג און מיר איז אַפילו נישט איינגעפאַלן זי צו באַגלייטן. ערשט ווען זי איז אוועק, האָב איך געטראַכט פון יוסף׳ס באַמערקונג, אַז זי האָט הונגעריקע רייד.

איינס האָב איך זי פאַרגעסן צו פרעגן — ווער איז יוסף? איז ער אַ לעבעדיקער מענטש, אָדער האָט זי אים אויסגעטראַכט אַמאָל, ליגנדיק אין איר קינדס בעטל. אָט די הונגעריקע פרוי קאָן אויסטראַכטן גאָר אַ סך זאַכן. זי קאָן פאַרטרויעריקן איר לעבן מיט ווער־ווייסט וויפיל געשטאַלטן.

און וואָס קלענער זי איז געוואָרן, אַרונטערגייענדיק פון באַרג, אַלץ קריק און קריקער איז זי געגאַנגען, ווי זי וואָלט געשפּאַנט הינטערווייַלעכץ און מיך אויך מיטגעשלעפּט צו אַ פאַרליאַלקעטער און קינדישער וועלט — אַן אומבאַוועגלעכע, אַ וואַקסענע וועלט אָן לשון, מיט צוגעשמירטן רויט אויף געלע דערמאָנונגען.

איך האָב זיך אַזש דערמאָנט אין מיין ערשטער געליבטער יאָכוועט, אָדער יאָכטשע, ווי מען האָט זי גערופן. זי איז זיבער געווען אַ מויד פון אַ יאָר זעקס, ווען איך בין געווען פאַרליבט אין איר. איך בין געווען אַ סך אינגער פון איר. זי האָט געהאַט קליינע צעפּלעך און גרויסע, שוואַרצע אויגן און זי איז שטענדיק געזעסן אויף די טרעפּ, פאַר איר הויז, אַ פאַר׳חלום׳טע. אויף מיר האָט זי קיינמאָל אַ קוק נישט געוואָלט געבן. איך האָב גע־

בעטן גאָט, אַז איך זאָל ווערן אַ קונצנמאַכער, וואָס זאָל קאָנען מאַכן אַ גוטע קונץ, כדי זי זאָל מוזן קוקן אויף מיר, אָבער מיר איז דעמאָלט אַפּילו שווער געווען צו שטיין אויפן קאָפּ ביי דער וואַנט.

נאָר איך האָב זי ענדלעך באַזיגט. עס איז געווען פּסח און איך האָב זי אָפּגעקויפט מיט אַ האַלב כּרעמזל. פון דעמאָלט אָן זיינען מיר שוין ביידע געזעסן אויף די שטיינערנע טרעפּ, פאַר איר הויז, און זי האָט מיר דערציילט מעשות. זי האָט געבראַכט אַזעלכע ליגנס, אַז אפילו דענצמאָל האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דאָס זיינען נישט-געשטויגענע, ווילדע זאַכן. זי האָט זיך אָבער נאָך יעדער מעשה געשוואָרן פאַר מיר, אַז זי זאָל אַזוי איבעראַיאָר דערלעבן, ווי דאָס האָט מיט איר אַליין פּאַסירט.

פון בערן, פון לייבן, פון טיגריסן, פון ציגיינער וואָס גנב'ענען-צו יידישע קינדער, פון שדים וואָס שפּילן אויף פידעלעך, אַז זיי ציען די נשמה אַרויס דורך אַ קליין לעכל, ווי מען זויגט-אויס אַן איי פון אַ שאָלעכץ דורך אַ קליין שפּילקעלעכעלע. פון די אַלע זאַכן האָט זי מיר דערציילט.

אויך יאַכטשע האָט זיך אָפּט ליב געהאַט צו באַהאַלטן מיט מיר אין פינצטערן קעלער, און דאָרט אויסזוכן דאָס סאַמע פינצטערסטע און ענגסטע ווינקל, און מיר דערציילן די שרעקנדיקסטע מעשה. זי האָט מיך בלויז געבעטן, אַז איך זאָל האַלטן די האַנט מיינע אויף איר האַרץ און הערן ווי דאָס האַרץ אירס וואַרפט זיך, בעת זי דערציילט מיר די שרעק-מעשות. עס איז געווען אַן אנגענעמע שרעק אין דער פינצטער מיט יאַכטשען. מיר זיינען פון דאָרט אַרויסגעקומען מיט פאַרשלאָפענע אויגן און מיר האָבן געזען אַ סך פינטעלעך, וואָס זיינען געפלויגן הין און צוריק אויף פעדים אין דער לופט.

## II

די פינטעלעך האָבן זיך גענומען מערן פאַר די אויגן און איך האָב דערזען, אַז לעבן מיר, אויפן באַרג, איז געשטאַנען

אַ מאַן. זיין פּנים איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון אַ סך קענטעווודיקע שטריכן. אַז ער האָט אויף מיר אַ קוק געגעבן מיט זיינע אָפּגעלאָשענע אויגן, האָט ער אויסגעזען ווי בוכּלער־נער. נאָר טאָמער איז ער געשטאַנען אַ ווײַלע רואיק, האָט ער גאָר געכאַפּט דעם אָנבליק פון דער שיקסע, וואָס קאָרמעט די הינער מיט די קאַטשקעס, אויף יידיש, אַלע פרימאָרגן. דאָס סינטעטישע געשטאַלט האָט געטראָגן אַ קאַפּאָטע און מיך האָט עס נישט געוואונדערט. מיר איז אַפילו געווען פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס ער האַלט אין איין טופּען מיט די פיס און שרייען איי־ווײ — נישט מער ווי איי־ווײ.

איך האָב געוואוסט, פאַרוואָס ער שרייט איי־ווײ, נעבעך. דאָס רייסט ער איין די הימלען פאַר דער גרויסער עולה. הערץ נאָר אַ ביסל אַ גאָטסקע יושר, אונדזער פריינט ווייסגעלט האָט אָפּגעבידעוועט זיין גאַנצע יוגנט און זיך געלערנט פידל־שפּילן. ער האָט דעם טאַטן געקאָסט ממון און דמון. דער טאַטע, דער וואָיענע שניידער, האָט זיך אויסגעטאָן ביז דער לעצטער קאָ־פּאָטע, ער האָט דעם זון געשיקט אין קאָנסערוואַטאָריעס, ביז ער האָט גענומען אויפטרעטן אויף קאָנצערטן און אָנגעהויבן דעם פיינלעכן קלעטער, אַרויף צו דער באַלויכטענער אויפמערק־זאַמקייט. גאָט האָט געהאָלפן און די אַפישן האָבן זיך שוין צוזאַמענגעזונגען מיט זיין נאָמען, אַבראַשאַ ווייסגעלט. אַבראַשאַ ווייסגעלט וועט שפּילן אין הזמיר, אַבראַשאַ וועט שפּילן אין האַנטווערקער־פאַראיין, אין סוביעקטן־פאַראיין, אין פּראָפעסיאָ־נאַלן פאַראיין — אַבראַשאַ אין פילהאַרמאָניק. פּאָרט אַרויפגעג־קלעטערט. אונדזער יידיש פידעלע, אונדזער דוד־אַבראַשאַס פי־דעלע, אונדזער יידעלע — נעמט ער פּלוצים, ווען ער איז שוין אויפן סאַמע שפּיץ באַרג, און ווערט געליימט אויף די הענט און פיס און ליגט שוין אַזוי אַן איינגעמאַרענירטער אַ צען יאָר, ער לעבט נישט און שטאַרבט נישט: די עלטערן האָבן דאָס ריכ־טיקע פּעקל נחת.

איז דאָס נישט אַ הימלשרייענדיקע עולה? מען דאַרף פּשוט אויסזעצן די פענצטער פון הימל. כ׳מיין, דאָס איז דאָך

חוזק, מען זאָל באַהיט ווערן. ער קלעטערט אַרויף און הינטנ־אַרום קריכט אים נאָך זיין געליימטקייט און ביידע קומען־אָן צו דער ריכטיקער מינוט, ווייזן זיך די לעקערס, נאָר די געליימטקייט מאַכט אים שוין פאַר אַ קדוש.

וואָס איז שייך צו זאָגן אויף אַזאַ מין ונתנה תוקף? שטייט ער נעבעך און שרייט בלויז איי־ווי, איי־ווי. דאָס הייסט, די לעפצן זיינען געשלאָסן, אָבער עס איז אַן עולה גדולה און שעם זיך, כביכול, און בכלל וואָס איז דאָס פאַר אַ דרך? הויב מיך נישט און וואַרף מיך נישט.

איי־ווי, איי־ווי, האָט ער פּראָטעסטירט אויפן שפּיץ־באַרג. איבעררײַשט געוואָרן בין איך ערשט, ווען איך האָב אַ קוק געגעבן אויף זיינע פּיס. איך האָב געזוכט די פעסט־געבויטע, מיט בלאָטע־באַשפּריצטע, געזונטע פיס, וואָס זיינען אַזוי מיידלש־ריין, אונטער דער בלאָטע. אָבער דערזען האָב איך קעלבערנע פיס, די פיס, וואָס די מאַמע פלעגט אַמאָל, ערב שבת אַהיימברענגען אויף איינצוזויערן — פיס אין זויערן. ער האָט אַרומגעטאַנצט אויף די אָפּגעקאַכטע און צוגעפּראַוועטע פיס און מיר איז געוואָרן אַ רעכט ביסל אומהיימלעך.

האָב איך זיך מישב געווען און זיך גענומען אויפהויבן. איך האָב זיך אָנגעטאָן די זאָקן, אָבער די שיך האָב איך בשום אופן נישט געקאָנט געפינען. אָנגעטאָן בין איך געווען אין דעם טונקל־בלויען אַנצוג, און ווי אַזוי קאָן מען עס אַרומגיין, אַן אויסגעפּראַנטעוועטער אין זאָקן? איך האָב נישט געהאַט קיין ברירה — זוך אַהין און זוך אַהער, נישטאָ. איך האָב גענומען לויפן אין די זאָקן. פאַרלעך האָבן שפּאַצירט הין און צוריק, געקוקט אויף מיר מיט גלייכגילטיקע אויגן, נאָר איך האָב געוואוסט, אַז דאָס איז אַן אָנגעשטעלטע גלייכגילטיקייט. איך בין געלאָפן ווי אַ משוגענער און איך האָב געהאַט אַ טונקעלע אָנונג, אַז אין אַ טונקלען דאָרטן ליגט ערגעץ אַ שוך. יאָ, דאָס איז דער לינקער שוך. איך האָב אים געכאַפּט און אָנגעטאָן, אָבער בעת מעשה איז מיר פון רעכטן פוס אַרונטערגעפאַלן דער

זאַק און איך בין געלאָפן און אונטערגעשפּרונגען, אין איין שוך און מיט אַ באָרוויסן פוס.

אָבער דאָ האָט מיר אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ אַ געדאַנק, אַז איך מעג זיך באַרואיקן און זיך צוגעוואוינען צו דער דאָזיקער באָרוויסער פאַרשעמטקייט, ווייל עס איז ניט מער ווי אַ חלום.

איך האָב אים דערקענט. עס איז שוין צייט — ווייל עס איז שוין דאָס טויזנטסטע מאָל, וואָס דער זעלבער חלום האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר. כאָטש איך בין קיינמאָל קיין באָר־וויסער נישט אַרומגעלאָפן, און כאָטש די שטיוועלעך און שיך האָבן גאַנץ רעגלמעסיק קורסירט צווישן שוסטער און מיר, האָט זיך דער חלום צוגעטשעפּעט צו מיר און זייער אָפט פאַרשעמט מיין שלאָף. נאָר אַזוי שנעל ווי איך האָב געכאַפּט, אַז עס איז אַ חלום, האָב איך גענומען גיין לאַנגזאַמער און לאַנגזאַמער. איך האָב זיך נאָך היבש געשעמט פאַר מענטשן, מיט מיין אָפּ־געפּוצטן אנצוג און האַלבער, אונטערהינקענדיקער באָרוויסקייט, נאָר עס האָט מיך שוין מער נישט אַזוי שטאַרק געערגערט.

איך בין מיטאַמאָל אַריין אין אַ פינצטערניש. אַלע טירן זיינען געווען צוגעשלאָסן, נאָר פון איין אָפענער טיר האָט גע־שטראָמט אַ זייל ליכט. אַ ווינט האָט געבלאָזן מיט אַלע כוחות אויף דעם און עס בשום אופן נישט געקאָנט אויסלעשן. און בעת איך האָב זיך געראַטעוועט און געקוקט די גאַנצע צייט אויף דעם ליכט, האָט פון די פינצטערע טירן אויף מיר געיאָגט אַ שרעק, ווי אַ שטאַרקער צוג־ווינט. עס האָט מיך אַזש גע־גרוילט, אָבער, צום גליק, האָט מען דורך דער ליכטיקער טיר פּלוצים אָנגעהויבן שפּילן טעאַטער.

איך האָב זיך גענומען איינקוקן אין דער מאָדנער ווינקל־דיקער בינע, וואָס איז דווקא אויסגעקומען אָן אַ זייט און נישט אין צענטער. עס איז געווען קלאָר, אַז דאָס שפּילט מען נישט מיין פּורים־פּיעסע, וואָס איך האָב אָנגעשריבן צו אַכט יאָר און וואָס איך האָב פאַרגעשפּילט פאַר מיינע חברים, אין דער מאַ־מעס שענסטע קליידער, נאָכדעם ווי זיי האָבן געקויפט צו גראָשן אַ בילעט. עס האָט אויך נישט אויסגעזען צו זיין דער „מענטשן־

יעגער״, וואָס אונדזערע שטאָט־אַמאַטאָרן האָבן געשפּילט אין אַן אמת טעאַטער, אין דער „רוסאַלקע״, מיט אַן אמת פּובליקום. איך האָב דעמאָלט סופלירט, איך בין געזעסן אין דער בודקע, איבערגעדעקט מיט דעם הילצערנעם היטל און אויסגעשריגן די פּראָזע, אַז מען האָט עס אַזש געהערט אויף דער גאַליאָרקע. איך בין אויך געווען באַוואָפנט מיט אַ שטעקן. איך האָב באַדאַרפט געבן דעם סיגנאַל, ווען די מוזיקאַנטן קאָנען אויפפידלען, כדי מיין חבר, וואָס האָט געשפּילט דעם אומגליקלעכן ליבהאָבער, דעם קרבן פון מענטשן־יעגער, זאָל אָנהויבן זינגען מיט אַ ציטער — די זון פאַרגייט אין פלאַמען, די זון מען זעט זי קוים.

ניין, עס איז אויך אַבסאָלוט נישט געווען די „שבועה״, וואָס אונדזערע אַמאַטאָרן האָבן געשפּילט אין דער „רוסאַלקע״, און זיך שוין פאַרגינען איינצולאַדן אסתר רחל קאַמינסקאַ, פאַר דער הויפּט־ראָליסטין. רויטע אַפישן האָבן געשריגן, אַז אסתר רחל קאַמינסקאַ גאַסטראָלירט, און דער לובלינער עולם איז געקומען זען אַ פּיעסע, וואָס מען האָט לכתחילה רעקלאַמירט, פון מויל צו מויל, אַז עס וועט נישט זיין קיין האַפּקע און עס וועט נישט האָבן קיין געזעגנגע און טענצע.

איך האָב דעם יום־טוב פאַרפּושט און מחלל געווען, ווייל ווי דער שטענדיקער סופליאָר פון מיינע חברים אַקטיאָרשטשיקעס, וואָס האָבן מיר, ווייס דער טייוול פאַרוואָס, קיינמאָל נישט געטרויט אַפילו אַרויפצוקומען אויף דער בינע און געבן אַ סטאַטיסטישן הוסט, האָב איך זיך אַזוי איינגעקוקט אין אסתר רחל׳ס האַרצרייסנדיגער שוישפּילעריי, אַז איך האָב פאַרגעסן צו דערלאַנגען עברי. אסתר רחל נעבעך—ראָניע די פּאַטשטאַרקע—איז אַלעמאָל צוגעגאַנגען צו דער בודקע און אָנגעקלאַפּט מיט איר פוס, ווי זי וואָלט מיך געוואָלט מינטערן. זי האָט צו מיר געשריגן, אויף אַ שעפּטש — גראָבער יונג, זאָג עברי. זי האָט מיר געזוכט צו טרעפן מיט איר פּיסל אין קאָפּ אַריין, אָדער, לכל הפחות, האָט זי מיר געוואָלט אָפּטרעטן אַ האַנט. אַנדערע אַקטיאָרן זיינען אויך צוגעקומען אָנקלאַפּן, וואָס עס הערט זיך מיט

לשון, אָבער איך האָב זיך געפונען אין אַן עקסטאַטישן צושטאַנד, איך בין געוואָרן אוים סופּליאָר און איך בין געוואָרן אַ פאַרקעלב־טער צושויער. אַלע אַקטיאָרן זיינען געבליבן שטיין, ווי אַ פּלו־צים אָפּגעשטעלטער זייגער. דער אומרו האָט אויפגעהערט צו טיקטאַקן, עס איז געוואָרן סקאַנדאַליסטיש שטיל. דער שטאַרבנ־דיקער מאַן, ראַניעס, האָט פאַרגעסן צו פאַדערן אַ שבועה און ראַניע האָט פאַרגעסן צו שווערן. מען האָט געמוזט אַרונטער־לאָזן דעם פאָרהאַנג, כדי מיך אויפצואוועקן פון מיין פייערלע־כער אָפּוועזנהייט.

ניין, אויך נישט די „שבועה" איז איצט געשפּילט געוואָרן אין דער אָפענער, ליכטיקער טיר, אויף דער זייטיק־אָוועקגע־שטעלטער בינע. אין דער פּיעסע, וואָס מען האָט געשפּילט, האָב איך אַ ביסל דערקענט מיין לשון, נאָר די אַקטיאָרן זיינען מיר געווען אינגאַנצן אומבאַקאַנט. אַלעמאָל, ווען אַן אַקטיאָר האָט באַדאַרפט אָפּזאָגן זיינס, האָט ער מיך אָפּגעזוכט מיט די אויגן און געקוקט אויף מיר מיט אַ ווילדער רציחה.

מיר זיינען אַלע געזעסן אויף לאַנגע ברעטערדיקע בענק. הינטער מיר איז געזעסן דער טאַטע און לעבן אים די מאַמע. זיי זיינען שוין געזעסן אויף געבעטע שטולן, ווי זיי וואָלטן געהאַט אַ באַזונדערע לאָזשע. די מאַמע איז געווען אויסגעפּוצט און זי האָט געשיינט פון פרייד, וואָס זי רוט אַ ביסל אָפּ די פּיס פון כסדר׳דיקן אַרומדראַלן און פון דער קאַכאַרניע און פרעסאַר־ניע. דער טאַטע האָט געהאַט וויציקע אויגן און ער האָט זיך אָנגעטאָן ספּעציעלע קריטישע פּענסנע, ווי איינער רעדט — לאָמיר זען, וואָס פאַר אַ פּלאָנטער ער וועט דאָ אָנפּלאָנטערן. פּרץ מיט די פינטעלעך — אָנגעפינטלט, אָנגעטינטלט. פאַרוואָס זאָל ער נישט שרייבן אַזוי, אַז אַ טאַטע זאָל אויך פאַרשטיין?

מיך האָט פאַרדראָסן, וואָס דער מאַמען צוליב שפּילט מען נישט „קאָלדוניר" און וואָס מען זינגט נישט „הייסע באַבקעלעך". אויף דער בינע איז מיטאַמאָל דורכגעלאָפן אַ קעצל און אַוועק. עס האָט אין מיר אויפגעהאַפּט, אַז מען וועט צום קעצל אפשר צוקריגן אַ שטיקל ברונעם און אַן אבשלום, און מיין מאַמע וועט

פאַרט האָבן אַ געלעגנהייט צו הערן — „אין בית המקדש אין אַ ווינקל־חדר".

לעבן מיר איז געזעסן סאַבע. איר צינגל האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע. זי האָט געוואָלט וויסן מיט וואָס דאָס איז אַ דראַמע און וואו איז, אייגנטלעך, דער קאָנפליקט. אין אַ דראַמע מוז זיך דאָך עפּעס אָנציען, פאַרפּלאָנטערן, צו־זאַמענשטויסן, אויפפּלאָנטערן, גלאַט אַזוי מיליע האָט געקענט בלויז איין טשעכאָוו, אָבער נישט אַ ליאַדע שרייבער — האָט זי מיך געסמאַליעט אויף אַ סקאָווראָדע און מיך געבראָטן און געפּרעגלט, אויף די שמאַלצן פון צענדליקער ציטאַטן וועגן דראַמע, פון גרויסע קריטיקער. דער האָט געזאָגט און יענער געזאָגט און אַלע צוזאַמען, האָט מען אַלץ באַוואָרנט, אַז איך זאָל זיך חלילה נישט אַריינכאַפּן אין צעך פון דראַמאַטורגן. יעדער, כלומר׳שט פיינער און קיילעכדיקער זאַג, איז געווען פאַר מיר אַ פּערזענלעכער פּאַשאַל וואַן. אירע ביידע הענטלעך, וואָס איך האָב געהאַלטן, אין דער פינצטער, זיינען געווען היים. זי האָט גערעדט און גערעדט און פון אַלע זייטן האָט מען גע־נומען שרייען: שאַראַפּ! שאַראַפּ! פאַרמאַך ס׳לאָך. פוי, די וואולגאַריטעט פון דער איבערזעצונג האָט מיך שאָקירט, אויף אַזאַ מין וואָרימס און קליינס און רעדעוודיקס אָנצוואווענדן אַזאַ מין פאַרגרעבטקייט. איך בין געווען גרייט דורס צו זיין יעדן איינעם פאַר איר, אָבער זי האָט גלייכגילטיק געדרייט מיטן צינגל. איך האָרך זיי ווי די קאַץ, האָט זי געזאָגט, די גאַנצע געלע פּרעסע מיט איר שאַראַפּ. דאָ איז אייראָפּע.

שפּעטער האָט זיך שוין אַלץ געשפּילט מיט אַ סדר. די אַקטיאָרן האָבן נאָך — ווער ווייסט פאַרוואָס — געקוקט אויף מיר מיט גרוים כעס. גאַנץ אָפט זיינען זיי אינגאַנצן פאַר־שוואונדן און עס האָט זיך געדוכט, אַז דער מאַנוסקריפּט שפּילט זיך פון זיך אַליין, מיט דירעקציע און מיט די אונטערגעשטראָ־כענע, באַזונדערע פּערזאָנען, און מיט די רעפּליקן, וואָס פאַלן זיך אַריין אין די רייד, פּונקט ווען מען דאַרף.

**בתיה:** — איך בין דאָך נישט מער, ווי אַ יידענע מיט

אַ שווער געמיט, אָבער, איך זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, איך זאָג, אַז דער באַשעפער האָט מאָדנע דרכים: איינעם גיט ער צופיל, און דעם אַנדערן אַ ווייטאָג אין די קישקעס. ווי פלעגט זאָגן מיין באָבע עליה השלום — דער חשבון שטימט נישט.

גנענדל: — נישט געגאַנגען אין שול אַריין?

בתיה: — ניין, און אומישנע נישט געגאַנגען. איך, אַז איך האָב תרעומות אויף דעם רבונו של עולם, קאָן איך נישט קומען אין זיין הויז און אים דערלאַנגען אַ פריילעכן קבלת שבת. איך בין, כלעבן, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, אַ ביסל אָנגעדראָדלט אויף אים.

גנענדל (פאַרטראַכט): אויף וועמען?

בתיה: — אויף וועמען? אויף דעם סאַמאָראָדנעם רבונו של עולם —

גנענדל (גיט אַ ציטער): — מיינע שונאים! כלעבן, בתיה, איר זינדיקט. איר רעדט עפּעס אַזוי מאָדנע, גאָרנישט ווי אַ יידיש קינד.

בתיה: — איך האָב געגנוג פאַרשוויגן, ביז כ׳האָב אַזעלכע רייד געלאָזט אויף דער צונג. איטשע פערך און זיין צדקניות, די סאָלדאַטסקע קורווע, מיט דעם ברייטן זייט-זשע מוחל, זיצן אויבנאָן אין סאַמע מזרח און איך דאַרף אַרומגיין צוזאַמענזשעברעווען אויף שבת. (ווישט זיך די אויגן) וואָס? דער רבונו של עולם וועט מיר דערלאַנגען מיט אַ דונער איבערן קאָפּ — כ׳האָב סיי-ווי-סיי נישט קיין הנאה פון מיין לעבן.

— דו ווייסט, פאַר אַן אַמאַטאָרקע, שפּילט זי גאַנץ גוט, די בתיה, — האָט מיר סאַבע באַמערקט און זיך צוגעדריקט צו מיר.

גנענדל (אויפגעלעבט): — כ׳האָב היינט געקויפט אַ העכט, זעט מען גאָר אַזוינס נישט אין קרוין פוילן — אפשר, בתיה-לעבן, עטלעכע שטיקלעך פיש — אויף מיינע נאמנות, איך האָב אויף אַרויסצוּוואַרפן. ווער עט עס ביי מיר אויפעסן? מיינע קינדער, וואָס איך האָב נישט? און מיין נחמנ׳שי עסט דאָך ווי אַ פייגעלע, קוים וואָס ער איז טועם.

בתיה: — און מיינער האָט אינגאַנצן אויפגעהערט צו עסן.

זיצט גאַנצע טעג מיט די געליאַמעווועטע אויגן אין דליבעט די גמרה. ער וועט נאָך אויסדליבען אַ לאָך. זיצט יומם ולילה, לערנט און טראַכט און פאַרטראַכטערהייט מאַכט ער, בינו לבינו, קינדערלעך — אַ שיינער תכלית.

קלויסטער-גלעקער פון קאַטוילישן קאַשטשאָל—גלייך ענטפערן אַפּ די גראַבע פּראַוואָסלאַוונע גלאָקן. דורך דער אויפגעפּראַלטער טיר הערט מען אפילו געמורמל פון תפילות — די גלאָקן קלינגען, מישן זיך אוים מיט די קולות פון פרעפּלנדיקע דאַוונער.

**בתיה:** — זיי קלינגען שוין אַרויף צום גוי'עשקן גאָט. פאַרגינען נישט, וואָס מען דערלאַנגט אונדזערן עטלעכע לכה דודי'ם. הער נאָר אַ ביסל אַ פאַרקלינגעניש אויף זייערע יאָרן.

**גנענדל:** — איך, אַז איך הער די קלויסטער-גלאָקן, גייט מיר אַדורך אַ דראָזש איבערן לייב.

**בתיה:** — די יונגע גלחים בלעקערצן, זיצן ביי די קאַלירטע שויבן און שטעקן אַרויס די לעקערס צו די יידן, וואָס גייען פאַרביי צום שול-הויף, ווי די לצים, נישטאָגעדאַכט. זיי איז גוט. מיר האָבן זיי דערלאַנגט אַ יאָסל פאַנדעריק — איז אַ שמחה אויף זייערע קעפּ.

**גנענדל** (אומעטיק): — נישט צו זינדיקן מיט די רייד. שבת און יום-טוב ווערט עפּעס פאַרקלעמט דאָס האַרץ. דער מיטנוואָך איז אַ פריילעכער. די זונטיקס מיט די מאָנטיקס טאַנצן אַוועק — נאָר די שבתים מיט די יום-טובים שלעפּן זיך עפּעס ווי פּעך, און די לעכט שאָטענען די ווענט.

קלויסטער-גלאָקן ווערן העפטיקער — ווייטער שול-געמורמל, טרויעריקער.

**בתיה:** — אַ טרויעריק יידיש לעבן. ס'רימפּלט עפּעס נאָגנדיק, ווי אַ פידעלע, אויף אַן אָרימער חתונה.

**גנענדל:** — אַמאָל, אַז מען איז אַליין אין הויז, גיט מען אַ טאַנץ און אַ זינג, ווי אַ טשיסטע מוידטשינע, דאָס קלייד ברענט און דאָס בלוט שרפ'עט, דאַרף זיך נחמנ'שי באַווייזן אויפן שוועל און מען פאַרשעמט זיך פאַר זיך אַליין.

**בתיה:** — נו, אוודאי, אַ שיקסע איז אַ שיקסע ביזן קבר, און אַ יידיש מיידל, אַז זי ווערט פאַרשלייערט, טראָגט זי גלייך דעם גאַנצן עול פון יידישקייט.

**גנענדל:** — אין טאַרנערידע האָט מען מיך טאַקע גערופן די זשידאָווסקע שיקסע. די טריט מיינע האָבן גע׳שרפ׳עט, אָבער איצט איז מען געוואָרן אַ סטאַטעק —

(נחמן קומט־אַריין מיט אַן אורח.)

**נחמן:** — גוט שבת!

**אורח:** — אַ גוטן שבת!

**בתיה:** — אַ ווייטאָג איז מיר, זיך פאַררעדט אַ ביסל! (לויפט)

**גנענדל** (לויפט איר נאָך מיט עטלעכע שטיקלעך פיש אין אַ טעלער — קומט גלייך צוריק).

**אורח:** — מנוחה! שלום עליכם מלאכי השרת, שלום עליכם מלאכי עליון. (ווייזט־אַן אויף גנענדלען) — דיין אשת חיל? היבש!

**נחמן:** — מיין אשת חיל, קיין עין הרע.

**אורח:** — שלום עליכם מלאכי — (קוקט אויף גנענדלען) אַ פאַרמעגן פון גאָלד, זילבער און בערליאַנטן.

**גנענדל** (פאַרשעמט זיך, אירע טריט ווערן ווייכער, זי שטעלט צום טיש).

**נחמן** (גלעט זי איבערן קאָפּ, בעת אורח שפּאַנט און וואַקסט־אויס אין אַלע ווינקעלעך פון הויז, פאַרנויגענדיק זיך פאַר די מלאכים).

**אורח:** — ווי הייסטו, יונגערמאַן?

**נחמן:** — נחמן.

**אורח:** — דו הערסט, נחמן. מען זאָגט, אַז דער ריזשינער האָט אַמאָל געזאָגט שלום עליכם, האָבן זיך טאַקע אַריינגע־לאָזן מלאכים און שרפים, אַז דער סופיט האָט אָנגעהויבן ברע־נען, ביז דער ריזשינער האָט זיי אַליין צוריק אַרויסבאַגלייט פון הויז. און איך, זינדיקער בשר ודם, אַז איך פּזשעוויטע זיך מיט

די מלאכים, פיל איך ממש, ווי זיי וואָלטן טאַקע געזוכט אין אַלע ווינקעלעך. אַ קלייניקייט, שבת'דיקע מנוחה.

גנענדל (ציטערט־אויף פון מורא): — מען דאַרף נישט רעדן פון מלאכים.

אורח (בלייבט שטיין): — וואָסי, נאַריש ווייבעלע, זיך דערשראָקן? (צו נחמנ'ען): יונגערמאַן, דערלאַנג איר אַ גלעט איבערן קעפּל — איי! איי! אַ חידוש, ווי איך בין אַ ייד, גאָלד מיט זילבער און בעריליאַנטן. (מאַכט קידוש מיט כונה, נחמן פּרעפּלט־אָפּ שנעלער, גיט גנענדלען צו פאַרזוכן, וואַשן זיך, אורח דעקט־אָפּ דעם קוילימש, שניידט, עסט רואיק, ווי אַ זאַטער.)

אורח: — וואָס מאַכן דאָ יידן, מען האָט עפּעס פּרנסה?

נחמן: — אַן אָרים שטעטעלע — קבצנים, דלפּנים, קוים מען זשיפּעט, און דער גוי פאַרגינט נישט דעם דלות. ער מיינט, אַז מיר זיינען אַלע ראָטשילדס.

אורח: — טאַקעזש! און וואָס טוט אַ יונגערמאַן?

נחמן: — מען האַנדלט. חצי גאָלדשמיד. מען פאַררעכט צעבראָכענע פּושענזשינעס, געווערקן, מען פּאַטשקעט זיך מיט גאָלדענע צלמים אויך, מען ציט אַ ביסל חיונה. אַז עס איז אַ יאַריד, שרעקט מען זיך, אַז גוים וועלן זיך צעשפּילן, נאָר עס איז כאָטש דאָ אַ ביסל פּרנסה. אָבער, אָרום און אָרום, אויף דעם טאָרג איז אָרימקייט, איי אַ דלות! נאַמנות, ס'וויינט דאָס האַרץ.

אורח (גערירט): — טאַקעזש!

גנענדל: — ערשט דאָ געווען בתיה. ס'איז איר נעבעך שלעכט האָט זי גערעדט אַזעלכע רייד, אַז מען זאָל עס גאָר נישט הערן אין קיין יידיש הויז.

אורח: — ס'הייסט?

גנענדל: — אויף דעם רבונו של עולם, קעגן — ס'זאָל פאַלן אויף אַלע ווינטע פעלדער!

אורח: — אַ יידענע זאָל זיך אַזוינס אַדוואַזשען, טאַקעזש!

נחמן: — ס'איז איר נעבעך גאָר ביטער, גאָר־גאָר גע-

מיינע מענטשן. נישטאָ קיין שטיקל ברויט אין הויז, רעדט זיך פון זיך. און וואָס טוט אַ ייד?

**אורח:** — (כאַפּט זיך אויף): — מעך מיינסטו? אַ גייער! מען גייט איבער די מדינות — נישטאָ מעך וואָס מקנא צו זיין. אַ וויסטער אַלמן נישטאָגעדאַכט. ס׳ווייב אַוועקגעשטאָרבן נאָך מיט צען יאָר צוריק, אָן עקרה, געבליבן שטיין־עלנד, חלילה נישט קיין שנאָרער, קיין בעל מקבל, אָבער אַ קבצן, אין וויפּיל פּאָלעם דו ווילסט נאָר אַליין.

**נחמן:** — און וואָס הערט זיך עפּעס איבער דער וועלט?

**אורח:** — וואָס זאָל זיך הערן? (עסט לאַנגזאַם, רעדט פאַרזיכטיק און ציילט די ווערטער, ווי ער זאָל וועלן וויסן, אויב ער מעג איינשטעלן.) יידן זיינען, כ׳לעבן, נישט צופרידן. דאָס יונגוואַרג, מילא, על אַדוישעם ועל משיחו. מען גייט־אַרום און מען זוכט גאָט. געוואָרן אַ מאָדע גאָט־זוכעניש.

**נחמן:** — גאָרנישט יידישלעך. ס׳איז דאָך מלא כל הארץ כבודו. אַ גוי׳עשע מידה — יידן דאַרפן זיך קיינמאָל נישט צופיל אָפּגעבן מיט פּלפּול וועגן גאָט. ס׳איז דאָ אַ רבונו של עולם און פּטור אָן עסק.

**אורח:** — טאַקעזש אַ שכל׳דיקער יונגערמאַן. אַזוי זאָג יעך אויך. יעך זאָג אויך אַזוי. מילא דאָס איז נאָך נישט דאָס ערגסטע. קעגן מלכות אויך. געהיימע צוזאַמענקומעניש, איינג־לעך מיט מיידלעך.

**גנענדל:** — אוי דאָס איז גאָר ביטער!

**אורח:** — אַלץ הייסט ביטער! וואָס זיינען מיר פּאַראַ מחותנים אויף פרעמדע חתונות? זאָלן זיי זיך פּאַרדרייען זייערע קעפּ. וועגן גוט־יידישקייט, פרומקייט איז שוין אָפּגערעדט.

**נחמן:** — ס׳איז יידן נעבעך נישט גוט. גלויבט מיר ס׳וואָלט שוין לאַנג צייט געווען משיח זאָל קומען אויסלייזן. ס׳איז שוין באו מים עד נפש.

**אורח:** — אַלץ הייסט עד נפש! (קייט געלאַסן). ס׳זענען דאָ אַזעלכע יידן, וואָס פירן אַפילו גוי׳עשקן שטאַט, און אַנדערע, השם ישמרנו, שמד׳ן זיך און די קינדער. מען אַנטלויפט פון דער

יידישער מחנה. (כאַפּט אַ קוק אויף גנענדלען) אָבער דיר איז דאָך גוט ווי די וועלט. אַז מען האָט אַזאַ דימענט אין הויז. זי מאַכט דאָך וואָרים יעדער ווינקעלע. (גנענדל שפּאַנט מיט ווייכע טריט, דערלאַנגט און נעמט אַרונטער פון טיש.) גיב אַ קוק אויף טשיקאַוועשטש, וואַרימע טריט, ליבע, טייערע פּיס, און אויף מיר איז אַ גאַנץ רחמנות, אַן עלנדע, פאַרוואָגלטע נשמה.

— דער אורח שפּילט אויסגעצייכנט, — האָט סאַבע זיך צוגעטוליעט צו מיר. — ווער איז דער אַמאַטאָר?

— אַ פיינער אַמאַטאָר! הער זיך נאָר איין אין זיין פידל־דיק שטימעלע. דאָס איז דאָך אַלעקסאַנדער מאָיסי.

(ס'קומט אַריין יאַנקל שטן.)

יאַנקל: — גוט שבת, גוט שבת. קושט די אַלטע באַבעס.

אורח: — וואָס איז דאָס פאַר אַ נפש?

נחמן: — דאָס איז מיין געזעל — אַ פריילעכער לונג און לעבער — אַן אַפּיקורס, אָבער אַ גוטער בעל־מלאכה און אַן ערלעכער יונג.

יאַנקל: — נאָר־וואָס געטראָפן, פשאַקרעוו טייוולסקויט. ער קומט אַהער היינט ביינאַכט. צו גנעדלען טוט אים ציען, צו גנענדלען טוט ער טאָן פליען, איי טשירי באָך טשאָך־טשאָך, איי טשירי באָך טשאָך־טשאָך.

גנענדל: — האָסט אַ גרויס מויל, יאַנקל. מעגסט איינגעמען אַ ביסל שטומעניש.

יאַנקל: — מהיכא תיתא.

נחמן (לאַכט האַרציק): — איר הערט, רב אורח, אַזוי־אָ טיילט מען זיך מיט מיין שטיקל ווייבטשינע. נישט גוט צו האָבן אַ שיין ווייבל. גאַנץ קהל האָט חשק.

יאַנקל: — וואָדען! מען טאָר שוין נישט כאַפּן קיין קוק אויף? נחמן, האָסט אַלעמען אין דר'ערד, זי איז דיר געטריי ווי אַ קאַץ מיט אַ הונט און ס'איז בלויז אַ וויטאָג אין די זייטן.

גנענדל: — האָסט אַריינגעזשלאָקעט עטלעכע כוסות? זאָג דעם אמת.

יאַנקל: — גנענדעלע, כ'האָב דיך ליב דאָס לעבן. אַז נחמן וועט אַמאָל אַוועק'פּגר'ן —

גנענדל: — טפו זאָלסטו ווערן, מיינע שונאים! יאַנקל שטן מיט זיינע הלצה'לעך.

אורח: — אַ שיינע פּרי! עפּעס זייער אַ פאַרגרעבטער נפש.

נחמן: — אַ גוטער יונג, אַ דימענט! נאָר גלויבט אין גאָרנישט, ווי אַ הונט! מילא, מיך וועט מען פאַר אים אויף יענער וועלט נישט שמייסן.

אורח: — פאַרקערט, איך שרעק זיך נישט פאַר קיין אַפּיקורס. איך האָב דוקא ליב אַ ביסעלע חקירה מיט זיינס גאַל.

ס'קלינגען די גלאָקן. דינע קאַטוילישע גלעקער, גראָ־בע פּראַוואָסלאַוונע טענער.

אורח: — הער נאָר אַ מין אַמפּערניש צווישן זיי. די קאַ־טוילישע קירכע זאָגט בים און די רוסישע זאָגט באָם. אַ וואָזש־נער כולאָק.

יאַנקל (מיט געמאַכטן ערנסט): — ס'איז שוין גאָר אַ גרוי־סער חילוק. אַ ריכטיגע פּלוגתא, צווישן רב פּפּא און רב אשי.

אורח: — להבדיל בין אלף אלפי.

נחמן: — פאַנגט זיך אָן מיט יאַנקעלע שטן, גייט זוכט ביי אים אַ להבדיל. ביי אים איז דאָך קאַשע מיט באָטשווינע.

יאַנקל: — וועלכס איז קאַשע און וועלכס איז באָטשווינע? כ'פאַל דיר אַריין אין די רייד. אפשר האָסטו אָפּגעמאָסטן אויף דעם אַרשין, אַז מיר זיינען קאַשע און זיי זיינען באָטשווינע? אַדרבא, באַווייז עס.

גנענדל: — זינג בעסער, וועט מען נישט הערן ווי גרוים נאָר דו ביזט. דו מיינסט טאַקע, אַז די וועלט איז אַ זייגער און דו דאַרפסט אים קאַליע מאַכן.

יאַנקל: — קאַליע געזונג, הער נאָר, כ'בעט דיך, מיין באָבע האָט איבערגעלאָזט בירושה ציטער־שפּילקעס פאַר דער גאַנצער משפּחה און מיר אַ יידישע צורה. דריי איך זיך אַרום שטאָלץ מיט מיין יידישער ניאַניע און אַ ליאַדע שייגעצל כראַקעט מיר

אָן אַ פּול פּנים. וויש איך אָפּ דעם כּראַק און איך בין שטאָלץ — אַ גליק האָט מיך באַטראָפֿן — איך בין אַ ייִד, אַ יודע, אַ איזראַעליט, אַ סטאַראָ-זאַקאָני, אַ יעווריי. אַ שמחה אויף מיין באָבען.

**אורח:** — אַ ייד צו זיין איז אַ גרויסער אויפטו. עס מוז דאָך עפּעס שטעקן אין דעם. שטעלט זיך פאָר — די פעלקער האָבן זיך טאַקע פיינט איינע די אַנדערע, אָבער אַלע צוזאַמען האָבן זיי געמאַכט יד אחת און האָבן פיינט בלויז דעם יידן. עפּעס מוז דאָך שטעקן דאָרינען. (זינגט יה רבון עלם ועלמיא, אנת הוא מלכא מלך מלכיא).

**יאַנקל:** — אפשר קאָנט איר טאַקע דאָ אַרויסלייגן אויף דעם טעלער, וואָס שטעקט דאָרינען, מיט וואָס מיר דאַרפן זיך איבערנעמען, וואָס מען האָט אונדז אַזוי פיינט, און פאַרוואָס מיר האָבן אַזוי געלייטזעליקט אין אַלעמענס אויגן?

(נחמן זעצט זיך נאָענט צו גנענדלען, ער גלעט איר דעם קאָפּ, זי פאַרלירט שעמעוודיק די אויגן.)

**אורח:** — ווייל אַלע האָבן פאַר אונדז מורא — (קלייבט קרישקעס פון טיש און וואַרפט זיי אין מויל אַריין.) מען האָט מורא פאַר אונדזער — (קלאַפּט זיך מיט דער דלאָניע אין קאָפּ.)

**יאַנקל** (מיט בטול): פּתום ורעמסס. וואָס מיר, מישטיינס געזאָגט, טוען-אויף מיט אונדזער שכל. איי, הערט איר, וואָס כ'על אייך זאָגן, ווען מיר וואָלטן טאַקע געהאַט שכל, ווי זאָגט דער ליוטוואַק צלם-קאָפּ, ווען מיין זיידע וואָלט געוועסט האָבן געהאַט סמעקאַלקע, וואָלט ער זיך געווען אָפּגע'שמד'ט און איך וואָלט הײַנט געווען אַ פאַרזאָרגטער גוי'עץ.

**נחמן** (לאַכט): — מיינסט, ס'וואָלט געווען אַ סגולה צו אַ שידוך. אַ שיקסע וואָלט אויך פון דיר געווייכט אַ מייל.

**אורח:** — נאָך אַ בחור — די מציאה? (ווייזט אויף יאַנקלען.)

**גנענדל:** — ניין, ניין, יאַנקעלע וועט קריגן אַ ווייב. אַ יידישע טאָכטער וועט וואוינען מיט אַזאַ ליידאַק.

יאַנקל: — ווי איך בין אַ ייד, גנענדעלע, דו האָסט מיך ליב ס'לעבן, נאָר שעמסט זיך אויסצוזאָגן —

אוי וועגן מיר טוסטו דענקען,
אוי נאָך מיר טוסטו קרענקען,
אוי נאָך מיר טוסטו בענקען,
איי טשירי-באָך טשי-טשי, איי טשירי
באָך טשי-טשי — (כאַפּט אַ טענצל.)

גנענדל: — שייך, בענקען, איך וועך אוים מענטש פון בענקשאַפט.

נחמן: — איי יאַנקל ליץ, קריכסט צו מיין ווייבל, שפּילסט זיך מיט פייער. גנענדל וועט דיר דערלאַנגען אַ מתנת יד. זי האָט קיין עין הרע אַ הענטל.

גנענדל (לאַכט): — וואָס בין איך, חלילה — אַ שלעגערין?

יאַנקל: — זעסט שוין, נחמן, אַז זי האָט אַ יידיש האַרץ.

אורח: — אַן אמת'ער קאָמעדיאַנשטשיק. וואָס טשעפּעסטו זיך צו אַ יידישער טאָכטער — אַזאַ דימענט! (טיר עפנט זיך, ס'קומט אַריין פּשאַקרעווו טייוולסקויט, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַן אויסגעמאָגערט פּנים, גרינע, אומהיימלעכע אויגן, טאַנצנדיקע העפלעך־קאָמישע באַוועגונגען).

פּשאַקרעווו: — גוטנאַוונט, ביטע! פּאַרדאָן, גוטן שאַבעס.

יאַנקל: — קוש די אַלטע באַבעס, און אַז דו האַלטסט שוין ביי קושן, קוש געשמאַק און נאָך אַ ביסל.

פּשאַקרעווו: — אַך יאַנקעל (מיט דעם אַקצענט אויף דער לעצטער זילבע, מעשה גוי), ביסט אימער מיט דיינע שפּאַסן.

נחמן: — שוין אָפּגעפּאַרטיקט די הינט.

פּשאַקרעווו (פאַרזאָרגט): — פּאַרטיק מיט מיינע הינט! זיי האַלטן מיך פאַרסקלאַפּט, קוים זיך אַרויסגעראַטעוועט. עס איז אימער איטי-מיטי אַריין און אַרויס.

יאַנקל: — איר הערט אַ שפּרוך! איטי-מיטי אַריין און אַרויס!

אורח: — וואָסי? — טשאַסעם אַ הינט־שלעגער?

**פשאַקרעוו:** — פראַשע פאַנאַ, גאָט בעוואַהר!

(נחמן און גנענדל לאַכן.)

**יאַנקל:** — ניין, ער איז אַליין אַ געשלאָגענער הונט. ס'הייסט ער האָט אַ דרייסיק הינט און ס'איז אים וואויל און ס'איז אונדז וואויל.

**אורח:** — טאַקעזש — אַ ייד?

**יאַנקל:** — אַלץ הייסט אַ ייד. איר זעט נישט? אַ תנא! איר'עט שוין הערן, ווי ער רעכנט־אָפּ חצות, ווי ער לויפט מיט די הינט, הין און צוריק, אין זיין הויז, און איבערן גאַנצן שטעטל טראָגן זיך קולות וברקים.

**פשאַקרעוו:** — איי אַ לץ! און וואָס מאַכט גנענדעלע, הינדעלע, הענדעלע, גנענטשיקל? האַ? (מיט אַ מאָדנע ברען אין די אויגן און קאַמיש־פּרעכע באַוועגונגען.)

**גנענדל** (פילט אַ ביסל אומהיימלעך): — נישט צו פאַר־זינדיקן!

**פשאַקרעוו** (פאַלט איר צו די פיס): — פאַדאַם דאָ נוג! גנענדעלע, הענדעלע, אַ ביסעלע מיטלייד! אַ פריינדלעכע מינע, אַ בליק, אַ שמייכל, אַן עפּעסל, אַ נדבה'לע. (הויבט זיך אויף) איטי־מיטי אַריין און אַרויס.

**יאַנקל:** — וואו האָסטו דערטאַפּט דעם גאָלדענעם שפּרוך דיינעם? הער נאָר אַ חכמה! אַלץ ענדיקט זיך מיט איטי־מיטי אַריין און אַרויס.

**אורח** (אַ ביסל אין אַ פאַרלעגנהייט, קרעכצט, דרייט זיך אויפן זיץ, ברומט אונטער — יה רבון עלם ועלמיא).

**נחמן:** — האָט נישט קיין מורא פאַר די לצים. אַ טשי־קאַווע ייד, טוט אָבער אַ סך טובות יידן, קען זיך מיט דעם גלח, מיט פּריצים — זיי האַלטן אים פאַר אַן אייגענעם לעשטש.

**אורח:** — מורא? וואָס האָב איך מורא צו האָבען, שוין געזען ערגערע לייטע, איך בין שוין אַמאָל אַריינגעפאַלן צווישן גזלנים אויך, נישט קעגן נאַכט געדאַכט.

(אַ קלאַפּן אין טיר, קלאַפּן ווערט שטאַרקער, טיר עפנט זיך, סקומען אַריין צוויי שיכור'ע שקצים.)

**ערשטער שגץ:** — נישט געשראָקן זיך, פּאַנאָוויע, בלויז אויף אַ ווײַלינקע. (אַלע איבערראַשט און דערשראָקן) איך בין געקומען באַווײַזן אַט דעם אַ (גיט זײַן חבר אַ בריק אין הינטן) אַ יידישע פּרינצעסין. אַט איז זי, די יידישע פּרינצעסין (ווײַזט פּייערלעך אויף גנענדלען און גייט-צו נענטער צו איר).

**יאַנקל:** — וואָס פּאַרלירט מען דאָ צייט? מען דערלאַנגט אים אַזאַ פּאַטש, אַז ער זאָל זיך באַסמאַרקען און זיך אויסניכטערן.

(צווייטער שיכור'ער שגץ שמייכלט תמ'עוואַטע.)

**ערשטער שגץ:** — זיצט אַזוי אַלעמאָל ביים פּענצטער און לאַסטשעט יעדן פאַרבייגייער מיט די אויגן. וואָס זאָג איך—לאַסטשעט? קושט, קושט. יידישע פּרינצעסין, נישט געשראָקן זיך, גיב מיר אַ קוש און איך וועל זיך דערשיסן פון גליק, ביי דער הייליקער מאַריאַ, איך וועל זיך אַרייניאָגן אַ קויל אין קאָפּ.

**גנענדל** (רוקט זיך אָפּ דערשראָקן, נחמן שטעלט זיך צווישן איר און שקצים, פּשאַקרעוו גייט-צו נענטער צום שגץ).

**פּשאַקרעוו:** — סמאַרקאַטש, כ'וועל דערציילן דעם טאַטן דיינעם, וואָס איז דאָס פאַר אַ שטיק. (גיט אים אַ שטופּ-אַרויס פון הויז, אַנדערער שגץ לויפט-נאָך, פּאַרהאַקט די טיר, אַ קלאַפּן, זידלערייען פונדרויסן, קלאַפּן ווערט שוואַכער, הערט-אויף.)

**פּשאַקרעוו:** — דאָס איז דאָך דעם אַקציזניקס זונדל, דער טויגעניכטס, דער לומפּ.

**יאַנקל:** — געוועזן אים באַדאַרפט דערלאַנגען אַ פּעטשל.

**אורח:** — גלייכער אַז נישט, מיט אַזעלכע לייטע איז גלייכער, אַז מען נעמט זיי איין מיט גוטן.

**פּשאַקרעוו:** — אַוודאי מיט גוטן. איר האָט דאָך געזען— איטי-מיטי אַריין און אַרויס.

(גנענדל צערודערט און דערשראָקן, נחמן שטייט צערטלעך לעבן איר.)

**נחמן:** — וואָסי, גנענדעלע, האָסט זיך דערשראָקן?

**יאַנקל:** — זאָל זי טאַקע גיין שלאָפן. הער נאָר אַ פּאַס-

קודסטווע, געוועזן אים פאַרט באַדאַרפט דערלאַנגען אַ פעטשל.

**פשאַקרעוו:** — נו, דאַבראַנאַץ!

**יאַנקל:** — אַ גוטען — גנענדעלע, גיי גלייך שלאָפן, וועסט עס איבערשלאָפן. (ביידע אָפּ.)

**אורח:** (בלייבט זיצן, קלאַפּט מיט די פינגער אין טיש, ליכט האַלטן ביים אויסגיין, ברומט): — יה רבון עולם ועלמיא.

**נחמן** (פירט גנענדלען אָפּ אין זייטיקן שלאָפצימער, קומט צוריק, רעדט צום אורח): — איר וועט שוין מוחל זיין און זיך דאָ אויסבעטן אויף דער סאָפאַ. (קוקט אַ הילפלאָזער.)

**אורח:** — אַ ברירה האָב איך? און דו גיי אַריין (מיט אַ שמייכעלע) אַהין צו דיין אשת חיל. נישט געזאָרגט, וועל זיך שוין אויסבעטן. גיי אַריין צו דיין דימענט. (ברומט: יה רבון עלם ועלמיא.)

**נחמן** (שטייט נאָך אַלץ אַ פאַרלוירענער אויף דער שוועל פון זיין ווייבס שלאָפצימער).

**אורח:** — ווי דו זעסט, עלנד ווי אַ שטיין, וואו געטאָגט דאָ נישט גענעכטיקט. אַ וויסטער, פינצטערער אַלמן. נו אוודאי. (גענעצט) וועל זיך שוין אויסבעטן מיין געלעגערטשינע.

(נחמן אָפּ., אורח בלייבט זיצן אין האַלב-פינצטערן צימער, זינגט יה רבון עלם ועלמיא.)

## פ אַ ר ה אַ נ ג.

דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען פאַרשוואונדן. דער גאַנצער עולם האָט זיך דורך דער צייט געביטן. אַלע זיינען געזעסן מיט אָפענע מיילער און געקוקט אויף דעם באַלויכטענעם ווינקל — נחמנ׳ס שלאָפצימער. אויפן בעט איז געלעגן גנענדל. איין באַרוויסער פוס אירער האָט זיך אַרויסגעזען פון אונטערן איבערבעט. איך האָב פּלוצים פאַרלוירן סאַבעס הייסע הענט. אָבער אמת איבערראַשט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב דערזען, אַז גנענדל איז גאָר סאַבע. איך האָב זיך געריסן איר זאָגן, אַז די ראָלע פּאַסט זיך נישט פאַר איר, אַז זי, מיט איר טעמפּעראַמענט, וועט עס איבערפירן. נאָר דאָ האָט געטראָפן עפּעס אַזוינס,

וואָס האָט ביי מיר ממש אָפּגענומען דעם אָטעם. איך אַליין האָב זיך פּלוצים אויפגעהויבן און גענומען גיין דורך דעם גאַנצן עולם צו דער בינע. איך האָב אונטערגעהונקען, ווי איך וואָלט געוואָלט באַהאַלטן די בושה פון מיין באָרוויסן פוס. איך האָב אָבער דערפילט, אַז איך בין נחמן. עס האָט געדויערט אַ רגע און איך האָב געשפּילט נחמנ׳ען, שטייענדיק לעבן גנענדל־סאַבעם בעט. אַ שוואַכער לאָמפּ האָט באַלויכטן סאַבעם האַלב־פאַר׳חלש׳ט פּנים. פון עולם האָט מען געקוקט מיט לאַרנעטעס. דעם עולמ׳ס האַרץ האָט געקלאַפּט ווי איין גרויסע גראָב־מאַשין.

— יוסף, — האָט זי געזאָגט און געשטרעקט צו מיר אירע הענט.

איך האָב זיך אָנגעבויגן און איר אַריינגעשושקעט אין אויער, אַז אין דער דראַמע הייס איך נחמן. אָבער זי איז געווען פאַר׳עקשנ׳ט. יוסף, יוסף, האָט זי מיך גערופן מיט אירע הענט.

איך בין אַריינגעפאַלן אין דער ראָלע מיט ברען. איך בין געווען צופרידן וואָס מיינע טאַטע־מאַמע זיינען שוין אַוועק. די איינציקע זאַך, וואָס האָט מיך אַ ביסל באַאומרואיקט איז געווען דער אורח. איך בין געווען זיכער, אַז ער קוקט דורכן שליסללאָך. אָבער ווייל טאַטע־מאַמע זיינען אַוועק האָב איך גענומען שפּילן אָן צוריקהאַלט.

*נחמן:* — איך האָב דיך אַזוי ליב, גנענדל לעבן, איך גיי־אויס נאָך דיינע טריט. איך וועל מיט דיר אַנטלויפן פונדאַנען, אַרונטערנעמען מיין בערדל און ווערן אַקוראַט ווי אַ טשיסטע גוי. ביי מיין וואָרט, גנענדישי, איך וועל ווערן אַ שגץ מיט אַ גלאַטער מאָרדע און איך וועל שפּילן אויף דיר ווי אויף אַ פידל, אין אַ פויערשן יאַריד — ריפּיי־ריפּיי־ריפּיי, — אַז איך וועל נישט האָבן די באָרד — וועלן אויסגיין אַלע שבת־קודש־לעכט און די נשמה־לעכט און עס וועט ווערן אַזוי אָן־בושה׳דיק פינצטער.

*גנענדל:* — יוסף, יוסף, זיי גוט צו מיר, זיי שלעכט צו מיר, זיי ביטער צו מיר און שלאָג מיך מכות רצח, יוסף, יוסף.

זי האָט פּלוצים גענומען שרייען היסטעריש און איר גאַנץ פּנים איז געוואָרן צעקאַרטשעט און פאַרעלטערט. איך האָב זיך

גערים פון דער בינע, פון אַלע זייטן האָט מען געשריגן: שווינדל! פעיק! גיין אַפּ ס'געלט!

איך בין געלאָפן און נאָכגעשלעפּט דעם באַרוויסן פוס און אַריינגעפאַלן אין דעם לעצטן גריבל פון אומרואיקער האַלב־וואַכיקייט, וואָס קומט ערב אויפכאַפּן זיך. מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך טרינק זיך און איך האָב שוין באַוויזן אַרויסצוראַטעווען די הענט און אַ שטיק קאָפּ, איבערן וואַסער.

## III

איך בין אַזוי געלעגן עטלעכע מינוט אין אַ הייסער לעטאַרגיע. די זון האָט מיר געבאַקן דעם קאָפּ. איך האָב נאָך אַלץ געהערט סאַבעס קוויטשערייען. איך האָב זיך אויפגעזעצט, אָבער איך האָב זיך בשום אופן נישט געקאָנט אַרויספּאַנגען פון מיין דערטרונקענער פאַרשלאָפנקייט. אַרום מיר האָט געלעבט דאָס גראָז, דאָס ווייטע וועלדל, די זון אויף איר גאַנג צו אַן אָפּגעקילטן הימל. איך האָב אַרונטערגעקוקט צום טייכל און געזען דימינוטיוו לעבן, און אין מיר האָט זיך נאָך געבלעזלט דער שוים פון חלום. מיינע אויגן זיינען נאָך געווען פאַרשלאָפענע שפּיגלען און די אויערן מיינע האָבן דערווייטערט, שטאָט דערנענטערט.

פון דעם אָרט וואו איך בין געלעגן האָב איך איצט געקאָנט זען, ווי מען פּלעסקעט זיך אונטן אין דעם וואַסערל. די רויטע, גרינע און געלע באַד־קאָסטיומען האָבן אויסגעזען פון דער הויך ווי גרויסע, באַוועגלעכע בלומען.

עס האָבן זיך צו מיר דערטראָגן געשרייען, וואָס זיינען אין וועג אַ ביסל פאַרשטומט געוואָרן. יעדער געשריי איז דערגאַנגען צו מיר אויסגעהוילט, אָבער עס איז געווען קלאָר, אַז דאָס זיינען געשרייען פון פרייד, פון אַ ווייטער פרייד.

נענטער פון דער דערווייטערטער פרייד איז פאַר מיר געווען דער געבעטש פון דעם טרעגער, וואָס איך האָב איצט געהערט אַקוראַט אַזוי, ווי בעת ער האָט מיך באַגעגנט מיט עטלעכע וואָכן צוריק. ער האָט מיך געהייסן מיטפירן דעם

גרוס פאַר זיין בראַטשיק, אַז עס זאָל אים אויסדישען מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, וואו ער איז דאָרט אין אַמעריטשקע.

דער טרעגער האָט גערעדט צו מיר אויף זיין פאַרגרעבט געוויין, וואָס איז געווען די שטים פון אַ גאַנצן קלאַס. דאָס קול איז אַרונטער טיף און האָט פון די סאַמע טיפן אַרויסגעקראָגן אַ פאַרבלוטיקט געשריי. עס איז געווען אַזוי רירנדיק, ווי דער גערעוו פון אַ קו נאָך איר קאַלב. ער האָט געהאַלטן אַ ווירדיקן פינגער אין זיין אַרומגעגאַרטלטן שטריק און געשאָלטן.

— טאָמער טרעפסטו דעם בראַטשיק מיינעם, וואָס שעמט זיך מיט זיין בלוט און פלייש, זאָג אים, אַז עס זאָל אים וואַרפן הייזער־הויך.

דאָס פנים זיינס איז געווען אינגאַנצן צעקנייטשט. אַ קינדיש פנים איז אַלט געוואָרן, אַריבערהיפנדיק אַלע נואַנסן פון יונג־שאַפט און מיטליעריקייט.

— ער שעמט זיך מיט זיין ברודער. אים אַרט נישט, וואָס איך האָב נישט קיין ברויט, קומען זאָל אויף אים דער טויט און אויף אַלע זייניקע. זאָל אים גאָט אַזוי פאַרפאַטשן דאָס פנים, ווי ער האָט מיך פאַרפאַטשט פאַר לייטן. וואָסי? ער איז גע־וואָרן אַ גאַנצער לייט, אַ שניידער געוואָרן, מאָג ער זיך שוין שעמען מיט דעם טרעגער־יונג?

זיין שטים איז געוואָרן אַנגענעמער פון מינוט צו מינוט. זיין תוכחה איז געקומען ווי אַרויסגעלייענט פון אַ מענערשער תחינה. ער איז געשטאַנען אינמיטן מאַרק און געשאָלטן.

— ניש'קשה! שעם זיך נישט, זאָג אים. אַזוי האָט געטאָן זאָגן זיין ברודער, וועמעס בלוט ער האָט פאַרגאָסן, וועמעס ווייטאָג ער האָט נישט געהערט. קומען זאָל אויף אים אַ טוי־בעניש, קייען זאָל ער אַלטגעבאַקן ברויט ווי איך.

איך האָב איצט געהערט דאָס געזאַנג, וואָס האָט געוויינט העכער פון דער פרייד ביי דער פלאַזשע, וואו מען האָט זיך געפלעסקעט. איך האָב געוואָלט, אַז דאָס קול פון אָרימען, פאַרשעמטן ברודער, זאָל וויינען אין מיר, ביז איך וועל צוריק־קומען צום לאַנד פון די דערווייטערטע און אַרויפגעאַרבעטע

שניידער. איך האָב דאָס קול געוואָלט אַריינזינגען אין זיך, איך האָב דאָס פּנים געוואָלט פאַרגעדענקען, דעם גאַנצן שווערן מענטש, מיט דעם שטריק אַרום די לענדן, אינטימען מאַרק.

עס איז געווען אַ קול פון אַ מענטש, וואָס עלטער־עלטער זיידעס האָבן פאַראורטיילט צו רעדן ערדיש, טיף ווי פאַרקאָפּעטע קאַרטאָפליעס, ווייל אַזוי דאַרף רעדן דער פאַרשעמטער אָרימאַן. אָבער דאָס קול האָט געקראָגן ליכט און תפילה׳דיק געזאַנג, ווי דאָס יאָמערן פון אַ יידענע ביים אָרון קודש, פאַר אַ קינד וואָס איז פלוצים איינגעפאַלן. דעם טרעגערס גראָב קול האָט נאָך דערצו געהאַט מער ווירדע, מער מאַנסבילישׁ ברומען.

דעם טרעגערס געוויין איז געווען דאָס סאַמע טיפסטע, דאָס וואָס האָט געוויינט אין נאָמען פון דעם גאַנצן יידישן דלות. שפּעטער זיינען זיי שוין געקומען, איינער נאָך דעם אַנדערן, ווער מיט בושה און ווער מאַנעריש. עס איז געווען אַ פּאַראַד פון אָרימקייט. די גאַנצע אביונ׳ישאַפט האָט אויסגעשטרעקט די האַנט — נישט צו מיר, פּערזענלעך, נאָר צו מיר, דעם שליח־צבור פון לעגענדאַריש ברויט.

## א.

געקומען אַן אָפּגעפּוצטער ייד, אַ הויכער מיט אַ הויכן שטערן, מיט אַ ווירדיקן גרוי אין דער שוואַרצער באָרד.

געקומען איז ער מיט אַ מאמר, אַ צוגעפּאַסטן מאמר, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פאַרזיכטיק, ווי אַן אתרוג, פון אַ שאַכטל פּאַקעלעס. ער האָט מיר דערלאַנגט אַ זאָג וועגן אָרימקייט, וואָס דרייט זיך נאָך דעם אָרימאַן, וועגן דער מצוה פון אויסגעבן אַ טאָכטער, און וועגן דעם פאַרשעמטן שבת, וואָס גיט זיך אַליין אַ קניפּ, אַז די פאַרב זאָל שטיין.

ס׳איז אַזאַ מעשה. די טאָכטער איז אַ יפת תואר. ווען זי איז געווען גאָר יונג איז מען איר נאָכגעלאָפן, נאָר אַז מען איז אויפגעוואַקסן און די יונגעלייט האָבן גענומען טראַכטן פון חיונה, איז זי פאַרבליבן ווי אַ שטיקל בראָק. זיי זיינען אָפּגע־פאַלן איינער נאָך דעם אַנדערן. אַזוי שטייען זיי אַלע אין שול

און זיינען באַלעבעסלעך, און די טאָכטער נעבעך רעדט נישט קיין קרום וואָרט, אָבער אַ טאַטנס האַרץ שניידט מיט מעסערס.

ס׳איז אַזוי די מעשה. אַמאָל איז מען געווען גאָר־גאָר. מען האָט געהאַנדלט מיט געהילץ, אָבער מען איז אַרונטער און געוואָרן גאָר־גאָר געמיין. האָט דאָך דער רבונו של עולם צוגעגרייט די רפואה פאַר דער מכה און אָוועקגעשיקט מיין ווייבלס ברודער קיין אַמעריקע, ווען ער איז נאָך געווען אַ קליין אינגל. עס רעדט זיך נאָר אַזוי אַוועקגעשיקט.

די מעשה איז אַזוי. ער איז געווען אַ צעווילדעוועטער און דעם ווייבס טאַטע־מאַמע זיינען געווען האַנאָראַווע מענטשן. איינמאָל האָט ער עפּעס אָפּגעטאָן אַזוינס, וואָס האָט די עלטערן אַ ביסל פאַרשוואַרצט דאָס פּנים, האָט דער טאַטע באַשלאָסן אים צו ווייזן ווער עלטער איז. האָט ער, נישט מער און נישט ווייניקער, ווי אַרויפגערופן דעם סטרוזש און אים געזאָגט, אַז ער זאָל אים מקיים פּסק זיין. דער סטרוזש איז דאָך אַ רשע און ווייסט נישט קיין חכמות, האָט ער אים געשלאָגן מיט אַזאַ יוכע, אַזוי שטאַרק, אמת טאַקע אין ווייכן אָרט, אַז דאָס קינד האָט נישט געקאָנט איינזיצן. צי ס׳זיינען פאַראַן יידן מיט גוי׳עשע הערצער? ער זאָל האָבן די גוטע יאָר.

איז אויף דעם צווייטן טאָג דער ילד פאַרשוואונדן און ווי אין וואַסער אַריין. געגאַנגען קלאַנגען, אַז ער האָט זיך גע׳שמד׳ט, אויס נקמה צו די עלטערן. טאַטע־מאַמע זיינען גראָ געוואָרן פאַר דער צייט. ער איז נאָך געווען דערצו אַ בן־יחיד, ער און אַ בת יחידה, וואָס איז איצט שוין אַליין אַ מאַמע פון אַן אייגע־נער בת יחידה, זיינען געווען, מישטיינס געזאָגט, די איינציקע קינדער.

די מאַמע האָט זיך אַפילו געוואָלט גט׳ן מיט דעם טאַטן צוליב דער אכזריות, אָבער מענטשן האָבן זיך אַריינגעלייגט.

עס זיינען אַוועק שיינע עטלעכע יאָר און ס׳איז געקומען אַ ידיעה פון אַ לאַנדסמאַן, אַז דער יונג איז אין אַמעריקע. טאַטע־מאַמע האָבן זיך דערפרייט און גענומען שרייבן בריוו, אָבער דאָס קינד האָט נעבעך נאָך אַלץ געטראָגן אַ צעוויטאָגט

האַרץ אויף זיי און ער האָט, הלמאַי זאָל ער ליגן זאָגן, גע־ענטפערט, אַז פאַר אים איז די גאַנצע משפחה טויט.

איצט איז שוין זיין משפחה טאַקע אויף אַן אמת'ן טויט. געבליבן איז אים בלויז די איינציקע שוועסטער. ווען מיר זיינען מיט עטלעכע יאָר צוריק אַזוי שטאַרק אַרונטער, האָט אים די שוועסטער אָנגעשריבן אַ בריוו, וואָס האָט געקאָנט רירן אַ גוי'עשן גאָט. זי האָט אים טאַקע גוט צענומען און צעוואַרימט. עס זיינען נישט אַוועק קיין פיר וואָכן און עס איז אָנגעקומען אַ גאַנצער הונדערטער.

פון דעמאָלט אָן זיינען געפלויגן הונדערטער. יעדער הונ־דערטער איז געווען מער ווי אַ הונדערטער. עס איז געווען אַ ישועה, אַ רפואה שלמה פאַר דעם ווייב, וואָס איז נעבעך שלאַף אויף די נירן. עס איז געווען אויף אַוועקצולייגן פאַר נדן. דער טאָכטערס אויגן האָבן געלויכטן מיט האָפענונג, ווי ברע־נענדיקע לעכט. זי איז אַן איין־איינציקע ביי אונדז, איין אויג אין קאָפּ.

אָבער פונקט ווי די הונדערטער זיינען געקומען אומגע־רעכט, ווי גוטע פייגעלעך, אַזוי זיינען זיי אומגערעכט אַוועק. מיין ווייב האָט זיך שוין אָפּגעשריבן די פינגער. וויפיל טרערן זי האָט דאָרט אַריינגעטאָן אין יעדן בריוו, וויי, וויי! וויפיל פון מיין טאָכטערס טרערן זיינען אין יעדער שורה געווען, וויי, וויי! אָבער די וואַנט ענטפערט? אַזוי האָבן יענע בריוו גע־ענטפערט. מיר האָבן געגומען מפשפש זיין, אפשר האָט מען אים חלילה פוגע בכבוד געווען? אָבער מיינע האָט אים גע־שריבן גאָלדענע בריוו. איך האָב אים אויך צו יעדן בריוו צוגע־טשעפּעט אויף לשון־קודש שיינע ווינשעוואַניעס.

— ס'איז אַזוי די מעשה. איר זעט פאַר זיך איצט טאַקע אַ לעבעדיקן מענטשן, אַ טאַטן פון אַ טאָכטער, אָבער אַז איר וועט נישט העלפן אויסזוכן דעם שוואָגער מיינעם און אים פרעגן, היתכן, פאַרוואָס האָט ער אונדז דערפרייט די הערצער און פאַרוואָס לאָזט ער אונדז אויסגיין פון הונגער, פאַרוואָס האָט ער אין אונדז אָנגעצונדן האָפענונגען און זיי פאַרלאָשן, פאַרוואָס

איז זיין הארץ געוואָרן קיזלשטיין, — וועט זיין שלעכט. פרעגט אים אדרבא, אָבער איר מוזט עס מאַכן שנעל. ווייל, מיינע נאמנות, איך וועל זיך אַנטאָן אַ שטריק אויפן האַלדז.

ב.

געקומען איז אַ ייד מיט אַ דריבנעם געלעכטער. כע, כע. כ'געדענק אים נישט, הייסט עס. אַמאָל האָב איך דוקא גע'שמ'ט פאָר אַ גוט קעפּל, אָבער פון דער אַנדערער זייט, האָט מען קיין עין הרע גענוג אויפן קאָפּ און יאָרן שפּילן אויך עפּעס אַ ראָלע.

כע, כע, אָבער תוך כדי דבור, בעת איך האָב אים גענומען אויסטאָן פון די גרויע האָר און פון די קנייטשן און פון אַלע אַנדערע גרימירטקייטן, האָט ער זיך פּלוצים צעוויינט, און גע־פאַלן מיט קאָפּ און באָרד אויף דעם טיש.

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ שיינער באַלעבאָס, געהאַנדלט מיט מעל און געווען אַ ייד, וואָס מען איז צו אים געלאָפן פרעגן אַן עצה. ער איז געשטאַנען לעבן מיר — אַ שטאָט לעבן אַ שטאָט — אין שול. ווען איך האָב אויף אים אַרויפגעוואָרפן אַ טלית מיט אַ זילבערנער עטרה און מיט דעם ביסל פּורפּור־וועב, האָב איך אים ערשט גוט דערקענט.

ער איז איצט איינער אַליין. דאָס ווייב האָט דער אויבער־שטער צוגענומען. אים האָט ער נישט געוואָלט צונעמען, ער האָט אים בלויז אַוועקגעשליידערט אויף דער עלטער. נישט פאַרנומען דעם „אל תשליכנו". פון זיינע דריי קינדער זיינען צוויי געשטאָרבן, דער איינער איז אין אַמעריקע. דערציילט מען וועגן אים פאַרשיידענע זאַכן, אָבער אַ בריוול דעם טאַטן שרייבט ער נישט.

— נאָדיר זיין אַדרעס, זוך אים אויס, און דו מעגסט אים זאָגן, דאָס וואָס ער לאָזט דעם טאַטן אויסגיין פון הונגער, זאָל אים נאָר נישט גערעכנט ווערן. אַזוי זאָלסטו אים טאַקע זאָגן. איך בעט כסדר ביי גאָט, אַז עס זאָל אים נישט גערעכנט ווערן. זאָג אים שוין אויך, ווען עס איז זיין מאַמעס יאָרצייט. ער וואָלט אַמאָל געמעגט אַריינוואַרפן אַ קדיש, זאָל זיינס איבערגיין.

## ג.

און געקומען איז דער שטאָט־חזן, שוין אַ ייד אין די הויכע זיבעציקער, וואָס באַרימט זיך, אַז ער פאַרמאָגט נאָך אַלץ אַ שאגת אַרי. מען הערט אים פון איין עק שול צום אַנדערן. אַמאָל איז ער געווען אַ שיינער באַלעבאָס, אַ ייד אַ סוחר. חזן איז ער געווען צוליב האַנאָר, אָבער היינט איז ער געוואָרן בלויז כלי קודש. ווען ער האָט געשאָנקען דער שטאָט דאָס חזנות, איז עס געווען אָנגעלייגט, היינט וואָלט מען אים געוואָלט דערטרינקען אין אַ לעפל וואַסער.

די הויזן, אַ לאַטע אויף אַ לאַטע. דערצו עפּענען זיך שוין עטלעכע אָנזעעוודיקע לאַטעס און עטלעכע גאָר וויכטיקע קנעפּ־לעך פעלן. דאָס ריפּסענע רעקל צעקריכט שוין און די אַרבל האָבן היפּשע לעכער.

פון זיינע פאַרדינסטן מוז ער נאָך אויסהאַלטן די טאָכטער, ווייל דער מאַן, נישט דאָ געדאַכט, איז נעבעך אַ חולה מסוכן. ער וואוינט טאַקע ביי דער טאָכטער, און פאַרוואָס זאָל ער ליגן זאָגן, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, ס'איז נישטאָ קיין ברויט אין הויז. דאָס איז שוין מיט די יאָרצייטן אויף דעם בית־עולם און מיט די קייל מלא רחמים'ס, מיט דעם חזנות, מיט האַקלבאַקל. אַמאָל האָט ער געוואוסט, אַז שבת קאָן מען נעמען עפּעס אין מויל אַריין ביים ברודער, איז ער געוויינטלעך גע־קומען און געמאַכט קידוש, איבער אַ גלעזעלע אָקעוויט און אַ פּראַשניקל; דערווייל האָט ער זיך שוין געוואַשן צום עסן און טועם געווען אַ שטיקל פיש. האָט אים דער ברודער געזאָגט קלאָרע דבורים, קידוש יאָ, אָבער אַז דו וואַשסט זיך שוין אינ־גאַנצן צו מיר, איז זיי־זשע מוחל און זיי מיך נישט מתנה יעדן שבת מיט אַ באַזוך. מעגסט נאָך זיך לאָזן בענקען.

— אָט דער קידוש מיט דעם שטיקל פיש, וואָס דער ברודער האָט צוגענומען ביי מיר — און סך הכל איז ער אַן עקר, האָט נישט קיין קינד און קיין רינד, — איז קין האָט אָוועקגעקוילעט הבל'ען בפועל ממש. אָבער הלמאַי זיך באַקלאָגן אויף אַ ברו־דער, אַז אַן אייגענער זון, וואָס וואוינט עטלעכע שעה רייזע

פון דאַנען און אין וועמען איך האָב אַריינגעלייגט אַ פּאַרמעגנס, וועמען איך האָב געלאָזט אויסשטודירן אין קאָנסערוואַטאָריע און וואָס שרייבט איצט מוזיק — ער מאַכט זיך דען ווּיסנדיק, אַז דער טאַטע דרייט זיך אַרום און דאָרט־איין, ווייל ער האָט נישט קיין לעפל וואָרימס צו באַנעצן די קישקעס.

— וואָס־זשע וויל איך פון דיר האָבן? מיין ווייב, עליה השלום, האָט אַ גרויסע משפחה אין נעוויאָרק. איינער איז דאָרט אַ מאָנאַרכע, ער וואַרפט זיך מיט געלט. אַמאָל שיקט ער מיר אַריין עטלעכע דאָלאַר און שרייבט אַפילו נישט פון וועמען, איז עס מחיה מתים. האָב איך דאָ זיין אַדרעס. איך דאַרף דיר נישט האַקן אונטער דער צונג און דיר זאָגן וואָס דו דאַרפסט אים אַזוינס זאָגן. זאָג אים, אַז — און ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם האַלדז — באו מים עד נפש.

ד.

דער גמרא־מלמד מיינער, וואָס האָט זיך אַ האָר נישט גע־ענדערט, קומט אַריין מיט אַ זייטיקן גאַנג, ווי ער וואָלט עפּעס געהאַלטן אַ וויכטיקע זאַך אונטער דעם רעקל, און ער וויל עס נישט פאַרלירן. זאָגט מען טאַקע אין שטאָט, אַז ער טראָגט דאָרט אַ גאַנצע אַפּותיקה, צוזאַמענגעשפּאַרט און צוזאַמענ־געזשעברעוועט. עס איז רעכט, שמועסט מען, אַז ער פאַרמאָגט רענדלעך, וואָס פוילן האָט גאָר נישט אַזעלכס, נאָך פון ניקאָלייס צייטן. עס איז רעכט, אַז ער פאַרמאָגט שיינע עטלעכע הונדערט זלאָטעס און אַלץ טראָגט ער מיט זיך.

הויבט ער אָן מיט אַ טענה. ער האָט אין מיר אַריינגעהאַקט געוונג תורה און ווּדליק מען שמועסט איז עס נישט געגאַנגען ניוועץ, נאָר עס איז גוט צונוץ געקומען. איז מעג ער זיך נעמען די העזה און ביי מיר בעטן אַ טובה. נישקשה, אַ תלמיד איז שולדיק דעם רבין אַ חוב. אַפילו אַ רבין וואָס שמייסט איז מען שולדיק, אָבער בפרט אַזאַ רבין, וואָס האָט מיך קיינמאָל נישט אָנגערירט, נאָר האָט מיט מיר געלערנט שפּילנדיק, מעג מען דאָך אוודאי אָפּדינען.

געדענק איך די רבי׳צן? איז זי שוין טויט. געדענק איך

דעם איינציקן זון זיינעם, דעם מיט דער רויטער באָרד, וואָס פלעגט שטיין און האַקן האָלץ פאַר דער טיר, דעם משוגענעם? איז, דורך דער צייט, האָט דער אויבערשטער געהאָלפן, ער איז גאָר מיושב געוואָרן און געוואָרן אַ גאַנצער סטאַטעק. איצט איז ער שוין עטלעכע יאָר אין מיין אַמעריקע. אין אָנהויב האָט ער געשריבן בריוו — קאָטשערעם מיט לאַפּעטעס, אָבער ער האָט געשריבן דעם טאַטן, אַז ער לעבט און איז געזונט. אַמאָל האָט ער אַפילו צוגעשיקט אויף יום-טוב עטלעכע גילדן. איז שוין שיינע עטלעכע יאָר אַז ער האָט שוין נישט געשריבן.

— אַן אַדרעס האָב איך, מעגסטו מיר טאָן די טובה און זאָגן דעם משוגענעם, אַז אַפילו אַ משוגענער מעג אויך רחמנות האָבן אויף אַ טאַטן. הער נישט, וואָס רשעים זאָגן, אַז איך בין אַ נגיד. עס זאָל זיי אַזוי נאָגן ביי דער נשמה, ווי עס נאָגט מיך פון הונגער. און דו אַליין מעגסט אויך געבן עטלעכע זלאָטעס. וואָסי, די תורה, וואָס איך האָב אין דיר אַריינגעקנאָוועט, איז נאָך ווערט, אַז דו זאָלסט אַן אַלטן רבין מחיה זיין. דער׳עיקר׳שט זאָלסטו אָבער געדענקען, למען השם, אויפצווזוכן דעם משוגענעם. אַז ער וועט געבן אַ געשריי, זאָלסטו געבן אַ העכערן, און מעגסט אים שוין, איינוועגס, דערלאַנגען אַ מתנת יד אויך, ווייל אַזוי האָב איך אים דערלאַנגט ווען ער איז שוין געווען אַ יונגאַטש אין די צוואַנציקער. אַזאַ חברה-מאַן ניכטערט אַמאָל אויס אַ פּאַטש און ס׳איז אים צו רפואה.

— דאַרפסט נישט פאַרשווענדן קיין סך רייד. זאָג אים קורץ. טאַטע, ברויט — האַם-האַם, עסן!

## ה.

אַ פרוי איז געקומען מיט דריי קינדער, כדי איך זאָל באַשיינ-פערלעך זען איר אומגליק און איר מערכה. ער האָט איר שיין אָפּגעטאָן, דער מאַן אירער.

די קליינע פרוי האָט געקראַגן בייזע אויגן און זי האָט אַרויפגעקוקט צו דער סטעליע.

ער האָט פון איר געמאַכט אַ לייט. סך הכל האָט זי געהאַט

מיט אים צוויי יאָר פון האַניק לעקן. ער האָט איר צוגעדעקט דעם קאָפּ און פאַר דער טובה האָט ער איר געגעבן דעם דלות. אַ גאַנצע וואָך, יאָק אַ גאַנצע וואָך, אָבער אויף שבת האָט קיינ־מאָל נישט געסטאַיעט. פאַר דעם האָט זי זיך שוין באַדאַרפט שוואַרצן דאָס פּנים. פרעג נישט ווי אַזוי זי האָט דעם שבת אריינגעשלעפּט מיט געוואַלט, ביי די אויערן, אין הויז אריין.

זי איז געווען אַן אומגליקלעכע גרושה, שוין צום צווייטן מאָל אַ גרושה. נעמט ער און מאַכט זי גאָר פאַר אַן אלמנה. שיין אָפּגעטאָן. מען קאָן נישט זאָגן, ער האָט זי שוין איינמאָל פאַרזאָרגט.

זי האָט ווידער געכאַפּט אַ קוק אויף דער סטעליע מיט אַ ברענענדיקן כעס.

האָט ער איר איבערגעלאָזט די דריי יתומים, איינס קלענער פון דעם אַנדערן. דאָס איז איר ירושה, די דריי פאַר׳חושכ׳טע פּנים׳לעך זיינען אירע גיטער, וואָס ער האָט איר איבערגעלאָזט. זי אַליין איז אַן עקרה, האָט זי געמאַמעט זיינע קינדער. אָבער אַז ער האָט איר אַזוי אָפּגעטאָן, וואָס קאָן זי איצט נעבעך טאָן? בפרט אַז זי האָט רחמנות אויף די ווערימלעך. זיי רייסן איר אוים אַ שטיק האַרץ.

— האָט ער אַ ברודער אין אַמעריקע, זאָל אים דאָרט גרינג זיין די ערד ביים לעבן. דאָס איז אַ רשע מרושע. האָב איך דאָ זיין אַדרעס. נעם־זשע זיך די מצוה, שוין נישט אַזוי פאַר אַ וויסטער אלמנה נעבעך, נאָר פאַר די קינדער. עס איז אַזוי גוט ווי דיינע קינדער. ווייל אויב זיי זיינען נישט דיינע, זיינען זיי דאָך מיינע אויך נישט. זאָג אים, אַז אויב ער וועט נישט לאָזן הערן פון זיך, וועל איך אים טאָן די טובה און אַרויפ־זעצן די דריי קינדער אויף אַ שיף און זיי אים צושיקן גלייך קיין נעוו יאָרק.

די קינדער, צוויי אינגעלעך און אַ מיידעלע, האָבן צוזאַמען אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין.

— שאַט, שאַט, דאָס סטראַשע איך נאָר אַזוי דאָס פעטערל אייערס, אַזיסטן זעץ איך שוין אויף אַ שיף. איי, האָט מיר

אייער טאַטל שיין אָפּגעטאָן. נישטאָ וואָס צו רעדן, אַ שיינער ייד, אַ שיינער פאַרזאָרגער.

און זי האָט געכאַפּט אַ לעצטן קוק אויף דער סטעליע, ווי ער וואָלט זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן פון איר נאָכן טויט.

ו.

ס׳האָט זיך אים געפילט פון מויל, ווי פון אַן איבערגעזיי־ערטן הונגער. ער האָט, ווייזט־אויס, געוואוסט, אַז זיין אָטעם איז נים שטאַרק אין אָרדענונג, דערפאַר האָט ער, צווישן יעדע עטלעכע אָפּגערעדטע ווערטער פלינק אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן מויל, אַ מין מחיצה צווישן אים און מיר. ער האָט געקוקט אויף מיר און געשוויגן עטלעכע מינוט.

ער איז אין איין עלטער מיט מיר און ער האָט זיך נאָך צו גאָרנישט דערשלאָגן. זיין גליק איז וואָס ער איז אַ בחור און אַליין איז לייכטער צו הונגערן.

פון פּשוט׳ע רייד איז ער גלייך אַריבער אויף אַ העכערער אַקטאַווע. ער האָט גענומען רעדן געדרוקטע ווערטער.

היות, נעמענדיק אין אָנבאַטראַכט די מאַטעריעלע לאַגע פון גאַנצן קאָלעקטיוו, און פּאַראַלעל מיט די אומשטענדן פון דער גאַנצער געמיינדשאַפטלעכער עקזיסטענץ, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז דער יחיד איז מינדערוויכטיק אין זיין קענ־טיקער אַרימקייט. מען קאָן אַפילו אַרגומענטירן, אַז דער קאָ־לעקטיוו באַשטייט, אין לעצטן אַנאַליז, פון סאַמע יחידים, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די באַזונדערע, אומצווייד״טיקע אַטריבוטן פון דער גאַנצער מאַסע, אין קלימאַקס פון איר אַנטוויקלונג. כאָטש ביי צוריקגעשטאַנענע פעלקער, אויף דעם סאַמע נידע־ריקסטן שטאַפּל פון עוואָלוציאָנערער אַנטוויקלונג, זעט זיך אַ סך בולט׳ער די סאָציאַלע פיזיאָנאָמיע — און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער.

ער האָט די אַלע שווערע און פאַרפּלאָנטערטע זאַצן גערעדט מיט אַ מערקווירדיקער לייכטקייט. זיי האָבן זיך געקייטלט און אויסגעשטעלט אין פּיראַמידן פון רייד. ער האָט מיר פאַרטרויט, אַז — נישט געקוקט אויף זיין אומקאָמפּראָמיסלעכן אַטעאיזם,

איז ער אַ ראָמאַנטיק־און־דאַנערשטיק־פּאַסטעך, ווייל אַזוי פּאָדערן די טרויעריגע אומשטענדן. ער האָט געהאַט אַן אויסגעלענגערט, וואַקסיק פּנים, וואָס האָט אויסגעקוקט ווי אַ ליכט וואָס צע־שווימט פון היץ. ביז ער האָט געעפנט דאָס מויל איז אויף אים געווען אַ גאַנץ רחמנות, נאָר די ווערטער זיינע האָבן געקלונגען, ווי ער וואָלט געשריבן אַ טרוקענע פּראָשעניע מיטן מויל.

— דער אינטעלעקטועלער טריב, וואָס האָט אייביק כאַ־ראַקטעריזירט מיין שטאַם, האָט מיך געטריבן אין די אָרעמס פון בילדונג. נישט האָבנדיק פאַר זיך די סאַמע מינימאַלסטע פּערספּעקטיוון פון מאַטעריעלער פאַרזיכערונג, האָב איך ביי דער גאַנצער אומקאָנסעקווענץ פון דער בילדונג אין דער געטאָ, געקוקט פאָראויס צו דער עווענטועלקייט פון אַ ניט־פאָראויס־געזעענער אַנטוויקלונג.

עס לאָזט זיך אויס, אַז ער האָט די דיפּלאָמע זיינע מיט די זעקס קלאַסן גימנאַזיע, פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק, געוואָלט פאַרוואַנדלען אין פּוילישע קרעדיטן, אָבער די פּוילישע גימנאַזיע האָט עס נישט געוואָלט אָננעמען. האָט ער זיך פּשוט אָוועקגעזעצט און אָנגעהויבן צו זוברעווען פון סאַמע אָנהויב, ווי אין די אַלטע גוטע עקסטערנישע צייטן. ער האַלט שוין איצט ביי דער זיבעטער קלאַס גימנאַזיע און ער דאַרף האָבן נאָך אַ יאָר, אָבער דאָס חיות לאָזט זיך אים אויס. ער קאָן שוין נישט אויסהאַלטן דעם הונגער. אַ שטיקל דאַך איבערן קאָפּ האָט ער יאָ, ווייל דער פאַרהייראַטער ברודער זיינער האָט אים אָוועקגעשטעלט אַ בעטל אין אַ פינצטערן אַלקער.

דער פעטער קאָן אים ראַטעווען. דאָס הייסט אייגנטלעך זיין מאַמעס פעטער, ער לעבט נאָך אין אַמעריקע. מען דאַרף אים נאָר אויפמערקזאַם מאַכן, אַז עס האַנדלט זיך אין בילדונג.

— נישט געקוקט אויף דער אויסזיכטלאָזיקייט פון יידישן פאָלק בכלל און פון דער לערן־יוגנט בפרט, איז בילדונג פאַר זיך אַליין אַ צוועק, וואָס איז טראַנסצעדענטאַל און פּראַקטיש אין דער אומפּראַקטישקייט, — האָט ער מיר געזאָגט צום געזעגענען.

## ז.

א מיטליאָריקער מאַן מיט אַ צוויי-דריי גרויע פּעדים אין אַ שיטערער, שוואַרצער באָרד, איז אַריינגעקומען.

ער האָט אַרויסגענומען אַ פאַרגעלט פּאַפּירל, וואָס איז געווען אויפגעקלעפּט זייער מייסטעריש אויף אַ טעוועלע, וואָס האָט זיך צוזאַמענגעלייגט אין פירן.

— דאָס רעדט פאַר זיך אַליין, — האָט ער געזאָגט און אַריינגענומען עטלעכע האָר פון דער באָרד אין מויל אַריין, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף עפּעס.

— וואָס שטייט דאָ געשריבן? — נעמט ער מיך פּלוצים אויף אַן עקזאַמען, מיט זייער אַן ערנסטער מינע.

נישט קיין אַנדערער ווי פּרעזידענט הואווער, דאַנקט אים פאַר זיינס אַ באַגריסונג און פאַר זיינע וואַרימע געפילן.

— קענסטו דאָך ענגליש, — איז ער אַ ביסל לעבעדיקער געוואָרן. — פאַראַן אַזעלכע יידן, בלאָפערן רופט מען זיי, דוכט זיך ביי אייך, וואָס קומען טאַקע פון אַמעריקע, אָבער קענען נישט קיין ענגלישן אות. מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך זיך מישב געווען און געשיקט אויף לשון קודש אַ באַגריסונג צום פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, אַ שיינע באַגריסונג, ווי איך קען. פאַרוואָס האָב איך דאָס פּלוצים געטאָן? אָט, שלח לחמך על פני המים. עס איז גוט, אַז מען האָט צו טאָן מיט אַ פּרעזידענט, עס קאָן אָסור שאַטן. האָט ער מיר גלייך צוריקגעשיקט אַ דאַנק-בריוו, ווי איר זעט אַליין. איך אַליין קאָן עס נישט לייענען, ווי קומט עס צו מיר? אָבער מען האָט עס מיר שוין איבערגעלייענט שיינע עטלעכע מאָל, און יעדעס מאָל קוויק איך זיך פון תענוג.

— אַז איך האָב געהאַט פּרנסה, האָב איך אַ ביסל פאַרגעסן אין דעם פּרעזידענט. איצט, אַז איך האָב פאַרלאָרן מיין כסא הרבנות און איך קאָן בשום אופן נישט קריגן קיין שטעלע, און עס קומט מיר איינפאַך אויס אָנצוקומען צו בעטלברויט, האָב איך אויסגעפּאַקט דאָס ידידי-בריוול פון פּרעזידענט און איך פּאַק זיך שוין אין וועג אַריין. די פראַגע איז נאָר וועגן

הוצאות. האָב איך דאָרט ביי אייך אַ פּערמעגלעכן שוואָגער. דו וועסט אים דאָרט זאָגן, אַז איך וועל אים אָפּצאָלן כפל כפלים, ווען איך וועל אָנקומען קיין אַמעריקע. מיט אַזאַ בריוו איז נישט שווער אָנצוקומען. די טויערן וועלן זיך עפענען מיט אַ ברייטן שלום עליכם. ווי זאָגסטו?

און ער לאַכט זיגעריש, וואָס ער האָט זיך באַזאָרגט אין פאָראויס מיט אַזאַ טייערן דאָקומענט.

— איך גיב אייך אַוועק הונדערטער פּעסער פאַר אַזאַ שטיקל פּאַפּיר. דאָרט, אין אַמעריקע, וועל איך זיי באַווייזן, אַז איך בין אַן אמת'ער רב און נישט ווי ביי אייך, ווי הייסן זיי דאָרט, די בלאָפערן. וואָס זאָגסטו אויף אַ שטיק דאָקומענט2? עס איז געווען, זאָג איך דיר, רוח הקודש צו שיקן דעם פּרעזידענט דעם שיינעם מי שברך.

ח.

אויף אַזעלכע אויסגעקרימטע אָפּצאָסן איז זי אָריינגעקומען, אַז איך בין איר אַנטקעגנגעלאָפן, ווייל איך האָב מורא געהאַט, אַז זי וועט אָט-אָט אומפאַלן.

די פראַגע איז נאָר, צי איך דערקען זי. אויב נישט, איז טאַקע גוט ווי די וועלט, ווייל זי שעמט זיך פאַר מיר, זי האָט טאַקע ריזיקירט און געקומען, ווייל זי האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז איך וועל זי שוין נישט דערקענען.

ווען זי האָט מיך געקענט, איז איר נישט איינגעפאַלען, אַז זי וועט גאָר פאַרזיצן, אָבער אָט איז זי. זי זינגט שוין דאָס לידל — אַן אַלמן אָדער אַן אַלטן ייד.

מיינט איר אַוודאי, אַז עס גייט איר אַזוי שטאַרק אין חתונה האָבן. ניין, זי קאָן אָבער נישט אויסהאַלטן די בושה, און בכלל, וואָס וועט זיין דער תכלית? מען קאָן נישט האַלטן אין איין צאַפּן אַן אַלטן טאַטן. זי איז באַלעזן, זי קען גוט די יידישע ליטעראַטור און די וועלט ליטעראַטור. זי וואָלט זיך אונטערגענומען צו ליידן פון דעם ערגסטן מאַן, זי וואָלט געליטן און געשוויגן.

זי איז געווען, וואָס מען רופט, דאָ ביי זיי, אַ ליטעראַרישע

ביילאַגע. זי האָט געוואוסט, אַז מען רעדט וועגן איר הינטער דער פּלייצע. אוודאי, אַז עס איז געווען יוגנט, האָט איר נישט געאַרט, וואָס מען פּאַדעט אַרום איר. פאַרקערט, עס האָט איר הנאה געטאָן, וואָס זי איז געווען אויסגעקאָכט מיט שרייבער, מיט ליטעראַרישע אַקטיאָרן, אָבער עס וואַקסן־אונטער איינגערע ביילאַגעס, און זי לעבט איצט אין אַזעלכע נאַרישע עראינע־רונגען, אָדער דעראינערונגען — אָט דער ד ע ר וועט זי נאָך ווען עס איז דערווערגן.

זי האָט איצט אויסצואוויילן צווישן צוויי שטיקער גליק, איינער איז אַלט אַ יאָר פינף און פופציק און דער צווייטער האָט אַ הויקער, נאָר אַן אינטעליגענטן, נישט קיין שטאַרק אָנזעעוו־דיקן. אָבער ביידע פאָדערן נדן.

— איך קאָן אייך גאַראַנטירן, אַז איך האָב גענוג אורזאַכן פאַרוואָס איך זאָל דאַרפן צוצאָלן. קיין תהילים האָב איך נישט געזאָגט. אָט האָט איר דעם אַדרעס פון מיין ברודער.

ט.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און אָנגעלענט דער גאַנצן קאָפּ אויף דער זילבערנער גאָלקע פון זיין שטעקן. ער האָט אַרויפגעקוקט צו מיר מיט איין אויגל און געשמייכלט.

ער האָט, ברוך השם, אַ זאָקן־פאַבריק און אין די בענק ליגן אויך שיינע עטלעכע טויזנט זלאָטעס. אַלע זיינע קינדער זיינען אויסשטודירטע. איינער איז אַן אויגן־דאָקטאָר, דער צווייטער איז אַ ציין־דאָקטאָר. ביידע האָבן פּרנסה בריווח און האָבן געטאָן שיינע שידוכים. זיין ווייב פאָרט אין די וואַ־רים־בעדער. ער אַליין איז אַ ציוניסט און בכלל אַ משכיל און אַ חקרן. ער ווייסט וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט.

ער ווייסט, אַז איך בין שוין דאָ עטלעכע טעג, נאָר ער האָט מיך נישט געוואָלט ביז איצט באַאומרואיקן. ער האָט זיך אָבער לענגער ניט געקאָנט איינהאַלטן און ער איז געקומען.

ער וויל מיר זאָגן, און ער האָט פּלוצים אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון דער זילבערנער גאָלקע — אַז ער פייפט אויף אַמעריקע.

ער האָט איצט אויסגעזען מלא רציחה. ער האָט זיך שויף

לאַנג געקליבן צו לאָזן וויסן, זאָגט ער, דער וועלט, אַז ער פּייפּט אויף אַמעריקע. ער וויל טאַקע, אַז איך זאָל איבערגעבן אין די הויכע פענצטער, אַז ער, אַ ייד אַ משכיל, האָט אָן דער הילף פון אַמעריקע אויך אויסגעלעבט זיינע יאָרן, און וואויל דערצויגן זיינע קינדער, אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן. זאָל איך אים טאַקע טאָן די טובה און זאָגן דאָרט, וואו מען דאַרף, אַז ער, אַ פּוילישער ייד, פּייפט אויף גאַנץ אַמעריקע, ווי גרויס זי איז דאָרטן. איך וועל אים טאָן די גרעסטע טובה, ווייל בטבע האָט ער פיינט גרויסהאַלטער, און אַמעריקע איז בבחינת גדלן. אדרבא, ס'איז שיין פאַר דער וועלט און עס איז גאָר נישט קיין אום'כבוד פאַר דעם יידישן פאָלק, אַז ער איז געוואָרן אַ נגיד, קיין עין הרע, אָן דער גרויסער, אָנגעבלאָזענער נגידית'טע, אַמעריקע. ער פּייפט אויף אַמעריקע בתכלית האפּייפעריי.

י.

און געקומען איז איינער אַ פינצטערער און אַ שווייגנדיקער. דאָס מויל איז געווען אינגאַנצן פאַרריגלט. ער איז געזעסן און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט שווייגנדיק אימיצן באַקלאָגט. מיטאַמאָל האָט ער טיף אָפּגעאָטעמט און אָנגעהויבן רעדן.

ער פאַרשטייט נישט וואָס וועט זיין דער סוף. אַלץ וואָס ער נעמט אין דער האַנט אַריין איז קעגן געזעץ. אַ מאָדנעם מזל ער האָט, אַז ער נעמט זיך צו אַ שטיקל פּרנסה, איז עס שטענדיק קעגן געזעץ. עס קאָן זיך זיין די געזעצלעכסטע פּרנסה, פאַלט עס אָבער אַריין צו אים אין די הענט, פאַרטשעפּעט עס גלייך דאָס געזעץ ביים פּיסל און ער פאַלט גלייך אַריין אין קרימינאַל. אויבן־אויף קוקט אַלץ אויס גלאַטיק. מענטשן פאַרדינען אויף חיונה פון זיינע פּרנסות. ער האָט אויך אַ ווייב מיט קינדער, און ער דאַרף אויך פּרנסה, נאָר ביי אים פאַרטשעפּעט זיך עפּעס אַ פּרוזשינע און ער פאַלט ווידער אַריין אין קרימינאַל. וואָס דאַרף איך מער? נעמט באַנקראָט. וויפיל מענטשן מאַכן אַמאָל שיין פּרנסה פון באַנקראָט? אַז ער האָט זיך אָבער צוגערירט צו אַ באַנקראָט, איז ער גלייך

אַריינגעפֿאַלן אין תפיסה. די גלייכסטע זאַך ווערט קרום אין זיינע הענט. צי האָט עס צו טאָן מיט אים אַליין, צי איז דאָס פּוילישע געזעץ אַ ביסל צו־פֿאַרפּלאָנטערט פֿאַר אים, נאָר אַלע פּרנסות זיינע האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין קעגן געזעץ. מען וועט דאָך נישט אויף אים אויסטראַכטן אַ בלבול, אַז ער נעמט זיך לכתחילה צו ריזיקאַלישע פּרנסות. נישט מער, זיי ווערן עפּעס קאַליע אונטערוועגנס, און אַהאַ, ער איז שוין ווידער אין די הענט פֿון געזעץ.

ווי לאַנג איז דער שיעור און וואָס וועט זיין דער תכלית? איצט איז שוין אַ פֿראַגע פֿון ברויט מיט זאַלץ, נישט פֿון קיין סאָליעס מיט דעם שיינעם מעבל. ער שעמט זיך פּשוט פֿאַר זיין ווייב, אַ מאַנסביל זאָל זיין אַזאַ שלימזל און אַלעמאָל מוזן אַריינפֿאַלן.

— אַלזאָ, עס האַנדלט זיך אין דעם גוטן קוויטל. טאַטיר מיין ברודערס אַדרעס און זאָל ער האָבן רחמנות אויף מיר. איך רעד צו אייך ווי צו אַ ברודער. איך האָב שוין נישט קיין כוח זיך צו שלאָגן מיט דעם געזעץ. זאָל ער מיך אַריבערנעמען, אַז ער וועט זיך איינ׳עקשנ׳ען, וועט ער מיך קאָנען אַריבער־נעמען. אין אַמעריקע איז דאָך עפּעס אַן אַנדערע וועלט, מיט אַנדערע סאָרטן געזעצן. כ׳מיין, ס׳מוז דאָך אַמאָל נעמען אַ סוף. אָדער שאַט, איר ווייסט וואָס, איך בין גרייט מיט אייך איינ־צוגיין אויף אַ מקח. זאָל מיין ברודער מיר שיקן אַהער אויף פּרנסה, בין איך אים מוחל זיין גאַנץ אַמעריקע. און איך וועל פֿון דער פּרנסה אויך אַרונטערלאָזן. עס האַנדלט זיך אין ברויט, ברויט פֿאַר מיר, מיין ווייב און קינדערלעך. ברויט! ברויט! ברויט! — האָט ער אָנגעהויבן אַרומצולויפֿן איבער דעם צימער. ער האָט אויסגעזונגען דאָס וואָרט ברויט, ווי ער וואָלט אַ קלונג געטאָן מיט אַ טייערער מטבעה, און געוואַרט אַ ווײַלע איינ־הערנדיק זיך אין דעם גאָלדענעם קלאַנג.

דער הונגער האָט פֿאַרביימאַרשירט און גערעדט דורך אָפֿענע מיילער, און נאָך יעדן הונגעריקן האָט זיך געשאַרט

דער שאָטן פון דעם טרעגער, וואָס האָט אַזוי ביטער פאַרשאָלטן דעם אַמעריקאַנער ברודער זיינעם.

— אַ בייזע כאַראַבע זאָל אים דאָרט אויסדישען.

עס האָבן צוויי ברידער זיך געשפּילט אין גאָרנישט, געקוקט אַנטקעגן הימל און געכאַפּט פליגן. די פליגן האָט מען שפּעטער באַגראָבן אין אַ גריבל, דאָס גריבל באַדעקט מיט אַ צעבראָכן שטיקל גלאָז און געקוקט דורך דעם שפּאַקטיוו אויף די גע־פאַנגענע שטיקלעך לעבן. שפּעטער איז איין ברודער אַוועק און איינער איז געבליבן, געבליבן אַ טרויעריקער ברודער, געבליבן ליגן אין אַן אייגן אויסגעגראָבן גריבל.

יא.

— דו ווייסט וואָס עס איז אַזוינס אַ ברודער, — האָט מיר דערקלערט אַ ייד, וואָס האָט קליינערהייט גע׳שמ׳ט פאַר אַן עלוי און וואָס פלעגט מיט מיר לערנען אַ בלאַט גמרָא, כאָטש ער איז געווען עלטער פון מיר בלויז מיט עטלעכע יאָר.

— אַ ווייב איז אויסגעשניטן פון ריפּ, אָבער אַ ברודער איז אַ טייל פון דער מאַמעס האַרץ. ביידע האָבן געריסן־דער מאַמעס פאַרטוך און געבעטן ברויט, איצט בעט איין ברודער ביים צווייטן, אָבער דער צווייטער שרייבט אַפילו נישט קיין בריוול. ווי קאָן מען דאָס? מיך אַרט שוין גאָרנישט, אַחוץ די האַרבע קשיה. עס מוטשעט מיך פּשוט דער ענין. מען ליגט צוגעדעקט אונטער איין צעריסן איבערבעט און מען וואַרימט זיך איינער אין דעם אַנדערן מיט מעשה׳לעך. מען טיילט זיך איין מיט דעם טאַטנס אויגן, מיט דער מאַמעס אַ שמייכל, מיט דעם טאַטנס אַ מאַך מיט דער האַנט, מיט דער מאַמעס מאַך מיט דעם קאָפּ. מען האָט עפּעס אַזאַ גרויסן, אַזאַ געמ־לעכן בשותפות. מיטאַמאָל פאָרט איינער אַוועק און עס הויבן זיך אָן צוויי קאַלטע באַזונדערע לעבנס. עס הויבט מיך אַזש אָן צו שווידערן. דו ווייסט, איך האָב עס קיינמאָל נישט געקאָנט פאַרשטיין ביי קעצלעך, אָדער הינטלעך אַפילו, נאָר ווען מענטשלעכע ברידער הויבן־אָן לעבן פאַר זיך באַזונדער, ווערן מיר קשה אַ סך זאַכן.

אָבער נאָך פּאַטעטישער פון הונגער איז געווען די האָפנונג. אין דער גאַנצער פאַרצווייפלטקייט איז געלעגן אַ זיכערקייט, אַן איינזייטיקע זיכערקייט, אַז פון דאָרט, פון יענער זייט ים, וועט פאָרט קומען די ישועה. און איך, וואָס איך האָב געזען די צווייטע זייט פון דער זיכערקייט, האָב געהאַלטן אין איין אַנט־קעגנשטעלן, פּנים פאַר פּנים, אַ טרויעריק פּנים פון לובלין און אַ צעפּלעטשט, ראַזירט פּנים פון אַ דערלייזטן לובלינער — אַ ציגאַרן־מאַכער, אַ העמדל־נייער, אַ פּאַקעטבוק מייקער, אַ באַטן־האָל מייקער, פון דעם גרויסן יידישן רייכטום אין אַמעריקע.

איך האָב זיך דערמאָנט אין די גרויסע געבייטלטע ברויטן און אין די שמעקענדיקע ראַזעווע ברויטן, וואָס זיינען געלעגן פאַר די בעקערייען. דאָס געבייטלטע ברויט איז שטענדיג גע־ווען פאַר מיר דאָס זילבער און דאָס ראַזעווע ברויט — גאָלד. אָבער ווער האָט דעמאָלט געפּילט דעם שטאַרקן נמשל אין מיין קינדישן משל, ווען די מאַמע האָט מיך געשיקט קויפן ברויט אין דער יידנגאַס?

יב.

האָט דאָס מיר דערקלערט גלייכבוים מיט אַ זויערן שמייכל. דאָס יידישע פאָלק ווערט פאַר׳קבצנ׳ט. נישט פּראָלעטאַריזירט, נאָר פאַר׳קבצנ׳ט. עס איז אַ מאָדנער שיכט. ביי אַלע פעלקער גייט פאַרלייזיקטע אָרימקייט צוזאַמען מיט אַן אַטראָפירטן קאָפּ, אָבער ביי אונדז אַרבעט נאָך, מישטיינס געזאָגט, דער גייסט אויך. עס ברענט אַ לעמפּל, כדי מען זאָל זען אַז עס איז פינצטער.

גלייכבוים, מיין געוועזענער פּוילישער לערער, וואָס האָט שוין אַליין דורכגעמאַכט אַ סך גייסט־קאַזשעלקעס. ער שטאַמט פון אַ פאַר׳גוי׳עשטער פאַמיליע. דער טאַטע זיינער האָט זיך געשמאַלצן אין זונס גרינעם אוניפאָרם פון דער פּוילישער האַנדלסשולע. ער האָט געהאַט אַ סך קריסטלעכע פריינט. ער איז געווען אַ רויטער און האָט געהאַט אַ געל, איינגעצויגן פּנים. אָבער מאַניערן האָט ער פאַרמאָגט אמת־פּוילישע. זיין אויסגעדאַרטע פיגור האָט זיך געבויגן און געקנייטשט ווי מען

האָט באַדאַרפֿט. ער איז געווען אַ גוטער טענצער און ביי די שיקסעס האָט ער שטאַרק אויסגענומען מיט זיין עלעגאַנץ, כאָטש און אפשר גראָד דערפֿאַר ווייל ער איז געווען אַזאַ מיאוסער, אַז עס איז אין אים נישט געווען קיין שפור פֿון יידישער שיינקייט, וואָס איז אַזוי דערווידער אונדזערע שכנים.

האָט דער גלייכבוים אַמאָל שיר נישט דערפֿירט דעם טאַטן זיינעם צו אַ הארץ־שלאַג. ער האָט אַריינגעבראַכט אַ פּאָר תפֿילין און געזאָגט, אַז ער ווערט אַ פֿרומער ייד.

דער טאַטע האָט אים אויסגעלאַכט, די מאַמע האָט גע־חלש'ט, דער אינגערער ברודער זיינער און די שוועסטער האָבן אים פּשוט געוואָלט אַרויסטרייבן פֿון הויז, אָבער עס האָט גאָר־נישט געהאָלפֿן. גלייכבוים, וואָס איז שוין געווען אַ יונג פֿון אַכצן יאָר, האָט זיך אַליין געקראָגן אַ מלמד און יענער האָט אים געלערנט דאַוונען און פּרוש המלות. איידער ער איז גע־גאַנגען אין האַנדל־שולע האָט ער זיך אויפֿגעהויבן פֿאַרטאָג און געלאָפֿן אין שול אַריין דאַוונען. ער איז אַפֿילו געלאָפֿן צו מנחה און מעריב און ער האָט ליב געהאַט צו בלייבן זיצן אין שול און כאַפּן תורה־שיריים — ער מיט דעם גלאַנציקן דאַשיק און מיט די גאָלדענע קנעפּ. ער האָט אַרויסגעקראָגן אַ ספּעציעלע דערלויבעניש אין האַנדל־שולע נישט צו שרייבן שבת. מיט־אַמאָל האָט ער עס איינגאַנצן אָוועקגעוואָרפֿן, כאָטש ער איז שוין געווען אין לעצטן קלאַס. ער האָט זיך דערוווייטערט פֿון זיינע אַלע אַמאָליקע פֿריינט, און דער בויגזאַמער, טאַנצנדיקער קערפּער האָט זיך איצט כסדר געבויגן גראַציעז ביי עלינו, אָדער ביי אויסשטיין שמונה עשרה.

דערנאָך זיינען געקומען די אַנדערע גייסטיקע איבונגען: ציוניזם, סאָציאַליזם, פּע־פּע־עס און דער בונד. ער איז געוואָרן אַ פֿירער און איז דערווייילט געוואָרן ראַטמאַן. יידן האָבן גע־שעפּט נחת פֿון דעם וואונדערלעכן פּויליש, וואָס האָט פּאַרטיי־דיקט דעם יידישן כבוד מיט אַן אמת־מגיד'ישן פֿלאַקער.

שפּעטער, האָט ער מיר דערציילט, איז געקומען דאָס וואָס מען טאָר איצט אין פּוילן אַפֿילו אויף די ליפּן נישט ברענגען.

ער איז געוואָרן אַ קאָמוניסט, אָדער ווי מען רופט עס מיט דעם איידעלן נאָמען מאַרקסיסט, כדי עס זאָל אַזוי די אויערן נישט אויפרייסן. ער האָט איצט נישט דעם אינערלעכן כוח צו אַנאַליזירן פאַרוואָס ער איז געוואָרן אוים.

עס איז ערשט-אָ געשען און ער וויל שווייגן עטלעכע יאָר, ער וויל זיין מיט זיך אַליין.

— איך ווייס, האָט ער געזאָגט, אַז ענדיקן וועט זיך עס מיט גיין אין שול אַריין. אין מיר זיצט די נשמה פון אַן עלטער־זיידן, וואָס רופט מיך דוקא אין שול אַריין. אַנדערש קאָן מען עס נישט דערקלערן, ווייל מיין ברודער און מיין שוועסטער האָבן זיך גע׳שמד׳ט, נאָר איך אַליין בין געבליבן די שוואַרצע שאָף, — האָט ער זויערלעך געלאַכט.

— אָבער איידער איך וועל צוריקגיין אין שול אַריין, מוז איך באַזיגן דעם ציניזם אין זיך. אַז מען שפּרינגט פון איין זאַך צו דער אַנדערער, ווערט מען אַ שטיק ציניקער. מען קאָן נישט גיין אין שול אַריין מיט אַזאַ הויקער.

ער האָט אויף מיר געקוקט מיט זיינע געלע אויגן, וואָס זיינען מיט דער צייט שוין אַזוי פאַריידישט געוואָרן, אַז קיין קריסט וואָלט שוין מער נישט געקאָנט האָבן אַ טעות אין זיי.

— איך בעט אייך, גיט אַ קוק אויף דעם אַדרעס. כ׳ווייס, עפּעס אַ שטיקל קוזין, נעכטיקע טעג. אַז איר טרעפט אים קאָנט איר אים זאָגן, אויב ער געדענקט מיך, מעג ער וויסן, אַז עס איז נישט פויגלדיק. אָבער איך וויל אייך גלייך זאָגן, אַז שטאַרק מטריח זיין זאָלט איר זיך נישט, ווייל עס איז נעכטיקע טעג און פּוסטע מעשות.

## IV

טריט האָבן מיך אויפגעוועקט פון אַ האַלב-דרימל. לעבן מיר איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן, וואָס לויט זיינע קליידער האָב איך אים גלייך דערקענט, אַז ער איז אַ מיטגליד פון דער רבי׳שער סוויטע, וואָס איך האָב אָנגעטראָפן אין פּאַרק, בעת איך האָב שפּאַצירט מיט שטיינמאַנען.

ער האָט דעמאָלט שפּאַצירט דער לעצטער און איז געגאַנגען פאַר זיך. ער האָט איצט אויך געטראָגן די זעלבע לאַטשן און ווייסע זאָקן. עס איז אים אַ ביסל שווער געווען צו קלעטערן אויפן באַרג אין די לאַטשן. ער האָט מיך שוין געוואָלט פאַר־בייגיין, אָבער ער האָט זיך מישב געווען און איז געבליבן שטיין.

— כ׳ווייס, איר זענט אַן אַמעריקאַנער, — האָט ער גע־זאָגט און זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר. — איך האָב אייך געזען מיט דעם שטיינמאַנען, וואָס שרייבט פּוסטע מעשׂות. ווי גייט עס עפּעס יידן אין אַמעריקע?

— אייגנטלעך דאַרף איך ביי אייך נישט פרעגן, ווייל איך ווייס אַן אייך אויך. איך זע אַלץ מיט דעם כוח הדמיון. עס זיינען דאָ זאַכן, וואָס איך ווייס וועגן אַמעריקע מער פון אייך, ווייל איר האָט עס בלויז געזען און איך שטעל עס זיך פאָר. יאָ, אַ שיינער רעיון?

— איך קאָן אייך זאָגן, ווי אַזוי דאָס לאַנד רעגירט זיך, ווער עס איז דאָרט דער קאָפּ און ווי אַזוי יידן זיינען זיך דאָרט נוהג. איך בין אַמאָל געפאָרן אין אַ קליין שטעטל מיט דעם טאַטן, האָב איך זיך פריער פאָרגעשטעלט, ווי דאָס שטעטל וועט אויסזען און ווי עס וועט אויסזען דער ערשטער ייד, וואָס וועט אונדז קומען אָפּגעבן שלום. איר וועט נישט גלויבן, אָבער אַלץ איז געווען פּינקטלעך און אַקוראַט, ווי איך האָב עס געזען אין געדאַנק. מיינט איר דאָך, אַז דאָס איז אַ נס? ניין, איך קאָן עס אייך דערקלערן על פּי דרך הטבע.

ער קאָן עס באַווייזן אַט אַזוי. אַ מענטש לעבט זיבעציק יאָר. וואָס מיינט דאָס אייגנטלעך? אפילו נישט קיין הרף עין. אַ מיליאָנסטל פון אַ מיליאָנסטל פון אַ מיליאָנסטל פון כביכול׳ס אַ מאַך מיט אַ ברעם. האָט דער בחיר היצור זיך פאַרשעמט וואָס ער דאַרף לעבן אַזאַ גאָרנישט, האָט ער באַשאַפן אין זיך אַזאַ אַפּאַראַטל, וואָס ציט־אויס דאָס לעבן ווי אַ גומי און לענגערט עס אויס, ווי עס וואָלט באמת געווען אַ שפּאַר שטיקל צייט.

— כאַפּט דעם רעיון, ווייל עס איז אַ ביסל שווער צו פאַרשטיין. ביים געבוירן ווערן שטייט שוין דער אָפענער קבר,

אָבער צווישן די ביידע צושטאַנדן בליצן פֿאַרשיידענע געשע־ענישן. איר קאָנט זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלן, ווי שנעל דאָס בליצט. אָבער דאָס אַפּאַראַטל פֿון דעם בחיר היצור אַרבעט און עס לענגערט־אויס יעדע געשעעניש. עס גיט יעדער נאַרישקייט אַ ראָלע צו שפּילן. היינט ווען איר שטעלט זיך פֿאָר, אַז מיט אייך דאַרף עפּעס פּאַסירן אין פֿינף יאָר אַרום, מיינט עס אייגנטלעך איצט, אָדער אפשר נאָך פֿריער פֿון איצט. איר הויבט שוין אָן צו כאַפּן דעם רעיון?

— אַמאָל פּאַסירט, אַז איר לויפֿט פֿאַראויס אייער אַפּאַראַטל און איר קומט־אָן מיט דעם שנעלן רעיון צו עפּעס, וואָס וועט מיט אייך געשען ערשט אין עטלעכע יאָר אַרום. איר טוט־אָפּ אייער אַפּאַראַטל, וואָס ציט־אויס די זיבעציק יאָר, אויף טער־קיש, און איר דערפֿילט ווי די צייט זעט אייגנטלעך אויס, מישטיינס געזאָגט, ווען מען מעסט עס מיט דער קורצקייט פֿון מענטשלעכן לעבן.

— עס איז אַ ביסל שווער צו כאַפּן. אויב איר ווילט, וועל איך עס אייך איבערזאָגן פֿון אָנהויב אָן. איך טראַכט שוין וועגן דעם אַ פֿיר - פֿינף יאָר, און אַז עס איז מיר קלאָר געוואָרן האָט מיר אַ בליץ געטאָן אין קאָפּ אַ גרויס ליכט.

— ווי אַלט זענט איר איצט? — האָב איך אים אָפּגעשטעלט.

— זעכצן יאָר. אָבער דאָס איז נישט דער איינציקער רעיון, וואָס איך האָב אַנטוויקלט. איר דאַרפֿט פֿאַרשטיין, אַז יעדע גזע צייכנט זיך אויס מיט עפּעס. מיר זיינען די פֿילאָזאָפֿן צווישן די ראַבייאיִם און די שיין־רעדער. מיר האָבן אַ נייגונג צו חקירה. עס איז אַ וואונדערלעכער שפּיל און אַ נסיון. מען גייט אויף אַ שמאָלער בריק. איין פֿאַלשער קער און ווענד און מען פֿאַלט־אַריין אין אַפּיקורסות רחמנא לצלן, אָבער אַז דער אויבערשטער העלפֿט און מען ווערט נישט געשטרויכלט, נאָר מען קומט־אַרויס מיט גאַנצע יידישע ביינער, ווערט דער געדאַנק טאָפּלט ליב, ווייל ער באַהעפֿט זיך צוריק מיט דעם רבונו של עולם, וואָס האָט אים אויף דער וועלט אַרויסגעשיקט.

— אַ געדאַנק, וואָס באַהעפֿט זיך נישט מיט דעם רבונו של

עולם, נאָר טראַכט זיך גלאַט אין דער וועלט אַריין, איז אַ ממזר. ער האָט נישט קיין טאַטען. איך האָב אַ חבור, וואו דער דאָזיקער רעיון ווערט ביי מיר אַנטוויקלט, אַז עס איז פלאי פלאים.

— איך האָב ליב צו גיין איינער אַליין און טראַכטן וועגן חסידות. לויט מיין אייגענער טעאָריע באַמי איך זיך צו טראַכטן די געדאַנקען, וואָס איך וועל אַמאָל טראַכטן מיט יאָרן שפּעטער, דערפאַר קוקן מיינע אויגן אויס עלטער ווי איך בין. איך וויל זיין אַ מחדש. מיר געפעלט נישט מיין זיידנס דרך און מיר געפעלט נישט מיין טאַטנס דרך. מיר געפעלט נישט דער דרך פון מיינע עלטערע ברידער. איך האָב דעם טאַטן געזאָגט, אַז איך בין מיט אים נישט שטאַרק צופרידן. איך האָב עס אים געזאָגט, ביים גאַנצן כבוד אב, איך האָב זיך אָנגענומען מיט כוח און עס אים געזאָגט. האָט מיר דער טאַטע פאַרטרויט, אַז ער איז מיט זיך אַליין נאָך מער נישט צופרידן.

— איך האָב דורכגעלייענט די גאַנצע יידישע ליטעראַטור. איך קען אַלעמען און אַלץ. אָבער וואָס פאַרמאָגן זיי אַחוץ לשון? פּרץ׳ס חסידישע מעשות זיינען אָנעקדאָטן מיט אַ מאָראַל. עס איז פון דרויסן אַריינגעקוקט דורכן שליסל־לאָך און געטאַנצט קדוש. איך וויל קומען פון אינעווייניק. איך וויל באַנייען דעם גאַנצן יידישן געדאַנק. קודם, דאַרפט איר פאַרשטיין, מוזן מיר אָפּשאַפן די גוי׳עשע פאָרמען. אונזערס אַ שאַפונג מוז כולל זיין אַלץ: פּאָעזיע, פּראָזע, פילאָזאָפיע, דראַמע, פסיכאָלאָגיע, אַסטראָנאָמיע, עפּיגראַם — אַלץ. וואָס דאַרפן מיר די קליינע שאַכטעלעך? מיר דאַרפן ווערן אַ שעפערישע ענציקלאָפּעדיע, איר הערט? אַן ענציקלאָפּעדיע, אָבער אַ שעפערישע. איר כאַפּט דעם גוואַלדאַוונעם רעיון? איר האָט אַמאָל געלייענט דעם בראַצלאַווערס אַ מעשה׳לע? אָט איז מיין העלד פון חסידות. איך בין פאַרליבט אין אים, איך טראַכט וועגן אים גאַנצע טעג. ער איז געווען אַ מחדש און ער האָט ליב געהאַט יידיש. איר ווייסט וואָס איז אַזוינס יידיש? איר האָט כאָטש אַ באַגריף, וואָס פאַר אַ וואונדערלעך לשון דאָס איז?

איין זאַך האָט אים שטאַרק געאַרט. ער האָט נישט געקאָנט

פֿאַרשטיין דעם בראַצלאַווערס גרויסהאַלטעריי. איך וועל אים גלויבן צי ניין, אַז עס האָט אים גענומען צוויי יאָר צו פֿאַרטיפֿן זיך אין דעם בראַצלאַווערס דרך, ביז ער האָט עס געכאַפּט און ער האָט דערויף אַן אויסגעצייכנטע דערקלערונג.

דער בראַצלאַווער איז כל ימיו געווען אַ חולה, אַ צעבראָ־כענער שאַרבן. ווען ער וואָלט געווען געפּראַוועט דעם עניו, וואָלט מען אים נישט גענומען ערנסט. ער האָט געוואוסט אַז ער וועט אינגערהייט גיין פֿון דער וועלט און ער האָט אין זיין קורץ לעבן געוואָלט עפּעס אויפֿטאָן.

דערפֿאַר האָט ער אַליין אויסגעשריגן די סחורה, וואָס ער האָט פֿאַרמאָגט. ער האָט דאָס נישט געטאָן צוליב זיך. אַלע ווייסן אַז ער האָט ממש ליב געהאַט אָרימקייט, דחקות און נויט. ער איז געשוואומען אין דלות, ווי אַ פֿיש אין וואַסער. ער האָט אָבער געהאַט צו פֿאַרקויפֿן סחורה און ער האָט עס רעקלאַמירט, כדי מען זאָל די וואַרע ביי אים קויפֿן. דערפֿאַר האָט ער זיך אַליין אַזוי באַזונגען, ווייל ער האָט געוואָלט מען זאָל זיך צו־הערן צו גאָטס וואָרט. איך קאָן זיך שווערן, אַז פֿאַר זיין סופֿר נתן האָט ער געמוזט לאַכן פֿון זיך אַליין אין די הויפּנס, אָבער רבי נתן האָט עס קיינעם נישט אויסגעזאָגט.

דאָס איז איין מעגלעכקייט. פֿאַראַן נאָך אַ געדאַנק. דער געדאַנק איז, אַז אַ רבי טאָר בכלל נישט זיין קיין עניו, ווען אַ רבי איז ביי זיך נידעריק, פֿאַרקליינט ער דעם געדאַנק פֿון דער גאָטהייט. ער דאַרף דעם עולם געבן אַ שטיקל באַגריף פֿון דערהויבנקייט. אַליין דערציילט ער אוים די גרויסע נפֿלאות פֿון גאָט ברוך הוא, מוז ער פֿאַר דעם עולם שפּילן אַ ביסל טע־אַטער פֿון גרויסקייט. פֿאַראַן אַ שאַרפֿער חילוק צווישן גרויס־קייט און גדלות. דער בראַצלאַווער איז געווען אַ גרויסהאַלטער, אָבער ער האָט זיין גרויסקייט צעטרענצלט פֿאַר גרויס און קליין, אָרים און רייך. הייגט שטעלט זיך פֿאַר, ווען אַזאַ אָדם גדול, ווי ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, איז געווען געקניפּט און גע־בונדן מיט דעם מינדסטן, טאָ ווי האָט שוין אַ פּשוט'ער חסיד געקאָנט בלאָזן פֿון זיך און האָבן פּליי אין דער נאָז?

— איך וועל אייך אַמאָל פאַרלייענען פון מיינע חדושים און איר וועט אַליין איינזען, אַז עס איז ממש פלאי פלאים. אָבער מיינט נישט, חלילה, אַז עס קומט פון מיין אייגן אָרים מוח׳ל. אַז איך פאַסט אַ מאָנטיק און אַ דאָנערשטיק און נאָך אַ מאָנטיק, אַז כ׳וואַרף פון זיך אַרונטער די אַלע גשמיות׳דיקע ציבעלע קליידער, שפּאַציר איך אַליין אין וואַלד. ווען עס הויבט־אָן צו פאַרנאַכטלען און דער הונגער אין מיר ווייסט, אַז אָט קאָן מען שוין דעם גע׳שמד׳טן האַלדז עפּעס געבן צו אכל׳ען, גיי איך און גיי און איך ווייז דעם יצר הגוף אַ פייג. דוכט זיך, אַז מען מעג שוין, אָבער עטש — האַלט זיך איין אַ ביסל, דו וועלער, נאָך אַ ביסל, נאָך אַ קליין ביסל.

דעמאָלט פּאַסירט עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענלעך צו חלשות. עס איז אַ זיסע שוואַכקייט אין אַלע גלידער. די אברים ווילן שרייען, אָבער זיי פּישטשען ווי קליינע פייגעלעך, זיי האָבן נעבעך קיין כוח נישט, זינגען זיי פון גרוים חולשת הלב און אין אַזאַ שעת הכושר הער איך אַ שטים.

איך מוז דאָ מאַכן אַ קליינטשיקן אָפּשטעל. איך דאַרף אייך זאָגן, אַז איך האָב בכוח פאַר אייך צו שילדערן וואָס פאַר אַ סאָרט שטים דאָס איז, אָבער איך טאָר נישט, ווייל די שטים רעדט צו מיר אין הייליקער יחידות. עס וואָלט געווען גראָב פון מיין זייט, איך זאָל עס אַרויסנעמען פון דער אינטימער שייד. אָבער ווער עס האָט אַזאַ שטים ניט געהערט, טאַפּט ווי אַ בלינ־דער, ווען ער רעדט וועגן גאָטהייט.

פריער קומט אַ נאָגעניש אין אַלע מיינע גלידער, וואָס זאָגט־אָן, אַז איך וועל באַלד דערהערן דאָס קול. אַלץ אַרום מיר ווערט פורכטערלעך. איך פאַל אויף מיין פּנים און איך שריי: רעד צו מיר, טאַטע פאָטער, איך בין אָנגעברייט.

ווען איך שטיי־אויף פון דער ערד, שטיי איך קיינמאָל נישט אויף ליידיק. איך פאַראיבריק אַלעמאָל אַ געדאַנקל, אַ טראַכט, אַ פּשט׳ל, און איך דערפיל, אַז דער געדאַנק איז נישט מיינער, נאָר ער איז מיר אַרונטערגעפאַלן, ווי אַ גוטע באַרנע פון

אַ באַרנבוים. אַמאָל הויב איך זיך אַפּילו אויף מיט אַ געזאַנג. הערט, וועט איר הערן:

**גזלנ'דל, גזלנ'דל, אויף וועמען הויבסטו די האַק?**
**אויף וועמען הויבסטו די האַק?**
**איך הויב די האַק אויף מיינע אייגענע פאַרלאַנגען.**
**אויף מיינע וויסטע פאַרלאַנגען.**
**גאָט פון אברהם, פאַרנעם מיינע געזאַנגען.**
**איי, טשירי בירי, בירי, ישתבח.**
**אוי, אוי, ישתבח.**

איך האָב אַ צוגעפּאַסטע מעלאָדיע, וואָס איז זיס ווי צוקער.

**קאָזאַקל, קאָזאַקל, אויף וועמען הויבסטו די שווערד?**
**אויף וועמען, כ'בעט דיך, הויבסטו די שווערד?**
**איך הויב די שווערד אויף מיין יצר פון שלעכטס,**
**אויף דעם יצר פון שלעכטס,**
**אויף מיינע וויסטע פאַרלאַנגען.**
**גאָט פון אברהם, פאַרנעם מיינע געזאַנגען.**

דאָ גייט עס העכער און התלהבות'דיקער:

**איי, טשירי בירי, בירי, ישתבח.**
**אוי, אוי, ישתבח.**

אָדער פאַראַן ביי מיר, וואו איך נאַר־אָפּ דעם שטן און ווייז אים די צונג. אַ שטייגער —

**איך גלוסט**
**נאָך דער ברוסט**
**פון געוועכטיקייט.**
**איך גלעט און איך קוש**
**די שכינה'ס פּרעכטיקייט.**

איר זעט ווי איך מאַך חוזק פון שטן? ער מיינט, אַז ער האָט מיך שוין געפּאַקט אין זיין נעץ, כאַפּט ער ערשט ביי מיר אַ פּראַסק אין מאָרדע.

אָבער שוין צייט צו גיין. איך וויל אייך פאַרברייטן, אַז איר זענט נאָך נישט מיינער פּטור. איך, אַז איך צערעד זיך, איז דאָ וואָס צו הערן. פאַראַן אַזויפיל וואָס צו רעדן. איך באַשטעל זיך מיט אייך טאַקע, אַז דאָס צווייטע מאָל, ווען איך וועל אייך טרעפן, וועל איך אייך געבן אַ וואונק, ווי אַזוי מען קאָן מאַכן שלום צווישן גלויבן און אומגלויבן, ווי אַזוי מען קאָן דעם אומגלויבן אַזוי צעפלאַקערן, אַז ער זאָל זיך דערהויבן און צעוויינען פאַר דעם כסא הכבוד. און זאָל ער דאָרט וויינען מיט ציפערן, מיט פאָרמולעס, מיט אַלע קשיות און ספקות. נישקשה, גאָט ברוך הוא קאָן עס פאַרטראָגן. איך וועל אייך אויך פאַר־טרויען אַ סוד, ווי אַזוי דער מאָדערנער חסיד קאָן געפינען אַ וועג צום יידישן לעבן.

ער האָט גענומען אַרונטערקלעטערן פון באַרג און עס האָבן זיך נאָכגעקרישלט קליינע שטיינדלעך. איך בין געבליבן זיצן אַ געפּלעפטער. די לעצטע ווערטער זיינע זיינען געווען יידיש לעבן און די דאָזיקע צוויי ווערטער האָבן זיך פאַר מיר צעטאַנצט מיט אַזוי פיל לעבן, אַז איך האָב טאַקע דערזען אַ זין אין דעם, און נישט נאָר אַ זין, נאָר אַפילו אַ האַפט.

עס האָט געררודערט אַרום מיר מיט ווילן. דאָס הונגעריקע, מאָנענדיקע מויל, וואָס האָט ערשט געשריגן צו מיר מיט פאַר־שיידענע קולות, האָט אויך אַ קאָפּ, אַ פלאַקערדיקן קאָפּ. דער הונגער פאַרמאָגט אַזוי פיל ווילן צו לעבן און צו טראַכטן.

אויפן באַרג איז איצט געוואָרן אַ ביסל קיל. איך האָב גע־נומען אַרונטערגיין. אינמיטן וועג האָב איך געזען, אַז דער זעכצניעריקער טראַכטער וואַרט אויף מיר.

— איך האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און איך האָב באַשלאָסן אייך צו דערציילן וועגן אַ מאָדנער באַגעגעניש, וואָס איך האָב נישט לאַנג צוריק געהאַט.

ער האָט געשמייכלט, ווי ער וואָלט איצט נאָכאַמאָל דורכ־געלעבט די באַגעגעניש.

איך האָב שוין געהאַט אָפּגעדאַווענט מנחה, פאַר זיך. מיינע נאָזלעכער האָבן הנאה געהאַט פון יעדן שעפּ לופט. איך גיי

געוויינלעך מיט אַן אַרונטערגעלאָזטן קאָפּ, ווען איך בין פֿאַר־טראַכט. מיטאַמאָל דערפֿיל איך, אַז די נאָזלעכער שעפּן שוין מער נישט קיין לופֿט, נאָר אַזאַ פּאַרפֿום, וואָס מען קאָן עס גאָרנישט אויסטראַכטן. עס איז דער פּאַרפֿום פֿון קינדערשע הענטלעך, אָדער פּיסלעך. עס פֿילט זיך, יאָ ערד און נישט ערד. עס איז ערד וואָס האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט רעכט פֿאַרערדעוועט צו ווערן.

ווערט מיר די זאַך גאָר פּלא. האָב איך באַשלאָסן אויפֿצו־הייבן דעם קאָפּ און זיך אַרומקוקן. ווען איך האָב אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, האָב איך גלייך דערזען, אַז איך האָב פֿאַרבלאָנדזשעט. דיביימער האָבן אויסגעקוקט ווי זיי וואָלטן געווען גע׳חלומ׳טע ביימער, דער הימל איז געווען אַ דינער, עס האָט זיך געדוכט, אַז ווען מען זאָל נאָר אַרונטערנעמען איין הייטל, וועלן זיך באַווייזן וואונדער איבער וואונדער. איך האָב געהערט אַ גע־טשוויטשער, אַ געפֿלאַטער פֿון פֿייגל, אָבער די פֿייגל אַליין האָב איך נישט געזען. עס איז שוין געווען טונקל, אָבער די טונקלקייט איז געווען נישט קיין פֿינצטערע, נאָר אַ ראָזאָווע. עס איז נישט געווען קיין אומהיימלעכע טונקלקייט.

אויף אַ באַנק זיינען געזעסן צוויי מענטשן און געפֿירט אַ געשפּרעך. איך האָב גוט געזען, אַז זיי רעדן, איך האָב געזען ווי די מיילער באַוועגן זיך, איך האָב אַפֿילו קלאָר געהערט די ווערטער, אָבער יעדער וואָרט האָט פֿאַר מיר אַ פֿלאַקער געטאָן און איז גלייך פֿאַרלאָשן געוואָרן, ווי אַ פֿאַלנדיקער שטערן.

איינער פֿון די שמועסער האָט געהאַט אַ קעניגלעך גע־שטאַלט. אין דער טונקלקייט איז געווען שווער צו באַשטימען וואָס פֿאַר אַ קליידער ער האָט געטראָגן, אָבער עס האָט פֿון אים געאָטעמט מיט מלכות׳דיקער ווירדע. דער צווייטער האָט אויך אויסגעזען צו זיין אַן אָדם גדול, אָבער שוין פֿון צווייטן גראַד. שווער געווען צו זאָגן, ווי אַזוי איך האָב דאָס אונטער־שיידט — דאָס ליכט איבער אים איז געווען כמעט דאָס זעלבע ווי אַרום דעם ערשטן, נאָר אַ ביסל געמיינער, וואָלוועלער.

אַ גרויסע נייגעריקייט האָט מיך גענומען פּרעסן. איך האָב

אַנגעהויבן צו וויינען אויפן קול, אָבער ביידע שמועסער האָבן אויף מיר אַפילו קיין קוק נישט געגעבן. איך בין געקומען אַלץ נענטער און נענטער צו זיי, אַט בין איך שוין געווען אויף זיי. איך בין דורך זיי אַדורכגעגאַנגען, ווי זיי וואָלטן געווען נישט מער ווי רויך.

פּלוצים איז מיר אַ הייטל אַרונטער פון די אויגן און זאַכן זיינען געוואָרן שטייפער. אמת, די טונקלקייט האָט פאַרלוירן איר ראָז קאָליר, עס איז געוואָרן פינצטערער, נאָר מיט מיר האָט עס געהאַט קנאַפּ וואָס צו טאָן. איך האָב איצט געזען אַ סך, אַ סך בעסער ווי פריער.

נאָר אַ שטיקל ענדערונג איז איצט יאָ פאָרגעקומען. שטאָט איין באַנק האָב איך געזען צוויי. ביידע זיינען געזעסן אויף צוויי באַזונדערע בענק און געשוויגן, ווי זיי וואָלטן געוואַרט אויף מיר.

איך האָב זיך טיף פאַרנייגט פאַר דעם קעניגלעכן געשטאַלט פון דעם העכערן שטאַנד. איך האָב קלאָר געזען דאָס טרויעריקע פּנים און איך האָב שוין איצט אַלץ געוואוסט.

— שבתי צבי, — האָב איך געזאָגט, — וואָס לאָזטו מיך צו הערן? וואָס איז די זעאונג, וואָס דו האָסט מיר באַשערט?

— נישט איך האָב דיר באַשערט די זעאונג, נאָר דו אַליין האָסט עס אויסגעבלאָנדזשעט אויף דיין וועג. מילא, זאָל זיין אַזוי, עס איז דיין אויסוואַל. זאָל דיר זיין צו רפואה.

— שבתי צבי, — האָב איך אויסגעשריען, — פאַלשער משיח, איז דאָס די וועלט פון פאַלשקייט, אין וועלכער איך זע דיך איצט?

ער האָט אויף מיר אַ קוק געגעבן מיט אַזויפיל אמת׳ן ווייטיק, אַז עס האָט גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין וועגן פאַלשקייט. איך האָב נישט געקאָנט כאַפּן דעם פאָדעם און איך בין געוואָרן געפּלעפט.

— און די אמת׳ע משיחים זיינען נישט קיין פאַלשע? — האָט ער געפרעגט מיט אַ ווייטיקדיקן שמייכל. — וואָס האָבן מיר אַלע אויפגעטאָן, מישטיינס געזאָגט. צי דערפאַר, ווייל מיר

האָבן פאַר'חלומ'ט אַ חלום, קומט אונדז צו פאַרשטיינען? דו זאָלסט אַזוינס רעדן, דו וואָס ווייסט, ווי אַזוי מיר האָבן געהאַפּט און געהאָפּט, ווי מיר האָבן זיך איינגע'עקשנ'ט, ווי מיר האָבן געוואָלט מיט געוואַלט אויסרייסן אַ גוטע שעה, בלויז איין גוטע שעה. יעדער איינער, דער רעכטסטער משיח, ווען ער וואָלט טאַקע געוואָלט ברענגען די גאולה, וואָלט ער געוואָרן פאַלש. אַוודאי, אמת זיינען די, וואָס ברענגען גאָרנישט, וואָס זיצן און וואַרטן געדולדיק, אפשר זאָל מען זיי רופן די קלוגע, די פּראַקטישע משיחים, אפשר זאָל מען אונדז פאַררעכענען פאַר די נאַרישע, דורכגעפאַלענע משיחים, אָבער פאַלשע? פון דיין מויל זאָל אַרוים אַזאַ וואָרט?

איך האָב זיך געווענדט צום צווייטן מיט גרוים וויטיק.

— פאַניע פראַנק, האָב איך אים גערופן. — ער האָט געהאַט אַזעלכע אומעטיקע אויגן, אַז עס איז געווען אַ צער צו קוקן אויף אים.

— איך בין אַנגעטרויעריקט מיט אַזויפיל שווייגן, מיט אַזויפיל שווייגן, — האָט ער אָפּגעזיפצט. — וואָס איז שייך רעדן? איך רעד אַמאָל צו יענעם, ווייל מיר פאַרשטייען זיך אויפן וואונק, אָבער —

איך האָב אים איבערגעשלאָגן.

— איך וויל בלויז וויסן, פאַרוואָס האָסטו געביטן דאָס רענדל? איך האָב ביי שבתי'ן אויך געוואָלט פרעגן, נאָר יענער האָט כאַטש אַ שטיקל תירוץ — פּעטער ישמעאל, האַלבע לבנה, אָבער דער צלם, וואָס פאַר אַ תירוץ קאָן האָבן דער צלם?

אינדעם זע איך, ווי עס קומט אַנצולויפן אַ קליין יידעלע. ער איז אַנגעטראָגן געוואָרן ווי אַ שטורם-ווינט. דיביידע בענק זיינען שוין איצט אינגאַנצן געלעגן אין חושך, אָבער די זילבערנע באָרד פון דעם קליינטשיקן ייד האָט געבליצט און געלויכטן.

— וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט טרייבערן די אַדערן ביי די צוויי מענטשן? וואָס האָסטו זיך אַנגעזעצט אויף זיי און דו מאָנסט ביי זיי אַ חשבון? רבונו של עולם, זע ווי די צוויי

יידן האָבן זיך מקריב געווען פאַר דעם אמת מיט זייער פאַלש־קייט. זיי האָבן אַזוי בולט געוואָלט אַרויסברענגען דעם אמת, און זיי האָבן געוויזן די לינקע זייט פון דער מטבעה. זיי זיינען דערגאַנגען ביז שאול תחתיה, כדי צו ווייזן וואוהין די פאַלש־קייט קען דערפירן, און דו מאָנסט נאָך ביי זיי אַ רעכענונג.

דאָס קליינע יידל האָט געגעבן אַ שמייכל און מיר דערלאַנגט אַ גוט־ברודערלעכן קלאַפּ אין פּלייצע.

— עך, לאָמיר בעסער אַריינכאַפּן אַ מעריב.

איך האָב שוין געוואָלט אָנהויבן דאַווענען מיט כונה, אָבער דאָס קליינע יידעלע האָט גענומען דערלאַנגען אַ מאָדנעם מעריב.

— ס'קאָצל קומט, טאַטע פאָטער, איך בין געקומען צו דיר אין פּעדערשטוב און איך זאָג דיר גוטנאַוונט. היינט איז אַ פּראָסטער מיטוואָך, יידעלעך האַנדלען און וואַנדלען, מסחר'ן, חלילה נישט פאַר זיך, נאָר פאַר ווייב און קינדער, פאַר דעם הויזגעזינט. דער קאָפּ איז פאַרדרייט מיט כל'ערליי דאגות, אָבער פונדעסטוועגן שפּאַרט מען אָפּ פאַר דיר אַ מנחה ומעריב. אינמיטן דערינען גיט מען זיך אַ שטעל אַוועק, און מען הויבט־אויף די אויגן צו דיר, טאַטע פאָטער. פרעג איך דיך, איז דאָס רעכט פון דיר, אַז דו זאָלסט אונדז אַלעמאָל וואַרפן דעם גט צו די פּיס, הלמאי דו האָסט אונדז אויסגעקליבן פאַר אַ פאָלק? ווער מען דען, זאָג אַליין, האָסטו געקאָנט אויסקלייבן? אדרבא, זאָג? ווייסט אפשר פון אַ בעסערער אומה?

און פונקט אַזוי שנעל ווי ער איז אַנגעלאָפן, אַזוי שנעל איז ער נעלם געוואָרן. איך האָב דערזען, אַז איך געפין זיך ערגעץ אויף אַ פינצטערער אַלייע, וואָס האָט זיך גענומען אַריינשניידן אין הויפּט־וועג. גראָד איז מיר אַנטקעגנגעקומען מיין עלטסטער ברודער. איך האָב אים געהאַט בדעה צו דערציילן, וואָס איך האָב נאָר־וואָס געזען, נאָר איך קען אים, דעם חקרן, מיט דעם ליטווישן מוח. האָב איך באַשלאָסן, אַז עס איז גלייכער אַזאַ זאַך צו האַלטן פאַר זיך אַליין. איצט, אַז מיר האָבן זיך שוין צערעדט, האָב איך איינגעשטעלט און אייך דערציילט. איר

זענט נישט קיין היגער, איר וועט אָוועקפאָרן פונדאַנען, איר וועט אַריבערפאָרן דעם ים. איר וועט זיך טראַכטן — עלעהיי, עס האָט צו אייך גערעדט אַ צעדרייט אינגל. אָבער זייט גאָר־נישט אַזוי זיכער ביי זיך. איר מעגט נעמען די גאַנצע זאַך טיפער. ווען איך זאָל זיין מיט טויזנט קעפּ, וואָלט איך דען געקאָנט אַזונס אויסטראַכטן? און בכלל, וואָס איז די קונץ אויסצו־טראַכטן? וואָס דאַרף איך האָבן גוזמא׳ס, אַז דאָס ראיעלע לעבן פאַרמאָגט אַזויפיל וואונדער?

## V

— ווייסט איר גאָר וואָס, קומט צו אונדז אין הויז אַריין. לאָזט זיך היינט פאַרפירן פון יצר טוב. עס וועט אייך ביי אונדז קיינער נישט אָפּבייסן, — האָט ער געזאָגט. — איך מוז אייך ווייזן עטלעכע פון מיינע חבורים, וואָס קיין בן אדם האָט נאָך נישט געזען. איך האָב אַ פייערדיקע פּען און איך בליץ מיט געדאַנקען. איר וועט זיכער האָבן שכר הליכה. אַ שאָד איז נאָר, וואָס דער טאַטע איז איצט נישטאָ, ער איז אונטער־וועגנס. אַ שאָד, ער איז פון די יידן, וואָס מען דאַרף קענען, ווייל טאָמער פאַרזאַמט איר אַזעלכן, וועט איר שוין קיין סך יידן פון זיין שטייגער נישט באַגעגענען.

כ׳בין מיט אים אַריבערגעגאַנגען דאָס שמאָלע ברעטל, וואָס איז געלעגן איבערן וואַסער. דאָס ברעטל האָט זיך געבויגן, ווי עס וואָלט געווען געמאַכט פון גומע. ביים וואַסער איז שוין איצט קיינער נישט געווען. פון אונטן האָט דער באַרג אויס־געזען ווי מען וואָלט אים נאָר־וואָס צוזאַמענגעלייגט אויף ביינאַכט. ער איז געגאַנגען פאָראויס און זיך כסדר אומגעקוקט. ער האָט געוואָלט זיין זיכער מיט מיר, אַז איך וועל נישט פאַרשווינדן.

ער האָט מיך דורכגעפירט אַ סאָד און מיך שטיל אַריינגע־פירט אין אַ באַזונדער צימער, ווי ער וואָלט מיך אַריינגע׳גנב׳עט.

ער האָט פאַרמאַכט די טיר, אָנגעצונדן נאָך אַ לעמפּל, וואָס האָט צום גרויסן לאָמפּ צוגעגעבן אַ ליכטיקע זוכעניש — ווי אימיצער וואָלט עס געהאַלטן אין דער האַנט און געזוכט אַזעלכע קליינע וויכטיקייטן, וואָס מען קאָן גאָר מיט אַ גרויסן לאָמפּ נישט געפינען.

— ווי האָט איר ליב, אַז מען לייענט אייך פאָר, אָדער אַז איר זאַפּט עס איין מיט אייערע אייגענע אויגן? עס ווענדט זיך, פאַרשטייט זיך, וואָס עס איז ביי אייך שאַרפער אַנטוויקלט, דאָס אויער אָדער דאָס אויג? עס ווענדט זיך אויך אין די ספּעציעלע זאַכן, וואָס איך וועל אייך ווייזן. איך האָב אַ סך אויג־זאַכן און גאָר אַ סך אויער־זאַכן.

איך האָב פון זיין האַנט גענומען די שמאָלע און לענגלעכע שטיקלעך פּאַפּיר און איינגעזען, אַז דער פּאַרקלעקטער און גע־מעקטער דריבנער כתב איז נישט פאַר מיר. די טינט איז געווען אַ וואַסערדיקע און די שטיקלעך פּאַפּיר האָבן אויסגעזען ווי אויפגעראָלטע פּסול׳ע מזוזות, מיט אָפּגעשפּרונגענע אותיות.

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, אַז איך וועל אייך מאַכן אַ פאָררעדע פאַר יעדער זאַך, וואָס איך וועל אייך פאָרלייענען. אַט וועל איך אייך מהנה זיין מיט אַ בריוו. אַ בריוו איז אַ גרויסע זאַך. איר נעמט אַ בייגעלע פּאַפּיר און איר שרייבט צו אימיצן, ווייל איר קאָנט דעם אימיצן נישט זען און איר קאָנט נישט רעדן צו אים מיטן מויל. אַ בריוו מוז זיין קורץ און צו דער זאַך. איך האָב אָנגעשריבן אַ צענדליק בריוו, ווי מוסטערן פאַר אַ ניי־מאָדנעם בריוונשטעלער.

„ליבער הער נאַכטיגאַל. בייגעלייגט געפינט איר צוויי וועלטן, די וועלט פון דאַנען און די וועלט פון דאָרט. איר קאָנט זיך אויסקלייבן, מיין הער. עס איז ביי אייך די ברירה. די וועלט פון דאַנען איז גרעניצדיק. איר קאָנט זי מעסטן מיט איין האַנט און אויסשפּאַנען מיט איין פוס. די וועלט פון דאָרט איז סאַמע לויטערקייט, וואָס לאָזט זיך נישט באַשרייבן. די וועלט פון דאַנען איז תענוג, וואָס שרומפּט, עלטערט זיך און ווערט צונישט. די וועלט פון דאָרט איז אייביקער געוויין פון

גליק, וואָס מען שטרעקט זיך אַלץ נענטער צו אַ גרויסן באַשייד. מיט אַכטונג,

**אייער, וואָס ווינשט אייך אַ גליקלעכן אויסוואַל."**

איצט וועל איך אייך ווייזן אַ ביישפּיל פון אַ תּפילה. איך דאַרף פאַרשטיין, אַז תּפילות מוזן זיך אָפּפרישן מיט יעדן דור. אָבער אַ תּפילה מוז אויך האָבן אין זיך אַ ביסל אַלט־פרענקישקייט, כּדי זי זאָל זיין אָנגענעם אויף דער צונג.

**דיין הויז אויפן באַרג שטייט געפעסטיקט.**
**דיין הויז אויפן באַרג שטייט דערהויבן.**
**איך קלעטער צו דיר אַ וואַנדערער, אַ פאַרשמאַכטער פון וועג.**
**פאַרזינדיקט האָב איך זיך מיט בלאָנדזשעניש.**
**פאַרנאַרישט האָב איך זיך מיט פרעגעניש.**
**פאַראיינזאַמט האָב אך זיך מיט צווייפלעניש אַלערליי.**
**שטרעק־אויס אַ ליכטיקע האַנט צו מיר,**
**באַשטראַל דעם וועג צו דיר.**
**באַשירעם מיינע שטרויכלעניש, אויפן וועג צו דיר.**

שירים האָב איך געשריבן נישט איבערצוציילן. אָבער איך בין נאָך מיט זיי אַלץ נישט צופרידן. אַלע מיינע לדער זיינען ווי ליידיקע כּלים. זיי שטייען און וואַרטן ווי קאַראַפינקעס, מיט לאַנגע, פאַרשעמטע העלדזער, אַז מען זאָל זיי אָנפילן. אָבער איך וועל אייך פאַרלייענען אַ קורצן צומביישפּיל.

**די גילדענע פאַווע פון גילדענעם לאַנד**
**רעדט צום בן אָדם מיט נידעריקן פאַרשטאַנד.**
**מיין פאַרזיגלטע שטומקייט האָט פאַרטויבט דיין געהער,**
**ווען מיינע אויגן דערטראַכטן אַ שטילן פאַרקלער —**

אויב איר זענט אַ בעלן אויף אַזעלכע זאַכן. אָבער אמת שטאַרק בין איך אייגנטלעך אין חקירה. דאָרט קיניג איך אומ־באַשרענקט. איך וועל אייך לאָזן הערן אַ אויסצוג פון מיינס אַ געדאַנק.

דערפינדונגען זיינען קאָנקרעטיזירטע נסים. אין די אַלטע

צייטן, ווען מען האָט געהאַט דאָס טיפע גלויבן אין נס, האָט מען נישט באַדאַרפט קיין דערפינדונג. אַז מען האָט געגלויבט אין נס, איז ממילא אויך געווען דער שטאַרקער ווילן. דערפאַר האָט מען זיך אין די אַלטע צייטן געקאָנט באַגיין מיט דעם מופת, בעת היינט האָט מען געמוזט דעם מופת ראַציאָנאַליזירן און עס מאַכן פאַר אַ דערפינדונג. די דערפינדונג איז דער מעקלער צווישן קאַליע געוואָרענע מענטשן און דעם גרויסן וואונדער. אַז איר גיט אַ דריק דאָס קנעפּל אויף דער וואַנט, מיינט איר דאָך, אַז איר האָט עפּעס אויפגעטאָן, אָבער ווען איר פאַרטיפט זיך אין דער גאַנצער חכמה פון עלעקטריציטעט, הויבט איר ערשט אָן איינצוזען, אַז דאָס קנעפּל איז פונקט אַזוי אומפאַרשטענדליך ווי דאָס וואונדער אַליין, נאָר איר האָט עס אויסגעטראַכט, כדי עס זאָל דעם טונקל-מוח׳דיקן זיין לייכטער צו גלויבן. דער אמת איז אָבער, אַז גלייך לעבן קנעפּל קאָן מען אויך אַ דריק טאָן און זאָגן יהי אור, און עס זאָל טאַקע ווערן ליכטיק. נאָר מיר זעען דאָס נישט, מיר פאַרשטייען נישט, מיר גלויבן דאָס נישט, האָבן מיר, נאַראָנים, אויסגעטראַכט אַ קנעפּל, כדי עס זאָל אונדז ווערן פאַרשטענדלעכער. דאָס, וואָס עס דאַרף טאָן אונדזער ווילן און אונדזער גלויבן, טוט-אויף פאַר אונדז דאָס עלעקטרישע קנעפּל. מיר קומען צוריק צום נס דורך פאַרשיידענע צווייפלען און אונדזערע צווייפלען געבערן אויפן וועג פאַרשיידענע קנעפּלעך.

— ווי געפעלט עס אייך? איר האָט געכאַפּט די עמקות דערפון? איך פיר עס נאָך ווייטער און איך באַווייז, אַז אונדזערע דערפינדונגען רעבעלירן קעגן אונדז און גייען זייער אייגענעם וועג צוריק צום נס, וואָס מיינט דאָס אורשפּרינגלעכע וואונדער. די מענטשלעכע האַנט מוז קאָנען דירעקט צוקומען צום וואונדער, אָן דער פאַרמיטלערשאַפט פון אַ כלומר׳שטער דערפינדונג. איך דערוואַרט נישט, חלילה, אַז איר זאָלט דאָס גלייך כאַפּן. אין אַזאַ געדאַנק מוז מען זיך גוט אַריינטראַכטן.

— איך גיי זיך מיט מיין דרך, — האָט ער געזאָגט מיט בליציקע אויגן, — אַז מען דאַרף טאַקע קענען אַלע זיבן חכמות,

אַלע זיבעציק שפּראַכן, אָבער מען דאַרף זיי דערהויבן. חכמות אַליין זיינען אויך גופים, קאָנקרעטע זאַכן. ווען אימיצער רעדט פראַנצויזיש צו אַ פראַנצויז, קומט ער בלויז אָן צו אַ מיטל, וואָס דאַרף אים פאַרשטענדיקן מיט דעם פראַנצויז. ער ווענדט טאַקע אָן זיין קענען, נאָר צווישן אים און דעם פראַנצויז איז דאָס פראַנצויזיש שוין מער נישט קיין פראַנצויזיש, נאָר אַ גייסטיקע קרובה׳שאַפט. זיי רעדן שוין מער נישט קיין שפּראַך, נאָר מען רעדט. דאָס זעלבע האָבן מיר מיט חשבון. ווען אַ מענטש זאָל כסדר אַרומגיין באַלאָדן מיט רעכן־קונסט, וואָלט ער געווען אַ שוטה. דאָס רעכענען דאַרף פאַר־שווינדן און עס דאַרף פאַרוואַנדלט ווערן אין הוילע חכמה. דערפון איז געדרונגען, אַז עס איז פאַראַן אַ פּונקט, וואו קענט־שאַפטן באַגעגענען זיך און וואו זיי לייזן זיך אויף און זיינען ענלעך איינס צום אַנדערן. דאָרט, אויף דעם קיינעמס לאַנד פון מענטשלעכער דערהויבנקייט, ווערט פון אַלע חכמות איין חכמה, וואָס איז נישט מער ווי אַ אַ מילי־מיליאָנסטל פון אַ בליץ, פון דעם גרויסן קוואַל. אַ מענטש טאָר נישט אַרומגיין און קלינגען מיט זיין קענען. אַז מען דערקענט דאָס קענען, איז עס נישט מער ווי מאַלפּישקייט, ווען די פאַרשיידנערליי קענערייען גיבן זיך די האַנט און ווערן רוחניות, ווערט ערשט וויסן אַ יש. אַנדערש איז עס גאָר ווי אַ שווערע וואָגע, וואָס ציט־אַראָפּ און מען ווערט נאָך דערטרונקען.

— דאָס וואָס איך האָב אייך דאָ איצט געזאָגט איז געקומען פּלוצים. — ער האָט אַ כאַפּ געטאָן אַ בליישטיפט און גענומען שרייבן. — מען מוז עס פאַרצייכענען, ווייל דאָס איז אַ גאָל־דענער געדאַנק. אַזאַ זאַך טאָר נישט פאַרלוירן גיין.

ווען מיר זיינען אַריין אין צווייטן צימער איז מען שוין דאָרט געזעסן, ווי מען וואָלט געוואַרט אויף אונדז. אויפן טיש איז געשטאַנען כּיבוד און איך בין פאַרהאַלטן געוואָרן פון דער וואַרימקייט, וואָס איז געלעגן אין אַלעמענס אויגן.

דער אַמעריקאַנער איידעם איז געזעסן אין אַ יאַרמעלקע און געשמייכלט, ווי ער וואָלט פאַרבונדן דאָס וואָס איך האָב

נאָר־וואָס געהערט מיט אַ פראַגע־צייכן. ער האָט מיך טאַקע גלייך אַ פרעג געטאָן:

— נו, ווי געפעלט אייך עפּעס מיין שוואָגערל? ער האָט אַ רירעוודיקן קאָפּ, הא? אין אים האָב איך נישט קיין זאָרג, עס וועט פון אים זיין אַ לייט.

— עטש, — האָט זיך אָנגערופן אַ מאַן מיט אַ גרויס פּנים, גרויסע, פליישיקע ליפּן, אַ פליישיקער נאָז; אַפילו די אויגן און די פולע פּירעקעכדיקע באָרד האָבן אויך אויסגעזען פליישיק. אויך ער איז געזעסן, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף מיר, בדי ער זאָל קריגן אַ געלעגנהייט צו רעדן. — איך האַלט אינגאַנצן נישט פון מיין ברודערל. דער אַמעריקאַנער זעט דערינען גרויסע חדושים, איך גיי זיך מיט מיין שטייגער, אַז טראַכטן דאַרף מען גאָר קענען האַמעווען, מען דאַרף עס זאָגן טפּרו, אַז נישט צע־ווילדעוועט עס זיך. עס מוז האָבן אַ סדר, אַן אָרדנונג, וואָס זאָל האָבן אַן אָנהויב און אַ סוף. איך גיי זיך מיט מיין דרך, אַז אַ פערד טראַכט אויך, אַלע שטומע חיות טראַכטן, נאָר עס איז ביי זיי צעטומלט, נישטאָ קיין סדר, דערפאַר האָבן זיי זיך נאָך נישט דערטראַכט צו פאַרשטענדלעכקייט. ביי מיין ברודערל איז אַלץ ווי אַ פרוזשינע. איר גיט עס אַ וויקל־אויף און עס טראַכט זיך, אָבער עס שפרינגט־צוריק צום זעלבן.

— איך וואָלט דיר עפּעס געענטפערט, נאָר עס איז נישט פאַר דיין סיסטעמאַטישן מוח, — האָט זיך דער צעהיצטער טראַכטער געווערט. — זאָל מיינס איבערגיין.

דער אַמעריקאַנער איידעם האָט זיך צעלאַכט מיט אַ קליין געלעכטערל, וואָס האָט זיך געקרישלט, אָבער עס האָט אים פונדעסטוועגן פאַרטרערט די אויגן.

— אַ, ברידער, ברידער, — האָט ער געזאָגט, — וואָס האַלט איר זיך רק אין איין קריגן?

— איך קריג זיך מיט אים? — האָט דער עלטערער געזאָגט. — ער קריכט מיר דען אין וועג אַריין? איך וויל אים בלויז מדריך זיין און ער לאָזט זיך נישט.

— אַ שיינער מדריך. ער וויל מיר נישט אַנדערש ווי אָנטאָן אַ כאָמוט אויף די געדאַנקען.

— פערדאַטש וואָס דו ביזט, — האָט דער עלטערער גע־שריגן גוטמוטיק. — איך וויל דיר געבן מענטשלעכן סדר און דו מיינסט, אַז דו ביזט אַ גאַנצער קנאַקער. דאָס איז זיין צרה,— האָט ער זיך געווענדט צו מיר, — ער מיינט, אַז ער האָט עס, אָבער ער האָט עס נאָך נישט. איר פאַרשטייט וואָס איך מיין? ער האָט—עס—נאָך—נישט.

צוויי פרויען זיינען געזעסן לינקס אויף ווייבע שטולן. איינע האָט געהאָפטן, די אַנדערע איז געזעסן און געקוקט, ווי זי וואָלט געוואַרט אויף דער פּאַסיקסטער געלעגנהייט, ווען זי וועט זיך שוין אויך קאָנען אָנרופן. איך האָב גלייך דערקענט, אַז דאָס זיינען די זעלבע צוויי פרויען מיט די קאָלירטע שאַ־לעכלעך, וואָס איך האָב געזען שפּאַצירן מיט דער רבנישער סוויטע אין פּאַרק. די וואָס האָט געהאָפטן האָט אַלעמאָל אויפ־געהויבן אַן אָוואַל פּנים, מיט אַ שפּיציקער גאָמבע. אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, ווי זי וואָלט עפּעס געענטפערט שטיל, אַז קיינער זאָל נישט הערן, און דערמיט אַליין איז זי שוין געווען צופרידן. די אַנדערע האָט געהאַט אַ פעט קינדיש פּנים מיט גרויסע, בלויע, לאַכנדיקע אויגן. זי האָט זיך אויפגעהויבן און מיר דערלאַנגט די טאַץ מיט פרוכט, וואָס האָט געמאַכט גאָר אַ רייכן איינדרוק אין דעם שטיבל. די באַנאַנעס האָבן נאָך קיינ־מאָל נישט אויסגעזען אַזוי באַנאַנעדיק ווי דאָ, אויף דער טאַץ.

— ער פאַרגינט מיר נישט, — האָט דער יונגער זיך גע־קאָכט. — אַזיסטן האָב איך דיך נישט געכאַפּט ביי דער האַנט? אַנומעלטן אין שול האָב איך גאַנץ גוט געהערט, ווי דו האָסט איבערגעקייט מיינס אַ געדאַנק אין דיינס אַ דרשה.

— וואָוּ? — האָט זיך דער עלטערער אַזש אויפגעהויבן פון בענקל. — איך בין שוין אַזאַ אביון, אַז איך דאַרף אָנקומען צו דיינס אַ געדאַנק?

— ניין, פאַרקערט, ביסט אַן עושר, נאָר אַ כאַפּער. דו זעסט אַ גוטע זאַך, כאַפּסטו.

דער אַמעריקאַנער איידעם האָט געלאַכט, וואָרפנדיק דעם קאָפּ אין אַלע זייטן, ווי עס וואָלט אים שווער געווען צו האַלטן דעם קאָפּ אויף די פּלייצעס פון גרויס געלעכטער.

— ביזט אַ שלעכטער, — האָט די, מיט דעם קינדישן פּנים, אָנגעבלאָזן די באַקן. — זיי נעבעך קריגן זיך, און דו מאַכסט זיך ס'געלעכטער.

— וואָס רעדסטו, קרוין, עס איז אויסגעצייכנט. עס איז אַמוזאַנט. עס איז דאָך קאָלאָסאַל. — ער איז זיך ווידער פאַרגאַנגען אין זיין געלעכטערל.

זי האָט מיר דערלאַנגט די פאַרשיידענע שאָקאָלאַדן און די טאָץ מיט די אַלערליי געבעקסן.

— נעמט עפּעס, לענט זיך אַ ביסל אונטער דאָס האַרץ. — ווען זי האָט גענומען אַרומגיין איבערן צימער, האָט מען קלאָר געזען, אַז זי שוואַנגערט. איר יוגנטלעכקייט האָט אָבער גובר געווען און זי האָט די שווערקייט פון קערפּער אַ ביסל פאַרפלינקט. זי האָט אויסגעזען צו זיין אין די ערשטע צוואַנציקער.

— איך וועל נישט דערלאָזן, אַז מיינע ברידער זאָלן זיך אָפּעסן דאָס האַרץ און דו זאָלסט זיך מאַכן אַ טעאַטער, — האָט זי געזאָגט מיט אירע לאַכנדיקע אויגן.

— קרוין לעבן, דאָס איז שוין אַ בלבול, זעסטו דאָס איז שוין אַ בלבול, — איז דער אַמעריקאַנער געוואָרן ערנסט.

די העפטערקע האָט ווידער אויפגעהויבן איר אָוואַל פּנים און געשעפּטשעט מיט די ליפּן צו זיך אַליין. זי האָט אַרונטערגעלאָזט די אויגן און געזאָגט:

— דער פּאָעט לעאָפּאַרדי האָט אַ ליד —

אַלע זיינען שטיל געוואָרן. זי האָט גערעדט מיט אַרונטערגעלאָזטע אויגן און נישט אויפגעהערט צו העפטן. זי האָט דערמאָנט בערגסאָנען, ציטירט ווערלענען אין פראַנצויזיש, געזאָגט שטיקער סלאָוואַצקי אין פּויליש און גערעדט וועגן די לעצטע שטרעמונגען אין דער דייטשער פּאָעזיע, און אַלץ אַרום דער קריגעריי פון די צוויי ברידער, וואָס איז אייגנטלעך אַ העכערע ליבשאַפט, ווייל ביידע גייען אויף באַזונדערע וועגן און זוכן דעם

אמת אין בענקען איינער נאָך דעם אַנדערן מיט אַ טרויעריקער בענקשאַפט.

עס איז געווען אַנגענעם צו הערן איר שטים. זי האָט זיך געוואָרפן מיט ציטאַטן, שטיל און צניעות'דיק. אין פאַרגלייך מיט איר אַ ביסל פאַרעלטערט פּנים, האָבן די ריטמישע ציטאַטן געקלונגען ווי גלעקלעך אויף אַ שליטן, וואָס טראָגט זיך ערגעץ אויף אַ ווייטן, פאַרשנייטן וועג. זי איז פּלוצים אַנשוויגן געוואָרן. אַלע האָבן געוואַרט און געמיינט, אַז זי וועט ווייטער רעדן, אָבער עס איז געווען אַקוראַט, ווי זי וואָלט מיטאַמאָל אַריינגעדרייט אַ לאָמפּ אַרום זיך.

— איר מוזט צו אונדז קומען נאָכאַמאָל, — האָט זיך די אינגערע געבעטן, ווען זי האָט געזען, אַז איך קלייב זיך שוין צו גיין.

— ווי וועט ער קומען? אַז יענער האָט אים פאַרקערט דעם קאָפּ מיט די פּרות פון זיין געדאַנק?

— עס הויבט זיך שוין ווידער אָן, — האָט זי אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט.

— לאָז ער. לאָז ער. אַז ער איז מיך מקנא זעט מען דאָך קלאָר.

דער אַמעריקאַנער האָט זיך שוין ווידער געטרייסלט און געלאַכט ביז טרערן.

— וואַרט, גייט נאָך נישט. עס איז שטאָך-פינצטער און איר וועט נישט זען די טרעפּ אין סאַד.

די אינגערע האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם לאָמפּ פון טיש און מיך אַרויסבאַגלייט.

דער לאָמפּ האָט געשניטן די גרינע ביימער מיט פּאַסן ליכט.

— זייט נאָר פאָרזיכטיק מיט די דריי טרעפּן. דער ערשטער איז אַ הויכער שטיג.

זי האָט מיר געגעבן די לינקע האַנט.

— איר מוזט נאָכאַמאָל קומען צו אונדז. עס איז אונדז געווען זייער פשיטעמנע.

ווען איך בין שוין בשלום אַרונטער די טרעפּ האָב איך

זיך פֿאַרשעמט. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז איך בין די גאַנצע צייט געזעסן אָן אַ היטל. איך האָב זיך נאָך מער פֿאַרשעמט, ווען איך האָב געטראַכט, ווי פֿיין און עלעגאַנט זיי האָבן עס נישט באַמערקט.

## VI

אַז איך בין צוריקגעקומען אין פּענסיאָנאַט, האָט מיך שוין בוכלערנער באַגעגנט מיט אַ ברוגז'ער מאַסקע.

— איר האָט מיר אָפּגעטאָן דאָס ערגסטע וואָס מען קאָן מיר אָפּטאָן. איר גייט זיך אַוועק נאָכמיטאָג און קומט נישט צוריק צו וועטשערע. אייער שטול איז געשטאַנען ווי אליהו הנביא'ס שטול ביים סדר, און איך האָב באַדאַרפֿט שיקן נאָך אייך מרגלים. כ'מיין, איר האָט פֿאַרגעסן, אַז איך בין פֿאַר־אַנטוואָרטלעך פֿאַר יעדן איינעם גאַסט?

— אָבער מיט אייך מאַך איך אַ שטיקל אויסנאַם, — האָט ער מיר געזאָגט אַרונטערנעמענדיק דעם ברוגז פֿון פּנים. — זעצט זיך צום טיש, וועל איך אייך אַליין באַדינען, אָבער מאַכט עס שנעל, ווייל מען גרייט שוין באַלד צום מאָרגנדיקן פֿרישטיק.

ווען בוכלערנער האָט מיך שוין אויך געהאַט אויסגע'מוסר'ט פֿאַרוואָס איך בין טועם ווי אַ פֿייגעלע, האָט ער מיר פֿאַרגיטיקט דערמיט, וואָס ער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש טרינקען אַ גלעזל טיי.

— אָט, זאָל מיינס איבערגיין. איך האָב אייך שוין אַזויפֿיל אָריינגעזאָגט, אַז מען דאַרף אייך שוין אַ ביסל איבערבעטן. עס וואַרט אויף מיר אַזוי פֿיל אַרבעט, אַז די הענט און די פֿיס זיינען נישט מיינע. דוכט זיך, איך האָב קיין עין הרע פֿיינע טעכטער, און אַ שיקסע אַ געזונטע איז אויך דאָ, אָבער אָן מיר אַרבעט זיך עס שטיקלעכווייז. מען דאַרף עס אַלץ צוזאַמענשטעלן. ווען מיין ווייב, עליה השלום, וואָלט איצט געלעבט, וואָלט איך געווען אַ קייסער. זי האָט מיך צוגעפּילעוועט, ווי איך וואָלט געווען אַן איידעם אויף קעסט, אָדער אַ קינפּעטאָרין. האָט זי גאָט צו־

גענומען יונגערהייט, אַז עס איז געווען אַן עולה אַזאַ יונגען מענטש אַריינצולייגען אין קבר אַריין.

ביים צווייטן טיש זיינען נאָך געזעסן צוויי געסט, אַ יונגע פרוי און אַ מאַן. די פרוי איז געווען פון אַ יאָר דרייסיק און דער מאַן האָט אויך אויסגעזען נישט עלטער. זיי זיינען געזעסן אַנטקעגנאיבער איינער דעם אַנדערן, אָבער זיי האָבן זיך אַפילו נישט אָנגעקוקט. די פרוי האָט אַזוי שנעל געכאַפּט, ווי אימיצער וואָלט זי אונטערגעיאָגט, אָבער דער מאַן, וואָס האָט געטראָגן טונקעלע ברילן, האָט דווקא געגעסן אַזוי לאַנגזאַם, ווי ער וואָלט כסדר אַרומגעזוכט דאָס עסן אויפן טיש.

איך האָב דעם באַלעבאָס איידל באַמערקט, אַז איך בין נישט דער איינציקער פּאַרשפּעטיקער.

בובלערנער האָט גענומען רעדן שטילער.

— איר קענט זיי נאָך נישט? כאָטש צוריקגעשמועסט, ווי קאָנט איר זיי קענען? איך האָב קיין עין הרע אַן אַרמיי פון עטלעכע און אַכציק. וויל איך אייך זאָגן, אַז דאָס זיינען נישט קיין פּאַרשפּעטיקטע, נאָר פּאַרקאַליכטע. די צוויי עסן שוין, קיין עין הרע, צום צווייטן מאָל. אַ צוויי שעה נאָך וועטשערע הויבט זיי אָן צו חלש'ן דאָס האַרץ און איך מוז ווידער דעקן צום טיש. איר זעט וואָס אַ פּאַנסיאָנער דאַרף אַלץ אויסשטיין? היינט, וואָס הערט זיך עפּעס מיט דעם, וואָס איך דאַרף נאָך זיין אַ קאָמבינאַטאָר? אָט האָב איך זיי געגעדט אַ שידוך, כ'מיין איך האָב זיי אַוועקגעזעצט ביי איין טיש. מען דאַרף אַ קוק געבן אויף אַ גאַסט און גלייך וויסן מיט וועמען מען קאָן אים אַוועקזעצן. איר זעט, זיי רעדן אַפילו נישט אויס קיין וואָרט, אָבער זיי זיצן. פּרובירט זיי אַנדערש אַוועקזעצן און עס וועט זיך נישט האַלטן. אָדער איר וועט אַנטלויפן פון טיש, אָדער זיי וועלן אַנטלויפן. מען מוז זיין אַ מענטשן־קענער און איינטיילן די געסט מיט די טישן אויף פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס. ביי מיר אין קאָפּ איז אַלץ פאַרצייכנט. אַ גאַסט קומט אַריין, איך דאַרף נאָר איין גוטן קוק געבן אויף אים און איך ווייס שוין, וואו און מיט וועמען עס וועט אים זיין באַקוועמער.

ער האָט מיר דערציילט, אַז די פרוי איז פּאַרקאַליכט געוואָרן, ווען איר קינד, באַהיט זאָל מען ווערן, איז געשטאָרבן. זי איז געזעסן אַכט טעג מיט אַכט נעכט איבערן ליידיקן וויגל. עס איז נעבעך געווען איר ערשט קינד און מען האָט זי נישט געקאָנט אָוועקרייסן. זי האָט דאָס ליידיקע וויגל געוויגט און געהאַלטן אין איין זינגען איַיליעליוליו. באַהיט און באַשירעמט זאָל מען ווערן. אַזוי איז זי אַן אינטעליגענטנע פּאַרשוינטע. זי קען אַפילו העברייאיש און וואַרפט זיך מיט פּסוקים. איר מאַן איז, קיין עין הרע, אַ נגיד, האַלט ער צו איר אַ דינסט. די דינסט מוז זי טרייבן, אַז זי זאָל זיך אָנטאָן, אַז זי זאָל זיך פּאַרקעמען, אַז נישט וואָלט זי זיך געוואָלגערט אין איר אייגענעם קויט. זי איז שוין אַמאָל אַריינגעקומען אַהער, אַז עס איז געווען אַ בושה און אַ חרפּה. און אַז איך האָב איר אויסגערעדט, האָט זי געזאָגט, אַז זי שטייט נישט אין שידוכים. איין זאַך דערהאַלט זי ביים לעבן — איר אַפּעטיט. זי פרעסט, קיין עין הרע, צוויי פרי־שטיקס, צוויי מיטאָגן און צוויי וועטשערעס. דער מאַן צאָלט מיר פּאַר צוויי געסט און איך האָב מורא, אַז איך דערלייג נאָך פונדעסטוועגן צו איר עטלעבע זלאָטעס אַ וואָך. אָבער איך פּאַרגין איר. זי איז נעבעך אַ פיין מענטש. זי טשעפּעט נישט קיינעם, רעדט מייסטנס צו דער זאַך, נאָר זי האָט איין איינ־רעדעניש, אַז אין אַ קליין שטעטל הינטער וואַרשע וואוינט אַ פּרינץ. דער פּרינץ האָט אַזעלכע שיינע אויגן, אַז ווען זי זאָל נאָר איינמאָל אַריינקוקן אין זיינע אויגן, וואָלט זי גלייך געזונט געוואָרן, נאָר איר מאַן איז שטאַרק אייפערזיכטיק, לאָזט ער זי בשום אופן נישט צו צום פּרינץ. דער מאַן איז פאַרנומען אַ גאַנצע וואָך מיט גרויסע געשעפטן. ער האָט אַ צוקער־פאַבריק. אַז ער קומט אַהער אויף שבת, דערגייט זי אים נעבעך די יאָר. שאַיע, שרייט זי, ווען נעמסטו מיך צום פּרינץ אין שלאָס אַריין?

אויף דעם צווייטן גאַסט איז אויך נעבעך אַ רחמנות. ער איז געווען אַ העברייאישער לערער, און דווקא פון די גוטע און אָנגעזעענע. האָט זיך געמאַכט, אַז זיין מאַמע איז אים אַוועק־

געשטאָרבן. אַזוי ווי ער איז אַן אַלטער בחור און ער איז געווען ביי זיין מאַמען אַן איינאונאיינציקער, האָט ער זיך נאָך איר טויט אַזוי אויסגעוויינט די אויגן, אַז דער מענטש איז געוואָרן אַ צעבראָכענע כלי. דאָקטוירים זאָגן, אַז די מוסקלען פון די אויגן זיינען ביי אים שוואַך געוואָרן, די אויגנדעקלעך פאַלן ביי אים צו און אַז ער וויל אַ קוק געבן אויף עפּעס מוז ער רייסן די אויגן, כדי עס זאָל זיך פאַר אים עפענען אַ שפּעלטעלע ליכט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש.

— אַזוי זיינען, נעבעך, דאָ געגוג צרות אויף דער וועלט. מענטשן זיינען שוואַך ווי פליגן. פאַראַן אַזעלכע מענטשן, וואָס אַז מען לייגט אויף זיי אַרויף אַ שטיקל צרה, פאַלן זיי פון די פיס, קאָנען די לאַסט נישט אַריבערטראָגן. כ'האָב אייך שיער פאַרגעסן צו זאָגן, אַז אויף אייך וואַרט אימיצער. איך האָב אים געלאָזט וואַרטן, ווייל איך האַלט, אַז אַזאַ זאַך איז אַ ממה־נפשך. וואַרט אויף אייך אימיצער מיט אַ שלעכטער בשורה, טאָר מען נישט קאַליע מאַכן דעם אַפּעטיט, מוז מען פריער גוט אָפּעסן, כדי צו האָבן כוח אַריבערצוטראָגן. וואַרט מען אויף אייך מיט אַ גוטער בשורה, וועט עס פונקט זיין גוט נאָך דעם עסן, ווי אַ גוטער צימעס. איר עסט אָפּ דאָס פיינע מאַלצייט און איר פאַרבייסט זיך מיט אַ פריילעכער בשורה. אַזוי דיק־טירט מיר מיין נאַרישער שכל. עס קאָן, פאַרשטייט זיך, זיין, אַז איך האָב אַ טעות.

# קאפיטל פיר

# I

אין דעם גרויסן זאַל, וואו עס זיינען געווען פאַרטיפט עט־לעכע פאַרטראַכטע שאַך־שפּילער, איז אויף אַ באַזונדער בענקל געזעסן אַ מאַן מיט אַ שפּיציק בערדל. ער האָט געטראָגן דיקע ברילן. ווען דער פּאַנסיאָן־אייגנטימער האָט מיך צוגעפירט צו אים, האָט ער אַרונטערגענומען די ברילן און זיי גוט אויסגע־ווישט מיט אַ טיכל, וואָס ער האָט פאָרזיכטיק אַרויסגענומען פון קעשענע. אַז ער האָט צוריק אָנגעטאָן די ברילן האָט ער דאָס טיכל פאָרזיכטיק צוזאַמענגעלייגט און ערשט נאָכדעם האָט ער מיך גוט אָנגעקוקט.

— דערקענען, דערקען איך דיך נישט, אָבער שלום עליכם קומט דיר סיי־ווי־סיי. דאָ איז אַ קליין שטעטעלע. אַז עטלעכע מענטשן האָבן מיר געזאָגט דו ביזט דאָ, האָב איך נישט קיין אורזאַך צו צווייפלען. איך נעם־אָן, אַז דאָס ביזטו טאַקע, און דו וועסט מוזן אָננעמען, אַז דאָס בין איך טאַקע. מיר וועלן זיך מוזן געטרויען איינעם דעם אַנדערן, אַזוי צו זאָגן.

ער האָט געלאָזן אויסגעפּרואווט מיין געדולד, ביז ער האָט באַשלאָסן, אַז עס איז שוין די העכסטע צייט, ער זאָל זיך לאָזן דערקענען.

— פּרוביר נישט טרעפן, שטרענג זיך אפילו נישט אָן, אַז דו וועסט זיך שטעלן אויפן קאָפּ, וועסטו דען טרעפן ווער איך בין?

אָבער ווען ער האָט מיר געגעבן אַ זאָג, אַז ער איז גאָלדבלאַט, מיין העברייאישער לערער, האָט מיך גוט פאַר־דראָסן, פאַרוואָס איך האָב אים נישט דערקענט. אין זיין גרוי־שפּיציק בערדל האָבן זיך נאָך געוואָלגערט אפילו עטלעכע פעדים פון זיין אַמאָליקער געלער באָרד. נאָר איך האָב אים אויך

באדאַרפט דערקענען, נישט נאָר לויט דעם שפּיציקן בערדל, נאָר אין דעם שפּיציקן קאָפּ, דער דינער נאָז, וואָס האָט זיך פאַר־ענדיקט גראָב, די קרומלעך־קורצזיכטיקע, רויטלעכע אויגן, וואָס האָבן אויך מיט אַ דרייסיק יאָר צוריק געקוקט אויף מיר דורך דיקע ברילן.

— עס פאַרדריסט מיך, ביזן ביין, וואָס איך האָב אייך נישט דערקענט, — האָב איך אים געזאָגט. — איך קאָן עס זיך נישט מוחל זיין.

— וואָס מיינסטו עפּעס, מען קאָן זיין אַ חכם אַנטקעגן יאָרן? ווען דו האָסט מיך געקענט, פּראָשע פּאַנאַ, בין איך געווען אַ מאַן פון אַ יאָר דרייסיק און היינט בין איך שוין אַ יאָר זעכציק. ווען דו האָסט מיך געקענט האָב איך זיך אַלץ געקליבן אָפּ׳גט׳ן מיין ווייב, היינט איז שוין אַ פינף יאָר, זייט איך האָב זיך אַנגענומען מיט קוראַזש און בין פּטור געוואָרן פון אַ צרה. קיין קינדער, ווי דו ווייסט, האָב איך נישט. ווען דו האָסט מיך געקענט בין איך געווען אַ לערער מיט אַ שטיקל נאָמען, היינט בין איך אַ דרערדליגער. ווען דו האָסט מיך גע־קענט, אַז מען האָט געגעבן אַ זאָג — גאָלדבלאַט לערער, וואָס האָט דאָס באַטייט? אַ ייד אַ משכיל, אַ שיינער העברייער, אַ מענטש וואָס האָט זיך אַפילו דורכגעשריבן מיט סאָקאָלאָוון און סאָ־קאָלאָוו האָט געענטפערט, אַז מיין העברייאיש איז ווי אַ קלאָר וואַסער. אַזוי האָט ער טאָקעזש געשריבן. ביי מיר איז נאָך דאָ זיין בריוול. היינט, אַז מען גיט אַ זאָג — גאָלדבלאַט לערער, וואָס באַטייט עס? גאָרנישט, גאָלע גאָרנישט, אַ פּוסטער קלאַנג. נאָך דאַנקען גאָט, וואָס מיין אַמאָליקע רעפּוטאַציע האָט מיר געגעבן אַ שטיקל שטעלע. דאָס הייסט, מאָל דיר, עס איז אַזאַ פּרנסה, אַז עס איז אַ בושה וחרפה צו ברענגען עס אויף די ליפּן. געדענקסט דאָך כיעל טוכמאַן פון דער ציגעלניע, איז ער דאָך איצט גאָר אין די פּעדערן, אַ ייד, וואָס הלואי פאַרמאָגן מיר זיין מיסט, באָדט זיך אין עושר וכבוד. האָסט אפשר געקענט זיין טאַטן? לעבט ער נאָך. זאָל ער לעבן און לעבן, ווייל טאָמער שטאַרבט ער חלילה, שטאַרבט אַוועק מיין פּרנסה. ער, רב

זלמן טוכמאַן, איז שוין אַ ייד, וואָס אָדער עס פעלט אים אַ יאָר צום קיילעבדיקן הונדערט, אָדער ער איז שוין אַריבערגעשפּרונ־גען מיט אַ יאָר, אַזוי אין דעם ערך. איז ער שוין נעבעך בלינד. האָט מיך דער זון געדונגען, איך זאָל מיט אים דאַווענען, לערנען אַ בלאַט גמרא. דער אַלטער איז שוין טויבלעך אויך, מוז איך אים אַריינשרייען דאָס דאַווענען מיט דעם לערנען אין די אויערן אַריין. איך לערן מיט אים אַ פּרשה חומש מיט רש״י אויך און דער אַלטער האָט נאָך אַ שאַרפן זכרון. ער זאָגט אָפט בעסער פון אויסוויניק, ווי איך פון אינעווייניק. די צרה איז נאָר, וואָס ער שלאָפט־איין צווישן איין זאָג מיט דעם אַנדערן, און אַז ער כאַפּט זיך אויף, פאַרגעסט ער וואו ער האָט געהאַלטן און ער האַלט זיך מיט מיר אין איין שפּאַרן. אין שטאָט איז דאָס אַ שווער שטיקל ברויט, אָבער דאָ־אָ איז נישטאָ קיין קאָנט־ראָלע איבער מיר. דער זון האָט אים געדונגען אַ שיין הויז און איך וואוין דאָ מיט אים אויף פרישער לופט. גאַנץ אָפט דינג איך פאַר עטלעכע גראָשן אַ יונגנמאַן, וואָס פאַרטרעט מיך ביים אַלטן. דער אַלטער ווייסט שוין נישט דעם אונטער־שייד. און איך כאַפּ אַ שפּאַציר אין גאָרטן און טראַכט וועגן דברים העומדים ברומו של עולם. דאָס איז געוואָרן פון גאָלד־בלאַט לערער. קאָנסט זיך פאָרשטעלן צו וואָס איך בין דער־גאַנגען, אַז איך דאַרף ווינטשן דעם אַלטן, וואָס איז שוין אַ בן מאה, אַז ער זאָל מיינע ביינער איבערלעבן, ווייל וואָס וועל איך טאָן אָן אים?

— ווייסטו וואָס, — האָט ער געגעבן אַ זאָג, — היים גאָר דער־לאַנגען אַ טרונק בראָנפן. אָבער דאַרפסט מיך נישט נעמען ווער־טערלעך, קאָנסט דערלאַנגען צוויי טרונק בראָנפן אויך. עס רעדט זיך גאָר אַנדערש, עס דערציילט זיך גאָר אַנדערש, עס דערמאָנט זיך גאָר אַנדערש אין אַמאָליקע טעג.

איך האָב אים אפילו געמעגט דערקענען אין דעם פראַק, וואָס ער האָט איצט געטראָגן, ווי מיט דרייסיק יאָר צוריק, ווען ער איז געגאַנגען אויף לעקציעס. אויך איצט איז דער פראַק געווען פון אַן אָפּגעבליאַקעוועטן גרינלעכן שוואַרץ. כאָטש מיט

יאָרן צוריק האָט דער פּראַק צוזאַמען מיט דעם ראַבינער־קאַ־פּעלוש ביי מיר אַרויסגערופן דרך־ארץ. עס איז געווען גוטע עטלעכע שפּרינג פון דעם מלמד און פון דעם חדר, ווען ער האָט זיך באַוויזן אין הויז. אין הויז האָט ער געוויינלעך אַרונטערגענומען דעם קאַפּעלוש און געבליבן זיצן אין אַ קליין יידן קאַפּל. דער לערער גאָדבלאַט האָט נעבעך איבערגעשעצט מיינע כוחות. ער האָט מיך געלערנט תנ״ך מיט דעם מלבים, געלייענט מיט מיר „התועה בדרכי החיים״ און אַפילו מיך גע־נומען אַריינפירן אין דעם „ההגיון״. איך בין געווען אַ היפּש ביסל צעטומלט פון די אַלע זאַכן, אָבער גאָלדבלאַט האָט גע־טרייסט דעם טאַטן מיינעם, אַז דאָס קעפּל מיינס וועט אויס־האַלטן. דערצו האָט ער מיך נאָך געלערנט אַ ביסל דייטש אויך און פאַר מיר פאַרגעלייענט היינעס לידער. אָן דייטש קאָן מען נישט זיין קיין געבילדעטער מענטש, האָט ער זיך אויסגע׳טענה׳ט מיט מיין טאַטן. אָבער דער יידע האָט אויף אים געקוקט קרום. ער האָט אויפגעקלערט דעם טאַטן, אַז ווען מען קען דייטש איז שוין נישט קיין גרויסע קונץ אָוועקצואוואַרפן דאָס דאַווענען. אָן דייטש קאָן מען נאָך עפּעס נעמען אַ יידיש וואָרט אין מויל אַריין, אָבער דייטשישקייט מיט יידישקייט הויזן נישט צוזאַמען.

איך בין אינגאַנצן אַלט געווען אַ יאָר צען, איך האָב די אַלע שטודיען, מיט דעם „ההגיון״, און מיט די גאָטישע בוכ־שטאַבן גענומען ווי אַ צולאָג צו דער גמרא מיט תוספות, וואָס איך האָב געלערנט ביים גמרא־מלמד. איך האָב אַלץ פאַרשטאַ־נען, אָבער צוויי־דימענסיאָנעל, אַזוי צו זאָגן, ווי עס וואָלט געווען פּאַפּירענע חכמה. עס האָט זיך געוועבט, געפלאָכטן איינס אין אַנדערן, עס האָבן זיך באַרירט קלוגע אויסטייטשן, אָבער אויסגעשוירן פון פּאַפּיר. דער „ההגיון״ איז אויך געווען פאַר מיר ווי די גאָטישע שריפט, שווער און געצאַצקעט און איין אות כמעט ענלעך אויפן אַנדערן — נישט מער ווי פּאַפּירענע פעסטונגען, וואָס איך האָב איינגענומען מיט מיין קינדישן מוח. איך האָב אַריינגעקוקט דורך ליכטיקע שויבן. די שויבן אַליין זיינען געווען אַזוי ליכטיק, אַז מען האָט נישט

געזען דעם אינעווייניק. נאָר פאַר מיר איז נישט געווען קיין אינעווייניק און איך האָב אַפילו נישט פאַרדעכטיקט, אַז עס איז דאָ אַן אינעווייניק.

אָבער איך האָב געלערנט די אַלע זאַכן מיט חשק און דווקא נאָך דעם חדר, ווייל מיך האָט גענומען גאָלדבלאַטס פּראַק, זיין בנעימות׳דיקע שטים, זיינע גאָלדענע ברילן־רעמלעך. איך האָב געפילט, אַז דער חדר איז נישט מער ווי אַ פּרוזדור צו דער דאָזיקער סאַליע, וואו אַלע רעדן אַזוי שטיל און געלאַסן, ווי עס רעדט דער לערער, און ווי אַלע פאַרנויגן זיך אַזוי עלעגאַנט, ווי ער פאַרנויגט זיך ביים אַריינקומען אין הויז.

בלויז איין מאָל האָב איך אַ ביסל פאַרלוירן מיין דרך־ארץ פאַר אים. איך בין גראָד פאַרבייגעגאַנגען דאָס הויז, וואו דער לערער האָט געוואוינט. איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט און גענומען אַרויפגיין די טרעפּ. אָבער שוין אויף די טרעפּ האָב איך געהערט אַזעלכע קולות, אַזעלכע זידלערייען, וואָס מען הערט אַזוינס גאָרנישט אין קיין אָנשטענדיק הויז. דער לערער איז געשטאַנען אין אַ וועסטל, מיט אַ ביליק יאַרמעלקעלע, אין קורצע הויזן און געפּאַכעט מיט די הענט, און אַנטקעגן אים איז געשטאַנען אַ יידענע מיט אַ רויט שייטל. זי האָט אים געשלעפּט ביי די האָר און ער האָט געשריגן, אַז ער וועט איר דערלאַנגען אַ קאָפּ אין בויך, אַז זי וועט דערזען איר געפּיי־גערטע עלטערבאָבע.

איך בין אַנטלאָפן איידער מיין לערער האָט געהאַט צייט מיך צו דערזען. אָבער נישט דעם לערערס זידלערייען, נישט די לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך נעבעך געפונען, נישט די גראָבע שטים זיינע, וואָס האָט נישט געהאַט אין זיך קיין איין ציטער־דיקע נאָטקע פון זיין קול, בעת ער האָט געלייענט היינעס לידער — ניין, די אַלע זאַכן האָבן מיך נישט אַזוי באַליידיקט, ווי דאָס וועסטל זיינס. עס איז געווען ווי איך וואָלט אים געזען אין מרחץ. אַן דעם פּראַק האָט ער אויסגעזען נאַקעט און ווייט פון אַ גאָטישער „פּאַו״, אָדער אַ פאַרדרייטן „איפּסילאָן״. ער האָט אויסגעקוקט ווי אַ ביליקער „אלף״ פון אַ צעריסענעם

סדור. איך האָב זיך אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט באַפרייען פון דעם געדאַנק, אַז איך האָב אַמאָל געזען גאָלדבלאַטן אַן אַ פּראַק, אין דער הייליקער אינטימיטעט פון שלאָגן זיך מיט אַן אייגן ווייב.

גאָלדבלאַט-לערער איז נישט געווען דער ערשטער וועלט-לעכער לערער מיינער. ער איז אָבער געווען דער ערשטער, וואָס האָט נאָך שפּאַצירט מיט מיר אויף דער בריק פון יידישקייט, שפּאַצירט געלאַסן, סטאַטעטשנע, מיט די הענט אויף אַהינטער. ער איז גאָרנישט געקומען מינערן פון חדר, ער האָט בלויז אַ ביסל צוגעגעבן. ער איז געווען מיין פּיאָטר וועליקי, וואָס האָט אויסגעהאַקט אַ פענצטערל און געוויזן, וואָס מען קאָן טאָן מיט די תנ״כ׳ישע ווערטער, ווען מען שטעלט זיי איבער אין געשפּרעכלעכער אָרדענונג. עס איז מיר גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז מען קאָן נעמען די ווערטער פון יעקב׳ן, פון עשו׳ן, פון לבן הארמי, פון יוסף׳ן און מיט זיי רעדן היינט. איך געדענק ווען דער טאַטע האָט אים אַמאָל געפרעגט, וואָס עס הערט זיך מיט זיין ווייב, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געגעבן אַ זאָג קצתי בחיי מיט אַזאַ וואַכעדיקן זיפץ, ווי עס וואָלט גאָרנישט געווען אַ וואָרט, וואָס האָט הינטער זיך אַ גאַנצע געשיכטע פון יאָר-איין-יאָר-אויס איבערלערנען דאָס חומש׳ל, פאַר טויזנטער און טויזנטער יאָר, ווער ווייסט אפשר זייט בריאת העולם.

מיר איז געפעלן די נוצלאָזיקייט פון אַלץ, וואָס איך האָב ביי אים געלערנט. אין שטוב האָט מען שוין גערעדט וועגן מאַכן פון מיר אַ לייט. דער זיידע האָט זיך פאַרגונען צו רעדן וועגן אַ רב, די מאַמע האָט אים שעמעוודיק געשטיצט, משפחה האָט גע׳עצה׳ט אַ בוכהאַלטער, אפשר אַ פּראַשעניע שרייבער. דער טאַטע האָט גערעדט וועגן גימנאַזיע. אָבער אין גאָלדבלאַטס לערנען איז נישט געלעגן קיין בוכהאַלטער, קיין רב און קיין פּראָשעניע שרייבער. עס איז געווען אַ לערנען אַן תכלית און עס האָט געהאַט אין זיך עפּעס פון דער רו אין אַ גביריש הויז, שבת נאָכמיטאָג.

עס האָט דערמאָנט אין דעם גביר פרייטאָג, אין וועמעס הויז מיר איז אויסגעקומען צו זיין עטלעכע מאָל. דער טאַטע איז אַרויפגעקומען בעטן אַ טובה. פרייטאָג איז געזעסן אין אַ לאַנגען שלאַפראָק. די דינסט האָט אַריינגעפירט דורך איין טיר און אַרויסגעפירט דורך אַ צווייטער, און צווישן די צוויי טירן זיינען געווען שטילע סאַליעס, מיט שטילע, געבעטע שטולן. און ערגעץ אין אַ סאַליע איז געזעסן דער הער פרייטאָג און געדרימלט. ער האָט געהאַט אַ פריינטלעך, שלאָפנדיק פּנים. ער האָט אָפּגעזאָגט דעם טאַטן מיט אַ פאַרדרימלטער גוטס־קייט. ווען מיר זיינען אַרוים דורך דער צווייטער טיר האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך האָב פאַרביישפּאַצירט דורך אַ פאַר־שלאָפן קעניגרייך, וואו עס שלאָפןביימער מיט פּרות, וואָס מען קאָן נישט עסן.

אין גאָלדבלאַטס לערנען איז נישט געווען קיין אָנהויב און קיין סוף. ער האָט געלערנט שטילערהייט און איך האָב געענט־פערט שטיל. דאָס לערנען זיינס האָט פאַרשלעפּערט און עס זיינען מיר צוגעפאַלן די אויגן־דעקלעך. איך בין געזעסן אַנט־קעגנאיבער אים און געזען ווי ער שווימט מיט די גאָלדענע ברילן־רעמלעך און מיט דעם קאָפּ. צווישן אונדז איז געווען דער תנ״ך, ווי אַ נישט־דערטרונקען גלאָז וויין. דער וויין האָט קוים־קוים אַ ציטער געטאָן אין רויטן גלאָז, אַלעמאָל ווען די מאַמע איז שטיל פאַרבייגעגאַנגען מיט אָפּגעהיטע טריט, ווי זי וואָלט אונדז ביידע נישט געוואָלט אַרויספירן פון דרימל.

## II

אַלע אַנדערע לערער, וואָס איך האָב געהאַט ביז גאָלד־בלאַטן, זיינען געווען תכלית׳דיקע. דער פעטער פייוול, אָדער ווי מען האָט אים גערופן, פייוול שרייבער, אַ הויכער ייד, מיט אַ גרוי בערדל, וואָס האָט בשום אופן נישט געוואָלט וואַקסן, האָט מיך געלערנט שרייבן פאַרצוקט, אַז עס זאָל אויסזען

ווי אַן אויסגעשריבענע האַנט. דער פעטער פייוול האָט גע'שמ'ט אין דער משפחה ווי אַ גאַנצער דאָקטאָר. מען האָט אַפילו גערעדט, אַז ער שרייבט אַ ספר הרפואות, וואָס איז באַגרינדעט אויף דעם רמב"ם. אַז אַ קינד איז קראַנק געוואָרן, האָט מען קודם כל גערופן דעם פעטער פייוול, ער זאָל עס אָנקוקן. אַז ער האָט געגעבן אַ זיפץ, האָט מען גערופן אַ דאָקטאָר. טאָמער האָט ער געגעבן אַ קניפּ דעם קינד אין בעקל, האָט מען גע־וואוסט, אַז עס וועט איבערגיין. מיר האָט ער אָנגעזאָגט, למען השם, אַז איך זאָל נאָך דעם טשאָלנט נישט טרינקען קיין וואַסער — מען קאָן נאָך קריגן שלשול, ווייל פעטס מיט וואַסער מישט זיך נישט גוט אויס.

אָבער ביים פעטער פייוול האָט זיך אויסגעשעפּט. עס איז געקומען אַ מאָמענט, ווען ער האָט שוין מער נישט פאַרמאָגט קיין תורה. אַזוי שנעל ווי ער האָט מיך דערפירט צו דער מדרגה, ווען איך האָב געוואוסט דעם אונטערשייד צווישן מוזשסקי ראָד, זשענסקי ראָד און סרעדני ראָד, האָט ער געגעבן זיין זיפץ, וואָס האָט געהייסן, אַז מען דאַרף שוין רופן אַ דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר איז געווען זיין אייגענער זון, וואָס איז געווען אַ לערער אין דער גאָראָדסקאָיע אוטשילישטשע. יוסף לערער, דער היפוך פון זיין טאַטן, איז געווען ברייט און פעט און האָט געהאַט אַ רייך־צעפּלאָנצטן, שוואַרצן אָנוואוקס, וואָס האָט ביי מיר געהאַט אַ פּנים פון אַ ציוניסטישער באָרד, אפשר דערפאַר ווייל זי האָט אַ ביסל געכאַפּט דעם אָנבליק פון אַ הערצל באָרד. יוסף האָט שוין געטראָגן אַ רוסישן מונדיר פון אַן אמת'ן טשי־נאָווניק און האָט געלערנט מיט שקצים. אמת, די שקצים זיינען אים גוט דערגאַנגען די יאָר, זיי האָבן אים גערופן אַ סך צונע־מענישן, מיט וועלכע מען האָט באַשריבן די ווענט פון דער שולע. אָבער דער צונאָמען, וואָס האָט זיך מער פון אַלע צוגעקלעפּט, איז געווען „פוי מאַראַי". וואָס דאָס האָט באַטייט איז נישט געווען קלאָר. עס זאָל מיינען, אַז ער האָט נישט געקאָנט ליידן ווי מען פּאַטשקעט. יוסף איז געווען אַ פרומער ייד און איך געדענק, אַז איך האָב אים אַ סך מאָל געטראָפן אינדערהיים

מיט טלית און תפילין איבער דעם גוי׳עשן מונדיר. איך האָב דערין געזען אַ גרויס שטיק מסירת נפש, אַ שטיק קאָנטאָניסטיק. אַלעמאָל ווען ער האָט געגעבן אַ קוש דעם של ראש האָט זיך דער אוניפאָרם געוואָלט באַפרייען פון טלית, אָבער יוסף האָט אים געהאַלטן אין צוים און אים צוגעדעקט מיט יידישקייט.

ווען איך בין אָנגעקומען לערנען צו דער מאָנאָפּאָלניטשקע איז עס געווען דעם טאַטנס איינפאַל. ער האָט געוואָלט איך זאָל קריגן אַ לייטישע רוסישע אויסשפּראַך. די מאָנאָפּאָל־ניטשקע איז געווען אַ הויכע אַלטע מויד פון אַ יאָר פערציק, מיט דיקע ברילן, דורך וועלכע עס האָבן אַרויסגעקוקט גרויסע, וואַרימע, שוואַרצע אויגן. זי איז נישט געווען פון די איינגע־דאַרטע אַלטע מוידן, זי איז דוקא געווען לייביק. זי האָט געהאַט לאַנגע, פעטע הענט, לאַנגע פיס. זי האָט ליב געהאַט, אַז בעת׳ן לערנען זאָל איך זיצן ביי איר אויפן שויס און צו־זאַמען מיט איר אַריינקוקן אין זעלבן ביכל. איך קאָן זיך נישט דערמאָנען, אַז דאָס זאָל האָבן געווען אומאָנגענעם. אירע שוואַרצע האָר האָבן מיך געקיצלט און אירע ווערטער זיינען געווען וואַרים אויף מיין קאַרק. אויף דער לעקציע פלעג איך דאַרפן וואַרטן לאַנג. פריער בין איך אַדורכגעגאַנגען די מאָ־נאָפּאָל, מיט די גרין־באַקלעפּטע פלעשלעך וואָדקאַ. די מאָנאָ־פּאָל איז געווען ריין ווי אַן אַפּטייק. עס האָט זיך קוים געגלויבט, אַז דאָ פאַרקויפט מען דעם שטאָף, פון וואָס אונדזער יענדריק סטרוזש וואַלגערט זיך לעבן שמעטניק.

די מאָנאָפּאָלניטשקע איז אַרויסגעגאַנגען פון צווישן די פלעשער. איך האָב אַרונטערגענומען דאָס היטל, איר געגעבן אַ קוש אין האַנט און זיך פאַרנייגט מיט אַ „זדראַווסטוואויטיע״. איך בין אַריין אין אַ צווייט צימער, וואו עס האָבן געקלאַפּט אַ דריי־פּיר זייגערס. דאָרט בין איך לאַנג געזעסן און געוואַרט. פון אַן אַנדער צימער האָט זיך געהערט אַ רוישן מיט געשיר, אַ קלאַפּן מיט לעפל און גאָפּל. עס האָבן זיך געטראָגן שטיקנ־דיקע ריחות פון מאכלים. איך בין געווען זיכער, אַז דאָס איז דאָס סאַמע טרייפסטע פון אַלע טרפות. דאָס מוז אַזוי דער

חזיר אַרויסגעבן פון זיך די אַלע געריכן, איידער מען גליטשט אים אַרונטער אין מאָגן אַריין.

איך בין געזעסן אַליין און געוואַרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ, וואָס איז געוואָרן איינער פון די זייגערס אין שטילן צימער, מיט די אַרונטערגעלאָזטע שווערע גאַרדינען. אַ ריינער נאַפט-לאָמפּ האָט געברענט אויף דעם גרויסן טיש. פון צייט צו צייט איז מיך געקומען באַשמעקן אַ שווערער הונט. קיין שטיק געזונט איז מיר דערפון נישט צוגעקומען, אָבער דער הונט איז געווען אַן אַלטער און ער האָט מיט מיר נישט געהאַט קיין גרויסע געשעפטן.

ווען די מאַנאַפּאַלניטשקע איז אַריינגעקומען אין דעם לאַנגען, שוואַרצן קלייד, האָט זי אויסגעקוקט אַזוי ריין, אַז ס'האָט זיך נישט געגלויבט, אַז זי האָט נאָר-וואָס אויפגעגעסן די מאכלים, וואָס האָבן אַזוי פאַרטשאַדעט דאָס הויז. נאָך איידער זי איז צוגעקומען צום טיש האָב איך דערפילט אַ קיצלדיקע בענקשאַפט נאָך אירע שוואַרצע האָר און נאָך אירע וואַרימע רוסישע ווערטער אויף מיין האַלדז. גאַנץ אָפט איז זי פריער צוגעגאַנגען צו דער פּיאַנאָ ; געשפילט אַ ראָמאַנס און געוויינט. ביים שפילן האָט זי שטיל צוגעזונגען דורך ווערגנדיקע טרערן. נאָך אַזאַ ראָמאַנס פלעגן עטלעכע פאַרבליבענע טרערן אַרונטערקאַפּן צו מיר אויפן האַלדז, בעת זי האָט מיך געהאַלטן אויפן שויס און זיך צוגעבויגן מיט אירע קורצזיכטיקע אויגן צו דער כרעסטאָמאַטיע.

שפּעטער, נאָך דער מאַנאַפּאַלניטשקע, זיינען שוין געקומען אַ סך תכלית'דיקע לערער. איך האָב געלערנט אין דער פּריוואַטער שקאָלע פון זאַנקאָ, אַ מאַלאָרוסישע משפחה, פון אַן אַלטן מאַן מיט אַ קורצער פיין-צוגעשוירענער באָרד און אַ גרויסן וואָרצל אויף דער נאָז, אַן אַלטער פרוי מיט אַ געל פנים און מיט איידעלע באַנעמונגען, אַ הויכן זון מיט אַ לאַנגן קנאָפּ אין האַלדז. פון זון האָט געשמעקט וואָדקע, פון דעם אַלטן אַ סך טאַבאַק און פון דער אַלטער האָט מען געפילט דעם ריח פון ציכטיקע וועש.

אין דער שולע בין איך געווען דער איינציקער ייד צווישן א פופצן רוסישע, פוילישע און עטלעכע דייטשע סטודענטן. מיר האָבן געהאַט אַ גרויסן זוניקן הויף, וואו מיר האָבן זיך געשפּילט צווישן איין „פּרעדמעט" און אַנדערן. דער אַלטער זאַנקאַ האָט געלערנט מיט אַ גוט, לאַכנדיק פּנים. דער זון איז געווען אַ נערוועזער און אַ פאַרכמורעטער און די אַלטע האָט אויף אונדז געקוקט מיט אירע גרויע, ערנסטע אויגן. גאַנץ אָפט איז מאַדאַם זאַנקאַ אַריין אין קיך און פון דאָרט אַרויסגעבראַכט טעלערלעך מיט די זעלבע געראָכיקע מאכלים, וואָס האָבן זיך געקאָכט ביי דער מאַנאַפּאַלניטשקע. די חברה האָבן געלעקט די טעלער און עס באַטראַכט פאַר אַ יום־טוב. מיר האָט די מאַדאַם זאַנקאַ אפילו נישט אָנגעבאָטן. דער אַלטער זאַנקאַ האָט געשמייכלט מיט גוטסקייט און מיר אַריינגעשושקעט אין אויער, אַז — ניטשעוואָ ניע פאָדיעלאַיעש, עס איז „טרעפנאַיע". ער האָט מיך געגלעט, כדי איך זאָל זיך פילן היימיש. געוויינלעך האָט ער מיר אַרויסגעבראַכט פון קיך, ווי אַ שטיקל פאַרגיטיגונג, אַ רויטן עפּל. בלויז דער דייטש, וואָס איז געזעסן לעבן מיר און איז געווען מיט צוויי קעפּ העכער פון מיר, האָט מיר איינגערוימט, אַז איך בין אַ נאַר — מען גיט אַ נעם און מען עסט. ביי אַזאַ סעודה האָב איך, נישט קוקנדיק אויף דעם אַלטן זאַנקאָס דערמוטיקונג, זיך געפילט ווי אַן איבעריקער מענטש. אין אַזאַ מאָמענט האָב איך מער ווי אַלעמאָל באַמערקט די איקאָנעס, וואָס זיינען געהאַנגען אין אַלע ווינקלען.

זאַנקאָס ברודער איז געווען דער סעקרעטאַר פון גימנאַזיע און איך האָב געמיינט, אַז פון זאַנקאָס שולע איז אַ שפּרונג גלייך אין גימנאַזיע אַריין, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן.

עס האָט אפילו נישט געהאָלפן, וואָס איך האָב שפּעטער געלערנט ביי דער טאָכטער פון סאַמע גימנאַזיע־אינספּעקטאָר קורבאַס. אַלעמאָל ווען איך בין געקומען נעמען די לעקציע איז קורבאַס געזעסן און געגעסן איינער אַליין ביי אַ רייך־געדעקטן טיש, מיט אַ בלאַנקענדיקער סאַלפעטקע, אונטערגעבונדן אַרום דער ברייטער, שוואַרצער באָרד. קורבאַס איז געווען אַ פעסל־

דיקער, אַ צעגאָסענער, מיט קורצע פּיס. ווען איך בין פאַרביי־געגאַנגען האָט ער מיר געוויינלעך דערלאַנגט אַזאַ ברייטן גוט־מאָרגן, ווי עס וואָלטן זיך איבערן רחבות׳דיקן צימער צעקלונגען עטלעכע סאַבאַר־גלאָקן. נאָך דעם גוט־מאָרגן פלעגט ער זיך צעלאַכן ברייט און שטאַרק און קינדיש און זיך צוריק נעמען צו דער אכילה. קורבאַס האָט געלערנט לאַטיין אין גימנאַזיע, איז דאָס גאַנצע צימער געווען באַהאַנגען מיט לאַטיינישע שפּריכווערטער.

זיין טאָכטער איז אפשר אינגאַנצן אַלט געווען אַ יאָר זיבעצן. אָבער זי איז אויפגעשאָסן הויך און דין. זי האָט געהאַט אויסער־געוויינלעך דינע פּיס, אַ הויכן קאָפּ מיט צוויי לאַנגע צעפּ, אַ שעמעוודיק פּנים מיט קליינע פּרישטשיקלעך. ביי מיר האָט זי געהאַט אַלע חנ׳ען און די געשטאַלטן פון אַלע העלדינס אין די רוסישע ראָמאַנען, וואָס איך האָב דעמאָלט געלייענט. איך בין דענצמאָל אַלט געווען אַ יאָר פערצן און מיר האָבן זיך ביידע געשעמט איינער פאַר דעם אַנדערן. איך האָב זיך געררויטלט יעדער מאָל, ווען איך האָב גענומען אַ ביכל פון איר דאַרער, קאַלטער האַנט.

די פּראָנצויזישע לערערקע מיינע האָט געהאַט אַ הויט, וואָס איז געווען איינגעקוויטיקט און דורכגעפּרעסן פון רויטע, גרינע און שוואַרצע קאָסמעטיקעס. זי האָט געוואוינט איינע אַליין אין אַ פינף צימערן. אויפן וועג צום לעצטן צימער זיינען געווען צעוואָרפן אַלערליי דעליקאַטע ווייבלעכקייטן, קליינע שיכלעך מיט הויכע אָפּצאַסן, פאַרשיידענע זיידענע קליידלעך, אונטערקליידלעך, מיניאַטור זיידענע טיכלעך פון אַלערליי קאָ־לירן, קאָרסעטן, פלעשלעך מיט שמעקנדיקע וואַסערן. אין צימער, וואו זי האָט מיר געגעבן די לעקציע, איז זי געזעסן — אָן איינגע־שרומפּענע אַלטיטשקע, מיט אַ צערונצלטער הויט און אויפ־געשוואָלענע אָדערן אויף געלע הענט. זי איז געווען צוזאַמענ־געשטעלט פון די אַלע זאַכן, וואָס מען האָט גזען נאַכלעסיק צעוואָרפן איבערן צימער, — פון די אַלע זיידענע קליידלעך, פון די געשפּיצטע טיכלעך, פון די קאָרסעטן, פון די דעליקאַטע

שיכלעך און אַפּילו פון די פאַרשיידענע שמעקנדיקע וואַסערן, וואָס האָבן איצט געהאַט אַ שאַרפן, שווייסיקן און זיסלעכן גערוך. איר פּנים האָט אויסגעזען טאַטואירט און צונויפגעשטעלט פון קליינע קלעצלעך. זי איז פאַר מיר יעדן טאָג געווען אַ גרויסע איבערראַשונג. ווען איך בין געגאַנגען דורך די צימערן און געזען די פיל־קאָלירטע שטיקער זײַדנוואַרג, האָב איך אין לעצטן צימער שטענדיק דערוואַרט קורבאַסעס יונגע טאָכטער מיט די רייצנדיקע פרישטשיקלעך, מיט די הויכע פיס אין פּעטיטע, ליבע שיכלעך. אָבער שוין ביים שוועל פון לעצטן צימער האָב איך גלייך דערפילט דעם זיסלעכן גערוך פון וואַסערן און זאַלבן, וואָס זיינען פאַרשווייסיקט געוואָרן פון דער באָבע־צייט.

## III

אַ צווייטער וועלטלעכער לערער, וואָס האָט זיך מיט מיר פאַמעלעכן דורכשפּאַצירט אויף דער בריק פון יידישקייט, איז געווען נישט אַזוי אַ לערער, ווי אַ פאַרהערער, און נישט אַזוי אַ פאַרהערער ווי אַ שמועסער, וואָס האָט מיך אַריינגענאַרט אין די דלד אמות פון צוויי־דריי ווערטער און פון די קאַרגע ווערטער געמאַכט אַזאַ סעודה, אַז עס האָט געקלעקט אויף עטלעכע שעה רעדן. ער האָט כלומרש אָנגעהויבן מיט אַ פּסוק פון תנ״ך און דעם פּסוק האָט ער באַפּוצט מיט אַזויפיל פּרושים, אָפּפרעגאַכצן, פאַרענטפערונגען און פאַרגלייכן, אַז דער פּסוק איז אַזוי פאַרמילגרוימט געוואָרן מיט מיין־קערעלעך, ווי עס וואָלט אין אים געלעגן חכמה פאַר אַ גאַנצן דור. עס האָט זיך געגומען דוכטן, אַז אַ מענטש קאָן געבוירן ווערן, קאָן וואַקסן, שטיין אונטער דער חופּה, אויסגעבן אייגענע קינדער און זיך שפּייזן און עלטערן מיט דער חכמה פון דעם איינעם טיפן פּסוק, וואָס האָט געקראָגן אַזוי פיל כישוף־מוזיק, ווי די ווערטער וואָלטן געווען לאַרעלייען, וואָס נאַרן־אַריין אַלץ טיפער און טיפער אין אַ געדיכטעניש פון קענטניש און וויסן.

דאָס איז געשען מיט דעם פּסוק, נאָכדעם ווי רב לוי איז מיט אים פּאַרטיק געוואָרן, ווייל דער פּסוק האָט אים דערמאָנט אין פּופּצן אַנדערע ענלעכע פּסוקים, וואָס האָבן געהאַט פאַר־שיידענע טייטשן, און וואָס האָבן אַרויסגערופן פּיוטים און גריכישע שפּריכווערטער, און אבן עזרא׳ס אויפטוען, און וועלט־לעכע וויסנשאַפטן, און חדושים אין אַסטראָנאָמיע, אַנאַטאָמיע, באָטאַניקע און אין פילאָזאָפיע.

רב לוי איז געווען אַ נוטה למות. ער איז געלעגן אויפגע־זעצט אין בעט, מיט דעם קאָפּ אויף הויכע, אויפגעשטעלטע קישנס. אויף זיין קאָפּ האָט זיך געהאַלטן אַ סאַמעטענע יאַר־מעלקע. דאָס פּנים איז געווען געל, אָבער די געלקייט האָט געלויכטן ווי אַ וואַקסן ליכט, דאָס געלע בערדל איז געווען קורץ און געדיכט און נאָכלעסיק צעוואַקסן, נאָר אין דער נאָבלעסי־קייט איז געווען אי מאָס און אי פּראָפּאָרציע ווערדיק דעם פּנים. עס איז געווען אַ שטילע און ערלעכע באָרד, וואָס האָט צוגעגעבן דעם גאַנצן פּנים אַן איידעלע תמימות. זיין נאַכט־העמד איז געווען ריין ווי אַ קיטל. גאַנץ אָפט האָט ער איינ־מיטן רעדן פאַרמאַכט די אויגן און ער האָט אויסגעזען, ווי אַ כהן גדול, וואָס שטאַרבט און איז שוין גרייט זיך צו שטעלן אין די הייליקע בגדים פאַרן באַשעפער. די הענט זיינען געלעגן אויפן איבערבעט, ווי רואיקע צווייגן פון אַ שטילן בוים.

אין שטאָט האָט מען געוואוסט, אַז רבי לוי האַלט ביים שטאַרבן, אָבער מען האָט עס גערעדט שטיל און מיט אַ גאָט־פאָרכטיק פּנים, ווי מען רעדט פון אַ גרויסן צדיק, וואָס האַלט ביי נסתלק ווערן.

אַלע האָבן געוואוסט, אַז עס האָט דעם גביר שמעון׳ען געטראָפן אַ גרויסע בראָך. זיין קרוין פון קאָפּ האַלט ביי אַרונטערפאַלן. שמעון האָט געהאַט אַ סך קינדער, אָבער לויט דעם באַגריף פון שטאָט זיינען זיי אַלע נישט געווען קיין לייט, אינגאַנצן נישט ווי עס האָט זיך געפּאַסט פאַר דעם פרומען גביר, וואָס האָט געהאַט אַ שם איבערן שטאָט, מיט זיין לומדות און פרומקייט. איינער איז געווען אַ פריילעכער יונג, וואָס האָט

געהאַט אַן אויג פֿאַר שיקסעס און איז געווען אַ קאַמיוואָיאַזשאָר פֿון צוקערקעס, אַ צווייטער איז אַוועקגעפֿאָרן אין דער שווייץ שטודירן כעמיע און איז פֿון דאָרט צוריקגעקומען אַ פֿאָלנער גוי'עץ מיט אַ גרין סטודענטיש היטל, ווי געמאַכט פֿון גרין גלאָז; אַ טאָכטער איז נעבעך געווען אַ קאַליקע — זי האָט געהאַט אַ געליימטע הענטל. דאָס איינציקע שטיקל נחת איז געווען לוי, וואָס איז געזעסן גאַנצע טעג און נעכט און געלערנט.

אָבער לערנער זיינען אין שטאָט געווען אַ סך. מען האָט געוואוסט, אַז ער האָט אַ גוטן קאָפּ, אַז ער האָט פֿרי געקראָגן היתר הוראה, נאָר מען איז אָלץ נישט נתפּעל געוואָרן. ער איז אַוועקגעפֿאָרן אין אַ קליין שטעטל און דאָרט חתונה געהאַט מיט אַ הויכער מויד, וואָס איז געווען העכער און ברייטער פֿון אים. ער האָט געהאַט הויכע און אומגעלומפּערטע-קינדער, וואָס האָבן זיך געשאָקלט שטייענדיק, ווי עס וואָלט אויף זיי אָלעמאָל געבלאָזן אַ ווינט.

אַז לוי איז קראַנק געוואָרן און מען האָט אָנגעהויבן שמועסן, אַז דער רומאַטיזם איז אים שוין דערגאַנגען צום האַרץ, האָט מען אים געבראַכט פֿון קליין שטעטל צוריק צום טאַטן אין שטאָט אַריין, און גלייך אין בעט אַריין, אין איינעם פֿון די שענסטע און ליכטיקסטע צימערן פֿון רב שמעונ'ס וואוינונג.

שמעון האָט באַוואוינט דאָס גאַנצע הויז. אונטן האָט ער געהאַנדלט מיט קליידער, אָבער אויבן איז געלעגן דער זון. אונטן איז געווען שמעון בערגערס גוף, זיין וואָך, זיין הינטיש האָוועקן פֿאַר יעדן קערבל, מישטיינס געזאָגט, כּדי עס זאָל קלעקן פֿאַר גרויסע דאָקטוירים און פּראָפֿעסאָרן — אפשר וועט מען פֿאָרט קאָנען אָפּראַטעווען זיין נשמה יתרה, וואָס ליגט אויבן אין בעט און גייט-אוים שטיל, ווי אַ שבת פֿאַרנאַכט.

ערשט ווען שמעונ'ס זון איז שוין געלעגן אין בעט, האָט מען זיך געכומען דערוויסן ווער ער איז אַזוינס. אפילו טאַטע-מאַמע האָבן נישט געוואוסט, וואָס פֿאַר אַן אוצר מען האָט זיי אָנפֿאַרטרויט אויף אַ ווייל. לוי איז דעמאָלט סך הכּל אַלט געווען אַכט און דרייסיק יאָר.

עס האָבן זיך ביי שמעונ׳ען געגומען יאָוועץ מענטשן, וואָס מען האָט גאָר קיינמאָל אין זיין הויז נישט געזען, וואָס מען האָט אַפילו אין דער גאַנצער שטאָט נישט געזען. עס זיינען געקומען גרויסע רבנים, גאונים, מענטשן וועמענס נעמען אַליין האָבן אַרויסגערופן ליכטיקע האָפענונגען ביי יידן. עס זיינען גע־קומען רבי׳ס, עס זיינען זיך צוזאַמענגעפאָרן קריסטלעכע גע־לערנטע, פּראָפעסאָרן פון אוניווערזיטעטן, שריפטשטעלער מיט נעמען אין דער ליטעראַטור. שמעון און זיין פרוי האָבן זיך אָנגעקוקט מיט שטומע בליקן און געוויינט אויף דעם פאַר־שפּעטיקטן גליק.

— דו זעסט וועמען מיר פאַרלירן!

מען האָט זיך ערשט דערוואוסט, אַז לוי האָט זיך פון זיין קליין שטעטל דורכגעשריבן שאלות־תשובות מיט די אַלע רבנים און געלערנטע. מען איז ערשט געוואָר געוואָרן, אַז די אַלע גרויסע גאונים רופן גאָר רב לוי׳ן רבי, אַז די קריסטלעכע געלערנטע זאָגן, ער איז איינער פון די גרעסטע פילאָזאָפן פון אונדזער דור. אין שטאָט האָט מען אָנגעהויבן שמועסן, אַז רב לוי איז פון די גאָר גרויסע צדיקים, אפשר פון די באַהאַלטענע, אין וועמענס שטילן זכות עס האַלט זיך די טומלדיקע און נישט־זיכערע וועלט. מען האָט אויך גערעדט, אַז ער האָט אָנגעשריבן כתבים, וואָס וועלן באַלייכטן און אַנטפּלעקן די שווערסטע באַהעלטענישן.

איז מיר באַשערט געווען גאַנץ אָפט צו זיצן אויף אַ בענקל לעבן זיין בעט. אין הויז זיינען געוויינלעך געזעסן אַ צוויי רבנים, וואָס האָבן זיך שטיל און טרוקן אויסגע׳טענה׳ט מיט רב לוי׳ן, ווי ער וואָלט גאָרנישט געווען קיין חולה מסוכן. רב לוי האָט געענטפערט קורץ און כמעט געשעפּטלעך, אָבער מיט־אַמאָל האָבן זיינע גרויע אויגן אָנגעהויבן אויפצולייכטן, זיין געל פנים האָט געפלאַקערט און זיין קול איז געוואָרן געזאַנג. די רבנים האָבן שוין געשוויגן, זיי זיינען געזעסן שטום און זיך מורא געהאַט צו רירן פון אָרט. דאָס האָבן זיי דאָך רב לוי׳ן בביון אַרויסגעפירט אויף אַ ברייטן וועג, כדי זיין פנים זאָל אויס־

קומען אונטער דער זון. זיין פּנים האָט איצט אַזוי געשיינט, אַז די צוויי רבנים האָבן זיך דערין געשפּיגלט, און איך, אַ קליין אינגל, וואָס האָב געהערט אין שטאָט, אַז רב לוי האַלט ביים שטאַרבן, האָב אין דעם פּנים געזוכט דעם סוד פון לעצטן וואָרט און אויך דעם סוד פון שרעק.

אַז די רבנים האָבן שוין געהאַט געקושט די מזוזה, האָבן זיי אויף יענער זייט טיר געזאָגט דער וויינענדיקער מאַמען, אַז וואָיל איז צו די אויערן, וואָס האָבן אַזוינס געהערט, און וויינט נישט, השם יתברך וועט נאָך העלפן, און טאַטע־מאַמע, איר מעגט זיך איבערנעמען און זיך פרייען מיט אַ גרויסער פרייד.

בלויז איינמאָל, געדענק איך, האָט איין רבי פאַרלוירן דעם קאָנטראָל איבער זיך און נאָכדעם ווי לוי האָט זיך דורכגעשפּאַצירט אין די טיפסטע היילן פון געדאַנקען, אַרויסגעקומען בשלום, זיך ווידער באַהאַלטן און ווידער געקומען אויף דער ליכטיקער שיין מיט אַ לייכטנדיק פּנים, האָט דער רבי אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ ביטער געוויין און געשריגן:

— רבי, רבי, רב לוי, אויף וועמען לאָזטו אונדז איבער?

אין דער אותו רגע זיינען אַריין טאַטע־מאַמע און גענומען באַוויינען לוי'ן, ווי ער וואָלט שוין געווען אַ מת. די מאַמע האָט געוויינט מיט אַזויפיל וואַרימקייט, ווי זי וואָלט נאָר געוואַרט אויף דעם מאָמענט, אַז דער וויינענדיקער רבי זאָל איר געבן די דערלויבעניש, וואָס זי האָט די גאַנצע צייט נישט געוואַגט צו בעטן.

אָפּגעוויינט, האָבן זיך אַלע ווי פאַרשעמט פאַר זיך (דוכט זיך, איך האָב אויך מיטגעוויינט, ווי אַ קליין משורר'ל). זיי האָבן זיך פאַרשעמט, ווייל רב לוי'ס שפּיגלדיק פּנים האָט גע־שמייכלט. און אַז אַלע האָבן זיך באַרואיקט, האָט לוי ערשט גענומען רעדן וועגן די יאָרן, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין שטעטל און נישט געקאָנט ווי געהעריק מקיים זיין כבוד אב ואם. ער האָט גערעדט וועגן דער אויסדערוויילטער מצוה, וואָס איז אַ פריידיקער חוב — די איינציקע מצוה, וואָס דער־הויבט דעם מענטשלעכן מין איבער דער חיה, ווייל די חיה

פאַרמאַגט נישט די דויערהאַפטיקייט פון דעם קנופּ, וואָס בינדט און זינגט צוזאַמען דעם טאַטן מיט דעם זון, די מאַמען מיט איר קינד, ביז דאָס קינד ווערט אַליין אַ טאַטע.

און דאָס איז טאַקע דער אמת'ער מיין פון כרת, האָט רב לוי געזאָגט, אָפּגעשניטן גאַנץ אָפּט פון לעבעדיקע טאַטע־מאַמע, אָפּגעשניטן פון דער פרייד מקיים צו זיין כבוד אב, דערפאַר האָט מען פאַר כבוד אב ואם געוואונטשן לאַנגע יאָר.

אַז אַלע זיינען אַוועק האָבן זיך אויסגעגלייכט די קנייטשן פון רבי לוי'ס פּנים. פּערל די דינסט האָט אים געקאַרמעט און אים געגעבן לעפּעלעך האָבערגריץ. זיין פּנים האָט אויסגעזען אַזוי רואיק, ווי די קראַנקהייט וואָלט מער נישט געווען ווי אַן אָנשטעל און אַן אויסרייד זיך אָפּצורוען פון דער הויכער יידענע זיינער, פון די אויפגעוואַקסענע קינדער, פון דער דרויסנ־דיקער וועלט, ווי די קראַנקהייט וואָלט געווען די באַשערטע רו, וואָס מענטשן מיט אומרואיקע מוחות בעטן־אויס.

— וואו איז דער טאַטע דיינער? האַ? אַרבעט נאָך אונטן אין געשעפט? קום־צו נאָענט, שעם זיך נישט. וואָס לערנסטו איצט? ירמיהו?

און באַלד האָט אויפגעבליצט אַ פּסוק, ווי אַ ליכטיק שיפל אויפן וואַסער. ער האָט מיך אַריינגענומען און געררודערט אַהין און אַהער. איך האָב זיך געשראָקן צו פאָרן מיט אים צו־ווייט, איך האָב געזען זיינע טויטע הענט און מורא געהאַט, אַז ער רופט מיך מיט זיי, אָבער איך בין פאָרט מיטגעפאָרן מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ.

אין דער זעלבער צייט, וואָס רב לוי איז געלעגן אין זיין טאַטנס היים אויף ווייסע קישנס, איז אַ מאַן, אין זיינע יאָרן, געלעגן אין אַ קאַמער אויפן הויף פון הויז, וואו מיר האָבן גע־וואוינט, הינטערן שלאָס. די קאַמער האָט אויסגעקוקט ווי אַ הינטישע בודע, וואָס איז געווען צוזאַמענגעקלאַפּט פון אַלטע, צוגעפוילטע ברעטער. אויפן הויף זיינען געשטאַנען די אָפּ־טריטן — אויך הילצערנע קאַמערן — און אַנטקעגנאיבער די אָפּטריטן, אָפּגעטיילט פון אַ זויערן שמעטניק און אַ הויף וואָס

איז פֿראַנק און פֿריי געגוצט געוואָרן פֿון קינדער און אַפּילו פֿון דערוואַקסענע, וואָס האָבן זיך ביינאַכט געפּוילט אַריינצוגיין אין די פֿינצטערע פּריוועטן, איז געשטאַנען די נידעריקע הינ־טישע בודע. אין דער בודע זיינען געווייינלעך געלעגן אָנגעוואָרפֿן אַלטע קליידער, וואָס אַפּילו שמאַטע־קלייבער האָבן שוין געהאַט פֿאַרבראַקירט.

איינמאָל, ווען מיר האָבן זיך אויפֿגעהויבן אינדערפֿרי, האָט מען פֿון קאַמער געהערט ווילדע געשרייען. אין דער בודע האָט זיך אויף דער פֿאַדלאָגע געוואַלגערט אַ מאַן, וואָס האָט גערעוועט ווי אַן אָקס.

דער מאַן איז געלעגן אויף ווייכע פּיס, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מאַכט, די הענט האָט ער נישט געקאָנט הויבן, ער האָט זיך בלויז געקאָנט קייקלען אין שטרוי, וואָס אימיצער האָט אים אונטערגעבעט. ער האָט געהאַט אַ פּעך־שוואַרצע באָרד און שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן דערמאָנט אין די אויגן פֿון אַ קו. די האָר זיינען אים געווען צעפּאַטלט. עס האָט אויס־געזען ווי דער גאַנצער שטערן וואָלט אים געווען באַוואַקסן. אַרום אים האָבן זיך געוואַלגערט שטיקער ברויט. לעבן אים איז געשטאַנען אַ שיסל וואַסער, צו וועלכער ער איז אַלעמאָל צוגעפֿאַלן און געזשלאָקעט. דאָס פּאַרזעעניש איז געווען צו־געשמידט מיט אַ קייט צו איינעם פֿון די ברעטער אין דער בודע.

ער האָט זיך געוואַלגערט און געמאַכט שרעקלעכע קולות. די קולות זיינען געווען נאָך שרעקלעכער, ווייל זיי זיינען נישט געווען קיין געשרייען, נאָר די חיה'שע אָנשטרענגונג פֿון אַ שטומער צונג, וואָס האָט געוואָלט עפּעס אַרויסברענגען.

פֿונוואַנען די אומגליקליכע קאַליקע האָט זיך געיאַוועט, האָט קיינער נישט געוואוסט. ווער עס האָט פֿאַרדונגען די קאַמער אויפֿן הויף צו דעם מאָדנעם באַוואוינער זיינער מיר, קינדער, קיינמאָל נישט געוואויר געוואָרן. אַ סך קינדער האָבן אַריינגע־וואָרפֿן שטיינער, און דעמאָלט האָט די קאַליקע אויף אַן אמת געשריגן מיט באַנומענע קולות. מיר זיינען פֿון ערגעץ געוואויר געוואָרן, אַז זיין נאָמען איז זעליק. די קינדער האָבן אים חוזק'דיק

גערופן רב זעליק. מיר האָבן אויך געוואוסט, אַז עס איז פאַראַן אַ יידענע, וואָס נעמט זיך אָפּ די מצוה איין מאָל אַ חודש אים צו וואַשן און אים אָנצוטאָן אַ פריש העמד. די זעלבע יידענע האָט אויך רב זעליקן צוגעשטעלט די שטיקער ברויט אַלע צוויי-דריי טעג.

ביינאַכט האָב איך גאַנץ אָפט געהערט זיינע געשרייען. איך האָב געוואוסט, אַז ער ליגט איינער אַליין אין אַ פינצטערער קאַמער, אויף אַ שטינקענדיקן הויף. שפּעטער האָבן זיך פון קאַמער גענומען טראָגן אַזעלכע ריחות, אַז אַפילו קינדער, וואָס געוויינלעך האָבן זיי נאָך נישט קיין צו-סענסיטיווע חושים, האָבן נישט געקאָנט נאָענט צוקומען. רב זעליק האָט געמאַכט אַזעלכע געוואַלטן, אַז יאַנקעלע שניידער, וואָס האָט געוואוינט אונטן, און געצל בעקער, וואָס האָט געוואוינט אין קעלער, האָבן געזוכט פאַרשיידענע פאַרטלען ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דער קאַליקע.

גאַנץ אָפט האָב איך אים, דורך דער אָפענער טיר, געזען ליגן אויף דער פּאָדלאָגע. ער איז שוין געווען אַזוי שוואַך, אַז זיין געשריי איז געווען אַ פּיפּס און דאָס פאַרווילדעוועטע פּנים האָט אויסגעזען פאַר׳חלש׳ט. איך האָב אין אַזעלכע מאָמענטן געמיינט, אַז אָט-אָט וועט ער עפענען דאָס מויל און רעדן צו מיר אויף אַ מענשלעך לשון, אפשר וועט ער גאָר נעמען זאָגן תורה, ווי רב לוי, וואָס איז געלעגן אין אַ ריין בעט, אויף הויכע קישנס.

עטלעכע יידענעס האָבן געטרייסט די אומצופרידענע הויז-באַוואוינער, אַז עס לוינט זיך נישט צו מאַכן קיין טומל, ווייל דאָס גלגול נעבעך וועט זיך שוין לאַנג נישט מוטשען.

איך געדענק, אַז די צוויי — דער, וועמען מען האָט חוזק׳-דיק גערופן רב זעליק, און דער, וועמען מען האָט, אין הייליקן ערנסט, צערטלעך גערופן רב לוי — זיינען מיט מיר געווען גאַנצע טעג. איך האָב זיי געהערט און געזען שטאַרבן, איינעם אין דער קאַמער לעבן די אָפּטריטן, און דעם צווייטן אויף דעם רואיקן

געלעגער; איינעם אין ווילדער שטומקייט און איינעם מיט ליכ־טיקע רייד.

צוויי טעג איידער „רב זעליק" איז געפונען געוואָרן ליגנ־דיק שטום, ווי אַ חיה וואָס איז אַרונטערגעפאַלן פון ערגעץ און וואָס האָט זיך פאַרן טויט איינגעדרייט אין אַ קנויל, האָט זיך די יידענע אַריינגעכאַפּט צו אים אין קאַמער און אים אַרומ־געוואַשן. ער איז אינגאַנצן געלעגן אַ הילפלאָזער און דער ריינער קאָפּ האָט איצט כמעט אויסגעזען ווי רב לוי׳ס רואיקער קאָפּ. ער איז געווען דער באַרואיקטער גוף פון יענער נשמה, וואָס איז געלעגן אין שמעונ׳ס רייך הויז.

רב לוי איז געשטאָרבן אין זעלבן טאָג, ווען „רב זעליק" איז געפונען געוואָרן טויט. עס איז פאַר מיר קלאָר געווען, אַז דער חיה׳שער און שטומער גוף, וואָס האָט זיך שרעקלעך גע־מוטשעט און איז דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גהינום אין אַ פינצטערער, עפּוש׳דיקער קאַמער, האָט געהאַט עפּעס אַ שטיקל שייכות מיט דער נשמה, וואָס איז אויסגעגאַנגען אין זויבערקייט און מיט רייד, וואָס מען האָט לאַנג נאָכגעזאָגט אין שטאָט.

נאָך רב לוי׳ס טויט האָט דער טאַטע אַהיימגעבראַכט אַ חבור פון די כתבים, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט. דער חבור איז געווען געשריבן מיט שפּילקע־קעפּל אותיות. עטלעכע רבנים זיינען געקומען צום טאַטן און עס גוט דורכגעקוקט, אָבער זיי האָבן געזאָגט מיט אַ זיפץ, אַז שטאָט עס זאָל אויפקלערן און באַלויכטן פינצטערע היילן, פאַרטונקלט עס נאָך מער און פאַר־הוילט, ווייל ער האָט מיט זיך מיטגענומען אין קבר אַריין די ליכטיקייט פון זיינע רייד, און די חבורים זיינען געבליבן מיט קלוגע, גופ׳יקע ווערטער, נאָר אָן נשמות און אָן לויטערקייט.

— אַזוי־אַ מיינט מען אַלעמאָל, אַז עס איז שוין געקומען די צייט ס׳זאָל עפּעס ליכטיקער ווערן אין די אויגן, מען זאָל קאָנען אַנטפּלעקן די פאַרבאָרגעניש, אָבער יעדער דור בלייבט שטיין מיט אַ נאָז.

אַזוי האָט געזאָגט אַ יונגער רבי, מיט אַ דינער, לאַנגער

נאָז, מיט עטלעכע שפּראָץ־הערעלעך אויף דער גאָמבע און מיט אַזעלכע קורצזיכטיקע ברילן, אַז ער האָט געמוזט האַלטן דעם כתב־יד נאָענט צו די אויגן. די האַנט, וואָס האָט געהאַלטן דעם חבור, האָט אַפילו קיין ציטער נישט געטאָן, אָבער דעם קאָפּ האָט ער באַוועגט אַהין און אַהער, ווי עס וואָלט געווען אַ שנעדלער אומרו, וואָס טיקעט הין און צוריק, איבער די טונקעלע שורות.

# IV

גאָלדבלאַט־לערער האָט זיך גענומען דערמאָנען אין די תלמידים זיינע, וואָס ער האָט אַרויפגעפירט אויפן ריכטיקן וועג און וואָס זיינען טאַקע געוואָרן אַ לייט. ער האָט פאַרבויגן די פינגער פון דער רעכטער האַנט און גענומען פאַרשטעלן פינגער נאָך פינגער. איין פינגער איז געוואָרן אַן אַדוואָקאַט, אַ צווייטער — אַן אויגן־דאָקטאָר, אַ דריטער — אַ גביר אדיר, אַ פערטער — אַ סעים־דעפּוטאַט.

און דער גראָבער פינגער איז טאַקע, זאָל ער מיר מוחל זיין, געוואָרן אַ גראָבער יונג. ער האָט חרפּות בושות פון אים, ווייל ער איז אַ גראָבער פליגל. ער האָט עטלעכע קאָמעניצעס מיט אַזעלכע וויינענדיקע און ווילגאָטנע קעלערס, און מיט אַזאַ אָרעמקייט, אַז גאָט זאָל שומר ומציל זיין; ס׳וואוינען דאָרט אין זיינע קעלערס פאַמיליעס פון ניין און אַפילו צען. וואָלסט געמאָגט שווערן, אַז מען דאַרף צוצאָלן מענטשן פאַר איינשטעלן דאָס לעבן און וואוינען אין אַזאַ דלות, וואָס סיי זומער און סיי ווינטער, אַז דו גייסט אַרונטער אין אַזאַ קעלער, פילסטו ווי מע רירט דיר אָן די באַק מיט אַ קאַלטער האַנט. הײנט דער עיפּוש און די דערווערגעניש, די טויטע אויגן, וואָס דרייען זיך ווי אויף פאַרזשאַווערטע פּרוזשינעס, וואָס קאָנען נישט געבן קיין לעבעדיקן בליץ, די הוסטן און די כאָרכלערייען, די פאַרוועגלטע הויטן, ווי די הויט פון געקאָפּטשעטע הערינג. געוואַלט, אַן

אַרעמקייט, וואָס קאָן פאַרשעמען דעם שענסטן מאַיאָווע טאָג. זאָל אַזאַ אָרעמקייט ארויסקריכן פון קעלער און דער טאָג וועט קרענקען מיט כל'ערליי קרענק.

פונדעסטוועגן ווען מען זאָל נישט פאַרבייגיין זיינס אַ הויז, זעט מען אַלעמאָל עקסמיסיעס, עס וואַלגערן זיך פאַרן קעלער מענטשן, וואָס קוקן־אויס ווי ליאַכעס און שמאַטעס, און פאַרעל־טערטע שמאַטעס, וואָס קוקן באַלד אויס ווי מענטשן. ס'וואַלגערן זיך אַזעלכע אַלטע, איינגעשרומפּענע באַשעפעניש, וואָס זענען־אויס ווי קינדער, און קינדער, וואָס קוקן־אויס ווי אַלטוואַרג. היינט די קללות און חרמות, וואָס מען הערט פון די ארויסגעוואָרפענע! ווען עס טרעפט אים איינס פּראָצענט איז ער אויך אַ קדוש. ער האָט אַזויפיל עקסמיסיעס, אַז עס קוקט שוין אויס, ווי דער רשע וואָלט אריינגענומען דאָס גאַנצע אָרעמוואַרג פון גאַנץ וואַרשע צו זיך אין די קעלערס אריין, כדי ער זאָל זיי קאָנען בסדר ארויסוואַרפן. ער איז אַ הויט־שינדער, אַ פּראָצענטניק, און אַן עקר.

פאַר ווענען רייסטו איין די וועלט, פרעג איך אים, איידל, ווען איך באַגעגן אים אַמאָל. גיט ער נאָך אַ זיפץ, דער הינט־שלעגער. זאָלסט הערן אַ זיפץ, וואָס קאָן רירן אַ שטיין. אַזעלכע חברה פאַרמאָגן נאָך, אונטער דער גראָבער הויט, זיפצן און קרעכצן אין זיך אויך. ס'מיינט איר, פאַניע גאָלדבלאָט, גאָט האָט מיך טאַקע געשטראָפט, איך בין עלענד ווי אַ שטיין. קום איך אַזוי אָן פון אַ זייטיק ווינקעלע, און גיב אים אַזוי אַ רוק־אריין אַ סברה'לע, אַז ווען ער זאָל אפשר מאַכן מיט אַ צוויי־דריי עקסמיסיעס ווייניקער, וואָלט אים, קאָן זיין, גאָט געהאָלפן. אָך, זאָגט ער, אַ פאַרטגעשריטענער מענטש, ווי איר, הער גאָלד־בלאָט, זענט, זאָל גלויבן אין אַזעלכע זאַבאַבאָנעס. דו פאַר־שטייסט, אין גאָטס שטראָף לוינט זיך אים יאָ צו גלויבן, אָבער אין אַ שטיקל רפואה קענען גאָטס שטראָף לוינט זיך שוין אים בשום אופן נישט.

מילא, דאָס געלט, וואָס ער האָט געמאַכט, קומט נישט פון קיין ריינעם קוואַל. עס איז נישט מיין שטייגער צו באַרעדן

אַ מענטשן, אָבער אַלע ווייסן עס, אַז זיין ווייב, די אשת חיל, האָט דאָס געלט נישט גאַנץ כשר פאַרדינט. עס איז געווען בימים ההם, ווען די עסטרייכישע מאַכט האָט איבערגענומען לובלין, און מען האָט געקאָנט פון האַנדל נתעשר ווערן. מען האָט נאָר באַדאַרפט קריגן דאָס גוטע קוויטל פון דער מאַכט, אַז מען זאָל אַ וואַגאָן סחורה אַדורכלאָזן און נישט טאַפּן, וואָס דאָרט געפינט זיך, נישט רייסן קיין פּאַלע. האָט זיין ווייב דאָס אַלץ אויסגעפּועל׳ט ביי דער מאַכט. זי האָט זיך דורכגעשלאָגן פון אַפּיצערן ביז צו אַ גענעראַל. דער מאַן איז געזעסן אין דערהיים, דאָס ווייב האָט זיך אויסגעפּוצט אין עסיק און האָניג און האָט שוין צוריקגעבראַכט דאָס גוטע קוויטל, אַז מ׳זאָל די סחורה דורכלאָזן. זי איז טאַקע געווען אַ יפת תואר און אַ געזונט שטיק. דער שטאָב, זאָגט מען, האָט זיך פּשוט מיט איר מחיה געווען.

— כ׳זאָל זיצן מיט דיר אַ טאָג מיט אַ נאַכט, — האָט גאָלדבלאַט געזאָגט, אויפהייבנדיק זיך פון בענקל, — וואָלט איך דיר נישט געקאָנט אויסדערציילן, וואָס עס איז געוואָרן פון אַלע מיינע תלמידים.

איינער, למשל, האָט זיך גאָר גע׳שמד׳ט און געוואָרן אַ צענזאָר. ער לאַדט מיך אַמאָל איין צו זיך, אַ ברירה האָב איך — פאַר אַ משומד האָב איך מורא. ער פרעגט מיך דעם טייטש פון שווערע העברייאישע פּסוקים. ער איז אַזאַ איבערגעגעבענער צענזאָר, אַז די כאָלערע כאַפּט אים שיר. ער האָט נאָר מורא, טאָמער שמוגלט מען אַדורך עפּעס אַזוינס, וואָס די פּוילישע רעגירונג קאָן נאָך אויסקרענקען.

דער משומד וויל מיר איינרעדן, אַז ער איז גאָר אויסן זיך אָנצונעמען פאַר דעם יידישן כבוד. ער וויל, אַז עס זאָל זיין שאַ-שטיל. ער וויל נישט מען זאָל זיך טשעפּן צו יידן. עס קאָן זיין, זאָגט ער, אַז ער איז אַ מין כוואַלסאָן, וואָס איז באַ־שאַפן געוואָרן צו ווערן אַ נוצרי. דאָס דריידל פון דעם לכך נוצרת געדענקט ער נאָך, די אַנדערע זאַכן, וואָס איך האָב אים אריינגעקנאָוועט אין קאָפּ אַריין, האָט ער שוין באַלד פאַרגעסן.

אַמאָל, האָט מיר דער צענזאָר, אין אַ פאַרשנאַפּסעטער שעה, פאַרטרויט, אַז ער האָט זיך גע׳שמד׳ט אויס נקמה אין יידישע טעכטער. איין כלה נאָך דער אַנדערער האָט אים אויסבראָקירט. זיי האָבן געשריגן, אַז זיי קאָנען נישט פאַר־ליידן דעם גערוך פון זיינע פיס.

איר פאַרשטייט, וואָס פאַר אַ מין איידעלע נעזער די אויס־געבאַליעטע יידישע טעכטער פאַרמאָגן עס. דורך דער לעדער פון די שיך האָבן זיי געפילט דעם שוויס, האָט דער צענזאָר זיך באַקלאָגט. האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ יונגער שיקסע, אַ שטילע טויב, וואָס באַקלאָגט זיך אויף גאָרנישט. זי האָט שוין פינף קינדער און זי האָט אים נאָך קיין איינמאָל נישט פאַרגע־וואָרפן זיינע פיס, פשאַקרעוו.

כ׳זאָל דיר אָנהייבן צו דערציילן וועגן מיינע תלמידים, כ׳וויס נישט וואו מען הויבט־אָן און וואו מען לאָזט־אויס. וועל איך בעסער אינגאַנצן נישט אָנהויבן. אָבער איין זאַך מוז איך דיר יאָ זאָגן. איך אַליין בין שוין נישט דאָס וואָס געווען. איך זאָל לייקענען, אַז איך בין אַליין, ביים איצטיקן טאָג, אַן עם־הארץ, אַזוי־אַ מיט דעם פולן מויל? וואָס קען איך, מישטיינס געזאָגט? דאָס ביסל וואָס איך האָט געקענט איז ביי מיר פאַר־זשאַווערט געוואָרן. קיין נייע קענטענישן זיינען מיר נישט צו־געקומען. איך דריי זיך אַרום אויף אַ פרעמדן יאַריד. עפּעס פראַבלעמעוועט מען, מען פאַרטייעוועט, אָבער מיט מיר האָט דאָס גאָר נישט וואָס צו טאָן. אפילו מיין העברייאיש איז אַ פאַרצייטיקער. אַנומעלטן האָב איך גענומען אין דער האַנט אַריין אַ העברייאישע צייטונג, האָב איך געמיינט, אַז די אויגן זיינען ביי מיר אויפסניי טונקל געוואָרן — עפּעס אַ חרטומים־שפּראַך. איך האָב געווישט די ברילן אַהער און אַהין. ווידער דאָס ביסל דייטש מיינס, וואָס איז ביי מיר געקומען בירושה פון מיין טאַטן, האָט געקלעקט אויפן שפּיץ־מעסער, גלויב מיר, אַז ווען איך לערן איצט מיט מיין הונדערטיעריקן תלמיד, פאַר־שטייען מיר זיך ביידע, אָבער דעם נייעם דור הויב איך נישט אָן צו פאַרשטיין.

גאָלדבלאַט האָט אַרונטערגענומען די ברילן און זיי גענומען ווישן. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן, וואָס האָבן אָן די ברילן, פון האַלב-בלינדקייט, אויסגעזען קאַסאָקע.

— איך בין אַ צו־שאַרפער קריטיקער אויף זיך. דאָס איז מיין צרה. איך דערגיי זיך פשוט די יאָר. איך טרייבער זיך די אָדערן. מיר דוכט זיך אָפט, אַז דאָס ביסל וויסטע וויסן, מישטיינס געזאָגט, וואָס איך האָב פאַרמאָגט, האָב איך אַוועק־געגעבן מיינע תלמידים און מיר אַליין איז געבליבן אַ גוטע קרענק. איך אַליין דריי זיך אַרום אָדם־נאַקעט. דערצו־בין איך געוואָרן אַ פאַרשאַלטענער פאַרוואָסניק. אויף יעדער זאַך פרעג איך פאַרוואָס, אויף אַלץ, אויף די מינדסטע וועלט-גע־שעענישן. עס קוקט מיר רק אויס מיט דעם קאָפּ אַראָפּ. אויף מיינע נאמנות, איך הויב נישט אָן צו פאַרשטיין. נאָר ווייניקער פון אַלץ קאָן איך פאַרשטיין אָרעמקייט. דאָס גיט מיר עפּעס אַזאַ פּלעם אין מאָרדע, אַז ווען איך דערזע עס, פּנים אל פּנים, ווערט מיר עפּעס אַ בושה צו הייסן מענטש. און וואָס מיינסטו אָרעמקייט? לאָמיר אָננעמען, אַ טעלער וואַרימס, אַ שטיקל ברויט. פאַראַן מענטשן, וואָס בענקען ממש נאָך אַ לעפל גע־קעכץ, — און דאָס איז אַזויפיל און אַזויפיל יאָר לבריאת עולם. און די זון גייט-אויף און גייט-אונטער, און די וועלט וועלטעוועט און טאַראַראַמעוועט, און מען קלייזלט זיך און מען מאַכט דעם גאַנצן מענטליק. פישטו געהערט אַזוינס! אַ שיינע וועלט, וואָס האָט נאָך נישט אָפּגעשאַפט הונגער און האָט נאָך די חוצפה זיך צו נעמען ערנסט.

— ווייסטו וואָס, — האָט ער געזאָגט און זיך אַ קראַץ געטאָן מיט צוויי פינגער אין די טיפענישן פון בערדל, — האָב מיר אַ גוטן. איך האָב דיר שוין גענוג אָנגעדולדעט אַ ספּאָדיק. מאָרגן איז אויך אַ טאָג און מיר ביידע וועלן על רגע אחת די וועלט נישט איבערמאַכן.

# V

אַז ער איז אַוועק איז שוין געווען גוט שפּעט. דער בוכ־לערנער־פּענסיאָנאַט איז שוין אינגאַנצן געשלאָפֿן. איך בין שטיל, אויף די שפּיצפֿינגער, אַרויף אויף די געבעטע שטיגן, און אין דער האַלב־פֿינצטערניש האָב איך געגומען זוכן מיין טיר. פֿאַר־בייגייענדיק האָב איך נעבעך דערשראָקן אויף טויט אַ באַשע־פּעניש מיט צוויי קעפּ. אַזוי האָט עס אויסגעזען אין דער פֿינצ־טער. אָבער דאָס באַשעפּעניש האָט גענומען אויסטיילן פֿון זיך אַ מאַן און אַ שיקסע. דער מאַן איז געווען דער געזונטער קריסט, וואָס האָט געהאַלטן אַן אויג אויף דעם משוגענעם סטודענט, וואָס האָט געפּלאָנטערט וועגן די עגיפּטישע מומיעס. די שיקסע איז געווען די זעלבע שיקסע, וואָס האָט געהאָלפֿן ביים אַרונ־טערנעמען די טעלער און האָט יעדער אינדערפֿרי געקאַרמעט די הינדעלעך מיט די קאַטשקעלעך. דער מאַן איז געבליבן שטיין אויף איין אָרט, אומבאַוועגלעך מיט אַן אַנגעבויגענעם קאָפּ, מיט דעם ריטערלעכן שטאָלץ פֿון דעם מאַנספּאַרשוין, וואָס נעמט עס אַלץ אויף זיך. עס האָט געקאָנט הייסן, אַז ער בייגט־אָן דעם קאָפּ אויס בושה, אפשר גאָר אַ קליין ביסל חרטה, אַ היבש ביסל אונטערטעניקייט און אַ סך גבורה, וואָס האָט געמיינט, אַז טאָמער ווי אַ זאַך מאַכט זיך, דאַרף מען אפשר דערלאַנגען אַ קלאַפּ, איז ער אויך גרייט.

די שיקסע איז מיט באָרוועסע פֿיס אַנטלאָפֿן אויף די ווייכע דיוואַנען. זי האָט זיך נישט געוואָקלט זייטיק ביים לויפֿן, נאָר זי איז געלאָפֿן מיט אַ אינגלישער גבורה, הויבנדיק פֿיס פֿאָראויס.

איך האָב איינגעזען, אַז איך האָב פֿאַרבלאָנדזשעט נישט אויף מיין גאָרן, אַז איך וואוין העכער, אויף דעם אויבערשטן גאָרן. בעת איך האָב זיך שוין געפּאָרעט מיט דער קליאַמקע פֿון מיין טיר און האָב שוין געהאַלטן ביי עפֿענען, איז פֿון אַ צווייטער טיר אַרויסגעקומען אַ שאָטן אין שטעק־שיך, און מיט עפּעס אַזוינס אויפֿן קאָפּ, וואָס האָט געקאָנט זיין אַן אַלט היטל, אַ ווייבערישער טשיפּיק, אָדער גאָר אַ יאַרמעלקע. דער

שאָטן האָט גלייך אַריינגעשלייכט צו מיר אין צימער און פאַר־מאַכט הינטער זיך די טיר.

ער האָט שוין איינוועגס אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל און דאָס צימער איז באַגאָסן געוואָרן מיט אַן עלעקטריציטעט, וואָס האָט געהאַט עפּעס פון אַ געלזוכט קאָליר. מיר ביידע, איך און מיין גאַסט, דער שאָטן, זיינען אויסגעקומען אַנטקעגן אַ לאַנגן, גרינלעכן שפּיגל, וואָס איז געווען באַפלעקט מיט הונדערטער פליגן־פינטעלעך. איך האָב דערקענט דעם האָטעל־אייגנטימער.

— איר שלאָפט נאָך נישט? — האָב איך קוים געפרעגט מיט אַ ביסל שרעק.

— ביז עס גייט ביי מיר נישט שלאָפן דער לעצטער גאַסט, קאָן איך קיין אויג נישט צוטאָן. איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדן איינעם. אַזאַ פאַרשאָלטענע פּרנסה איז דאָס.

— בין איך דער לעצטער גאַסט, וואָס האָט געשטערט אייער שלאָף?

— אי יאָ, אי ניין. דאָס הייסט דער לעצטער גאַסט זענט איר טאַקע, פונדעסטוועגן וועל איך נאָך אַלץ נישט צו־טאָן קיין אויג, ביז עס וועט אונטן נישט ווערן שטיל.

איך האָב זיך גענומען איינהערן. עס איז געווען טויט־שטיל. זאָל ער מיינען די שיקסע זיינע מיט דעם גוי?

אָבער זיי, האָב איך זיך פאַרענטפערט, האָב איך איבער־געשראָקן. עס איז מיין שולד. אַזוי איז געווען שטיל, אַ צוגע־קלעפּטע שטילקייט, וואָס איך האָב פאַנאַנדערגעשראָקן.

ווענען מיין איך? ער האָט גלייך איינגעזען, אַז איך מאַך אַ טעות. דאָס איז נישט זיין עסק. די שיקסע האָט ער נישט געקויפט אויף ביינאַכט. אַז זי וויל זיך פאַרגינען, איז עס איר פאַרגעניגן. דער גוי ווידער, איז וואָס קאָן ער טאָן? און ער האָט געגעבן אַ מאַך מיט די הענט, ווי איינער וואָס קאָן זיך לחלוטין נישט העלפן. עס איז נישט דער גוי און נישט די שיקסע

נאָר די טיר, וואָס דער גוי באַוואַכט. זעט איר, צוליב יענער טיר קאָן ער נישט שלאָפֿן.

— עס איז, פֿאַרשטייט איר מיך, דינסטיק, און דינסטיק ביי־נאַכט איז ביי מיר אַ וואָך־נאַכט, ווייל דער משוגענער סטודענט מוז איינמאָל אַ וואָך קריגן אַ געליבטע. אַזוי עלעגאַנט רופֿט ער עס, אָבער יאָ געליבטע, צי נישט געליבטע, דער שומר זיינער ווייסט שוין וואָס עס מיינט, און ער זוכט אים שוין אויס אַ גע־ליבטע אין שטעטל.

— איר פֿאַרשטייט דאָך, אַז אַ ליאַדע ווער וועט נישט גיין צו אַ משוגענעם. אַלע אין שטעטל ווייסן שוין ווער ער איז און מען האָט פּשוט מורא. ביז איצט איז נאָך חלילה קיין שלעכטס נישט געשען. שפּעט ביינאַכט שמוגלט דער גוי זי אַריין צו אים און ער באַוואַכט די טיר ווי אַ הונט. אי ער לאָזט זיך דערווייל אַליין אַ ביסל וואוילגיין, דאָס מאַכט נישט אויס.

— אָבער שטעלט זיך פֿאָר מיין לאַגע. פֿאַרטאָג גנב׳עט ער זי טאַקע אַרויס. איר זענט אַ היימישער מענטש, מאַכט נישט אויס, אָבער אַז מען זאָל חלילה ביי מיר געוואָר ווערן אין פּענ־סיאָנאַט, מעג איך זיך דאָך קויפֿן אַ שטריקל. כ׳מיין, איר פֿאַר־שטייט אַליין, וואָס דאָס הייסט. און דאָן, גייט טאַקע נאָכאַמאָל אַריין אין מיין פּאַלאַזשעניע. אמת, ביז איצט איז קיין שום שלעכטס נישט געשען, נאָר מען קאָן דען וויסן, ווען אַ משוגענער קאָן משוגע ווערן? דער גוי זיינער זאָגט, אַז ער איז פֿאַראַנט־וואָרטלעך. אָבער ער איז דאָך נישט דער אייגנטימער פֿון האָטעל, וואָס גייט אים אָן? וועט ער איינמאָל נישט טרעפֿן. כ׳מיין, וועל איך ביי אים האָבן אָן עולה. דינסטיק ביינאַכט קרענק איך אויס מיין גאַנצן פּענסיאָנאַט און ס׳גייט מיר נישט איין דאָס ביסל לעבן. איך גיי אַרום אַ גאַנצע נאַכט, ביז עס הייבט זיך מיר אָן דוכטן, אַז ער, אונטן, איז שוין גאָר נישט קיין משוגענער. אדרבא, אַהאָ, ער איז שוין גאָר אַ קלאָרער מענטש, דער אמת׳ער משוגענער בין איך, וואָס מוז זיך צו־הערן צו יעדן פּיפּס.

שלאָפֿט געזונטערהייט, האָט ער געזאָגט, און נעמט זיך

פונדעסטוועגן נישט צום הארצן. איר מעגט דאָך אוודאי שלאָפן. איר האָט דאָך נישט אייער אייגנס קיין פענסיאָנאָט מיט פארקאָ־ליכטע. גאָטעניו. אין לעצטן יאָר פון מיין לעבן, לאָמיך כאָטש האָבן דעם זכות אויסגעלייזט צו ווערן פון דער פרנסה.

און ער האָט קונציק־שטיל פארמאכט די טיר, ארויסגייענ־דיק אויף די נעגל.

# קאפיטל פינף

# I

— װעמען זוכט איר דאָ, אַ ייִד צי אַ ייִדענע?

כ׳בין געװען אַזױ זיכער, איך בין אײנער אַלײן, אַז איך האָב אױפגעציטערט, װען מיר האָט זיך אױסגעװיזן, אַז די אײנזאַמקײט האָט אַ רעד געטאָן צו מיר אױף איר חוזק׳דיקן עכאָ. אָבער איך בין געװאָרן געפּלעפט, װען איך האָב דערזען שטײנמאַנען. אים האָב איך זיכער נישט דערװאַרט צו טרעפן אין דעם טונקעלן, טאַליקן װאַלד, װאָס האָט זיך װי אָפּגעריסן פון אַ הױכן באַרג און געבליבן שטעקן צװישן אַ נידריקן באַרג און אַ טיפערן אָפּגרונט.

שטײנמאַן האָט געטראָגן גרױסע קאַלאָשן, װאָס האָבן געמאַכט אַ טומל, טאָפּטשענדיק אױף דער פײַכטלעכער ערד. זײ האָבן געפּליאַסקעט, װי זײ װאָלטן זיך פּאַרטשעפּעט אין זומפּן. אױפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ מורא׳דיק ברײטן, שװאַרצן קאַפּעלוש און דער פּאָלטן זײַנער איז געװען אָנגעטאָן פּעלערינעמעסיק. אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ געשניצטן, סוקעװאַטן שטעקן.

— אױב איר זוכט אַ ייִדענע, קאָן איך אײַך מיט גאָרנישט באַהילפיק זײַן. אױב אָבער איר זוכט אַ ייִד בין איך אײַך מבטיח, אַז קײן שענערע ייִדן פון מיר װעט איר נישט אָנטרעפן. אַלענפאַלס נישט אין דער געגנט, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמײכל.

— דאָס, מוז איך זיך מודה זײַן, איז אַ שטיק פּלאַגיאַט. אַזױ האָט אױף זיך אַלײן געזאָגט דער אַלטער טריסקער. ער האָט זיך אָנגענומען בײַ דער לאַנגער באָרד און — רבונו של עולם, האָט ער אױסגעשריגן, אױף װאָס װאַרטסטו מיט דער גאולה? איך שװער דיר בײַ מײַן באָרד און פּאות, אַז קײן

שענערע יידן פון מיר ווערסטו שוין נישט האָבן. טאָ אויף וועמען וואַרטסטו מיט משיח׳ן?

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיינע פאַרבלאַטיקטע שיך און זיך צעלאַכט.

— איר האָט אָנגעטאָן אָפּטימיסטישע שיך, זע איך. איר זענט אַפּנים נישט באַקענט מיט די בלאָטעס אין אונדזערע וואַנוואַזן. דאָס זיינען דאָך פּייכטענישן פון ששת ימי בראשית.

איך האָב זיך געפילט אַ רעכט ביסל שולדיק קעגן אים, וואָס איך האָב אים די גאַנצע צייט נישט אָפּגעזוכט, ווי איך וואָלט אים אויסגעמיטן. איך האָב אים גענומען געבן פאַרשיידענע תירוצים.

— גייט שוין גייט, געזונט זאָלט איר זיין. אַבי איך האָב געמיינט, איר זענט גאָר ברוגז אויף מיר, וואָס איך באַהאַלט זיך אוים פון אייך. איך בין לעצטנס געווען פאַרנומען מיט ברענגען פּאַפּירן אין אָרדענונג — מיין אומשטערבלעכקייט משטיינסגעזאָגט. אָט, טאָמער גיט מען אַ קלאַפּ אין טיר און מען רופט אויף צום לעצטן יעמוד, זאָלן כאָטש מיינע פּאַפּירן זיין פּאַרטיק.

ער האָט גענומען שפּאַנען גיכער פון מיר, ער איז אַלעמאָל אויסגעקומען עטלעכע טריט פאָראויס און ער האָט צוריקגעקוקט צו מיר ווי אַ אינגעלע, וואָס ווייזט אַ קונץ, אַז ער קאָן איבעריאָגן אַ דערוואַקסענעם.

— אַז איר האָט געטראָפן צו די וואַנוואַזן, איינער אַליין, האָט איר אַ נשמה פון אַ פאַרשער. מען קאָן דאָ אָפּזיין חדשים און נישט פאַרדעכטיקן, אַז מיר האָבן דאָ אַזעלכע טאָלן, וואָס זיינען אַ וואונדער אין דער וועלט. דאָס זיינען שטיקער אומגעהיבלטע אייביקייטן.

— ווען מיין טאָכטער זאָל חלילה וויסן, אַז איך בראָדיע דאָ איצט אַרום, וואָלט זי מיך געקומען פאַנגען מיט אַ נעץ, ווי אַן אַלטן פיש, און זי וואָלט מיך צוריקגעשלעפּט אין פּענסיאָנאַט ביי די אויערן, — האָט ער זיך גענומען אַרומקוקן. — אויב איר מיינט, אַז עס קומט מיר פון דער פייכטקייט צו אַ שטיק געזונט, האָט איר במחילה אַ טעות. נאָר וואודען — איך האָב זיך גלייך

נאָכמיטאָג אַוועקגעגנב'עט פון טיש. מען האָט שוין נאָך מיר געמוזט אַרויסשיקן שטאַפּעטן. אַז מען פילעוועט מיך איז דאָך נישט שייך.

ער האָט מיר פאַרטרויט, אַז ער האָט אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעטאָן. און טאָמער האָט ער יאָ געכאַפּט אַ דרימל, האָט זיך אים צוזאַמענגעחלום'ט אַ גאַנצער פאַלק חלומות און אַזעלכע אידיאָטישע, ווי ער וואָלט געווען אַ קינד פון צען יאָר.

— וואָס דאַרפט איר מער? עס האָט זיך מיר אַפילו גע־חלום'ט אַ נאַקעטע נקבה אויך. איר ווייסט, ווי לאַנג איך האָב שוין נישט געזען קיין נאַקעטע נקבה? עס וועט שוין זיין אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך. נאַדיר גאָר אין מיינע יאָרן אַ לילית אין בעט אַריין. און איר זענט עפּעס גוט געשלאָפן?

איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז אַזוי גוט ווי נעכטן ביינאַכט בין איך נאָך נישט געשלאָפן אין בוכלערנערס פּענסיאָנאַט. איך בין דוקא דורכגעשלאָפן אָן איין חלום. גאָלדבלאַט־לערער האָט פאַר מיר אויסגעפּאַקט אַזוי פיל נעכטיקע טעג און פאַרלאָפענע יאָר, אַז ווען איך בין אַנשלאָפן געוואָרן, בין איך דערטרונקען געוואָרן אויף גוטע צען שעה.

ער האָט אַ בליץ געטאָן מיט זיינע לעבעדיקע אויגן.

— שלאָפט זיך אויס, יונגערמאַן. אַז איר וועט קומען אין מיינע יאָרן וועט אייך דער אָפּגעשלאָפענער שלאָף שטאַרק צו־נוץ קומען. די וועלט מיינט, אַז אַן אַלטער פּאַפּט כסדר. הלואי וואָלט עס אמת געווען. עס איז אַ קאַליע געוואָרענער שלאָף, עס האָט נישט קיין יידישן טעם. קודם, די ביינער ברעכן. דער שלאָף איז אָדער אַ חלשות־שלאָף, וואָס האָט שוין דעם פאַרגעשמאַק פון טויט, אָדער עס איז אַן אויבערפלעכלעכער דרימל. עס איז ווי איינער וואָלט געהאַלטן אַ מאַסקע מיט שלאָף־גע־טראַנק און זי אילע עטלעכע מינוט אָפּגעהויבן פון פּנים.

— און די צווישנדרימל שעה'ן זיינען פול מיט פּרעטענזיעס צו זיך אַליין. דאָ האָסטו זיך נישט באַדאַרפט שטעלן, דאָ האָסטו נישט באַדאַרפט מעקן, איר ווייסט דאָך ווי אין שפּיל פון וואָלף מיט ציגן. דער גאַנצער שפּיל ווערט רעווידירט און די בראָך

איז, וואָס עס איז פאַר — פאַלן, מען קאָן עס שוין נישט איבער־שפּילן און פאַרריכטן.

— דער עיקר'שט פאַרדריסט מיך, וואָס איך האָב אַ ביסל פאַרנאַכלעסיקט צו פאַרפלאַנצן דעם אייגענעם וויינגאָרטן. איך בין צו־פרי געוואָרן אַ יידישער וואַסערשעפּער און האָלצהעקער. הו—הא, געטומלט, געטאַראַראַמעוועט מיט כלל־זאַכן. איצט, אַז איך האָב גענומען איבערקוקן מיינע שיימעס — גוואַלט, עס האָט געבלאָזן אויף מיר אַזאַ דלות, אַז עס איז אַ חרפּה און אַ בושה!

ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַן אַלטע ציימונג פון זיין פאַלטן־קעשענע און זי אויסגעשפּרייט אויף אַ שטיין, וואָס איז געווען אַזוי באַוואַקסן מיט מאָך, אַז ער האָט אויסגעזען ווי צוגעפּוילט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ קליין קרעכצעלע, וואָס ער האָט גע־פּרואווט סטיליזירן, כדי עס זאָל אַרויסגעקוועטשט ווערן דערפון יעדער סימן פון אַלטקייט אָדער מידקייט. ער האָט מיך אויך איינגעלאַדן זיך צוצוזעצן.

— געהאַט האָב איך גאָר גרויסע אַמביציעס, אָבער גע־וואָרן בין איך נישט קיין שרייבער, נאָר אַ מאַנסע־דערציילער פון חסידישע הייפן און רבי'שע דינאַסטיעס. מיינט נישט, אַז איך פאַרקלענער חלילה מיינע פאַרדינסטן. מיר זיינען געבאָרן געוואָרן ביי אַן אָרים פאָלק און מיר האָבן געמוזט טאָן אונדזער פליכט. אויף מיין באַשיידענעם אופן האָב איך אויך צוגעלייגט אַ האַנט. סיי־ווי, דאַרפט איר וויסן, איז ביי אונדז דערווייל נישטאָ קיין אָרט פאַר ליטעראַטור פון גרויסן פאַרנעם. ווייל — ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל ליטעראַטור פון גרויסן פאַרנעם איז אַ ליטעראַטור פון קלייניקייטן: פון קליינע פאַרגעניגנס, קליינע זאָרגן, קליינע טאָג־טעגלעכע געשעענישן, קליינע מענטשעלעך, זייערע זאָרגעלעך, זייערע האַסעלעך, זייערע ליבעלעך, זייערע ווייבעלעך, זייערע קינדערלעך, זייער אַרבעט און זייער רו. אונדזער לעבן באַשערט אונדז נישט די רו, וואָס איז נויטיק פאַר אַזאַ ליטעראַטור. מיר האָבן פּשוט נישט די איינגעפונדע־וועטקייט דערפאַר, עס איז אַ כסדר'דיקער לעבלעכאַ. גיי און

גיי און גיי. אונדזער לעבן איז אַ לעבן פון מאַרטירער און העלדן, און העלדן זיינען נישט קיין מענטשן. די העראָאישע ליטעראַטור, מיט די גרויסע קאַנוועס, מיט דעם דראַמאַטישן קנאַק — דאָס איז גוט פאַר אַ שבת קודש אריינצוקוקן אין אַ ספר, אָבער עס איז נישט די ליטעראַטור, פון וואָס אַ פאָלק ווערט גענעזן.

— און אפשר, צוריקגעשמועסט, איז עס ביי מיר אַן איינ־רעדעניש, כדי זיך אַליין מוחל צו זיין פאַר מיינע קאַלאָסאַלע דורכפאַלן. ווי עס זאָל נישט זיין, האָב איך גאַנץ אָפט געקוקט מיט פאַרדראָס אויף אונדזערע ליטעראַטן מיט די פליי אין דער נאָז, וואָס האָבן געשריבן ווי זיי וואָלטן אין זינען געהאַט פראַנ־צויזן, אָדער נאָרוועגער. און בין איך אַמאָל אריינגעקומען אין זייערע פאַראייִנען, האָב איך זיך ארומגעדרייט ווי אַ נעכטיקער. פאַר מיר איז עס געווען ווי אַ קאַלטער קלויסטער. מען האָט גערעדט אַזעלכע דבורים, וואָס האָבן מיט דעם לעבעדיקן פאָלק גאָרנישט וואָס צו טאָן, ווי דאָס פאָלק וואָלט געווען אין אַ ווייטן האַצעפּלאַץ. ס'פאָלק אונדזערס דאַרף האָבן דרדקי, וואַרעמע דרדקי, מיט אַ סך מאָראַלישע מעשׂות, מיט אַ סך מוסר השׂכּל'ס, ווי אין די גאָר אַלטע צייטן. ווייל אַזוי שנעל ווי מיר מאַכן אַ לייענער פאַר אוים גראָבן יונג גייט ער גלייך אַוועק אין אַ גוי'עשן חדר. די וואָס קומען־צו זיינען נאָכאַמאָל דרדקי תּלמידים, וואָס ווילן נעבעך אַ וואַרעם וואָרט, אַז עס זאָל צע־נעמען און זיך צעגיין אין די ביינער.

— פונדעסטוועגן, איך בין שוין אַוועק צופיל צום לאַנד פון קנעלן און פּאָפּולאַריזאַציע, פון צעקייען און געבן צו עסן דעם יידישן לייענער ווייך־געמאַכטע גייסטיקע שפּייז. איך האָב געהאַט נאַטירלעכע נייגונגען צו היסטאָריאָגראַפיע. די פּוילישע רעגירונג האָט אָפּגעשאַצט מיינע פעאיקייטן און מיינע ביישטראַגן אויף דעם געביט פון אַלטער פּוילישער געשיכטע, נאָר איך האָב דאָס אויך צעטרענצלט און צעטווישט אויף קליינגעלט. און ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל דאָס יידישע פאָלק רייסט מיר אוים אַ שטיק האַרץ. איך וואָלט זיי מיין גוף און מיין נשמה אַוועקגעגעבן,

ס׳לעצטע העמד וואָלט איך פון זיך אַרונטערגענומען. ווי קאָן איך בויען אַ טורעם פון אַן אייגענער קאַריערע, ווען מיין פאָלקס קאַריערע איז אויסגעפּלאָסטערט מיט אַזויפיל פינצטערער אומזיכטלאָזיקייט? ווי קאָן איך זיך אָנלענען אויף זייערע אָרימע פּלייצעס מיט מיין גרויסקייט, ווערן באַרימט אויף זייער חשבון און פאָדערן פון זיי מען זאָל פאַר מיר מאַכן אַ וואַרע און מיר געבן כבוד, ווען איך ווייס אַז זיי דאַרפן האָבן ברויט, מילך, געזונט און אַ געזיכערטן דאַך איבערן קאָפּ כאָטש אויף עטלעכע דורות? נישט קיין ליטעראַטור וועגן ברויט און מילך, נאָר ברויט אַליין בפועל ממש. גיי, דריי זיך אַרום ווי אַ פּאַווע צווישן זיי און זאָג: יעך, יאָקל בן פלעקל, דער גרויסער שרייבער.

שטיינמאַן האָט דאָס מאָל געגעבן אַן אמת׳ן און נישט קיין באַהאַלטענעם זיפץ.

— גלויבט מיר, איך האָב אַזאַ רחמנות אויף אונדזער פאָלק, אַז עס איז אין לשער. און מיינט נישט, אַז עס איז אַן איבערגעטריבענער רחמנות. עס איז באמת אַ טרויעריק פאָלק. יעדער מאָל ווען עס האַלט ביי קומען צו זיך און עס וויל אַ ביסל אָפּכאַפּן דעם אָטעם, שיקט דער אויבערשטער אַן אַזויפיל שטראָפן, אַז עס וואָלט געווען איבער די כוחות פון הונדערטער מיליאָנען כינעזער, אָדער הינדוסן. מען פאַרגעסט, אַז מיר זיינען אַ קליין פאָלק, מיט אָרימע כוחות.

שטיינמאַן האָט אויסגעטאָן דעם שוואַרצן הוט און זיך געווישט דעם שוויים מיט אַ נאָזטיכל.

— עס ווערט מיר שוין ענג צו אָטעמען. די וואָנוואָזן ווילן מיך שוין דערשטיקן. לאָמיר זיך בעסער פאַרנעמען פונדאַנען, אפשר וועלן מיר גאָר כאַפּן אַ קוק אויפן קעניגלעכן פּאַלאַץ. איך קען דאָרט יעדער ווינקעלע. עס איז אַ שיין שטיקל פּוילישע געשיכטע, אָנגעפּיקעוועט מיט שיינע עפּיזאָדן. זייער וויניק מענטשן שאַצן־אָפּ, אַז די פּוילישע געשיכטע פאַרמאָגט אַ היבש ביסל מאָראַל, מיט געפליגלטע חלומות פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע און אַריסטאָקראַטישער צוגעלאָזנקייט צום פאָלק. אָבער דער שיינער פּאַליאַק מיט דער וואונדערלעכער מענטשנ-

ליבע האָט פֿאַרגעסן צו האָבן קינדער, ער האָט נישט געלאָזט קיין יורשים. געפּרוכפּערט און געמערט האָט זיך דער באָם, וואָס האָט אַזאַ איינגעוואָרצלטע און איינגעזשאַווערטע שנאה צו יידן, אַז מען קאָן עס אים נישט אַרויסקלאַפּן פֿון קאָפּ.

ער איז שוין איצט געגאַנגען אַ סך פּאַמעלעכער ווי פֿריער, כאָטש עס איז געוואָרן קלאָר, אַז ער איילט זיך וואָס שנעלער אַרויסצוקומען פֿון דעם פּיכטן, טאָליקן וואַלד. ער האָט זיך פֿון צייט צו צייט אָפּגעשטעלט און גערעדט שטייענדיק אויף איין אָרט.

— איר ווייסט? נישט צו פֿאַרגלייכן זיך צו די גאָר פֿאַר־צייטיקע, נאָר איצט ווען איך האַלט ביים סוף פֿון די יאָרן, וואָס זיינען מיר געקומען, כ׳מיין, אויפֿן שוועל פֿון די געשענקטע יאָרן, זע איך פֿאַר זיך די פֿאַרגאַנגענהייט, די געגנוואַרט און אפֿילו די צוקונפֿט, ווי אַן אויסגעשפּרייטע לאָנקע. איך זע פֿאַר זיך דאָס גאַנצע פֿאָלק: אַלטע לייט, יונגעלייט און קינדער. שיכטנ־וויַיז, זע איך זיי, רייך און אָרים, נאַציאָנאַל און אַסימילירט, קלוג און נאַריש — אַ פֿאַרביק געזעמל. איך פֿיל זיך ווי אַ יעקב אבינו ערב פּטירה. איך וואָלט זיי אַלעמען געוואָלט פֿאַרזאַמלען אַרום מיין בעט און זיי זאָגן און פֿאַרזאָגן אַ סך זאַכן. און איך זע טאַקע דאָס אמת׳ע פֿאָלק. אַ שרייבער טראַכט־אויס אַ פֿאָלק, ער טראַכט־אויס מענטשן און שאַפֿט זיך אַן אייגן פֿאָלק, דערפֿאַר איז אים לייכטער צו שרייבן פֿאַר זיינס אַן אויסגעטראַכטער קליינטעל. איך זע אָבער דאָס ריכטיקע פֿאָלק פּנים אל פּנים יעדער טאָג אין יאָר. איך זע דעם בלבול המוחות, די צעמישעניש און צעטומלעניש, די דעגענעראַציע פֿון שיינעם ייד מיט דעם פֿעלזן־פֿעסטן בטחון, מיט דער וואונדערלעכער אויסהאַלטעוו־דיקייט.

— מיינט נישט, אַז מיר האָבן אים שוין חלילה אינגאַנצן פֿאַר־לוירן. מיר האָבן אים נאָך סיי צווישן פֿרומע יידן און סיי צווישן ראַדיקאַלן. איר דאַרפֿט זען דעם מסירת נפש פֿון בונד, זיין אָרגאַניזיר־קראַפֿט, זיין וואונדערלעכע אויפֿהייטערונג פֿון אַר־בעטער. איר דאַרפֿט אויך זען דעם אַמאָליקן פּרוכטבאַרן פּאַ־

נאַטיזם, ווי ער האָט זיך באַזעצט אין יונגעלייט, וואָס שטעלן־אײַן דאָס לעבן און זײַנען קאָמוניסטישע קנאים; זיי ווייסן, אַז עס שמעקט מיט קאַרטוז־בערעזאַ, זיי לעבן ווי מייז אין באַ־העלטענישן, זיי קריכן זיך, ווי מיר רופן עס דאָ. איר טאָרט אויך נישט פאַרזען דעם שיינעם יידן, מיט דער ברייטער האַנט, מיט דער אָפענער טיר פאַר אָרימעלייט. איר קאָנט אָבער אויך נישט אויסמיידן צו זען די דעגענעראַציע פון צלם־אלוקים, די אַסימילאַציע, דאָס אַנטלויפעניש העגדום־פּענדום, מיט די פּיס אויף די פּלייצעס. איך זע אויך די בעטלנדיקע אָרימקייט און זייערע קינדער מיט דעם נר־תמיד אין די אויגן — בילדונג, וויסן, אויפקלערונג.

— אַלעמען וואָלט איך פאַרזאַמלט, ווי די שבטים אַרום מיין בעט, און זיי געזאָגט אַזוי צו זאָגן.

— וואָס־זשע וואָלט איך זיי אַזוינס געזאָגט? נישט געכאַפּט, פּאַוואָליע, דאָ ליגט דער כלב באַגראָבן. עס איז שווער צו רעדן צו אַלע שבטים איין און די זעלבע שפּראַך. נאָר אפשר וואָלט איך פאַר זיי אויפגעקלערט אַן אַלט־פרענקישע זאַך: די שיינקייט פון יידישן פאָלק ליגט אין זיין מאַרטירערטום. אַ יאָ, ס'קלינגט אַלט, אָפּגעלעבט, די אַלטע באָבע־מיסיע? אָבער נישט געאיילט זיך. מאַרטירערטום איז ביי מיר אַ שם הכולל פאַר גאָר אַ סך וואונדערלעכע לאַסטן אויף די פּלייצעס. סאָציאַליזם, זאָל זיין סאָציאַליזם, ווי פאַראויסלויפעריש מיר זאָלן נישט זיין מיט דעם ווילן צו רעפאָרמירן דאָס אָרימע און טרויעריקע לעבן, וויפיל מען זאָל אונדז נישט פּייניקן פאַר דעם. ציוניזם, זאָל זיין ציוניזם— אַ חזיון פון אַן אויפגערעכט פאָלק אויף אייגע־נער ערד, אַ צוזאַמענדיקס. ווילט איר פרומקייט, איז יענע ריינ־קייט פון נשמה, יענע צדקה מיטן ברייטן פאַרנעם, מיט זאָרג פאַר יעדער הויזגעזינט, פאַר יעדער הונגעריק מויל.

— מיר איז גאַנץ עגאַל, וואָס פאַר אַ לאַסט אַ ייד קלויבט זיך אויס צו טראָגן אַ לעבנלאַנג, אָבער אַ לאַסט זאָל ער טראָגן. מיר מוזן פּלעפּן אונדזערע שכנים מיט דער לויטערקייט פון אונדזער לעבן. שיין וואָלט גאָר געווען, ווען מיר וואָלטן זיך

נישט געזאָגט נאָך קיין רייכטימער. קיין גרויסע נחת'ן פון אונדזערע אַלערליי ראָטשילדס האָבן מיר נישט געהאַט. שיין וואָלט געווען, זאָג איך, ווען מיר זאָלן לעבן מיט אַזוי ווינציק, אַז עס זאָל ביי אונדז נישט זיין וואָס צוצונעמען.

מיר זיינען שוין געגאַנגען אויפן גלייכן וועג. מיינע פאַר־בלאַטיקטע שיך האָבן אויסגעזען גראָטעסק, אין דעם טרוקענעם זוניקן נאָכמיטאָג — נישט אַ האָר ווינציקער גראָטעסק פון שטיינמאַנס שווערע קאַלאָשן. מיר האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק פאַר אַ קליין הייזל.

— דאָ האָט דער פוילישער שריפטשטעלער זשעראָמסקי פאַרברענגט אַ סך זומערן, — האָט מיר שטיינמאַן געגעבן אינ־פאָרמאַציע, — און אָט דאָרט — האָט ער אָנגעוויזן מיט דער האַנט — איז דער מאָנומענט נאָך זיין פרי־פאַרשטאָרבענעם זון.

— איר הערט ? זשעראָמסקי האָט מיך צוריק אַרויפגעפירט אויפן דרך. אונדזער מיסיע מוז אַריין ווי אַ דיבוק אין אונדזער לי־טעראַטור. זי מוז זיין ריינער און דערהויבענער פון אַנדערע לי־טעראַטורן. גראַד די אומות העולם האָבן זיך געלאָזט באַווירקן פון דער ביבל און זייערע ליטעראַטורן האָבן אַרויסגעגעבן ריזן, וואָס זיינען געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון דער ביבל. אָבער מיר יידן האָבן זיך געשטעלט מיטן רוקן צו אונדזער ספר הספרים.

— גיט אַ טראַכט, וועט איר פאַרשטיין. וואָס איז די גלאָריע פון אונדזער עבר ? דער נביא, דער ריינער מענטש, דער פייַ־ערדיקער מוכיח, דער מענטש פון געוויסן, דער וואָס קאָן נישט פאַרטראָגן קיין עולות. דאָ ליגט אונדזער עקזיסטענץ־סוד פאַר דער צוקונפט. פאַרפאַלן, מיר מוזן צוריקגיין צו פראָפעטיזם — מיט אַן „עין", נישט מיט אַ „יוד". אויב עס איז אונדז באַשערט זיך צו פלאָנטערן דער וועלט אונטער די פיס, מוזן מיר פראָ־טעסטירן קעגן יעדער עולה, נישט נאָר קעגן אונדז אַליין, נאָר קעגן יעדער לעבעדיקן נפש. נישקשה, דאָס איז אַ גאַנץ שווי־נער באַרוף — געוויסן. מיר מוזן עס טראָגן אויף אונדזער פאָן. איבער אַלע פאַרטייען די אויבער־פאַרטיי, אַ פאַרטיי פון מאָ־

דערנע נביאים, וואָס זאָלן ביי יעדער געלעגנהייט אַריינזינגען דער וועלט אין די אויערן אַריין, אָדער אַריינשרייען דער וועלט אין די אויערן אַריין און נישט מורא האָבן.

— נאָר כדי אונדזער געשריי און מוסר זאָל האָבן אַ האַפט, מוז יעדער ייד — פון נידריקסטן שטאַנד ביז דעם העכסטן, פון געמיינסטן ביז דעם פאַרמעגלעכסטן — ווערן אַ כהן גדול. זיי האָבן זיך אויסגעטראַכט איין יעזוס אויף אַ צלם, אָבער מיר וואָס ווערן שוין געקרייציקט הונדערטער יאָר, מיר קאָנען און דאַרפן ווערן די רעאַליטעט פון דער העכסטער ריינקייט, כדי מיר זאָלן זיי קאָנען נעמען מיט אונדזער מאָראַלישן כוח, אָן ביקסן, אָן האַרמאַטן און אָן עראָפּלאַנען, מיט דעם אויפגעלעבטן קול פון אונדזערע אייביקע נביאים.

— ווייל אָן דעם, — האָט ער געענומען רעדן געלאַסענער, ווי ער וואָלט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, — ווייל אָן דעם האָבן מיר אַ גלייכן פּאַספּאָרט מיט יעדער וואַיטעק, יעדער סטאַך, אָבער וואַיטעק איז אַ תקיף, מיט לאַנד און רעכט און מיר טראָגן זיך אַרום מיט ליידיקע פּאַפּירלעך, נישט אויסגעצאָלטע וועקסלען, וואָס מען וועט אונדז קיינמאָל נישט באַצאָלן און מיר וועלן רק וויינען — איר האָט אונדז געשלאָגן.

און נאָך עפּעס וואָלט איך אָנגעזאָגט די שבטים. יעדער דור דאַרף קאָדיפיצירן דאָס יידישקייט, לויט דעם באַגריף פון דער צייט און לויט די נויטן פון דער צייט. דאָס האָבן געטאָן די בעלי המשנה, דאָס האָבן געטאָן די אמוראים, אַזוי האָבן געהאַנדלט די גאונים, דאָס האָט באַצוועקט דער רמב״ם און דאָס האָט געמיינט דער בעל שם. און דאָס דאַרף אויך ווערן אונדזער לי־טעראַטור. אַ שפּיגל פון אונדזער יידישקייט־באַגריף. אדרבא, גיט אַ טראַכט אין דעם ליכט פון אונדזער ליטעראַטור. וועגט און מעסט, וועט איר קומען צו גאָר אינטערעסאַנטע אויספירן.

אַ פרוי איז גיך פאַרבייגעגאַנגען און פריילעך באַגריסט שטיינמאַנען. איך האָב נישט געקאָנט כאַפּן איר אויסזען, אַזוי גיך איז זי פאַרבייגעלאָפן. שטיינמאַן האָט געהויבן דעם הוט,

ווי אַן אמת׳ער קאַוואַליער. ער האָט צוריקגעקראָגן פרײלעכע און בליציקע אויגן.

— איר ווייסט ווער דאָס איז? דאָס איז אַ באַרימטע יידיש-פּוילישע היסטאָריקערין. זי האָט געשריבן עטלעכע אינטערע-סאַנטע מאָנאָגראַפיעס, וואָס האָבן געמאַכט אַ רושם צווישן פּוילישע געשיכט-שרייבער. איר ווילט הערן וואו איך האָב זיך מיט איר באַקענט? כ׳בראַדיע אַזוי אַמאָל אויף אייער אַלטן יידישן בית-עולם, דוקא אין אייער לובלין, און איך שרייב-אָפּ אַלטע, אָפּגעריבענע מצבות. מיטאַמאָל זע איך ווי לעבן אַ מצבה וואַלגערט זיך אָט די היסטאָריקערין. אָבער דאָס אום-היסטאָרישע דערביי איז, וואָס זי האָט זיך נישט געוואַלגערט אַליין, נאָר מיט אַ יונגענמאַן און דוקא, ווי זאָגט מען, אין אַן אינטימער פּאָזע. דוקא אויפן אַלטן בית-עולם, אין שאָטן פון אַזויפיל טויטע יאָרהונדערטער, האָט זי געטאָן חי-לעבן. אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט זי טאַקע מיט דעם יונגענמאַן חתונה געהאַט. קוקן קוקט ער אויס ווי אַ סקעלעט, אַן אמת׳ער בית-עולם פּראָדוקט, און זי איז נעבעך מיאוס ווי די נאַכט. מען דאַרף צו איר האָבן אַ היסטאָרישן יצר הרע און גראָד אויף אַ בית-עולם, וואו מען האָט שוין גאַרנישט וואָס אָנצואווערן, — האָט ער זיך צעלאַכט אויפן קול ווי אַ אינגל.

— אייך איז גוט ווי די וועלט. אָבער איך האָב אַ טאָכטער, ביז הונדערט און צוואַנציק. זי איז אַ טייער קינד, אָבער זי וועט מיך דורס זיין. לאָמיך זען, צי איך וועל באַווייזן די קונץ זיך אַריינצו׳גנב׳ענען אין פּענסיאָנאַט דורך דעם זייטיקן אַריינגאַנג און דאָרט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז איך זוך זי גאָר.

ער האָט גענומען גיין אויף די שפּיצפינגער אין זיינע טיפע קאַלאָשן, ווי ער וואָלט זיך געקליבן צו באַגיין אַ גנבה.

— איר מעגט שוין אויך אָנהויבן צוריקגיין. מען וועט שוין באַלד דערלאַנגען וועטשערע, — האָט ער מיך גערופן מיט זיינע שטיפערישע אויגן.

## II

גלייך נאָך וועטשערע האָט מען גענומען רוקן טישן און שטולן, בענק און בענקלעך אין דעם גרויסן וואַרט־זאַל פון דעם בוכלערנער פענסיאָנאַט. מיטאַמאָל זיינען פאַרשוואונדן אַלע ווייבער און געיאָוועט האָבן זיי זיך איינציקווייז, פּריש־צוגע־פאַרבטע, פאַרשידן־פאַרקעמטע, מיט גאַנצע פאַנטאַזיעס און גמאַכן אויף די קעפּ און מיט געפּודערטן דעקאָלט פון פליי־שיקע לאַטעס.

ווען די מענער האָבן געזען, אַז די ווייבער נעמען עס ערנסט, האָבן זיי אויך געטאָן, וואָס זיי האָבן געקאָנט, אונטער די אומ־שטענדן. מען האָט זיך איבערגעטאָן, צוגעגלעט די האָר; אַנ־דערע זיינען געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זיי האָבן זיך אַזש פריש ראַזירט און אַריינגעקומען מיט גרין־געשאָטנטע פּנים'ער, ווי זיי וואָלטן זיך געגאָלט ביז צום ביין.

מען האָט זיך געגרייט פאַר אַ „דאַנסינג". דאָס פאַרענג־לישטע וואָרט האָט זיך אַרונטערגעקייקלט פון די ווייבערשע ליפּן, ווי אַ העכערע קאַטעגאָריע פון אַ טאַנץ־אָוונט, וואָס איז איבער־געפלאַנצט געוואָרן פאַרגרייזטערהייט דורך די אַמעריקאַנער מוזוויס.

בוכלערנער האָט אַרומגעטאַנצט אין שטעקשיך, וואָס זיינען געווען געמאַכט פון אַלטע שיך מיט אָפּגעשניטענע כאַליעוועס, און אין אַ יאַרמעלקעלע אויפן שפּיץ־קאָפּ. ער האָט געגעבן באַ־פעלן, וואָס קיינער האָט נישט אויסגעפאָלגט. מיט זיין אַנוועזנ־הייט אינמיטן דעם גאַנצן האַרמידער פון רוקן טישן מיט בענק, האָט עס אויסגעזען, ווי מען וואָלט זיך געגרייט צו אַן אמת־יידישער חתונה.

פינקעל איז אַריינגעקומען אַן אויסגעפּוצטער אין אַ פראַק און מיט אַן אויפגעשטעלטן קאָלנער, וואָס האָט אים אונטער־געשפּאַרט זיין צעפּאַלדעוועטע גאָמבע. ער האָט זיך אַרומגע־דרייט אַ פאַרזיכטיקער, מיט די הענט פאַרלייגט אויף אַ הינטער,

און אויסגעפּרואווט די פּאַדלאָגע מיט די פיס, אויב זי איז נישט צו גליטשיק. ער האָט אויך געגעבן עצות און רעקאָמענדאַציעס אויף אַ באַפּעלערישן פּויליש צו די גוים, וואָס האָבן געאַרבעט אויף אַן אימפּראָוויזירטער בינע און זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף אים. אַנדערע האָבן באַדעקט די עלעקטרישע לעמפּלעך מיט פאַרביקן פּאַפּיר און זיי געגעבן דעם אויסזען פון לאַמ־טערנעס.

פינקעל האָט זיך אַזוי טיף אַריינגעלאָזט אין פויליש, אַז ער האָט שוין אַפילו גערעדט פויליש מיט די עטלעכע אַלטע ווייבער, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום אים און פאַרשפּרייט אַ פּריציי־טיקן גערוך פון שמעקענדיקע וואַסערן. פינקעל האָט זיך פאַר זיי באַרימט מיט זיינע אַמאָליקע טאַנץ־פעאיקייטן. ביי יעדער וואַלץ, אויף אַלערליי אונטערהאַלטן, איז ער געווען דער פירער. ער איז געווען נישט גלאַט אַזוי אַ טענצער, נאָר אַ טאַנץ־מייס־טער. איינס, צוויי, דריי, איינס, צוויי, דריי — און ער האָט זיך פלינק אַ באַוועג געטאָן אין די ראַמען פון אַ טראַדיציאָנעלן וואַלץ.

אָבער פון אַלע וואַלצן האָט ער זיך גאָר אַרונטערגעלאָזט אויף אַ קאַזאַצקע. ער האָט זיך טאַקע בוכשטעבלעך אַרונטער־געלאָזט, געהאַלטן די פּאָלעס פון זיין פראַק, ווי שוואַרצע פליגל, און ער האָט גלייך אויפן אָרט גענומען דעמאָנסטרירן, וויפיל מאָל ער קאָן נאָך אַפּערקאָפּען די פיס און זיי שליידערן פון אונטער זיך.

דער אָפיצער, וואָס איז געזעסן אין סאַמע וויטסטן און טונ־קלסטן ווינקל און שווייגנדיק געאַרבעט אויף אַ שאַך־פּראָבלעם, האָט זיך פּלוצים אויפגעשטעלט און זיך אָנגעשלאָסן אין פינ־קעלס קאַזאַצקע. עטלעכע ווייבער האָבן צוגעפּלעסקעט מיט די הענט און פינקעל האָט עס געמאַכט ווי אַ מזיק. אַז דער אָפיצער איז אָפּגעשטאַנען האָט נאָך פינקעל געוואָרפן פון זיך זיינע קורצע פיס, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין איין פאַרטשעפּען אין פראַק.

ווען פינקעל האָט דערזען מיך און שטיינמאַנען, האָט ער זיך פאַרשעמט און גענומען שטאַמלען.

— זיך דערמאָנט אָן די בריה׳שאַפטן פון די יונגע יאָרן. כע-כע, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שולדיק געלעכטערל, וואָס מיר האָבן אים געכאַפּט זיך נאַריש מאַכנדיק — נאָך גוט וואָס מיינע האָט מיך נישט געזען. איך וואָלט ביי איר שיין אויסגעזען.

ער האָט געסאָפּעט, זיך געווישט דעם שוויים און אַפּילו געווישט די עטלעכע צעפלויגענע לאָקן ארום פּליך, וואָס זיינען געווען ווי דורכגעצוואָגן.

— נו, וואָס זאָגט איר, פאַניע שטיינמאַן, — האָט ער געקראָגן אַ ביסל מער מוט, — אפשר ווען מיר טאַקע היינט אַ ביסל מיטהאַלטן מיט דער יוגנט? מיטטאַנצן?

— מיט ׳סאַרענער יוגנט? מיט דער בלוט-יוגנט דאָרטן?

— שטיינמאַן האָט אָנגעוויזן אויף עטליכע אַלטע ווייבער. — איך, פאַניע פינקעל, האָב שוין מיינס אָפּגעטאַנצט. מען דאַרף געבן דעם יונגען דור — ער האָט ווידער געוויזן אויף די עטלעכע יידענעס — אַ געלעגנהייט.

דער זאַל האָט זיך ביסלעכווייז געמומען אָנפילן. עס האָבן זיך אַפּילו באוויזן געסט פון דערבייאיקע פּענסיאָנאַטן. אויף דעם קליינעם בינעלע זיינען שוין געזעסן דריי פידלער, וואָס האָבן אָנגעסטראָיעט די פידעלעך, דורכגעקיצלט די ערשטע עטלעכע טענער פון אַ באַקאַנטן פאָקס-טראָט און אים גלייך צוגעוואָרגן.

שטיינמאַן האָט זיך אָפּגעזוכט אַ ווייט ווינקעלע און איך בין אים נאָכגעגאַנגען. די אינגערע מענער און ווייבער האָבן זיך אויך גענומען אָנסטראָיען מיט געשפּאַנטקייט. זייערע קערפּערס האָבן אַנטוויקלט אַ טאַנצנדיקע בויגעוודיקייט. די פּאָרלעך זיינען געגאַנגען, ווי זיי וואָלטן געווען גרייט, צו יעדער מינוט, אַריינצוגליטשן זיך אין טאַנץ. די לאָמטערנדיקע היטעלעך אויף די עלעקטרישע לאָמפּן האָבן געוואָרפן גראָטעסקע פלעקן אויף דער סטעליע, ווי שאָטנס פון אויסגעטראַכטע חיה׳לעך, און פאַרשפּרייט איבערן זאַל אַ פאַרביקע טונקלקייט. די גאַנצע לופט איז געווען פול מיט דעם פאָרשפּיל צום טאַנץ.

איינער פון די פידלער, מיט אומגעווײנלעך גרויסע, נאָכלאָ־זיקע וואָנסן, האָט געסטראָיעט זײַן פידל, אָנגעשטײַפט די סטרונעס און געהאַלטן אין איין שאָקלען מיטן קאָפּ אויף ניין. ער איז אַלץ נישט געווען צופרידן. ער האָט אַלע ווײַלע געגעבן אַ פּיר דעם סמיטשיק אַזוי דין, ווי ער וואָלט געשאָכטן אַ קליין הינדעלע.

מיטאַמאָל האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אַלע פּאָרלעך זײַנען געבליבן שטיין אין געשפּאַנטער אָבער גראַציע־זער אויפמערקזאַמקייט. און עס האָט זיך אָנגעהויבן.

דער משוגענער בראָנסקי איז אַרײַנגעקומען, אויסגעפּוצט און אויסגעפּראַנטעװעט מיט דער גרעסטער אויסגערעכנטקייט. ער האָט זיך געוויגט מיט קאַוואַלערישער געניטקייט, ווי ער וואָלט, וואַרטנדיק אויף זײַן זיווג, שוין געטאַנצט מיט זײַנע לאַקירטע שיך, כדי נישט צו פאַרלירן קיין צײַט. און איידער מיר האָבן זיך באַוויזן אַרומצוקוקן, האָט ער שוין געטאַנצט מיט אַ יונגער דאַמע, וואָס האָט זיך געוויגט אין זײַנע אָרעמס מיט געשלאָסענע אויגן, ווי זי וואָלט געדרימלט טאַנצנדיק.

הינטער אים האָט געטאַנצט דער געזונטער גוי, זײַן אויפ־פּאַסער, מיט בוכלערנערס שיקסע. אירע באָרוויסע פיס זײַנען איצט געווען באַשוכט. אויף איר האַלדז האָט זיך געבאָמבלט אַ גרויסער, שוואַרצער צלם, ווי ער וואָלט אויסגעשריגן, אַז כאָטש זי רעדט יידיש און כאָטש זי דינט דאָ ביי הינער און טעלער־וואַשן, זאָל מען זי פונדעסטוועגן נישט אויסמישן מיט דעם גאַנצן עולם פון דעם בוכלערנער־פּענסיאָנאַט. דער גוי האָט געהאַט אַ פאַרזאָרגט פּנים. ער האָט געוואוסט, אַז ער האָט אַ טאָפּלטע פליכט — צו האַלטן זײַן דאַמע און צו האַלטן אַן אויג אויף פּאַן בראָנסקין.

די מוזיקאַנטן האָבן נישט געלאָזט דעם אָטעם אָפּכאַפּן. אַזוי שנעל ווי די פּאָרלעך האָבן זיך געוואָלט פּאַנאַנדערגיין, האָבן זיי זיך גלײַך געמוזט צוריק אָנשליסן אין אַ נײַעם טאַנץ. זיי האָבן געשפּילט ווי אַן אָנגעשטעלטע גאַסן־קאַטערינקע.

פינקעל האָט אַלעמאָל פאַרבײַגעטאַנצט מיט זײַן מאַדאַם,

וואָס האָט אים געטראָגן אַ פּאָר׳חלש׳טן אויף איר פּאַרטרווילעבן בוזעם. מיטאַמאָל זיינען זיי אַרויסגעפּאַלן פון טאַנץ און אַוועק אָן אַ זייט. פינקעל איז געפאַלן אויף דער ערד און גענומען צושנורעווען דער ווייבס לויז-געוואָרענע שוך-בענדלעך.

שטיינמאַנס טאָכטער האָט זיך אַ ביסל באַפרייט פון איר קאַוואַליער און איז צוגעלאָפן צום טאַטן.

— דוכט זיך, דו האָסט היינט פאַרגעסן צו נעמען די פּיל.

— וועל איך דיר שולדיק בלייבן אַ פּיל. וועל איך זיין אָן אָנ־זעצער. פאַרגעס אַמאָל אין דעם טאַטן און לעב אויך אַ ביסל, — האָט שטיינמאַן אויף איר אָנגעשריגן.

— דערציילט עפּעס, — האָט מיך שטיינמאַן געבעטן מיט אַ האַלב-שלעפעריק קול, ווי ער וואָלט אויך אַריינגעפאַלן אין דער שטימונג פון טאַנץ. — איך האָב ליב צו הערן ווי מען רעדט אונטער מוזיק. כ׳וויל אייך חלילה נישט עקספּלואַטירן, אָבער איך האָב אייך שוין אַזויפיל אָנגעדולט אַ ספּאָדיק, אַז איצט איז אייער גאָלדענע געלעגנהייט.

נאָר גראָד זיינען מיר געקומען אויפן געדאַנק אַזעלכע טריוויאַלע זאַכן, אַזעלכע באַגאַטעלן, אַז איך האָב זיך געשעמט פאַר זיך אַליין.

איך האָב איצט גאָר געטראַכט פון מיין יוגנט חבר׳ס קליינ־טשיקע שיכלעך. זיינע פיס זיינען נישט געוואַקסן, זיי זיינען פאַרבליבן ווי די צוגעפּרעסטע פיסלעך פון אַלט-פראַנקישע כי־נעזישע פרויען. ער האָט מיך אויפגענומען מיט ווייכע און קליינע טריטעלעך אין זיין שיינער דירה און זיך געהאַלטן אין איין באַרימען פאַר מיר מיט זיין ווייבס בילד. אַ שאָד, זי איז גראָד אויף דאַטשע.

— גיסט אַ קוק אויף איר געסקלאַרוועט פּנים. זי איז אַ מתנה פון גאָט.

דעם חבר׳ס שוואַרצע, בלישטשנדיקע אויגעלעך האָבן זיך פאַרטרערט און זיינע רויטע ליפּן האָבן זיך געפּייכט, ווען ער האָט מיר געוויזן זיין ווייבס בילד.

און פון ווייב איז ער אַריבער צו נאָך אַ קאָמפּאַרט.

— עבט-מאָדערן. דאָס סאַמע לעצטע, ווי ביי אייך אין אַמעריקע.

ער האָט געהאַלטן אין איין ציען דעם שווענקער און ווייזן, ווי דער קלאָזעט אַרבעט. יעדערמאָל, ווען איך האָב זיך אויפגעהויבן און זיך גענומען דורכגיין איבערן הויז, האָט ער מיר נאָר געוואָלט איינרעדן, אַז איך דאַרף זיך באַנוצן מיט זיין סאַמע מאָדערנסטער איינריכטונג.

— געדענקסט, ווי מען פלעגט מוזן זיצן, שטייענדיק אַן איינגעבראָכענער, ווי אַן אַקראָבאַט, אויף אַלע פיר און די פּים האָבן געדריגעט? דאָס איז דאָך עפּעס ציוויליזאַציע, — האָט ער זיך ווידער געשפּילט מיט דעם שווענקער און זיך גאַרנישט געקאָנט אָפּוואונדערן.

איך האָב איצט גאָר געטראַכט פון דעם וואַקסענעם פּנים און פון דער וואַקסענער האַנט, וואָס האָט אַלעמאָל פּאַרפּעסטיקט דעם מאַנאַקל און געקוקט דורך דעם גלעזערן ציקלאָפּ-אויג, אויף דעם דרייפערטל לײַדיקן טעאַטער, וואו מען האָט געשפּילט זיינע געגראַמטע עקסטראַוואַגאַנצן.

— מיר גייען אונטער, — האָט ער אַ מאַך געטאָן, צווישן די אַנטראַקטן, מיט דער טויטער האַנט, — איר זעט דאָך, — און ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף די לײַדיקע בענקלעך.

פון דעם הויכן, בויגזאַמען שרייבער האָב איך איצט גאָר געטראַכט, וואָס האָט פלעגמאַטיש און עלעגאַנט געצויגן די ליולקע אין ליטעראַרישן קאַפע, באַרעדט אַלע טישלעך און אויסגעברומט פאַר מיר זיין קלאָג אויף דער נישט-אָנערקענונג, וואָס האָט אים, נישט אויסגערעדט זאָל עס זיין, אָנגעדאָסט אויפן קאָפּ אַ גאַנצן דערנער-קראַנץ.

אָבער דערציילט האָב איך שטיינמאַנען פון דער יידישער קינדער-קאָלאָניע אויף די וואָליע-לאַנקעס, פון די איבערגעגעבענע לערער און לערערקעס, מיט די טרויעריקע יידישע אויגן, פון זייער גרויסער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

אַט די קינדערלעך מיט די פאַרטריקנטע ביינדלעך, מיט די

בלוטלאָזע באַקן און דערשראָקענע אויגן, מוזן ווערן אַ פּאָלק מיט לונגען, מיט לעבן, מיט אויסדויער.

די האַלב-הונגעריקע אײַנגלעך און מיידלעך האָבן געמאַכט גימנאַסטיקע און אַרײַנגעאָטעמט דעם אַראָמאַט פון די סטויגן היי אויף דער אָפענער לאַנקע.

עטלעכע יידישע דאָקטוירים, וואָס האָבן פאַרנאַכלעסיקט זייער אייגענע פּראַקטיקע, זיינען געשטאַנען פונוויטנס און גע-האָלפן קאָכן דעם הייסן בוריקעס-באָרשטש אין גרויסע קעסלען און די געשמאַקע סיפּקע קאַרטאָפליעס, וואָס האָבן געהאַלטן ביי פּאַרטיק ווערן. די דאָקטוירים האָבן אָנגעקוואָלן פון די קינ-דערשע ביינדלעך אין די דיסציפּלינירטע גימנאַסטישע קאָס-טומען.

אַ קריסטלעכער דאָקטאָר, אַן אַנטיסעמיטישער פירער, איז פּראָפעסיאָנעל געקומען באַטראַכטן די יידישע געזונט-קאָלאָניע פאַר קינדער. ער האָט זיך פאַרגעסן אין אַלע פּאָליטיקעס און באַוואונדערט די אַרבעט פון זיינע יידישע קאָלעגן.

אונדז ביידן, מיר און דעם קריסטלעכן דאָקטאָר, איז צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד צו זיין פון די ערשטע פאַרזוכער. מיר האָבן קודם פאַרזוכט די הייסע מעליקע קאַרטאָפליעס. מיר האָבן גע-קראָגן הילצערנע לעפל און מיר האָבן געשעפּט באָרשטש פון אַ שותפות'דיקער שיסל. אונדזערע לעפל האָבן זיך פלינק באַ-וועגט פון שיסל צום מויל, זיך אָפּגעשטעלט אַ ביסל, אויף צו פאַסמאַקעווען דעם וואונדערלעכן באָרשטש, און ווידער אַריין אין דער שיסל, וואָרפנדיק אַלע היגיענישע באַוואָרענישן צו אַלדי גוטע יאָר. פונוויטנס זיינען געשטאַנען די צוויי וואוילע יידענעס, וואָס האָבן דעם באָרשטש אָפּגעקאָכט און וואָס האָבן איצט געוואַרט אויף אונדזער ווערדיקט. מיר, דער דאָקטאָר און איך, האָבן געקוקט אויף זיי מיט גוטסקייט און דאַנקבאַרקייט, מיר האָבן געקוקט מיט וואַרעמקייט אויף די לערער, אויף די קינדערלעך, און געקוקט איינער אויפן אַנדערן מיט נאָנטשאַפט, וואָס איז געוואַקסן מיט יעדער שעפּ און מיט יעדער טונק פון לעפל אין דער שיסל, מיטן געשמאַקן היימישן באָרשטש.

איבער די מיילער אונדזערע איז גערונען דאָס רויטע בלוט פון באַרשטש, וואָס מיר האָבן ביידע פאַרגאָסן. דער אַנטיסע־מיטישער דאָקטאָר האָט אומדערוואַרט אַ כאַפּ געטאָן מיין האַנט, אויף יענער זייט שיסל, און זי אַ שטאַרקן און ברודערלעכן דרוק געטאָן.

— די וויסנשאַפט וועט זיגן איבער אַלץ, — האָט ער גע־זאָגט, ווי ער וואָלט מיך געוואָלט טרייסטן, — זי וועט טריאומ־פירן איבער אַלע קראַנקהייטן.

מיר האָבן ווידער אַרויסגענומען די לעפל פון די מיילער און זיי געטונקען אין דער בשותפות'דיקער שיסל, שליסנדיק אַ רויטן בונד, איבער דעם בלוטיקן באַרשטש.

דער טאַנץ האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ ווײַלע און ווידער זײַנען די פידעלעך געוואָרן היים. דאָסמאָל האָבן זיי געשפּילט אַ טאַנץ פון וואַרפן און כאַפּן די דאַמע. עס איז געווען אַן אַמע־ריקאַנער דזשעז מיט אַ פּוילישער פּאָטשעווקע. שטיינמאַן איז פון דער מעשה, וואָס איך האָב אים דערציילט, געוואָרן שטאַרק ערנסט. זײַנע גרויסע אויגן האָבן געגלאַנצט אין דער פינצטער.

— די יידישע קינדערלעך, אַ געזונט אויף זיי. און אויף די יידישע דאָקטוירים, וואָס טוען די אַרבעט בשלמות, זאָל קומען אַ ברכה פון גאָט. איר ווייסט גאָרנישט, וואָס פאַר אַ מענטשן דאָס זײַנען, — האָט ער געבענטשט מיט טרערן אין די אויגן. — עס וועט דאָך פאָרט אַמאָל מוזן קומען אַ צייט, ווען מענטשן וועלן כורת ברית זיין אין אייביקער פרײַנטשאַפט. תחית המתים? כ'ווייס נישט וואָס דאָס איז אַזוינס. אָבער געוואָלט וואָלט איך, אימיצער זאָל מיר אַרײַנשושקען אין די טויטע אויערן אַרײַן, ווען איך וועל שוין לאַנג זײַן אויפן עולם האמת, און מיר אָנזאָגן די בשורה, אַז דער גרויסער טאָג פון אמת'ער מענטשלעכקייט איז שוין געקומען.

אַ פּרוי מיט אַ פּנים פון אַ פּאַרפרוירן עפּעלע, וואָס איז אַ ביסל צוגעלעגערט געוואָרן, און מיט אויסגעשטאַרטשעטע, מע־לאַנכאָלישע אויגן, איז צוגעקומען צו אונדז. ערשט ווען שטיינ־מאַן האָט זיך קאַוואַלעריש אויפגעהויבן און איר אָנגעבאָטן זיין

שטול, האָב איך דערקענט די עלטערע רבי׳שע שנור.

— זיצט, זיצט, — האָט זי געזאָגט, — סיידן איר ווילט מיט מיר כאַפּן אַ טאַנץ.

— מיינע טענץ האָבן אַן אַנדער סאָרט מוזיק, — האָט ער געזאָגט.

— און מיין מוזיק האָט אַנדערע טענץ — האָט זי געענטפערט. — עס איז כמעט איינס און דאָס זעלבע. אָבער אַמאָל גיט אַ צי צו מענטשן און צו פריילעכקייט, כאָטש טאַנצן מאַכט מיך גאָר אַלעמאָל טרויעריק.

איר קלוג פּנים, איר הויכע, דינע פיגור, איר געשמאַק־צוגעפּאַסט קלייד האָבן זי אַרויסגעטיילט פון גאַנצן עולם.

— און איר טאַנצט אויך נישט? — האָט זי זיך אַנגעבויגן. איך האָב געפילט דעם לייכטן ברי פון וואַרעמען פּערפום, ווען זי איז געקומען נאָענט צו מיר. אירע אויגן האָבן געהאַט דעם ציטערדיקן גלי פון דערפאַרענער מיטליעריקייט.

— מיינע גליקן. מיינע אַוואַנטורעס. — זי האָט זיך פאַרטראַכט. — דאָ וואָלט זיך געפּאַסט אַ ציטאַט פון פּושקינען. אָבער ביי אונדז אין פּוילן, אַז מען ציטירט אַ רוסישן שרייבער איז עס נישט אַזוי אַן אַטעסטאַט פון קולטור, ווי אַן אַטעסטאַט פון עלטער, אַן אַטעסטאַט פון בילדונג, וואָס מען האָט געקראָגן, איידער פּוילן איז געוואָרן פּוילן.

און נאָך איידער זי האָט געענדיקט איז זי אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס פון פּאַן בראָנסקי, וואָס האָט זי געפירט מיט ווירדיקער עלעגאַנץ.

— איר מאַן איז אַ הויפּט־ערלעכער מענטש, נאָר נעבעך אַ כניאָק און אַ לא יצלח. אפילו פאַר היינט־צייטיקער רבנות פּאַסט ער זיך אויך נישט, — האָט שטיינמאַן באַמערקט, — און איר ציט נעבעך צו מענטשן. דאָס זומער־פייגעלע ציט צום פייער. זי איז אַ ביסל עלטער פון איר מאַן, אָבער, ווי איר קוקט זי אָן, איז זי אַמאָל געווען אַ קעניגלעכע שוינהייט. אַ רחמנות אויף איר, אָבער איך קאָן איר אוודאי גאָרנישט העלפן, — האָט

שטיינמאַן געזאָגט און מיר געגעבן אַ צווײדײטיקן קלאַפּ אין פּלייצע.

נאָכדעם ווי זי האָט זיך עטלעכע מאָל פאַרבייגעדרייט דורך אונדז מיט דעם פאָן בראַנסקי, האָט זי זיך לייכט אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענט און צוגעקומען צו אונדז.

— איך האָב גאָרנישט באַמערקט, וואָס פאַר אַ קאַוואַליער עס איז מיר באַשערט געווען, — האָט זי געזאָגט מיט אַ געלעכטערל, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַ ביסל היסטעריקע. — גוט אַזוי. דאָס איז דער נמשל. משוגעת! עס איז טאַקע געווען אַ משוגעת פון מיר אַהערצוקומען. ווי אַזוי דערלאָזט מען, אַז אַזעלכער זאָל אַרומטאַנצן פראַנק און פריי? — האָט זי געזאָגט מיט פאַרדראָס.

— וואָס פאַר אַ גאַראַנטיע האָט איר, אַז די אַנדערע זיינען קלאָר? — האָט שטיינמאַן זי געטרייסט. — מיר דרייען זיך דאָ אַלע אַרום אין אַזאַ מין וועלט.

זי האָט זיך שנעל געזעגנט און אַרויס פון זאַל.

— מיר זיינען ביידע שלימזל'דיקע קאַוואַליערן, — האָט שטיינמאַן מיר פאַרגעוואָרפן. — מען האָט זי אָדער באַדאַרפט פאַרהאַלטן, אָדער צופירן צו איר הויז. זי האָט אַ היבשן מהלך אין דער פינצטער.

די דריי פידלער האָבן גענומען איינפּאַקן די אינסטרומענטן. עטלעכע טענצער האָבן פּראָטעסטירט קעגן בוכלערנערס קאַרג-שאַפט, פאַרוואָס ער האָט געמאַכט חוזק פון אַלעמען און אָפּגע-פּטר'ט דעם דאַנסינג איינס, צוויי. אַנדערע האָבן זיך אפילו גע-וואָלט צוזאַמענלייגן און באַצאָלן די פידלער, אַבי מען זאָל פאָרזעצן דעם טאַנץ. נאָר אין אַלע פּראָטעסטן האָט זיך געפילט אַ היבש ביסל מידקייט. יונגוואַרג האָבן זיך נאָך געדרייט אין אַ טרוקענעם טאַנץ אָן מוזיק. אַנדערע זיינען אַרויס אינדרויסן זיך אָפּקילן.

— זאָג אַ שיינעם דאַנק, וואָס איך האָב דיך געלאָזט אַזוי לאַנג רודערן, און זאָג אַ גוטע נאַכט, טאַטע.

שטיינמאַן האָט זיך אויפגעהויבן פון בענקל און דערלאַנגט זיין טאָכטער אַ קניפּ אין באַק.

— דו — מוידטשינע — איך וועל דיר — ער האָט איר אַ קוש געטאָן און זיך מיט מיר אָפּגעזעגנט.

— אַז דער טאַטעשי פאָלגט, האָב איך אים ליב ס'לעבן, — האָט זי געזאָגט און אים אַוועקגעפירט.

— און איר האַלט נישט פון אַזעלכע נאַרישקייטן? — איז בוכלערנער פּלוצים אויסגעוואַקסן לעבן מיר. — ס'איז הבל הבלים, האַ? איך מוז זיי געבן אַ דאַנסינג איינמאָל אַ וואָך, אַז נישט וואָלטן זיי מיך צעריסן ווי אַ הערינג. פאָלגט מיך, גייט זיך דורך אַ ביסל, איידער איר גייט אַרויף שלאָפן. די נאַכט איז זילבער מיט בערליאַנטן. יעדער שטערן איז ווי אַ פויסט די גרויס. אַ וועלט מיט וועלטעלעך דער רבונו של עולם האָט דאָס באַשאַפן. גייט אַרויס און באַפּט אַ קוק. היינט האָט ער גע־מאַכט אַ ווייסטאַווע פון זיין אַלדאַסגוטס.

## III

אַ קלאַפּ אין טיר האָט מיך אויפגעוועקט פון אַזאַ שלאָף, וואָס מען קאָן אים שוין נישט צוריקקריגן פאַר קיין שום געלטער אין דער וועלט. איך האָב געכאַפּט אַ קוק אויפן זייגער און געזען, אַז איך ליג ערשט פיר שעה אין בעט. איך האָב זיך צוריק איינגעקנוילט אין דער קאָלדרע, ווייל איך בין געווען זיכער, אַז עס האָט אימיצער דורך אַ טעות אָנגעקלאַפּט.

נאָך עטלעכע קלעפּ אין טיר האָבן מיך איבערצייגט, אַז מען מוז אַרויסשפּרינגען פון בעט. די קלעפּ זיינען געווען פאַר־עקשנ'טע, און דוקא געדולדיקע, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: מיר יאָגן זיך נישט, ווייל מיר וועלן דיך סיי־ווי אויפוועקן.

ווען איך האָב אויפגעעפנט די טיר, איז אַ צעפּלעטשטער מאַן געשטאַנען מיט דעם היטל אין איין האַנט און מיט אַ בייטש אין דער צווייטער.

ער האָט מיר געזאָגט גוט־מאָרגן דורך אַ פאַרלעגערטן הוסט, ווי דער גוט־מאָרגן וואָלט באַדאַרפט דורכמאַכן אַ חיבוט הקבר, דורך לייכעץ און אָנגעקאָפּטשעטע האַלדז־בענדער. ער האָט זיך טאַקע גלייך צעהוסט און מיר דערלאַנגט אַ ביסל אַ ריינערן גוט־מאָרגן.

דער מאַן מיט דעם בייטשל איז געווען נידעריקער פון מיטלוואוקס, אָבער ער האָט אויסגעזען פון די מענטשן, וואָס זיינען אַמאָל געווען אי העכער און אי שטאַרקער, נאָר דאָס לעבן האָט אויף זיי אַזוי לאַנג געטראָטן מיט שווערע שטיוול, אַז זיי האָבן זיך באַין ברירה אונטערגעגעבן און זיך אָנגעבויגן אַ ביסל. עס האָט געמאַכט אַן איינדרוק, ווי די הויך איז אים אַריין אין דער ברייט. ער האָט איינגעצויגן זיין הויך און זיך צעגאָסן, אָבער צעגאָסנערהייט האָט ער אויסגעזען, ווי טאָמער קריגט ער נאָך עטליכע שטאַרקע טרעט מיט די פּיס, וועט ער איינגאַנצן צעפאַלן.

ער האָט צוריק אָנגעטאָן דאָס היטל, וואָס איז געווען אַזוי צעוואַלגערט, אַז שטאָט דאָס היטל זאָל אים מאַכן העכער, האָט עס נאָך ביי אים אָפּגעשניטן אַ ביסל פון וואוקס. ער האָט געגעבן אַ כוואַשטש מיט דער בייטש און געזאָגט, אַז דער וואָגן וואַרט אונטן און ער איז גרייט.

נאָר אַז ער האָט געזען מיין גרויסע פאַרוואונדערונג, האָט ער זיך צעלאַכט מיט פאַרפוילטע און פאַרטאַבאַקטע ציין.

— איר זענט נאָך פאַרשלאָפן, האָט קיין פאַראיבל נישט, וועל איך איין דערמאָנען, אַז איר האָט מיך באַשטעלט אויף פאַרטאָג צו פאָרן קיין קוזמיר. איז, אָט זיינען מיר פּינקטלעך.

האָב איך אים דערציילט, אַז ער האָט אומזיסט אויפגעוועקט אַ פרעמדן מענטשן פון אַ זיסן שלאָף, ווייל איך האָב אים קיינמאָל נישט באַשטעלט און איך וויים פון גאָרנישט צו זאָגן.

ער האָט זיך גענומען איינקוקן אין מיר מיט אַ שטרענג פנים, ווי ער וואָלט געוואָלט זען צי איך באַשווינדל אים נישט.

— אַ בראָך איז צו מיין קאָפּ, כהאָב מורא אַז איר זענט טאַקע גערעכט, האָט נישט קיין פאַראיבל.

אַ פּופּצן מינוט שפּעטער, ווען איך האָב שוין געמיינט, אַז אַט-אַט און איך הויב-אָן אַוועקצושווימען, ווייל דאָס וואָס מיר האָט זיך גע׳חלום׳ט איז מיר אויסגעקומען, ווי מען וואָלט עס מיר אַריינגעשושקעט אין אויער — אַ זיכערער סימן אַז מען האַלט ביי איבערגיין פון וואָך צו שלאָף, — האָב איך ווידער דערהערט עטלעכע קלעפּ אין טיר.

דער מאַן מיט דער בייטש און מיט דעם היטל אין האַנט האָט איצט געהאַט אַזאַ צעקרימט פּנים, ווי ער איז שוין גרייט געווען צו מאַכן פּיסקעס און זיך צעוויינען.

— האָט נישט קיין פּאַראיבל. אפשר וואָלט איר פּאָרט געפֿאָרן קיין קוזמיר. וואָס קאָן אייך אַרן, אַז איר וועט זיך אַ ביסל דורכפאָרן קיין קוזמיר?

און ער האָט מיר דערציילט, אַז ס׳האָט אים געטראָפן אַ מאַלעיר. זייט ער איז אַ פּורמאַן טרעפט זיך מיט אים דאָס ערשטע מאָל אַזאַ אומגליק. עפּעס ווי נישט-גוטע, אָדער לצים, מען זאָל באַהיט און באַשירעמט ווערן, וואָלטן פון אים חוזק געמאַכט. ער האָט געהאַט זיכערע דריי פּאַסאַזשירן קיין קוזמיר.

— איינע איז געווען אַ מויד, דער צווייטער אַ גלח און דער דריטער איר, כ׳מיין דער יונגערמאַן, וואָס איך האָב געמיינט, אַז דאָס זענט איר. לאָזט זיך אויס, אַז פון דער מויד איז געוואָרן אַ מאַנספּערשוין, וואָס האָט אויף מיר געעפנט אַ פּיסק, אַז ער האָט מיך געוואָלט אויפעסן. איך בין קוים אַנטלאָפן. דער גלח האָט זיך נעבעך אַנטשולדיקט, אַז ער ליידט פון שלשול און ער קאָן נישט איינשטעלן צו פאָרן אויף אַ פור. דער יונגערמאַן ווידער האָט אויסגעטרוקנט. איך האָב שוין דאָ אויפגעוועקט אַ צען מענטשן און איך קאָן זיך נישט דערמאָנען, וואו יענער האָט געוואוינט. עס קאָן געמאָלט זיין, אַז עס איז גאָר אין אַן אַנדער פּענסיאָנאַט. אָבער איין מאַן האָט זיך פּאָרט אויף מיר מרחם געווען. איך האָב אים נעבעך אויפגעוועקט, זאָגט ער, אַז אַלצאיינס וועט ער שוין נישט שלאָפן, וועט ער זיך שוין דורכפאָרן. פאַלט מיר איין, אפשר וועט איר מאַכן די זעלבע קונץ? פאַלגט מיך, גיט זיך אַ טו-אָן. ווען איר וועט זיך נעמען

אַנטאָן, וועט איר טראַכטן, אויף וואָס פאַר אַ שוואַרץ יאָר דאַרפט איר האָבן קוזמיר? אָבער אַז איר וועט שוין זיצן אויף דער פור, וועט איר איינזען, אַז עס איז גאָרנישט אַזאַ קרומער געדאַנק. מיט צוויי פּאַסאַזשירן קאָנען מיר שוין מאַכן יאַזדאַ. איך וועל עס אייך מאַכן אַ ווילדע מציאה.

איך האָב זיך געפּרואווט ווערן, אָבער דער ייד האָט אויף אַלץ געהאַט אַ קונציקן תירוץ. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז אויף דער פור וועל איך אַפילו קאָנען כאַפּן אַ דרימל. דער שאָסיי איז ווי מען גליטשט זיך אויף פּוטער.

אין עטלעכע מינוט אַרום בין איך שוין געגאַנגען אַרונטער צו דער פור. אויף דעם אונטערשטן גאָרן האָט זיך געעפנט אַ טיר און ס׳האָט אַרויסגעשטעקט אַ זילבערנער קאָפּ.

— וואָס לאָזט איר נישט שלאָפן קיין מענטשן? וואָס רודערט איר אַ גאַנצע נאַכט?

ער האָט ברייטער געעפנט די טיר און איך האָב דערזען שטיינמאַנס לאַכנדיק פּנים.

זיין פּנים איז איצט געווען שוואַרץ און פאַרטריקנט, ווי ער וואָלט אַ גאַנצע נאַכט מלחמה געהאַלטן מיט דעם טויט און אים בייגעקומען, אָבער דערפאַר האָט דער טויט אויף אים געלאָזט שיינע עטלעכע שפּורן. בלויז דער שמייכל זיינער האָט געהאַט אַ סימן פון לעבן.

אַז איך האָב אים דערציילט, ווי אַזוי מען האָט באַשלאָסן אַז איך פאָר קיין קוזמיר, האָט ער זיך ערשט רעכט צעלאַכט.

— מסתמא איז עס באַשערט. אין קוזמיר מוז מען זיין, טאָ וואָס פאַר אַ נפקא מינא ווען מען פאָרט? ווען איר וועט צוריקקומען וועלן מיר רעדן און רעדן וועגן קוזמיר דריי טעג מיט דריי נעכט.

ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגן, אָבער זיין פּנים האָט זיך פאַרוואָלקנט. ער האָט מיך געקושט אין ביידע באַקן, זייער טרוקן און זייער פאָטערלעך. ער איז נאָך געשטאַנען אַ ביסל ביי דער טיר און ער איז איצט געווען שטאַרק ענלעך צו די בילדער פון אַנאַטאָל פראַנס. זיין פּנים איז

געווען אַ ביסל לעבעדיקער, ווי אין דעם ערשטן מאָמענט, ווען איך האָב אים אויפגעוועקט פון שלאָף. ער האָט אויסגעזען פון די מענטשן, וואָס פּראָדוצירן זייער אייגן לעבן פאַר דעם טאָג־געברויך מיט אַן אייגענעם מאָטאָר, ווייל ווען ער וואָלט זיך פאַרלאָזט אויף דעם לעבן, וואָס זיין אייגן געזונט קאָן אים צו־שטעלן, וואָלט ער צוזאַמענגעבראָכן.

דער פורמאַן האָט אַ כוואַשטש געטאָן מיט דער בייטש, ווען ער האָט מיך דערזען. איך בין אַריינגעקראָכן אין דער פור און דאָס פערדל האָט גלייך אָנגעהויבן צו לויפן.

דער צווייטער פּאַסאַזשיר האָט כסדר געשמייכלט, געקוקט אויף מיר פון אונטן אַרויף און געשמייכלט. ער איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק. ער האָט געהאַט אַ געשטופּלט פּנים, אָבער זיין אויסזען איז דורכדעם נישט געוואָרן אומאָנגענעם. ער איז געווען טונקל, פעסט־געבויט און ברייט. ער האָט פאַרנומען אפשר דריי־פערטל פון דער פור, אָבער ער האָט כסדר געדענקט אין זיין ברייטקייט, און געזען, אַז מיר זאָל זיין באַקוועם.

— איך נעם־אָן, אַז איר פאָרט אויך נישט מיט אייער פרייען ווילן קיין קוזמיר, — האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן און מיר אויס־געשטרעקט אַ האַנט.

ער האָט מיר אַ פעסטן דריק געטאָן די האַנט און געזאָגט, אַז זיין נאָמען איז נייפעלד.

דער וועג האָט זיך כסדר געשניטן דורך קליינע וועלדלעך, ביז מיר זיינען אַרויס אויף אַ ברייטן וועג פון פעלדער אויף ביידע זייטן. דער הימל איז נישט געווען גאָר קלאָר. די לופט איז געווען פייכטלעך.

— עס זאָל נאָר נישט רעגענען, — האָט מיין מיטפאָרער געזאָגט, — וואָלט עס גאָרנישט געווען אַזאַ קרומער פּלאַן. דער פורמאַן מיינט, אַז ער האָט מיך באַשווינדלט. איך קאָן אייך זאָגן, אַז איך האָב אים אָפּגענאַרט. איך בין שוין געווען אַ פּופּצן מאָל איז קוזמיר, און ווען איר וועט מיך אויפוועקן פון שלאָף און אַ געשריי טאָן — קוזמיר! וועל איך אַלץ מיטפאָרן. וויפיל מאָל זענט איר שוין געווען אין קוזמיר?

ווען ער האָט אויסגעפונען, אַז איך פאָר ערשט צום ערשטן מאָל אין זיין באַליבט שטעטל, האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער איז מיך פשוט מקנא.

קוזמיר איז טאַקע קוזמיר יעדער מאָל ווען מען פאָרט אַהין, אָבער צום ערשטן מאָל קומט עס נישט. דאָס ערשטע מאָל, אַז מען מאַכט אַ שהחינו איבער דעם שטעטל, איז עס אַ דערפאַרונג, וואָס מען פאַרגעסט קיינמאָל נישט. עס איז אַ פיזישע דערפאַרונג, אַ זאַך וואָס מען פילט מיט אַלע אברים, אָבער, האָט ער זיך אַליין איבערגעשלאָגן, לאָמיך אויפהערן צו מאַכן פּראָפּאַגאַנדע, ווייל איך קאָן עס נאָך אַזוי אַרויפשרויפן, אַז איר זאָלט אינגאַנצן אַנטוישט ווערן.

אַז ער איז געוואָר געוואָרן איך בין פאַקטיש אַ פרעמדער, האָט ער מיך גענומען באַוואַרפן מיט פראַגן: ווי עס געפעלט מיר פוילן, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט אויף מיר געמאַכט דאָס איצטיקע פוילישע יידנטום?

— איר פאַרשטייט, — האָט ער געזאָגט, — פּאָליטיש זענט איר געקומען אין אַ מאָדנער צייט. דאָס גאַנצע פוילישע יידנטום האַלט זיך ביי דער באַק און בענטשט גומל, וואָס מען האָט זיי נישט געפּאַטשט. עס האָט געהאַלטן ביי מער ווי פּעטש, עס איז געווען גאָר נאָענט צו די בלוטיקסטע פּאָגראָמען. אַז מען האָט אָוועקגעשאָסן דעם מיניסטער, האָבן די ענדעקעס גלייך גענומען העצן, אַז יידן האָבן אים געשאָסן. די רעגירונג האָט זיך פאַרלוירן, יידן האָבן באַלד איינגעזען, אַז די רעגירונג איז צעטומלט און עס האַלט גאַנץ שלעכט. דער סוף איז געווען, מען האָט אויסגעפונען, אַז אוקראַינער האָבן דעם מיניסטער אָפּגעראַמט פון וועג און יידן זיינען ניצול געוואָרן. אָבער אין דעם ניצול ווערן ליגט אַ שרעקלעכע טראַגעדיע. יעדער ייד פרעגט זיך, וואָס וואָלט געווען ווען דער בלבול וואָלט נישט געפּלאַצט? נישט אַלע בלבולים פּלאַצן דאָך אַזוי שנעל. מען פרעגט זיך, ווען וועט אויסגעבריט ווערן אַ נייער בלבול?

נייפעלד האָט דערציילט, אַז ער איז אַן אַדוואָקאַט, דאָס הייסט אייגנטלעך אַ געוועזענער אַדוואָקאַט. ער האָט געמאַכט

גענוג געלט פון יידישע צרות, פון יידישער פארלוירנקייט, פון יידישער צעטומלטקייט, און ער האָט זיך צוריקגעצויגן. ער איז ערשט אַלט דריי און פערציק יאָר, אָבער ער האָט גענוג. ער האָט גענוג אויף צו לעבן און שיין צו לעבן. דערפאַר האָט ער שוין גענוג אַדוואָקאַטור.

— ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך אַמאָל געווען אַ שטאַרקער פוילישער פּאַטריאָט. די גאַנצע יידישע יוגנט איז געווען פּאַטריאָטיש. ווען פּוילן האָט זיך באַפרייט זיינען מיר געגאַנגען מיט פעסטע, זיכערע טריט, מיט געהויבענע קעפּ. עס איז אונדז טאָפּלט ליבער געוואָרן די פּוילישע ערד פון אונדזערע זיידעס און עלטער-זיידעס. מיר זיינען אָבער שנעל געוואָר געוואָרן, אַז מיר האָבן אַ גרויסן טעות, מען האָט אונדז גענומען סמ'ען די טריט, מען האָט אונדז געשטויסן און געבריקעט, מען האָט אונדז דערלאַנגט אַזעלכע קעסט, כדי מיר זאָלן מוזן איינזען, אַז פּוילן איז נישט פאַר אונדז באַפרייט געוואָרן. עס איז נישט אונדזער ערד, אויף וועלכער מיר טרעטן. פון דער גלייכבארעכטיקונג האָט זיך אויסגעלאָזט אַ שטיקל פּאַפּיר, אַלץ איז אויפן פּאַפּיר.

— איך דאַרף אייך דען דערציילן? איר ווייסט עס אומעטום, — האָט נייפעלד געזאָגט. — מיר וועלן דאָ פאַראָרעמט ווערן אין גייסט און אין גוף — און דאָס פּוילישע יידנטום פאַרמאָגט גייסט, עס איז אַ דאָרן וואָס ברענט, אַ הייליקער דאָרן.

אָבער דער עיקר'שט וועלן דאָ אונטערגיין אונדזערע קינדער. מען פאַרצוימט זיי אַלע וועגן, און אונטערגיין וועלן זיי דערהויפּט ווייל עס פעלט ביי אונדז ליבע. די יוגנט ווערט שרעקלעך אומראַמאַנטיש און אַזוי פּראַקטיש, אַז עס כאַפּט־אָן אַ שרעק. די קללה פון נדן וועט דער'הרג'ענען דאָס גאַנצע פּוילישע יידנטום. עס איז געקייטלט, געקניפּט און געבונדן. די יוגנט האָט נישט קיין צוקונפט, מוז זי זיך כאַטש אַ ביסל באַזאָרגן מאַטעריעל, דערפאַר שטעלט מען זיך גלייך אַ פּרייז, אַז דאָס שטיק מאַנספּאַרשוין איז ווערט אַזויפיל און אַזויפיל זלאָטעס. וואָס זאָל ער נעבעך טאָן? מיט דעם געלט קאָן ער כאָטש עפענען אַ געשעפט און באַנקראָטירן. אָבער אָן דעם געלט וועלן

דאָך צוויי נפשות, און מיט צוגעקומענע קינדערלעך, שטאַרבן פון הונגער. דערפאַר האָט מען מורא ליב צו האָבן. מען גייט גאָר לכתחילה נאָענט נישט צו צו קיין מיידל אויב מען ווייסט נישט, וויפיל נדן איר טאַטע קאָן געבן. ווען מען איז נאָך גאָר יונג, מאַכט מען זיך אַ ביסל קינדיש מיט אינגל-מיידל נאַריש-קייטן, אָבער אַז מען ווערט עלטער וואַרט מען די ליבע זאָל זיך באַצאָלן.

דאָס איז די לאַגע. מיר דאַרן-איין, ווייל מיר האָבן נישט קיין ליבע. מיר האָבן זנות, מיר האָבן געשטרויכלטקייטן נאָך דער חתונה. די הייליקייט פון דער פאַמיליע איז געוואָרן אַ ביסל עלאַסטיש. אָבער די ליבע, וואָס איז ווערט מיליאָנען, די ליבע אויף וועלכער געזונטע פעלקער האַלטן זיך, האַלט אינגאַנצן ביים פאַרשווינדן. אַמאָל האָט דאָס יידישע פאָלק אויך געליטן פון נדן, נאָר עס האָט כאָטש נישט מורא געהאַט פאַר קיין אָרעמקייט. אָבער היינט שרעקט מען אונדז אַזוי אָן, מען פאַר-גינט אונדז נישט דעם ביסן אין מויל, מען רייסט ביי אונדז דאָס שטיקל ברויט דורך באַיקאָט און שטילע באָיקאָטישע קונצן, אַז די יוגנט ציטערט פאַר דלות. לאָזט זיך אויס, אַז מען פאַלט סיי-ווי אַריין אין אַ שמאָלץ-גרוב פון אָרעמקייט, אָבער אָן דער וואונ-דערלעכער טרייסט און פאַרגיטיקונג פון ליבע.

וואָס-זשע איז דער סוף? דער סוף איז, אַז עס פירט אַ סך אָרעמע מיידלעך צו שמד. איידער צו פאַרזיצן לויפט מען אין די אָרעמס פון אַ שגץ. ערשטנס זיינען שקצים טאַקע מער פאַר-זאָרגט, ווייל זיי קאָנען כאָטש ווערן רעגירונגס-אָנגעשטעלטע, און צווייטנס, טראַכטן שקצים נישט אַזוי פון קיין תכלית און פון נדן.

די צרה מיט דעם שמד איז נאָך אַ גרעסערע, ווייל מען הויבט זיך אָן צוגעוואוינען דערצו און מען ווערט גלייכגילטיק. דאָס וועט אונדז אויך דורכפרעסן, ווייל מיר קאָנען עס נישט באַהויפּטן, — נאָך נישט. מיר זיינען נאָך צו אָרעם און צו שוואַך, אַז מיר זאָלן זיך קאָנען דערלויבן דעם לוקסוס צו האָבן מגע ומשא מיט משומדים.

דער באַלעגאָלע האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ און זיך צע־שמייכלט און געגענעצט אין דער זעלבער צייט.

— נו, וואָס האָב איך אייך געזאָגט, אַז איר וועט זיצן אין פור וועט אייך שוין גאַרנישט אַרן, וואָס איר פאָרט קיין קוזמיר. פאַרקערט, עס וועט אייך הנאה טאָן, — האָט ער געזאָגט מיט אַ מויל, וואָס האָט זיך ווידער געריסן צו גענעצן.

— דאָס משומדים־פּראָבלעם, — האָט נייפעלד ווייטער גע־רעדט, — איז ביז גאָר אינטערעסאַנט. אין מיין פּראַפּעסיע האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף אַ סך וואָס האָבן געטווישט דאָס רענדל. זיי האָבן געוואָלט שטייגן העכער, קלעטערן, זיך דער־שלאָגן צו ריכטער־אַמטן. אַ סך האָבן זיך אַפילו גע׳שמד׳ט שוין נאָכדעם ווי זיי זיינען געוואָרן ריכטער, ווייל די באַ־קאַנטשאַפט זייערע האָט זיי דערצו געטריבן, מיט אַ גוט־ברי־דערלעכן פּאַטש אויף דער פּלייצע: גיב עס אַ מאַך און ווער פּטור. עס איז אַ גוטמוטיקער געזעלשאַפטלעכער דרוק. אַנדערע זיינען געטריבן געוואָרן דערצו דורך די ווייבער. ווייבער קאָנען זיין אַ סך קאַריעריסטישער ווי מענער, און זיי פאַרשטייען, אַז דער לייטער שטייט גרייט מיט אַלע טרעפּ, ווען מען היילינקט זיך מיט אַ ביסל טויף־וואַסער. אַזעלכע ווייבער ווערן איבערגעגע־בענע קאַטאָליטשקעס, ווייל זיי האָבן אַ טרוקענע אויסרעכענונג, אַז מען מוז מאַכן פון די קינדער גאַנצע מענטשן, און גאַנצקייט גייט ביי זיי צוזאַמען מיט דעם קלויסטער.

פאַראַן משומדים, וואָס דער שמד איז זיי נישט געלונגען. זיי דרייען זיך אַרום שלינג און שלאַנג און חלום׳ען אַלץ וועגן אויסקומען. אַמאָל, אַמאָל וועלן זיי אַוועקפאָרן אין אַן אַנדער שטעטל און אויסקומען. פּוילן איז טעאָרעטיש אַ פריי לאַנד און מען קאָן צוריק ווערן אַ ייד, אויב מען וויל. עס טרעפט אָבער זעלטן. געוויינלעך טראָגט זיך אַזאַ חברה־מאַן אַרום מיט דעם געדאַנק ביז ער שטאַרבט אַוועק. אַז ער פאַרלייגט מיט די פיס קריגט ער אַ פּאָגזשעב מיט אַלע קאַטוילישע גע־ווירצן. ביי אַזאַ פּאָגזשעב כאַפּט זיך אַריין אַ ברודער, וואָס האָט זיך נאָך נישט גע׳שמד׳ט, אַ פעטער, וואָס איז משטיינס געזאָגט,

אַן אויפגעקלערטער מענטש — אַזוי אויפגעקלערט, אַז עס איז אים אַלצאיינס, אַהין אָדער אַהער — אַ מומע אַ משומדת מיט איר גוי'עשן מאַן. דער גלח אַליין האָט אויך אַ יידישע נאָז און ער פּרעפּלט, ווי ער וואָלט געפּאַנפּעט לאַטיינישע עברי. גלויבט מיר, ווען דער טויטער וואָלט געקאָנט, וואָלט ער געכאַפּט די פּיס אויף די פּלייצעס און אַפּגעצויגן, ווייל מיט לעבעדיקע גוים קאָן נאָך אַ משומד זיך איינלעבן, אָבער צו דאַרפן ליגן מיט טויטע גוים אַן אייביקייט, כאַפּט־אַן אַ שרעק. עס איז אַ פרעמדע וועלט און אַ פרעמדער בית־עלמין. נאָכן טויט, וואָלט איך געזאָגט, ניכטערט זיך יעדער משומד אויס, ווען ער הערט, אַז מען נעמט אים אַריין אין דער טויטער, פרעמדער געזעלשאַפט, אָבער עס איז שוין פאַרפאַלן אויף אייביק!

פונדעסטוועגן, האָט נייפעלד באַמערקט, דאַרפט איר זיך נישט פאַרלאָזן אויף מיר, ווען עס קומט צו משומדים. איך לייד פון אַ קראַנקען פאַראורטייל צו די חברה. אין מיין פּראָפעסיע איז מיר אויסגעקומען צו פאַרקערן מיט זיי און מען מוז דאָך זיין אַ ציוויליזירטער מענטש, אָבער, גאָט דער איינציקער ווייסט, אַז עס איז מיר אָנגעקומען שווער וואָס שווער הייסט, ווייל אַ משומד'ס האַנט איז ביי מיר אַלעמאָל אַ ברודיקע. איך פלעג טענה'ן צו זיך, איך פלעג מיט זיך קנעלן אַ פרשה פרייען געדאַנק און פרייען אויסוואַל, אָבער עס האָט געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס. דער פּראָצעס פון איבערגיין צו דער אַנדערער מחנה איז ביי מיר אַלעמאָל אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל אומפאַרשטענד־לעכקייטן, אַז אין באַזונדערע אינטערעסאַנטע פאַלן האָב איך גאַנץ אָפט אַ טבע צו נעמען אויף זיך די קרענקלעכע אויפגאַבע אויסצופאָרשן, ווי אַזוי איז דער און דער געקומען דערצו. ווי אַזוי האָט ער באַשלאָסן דאָס צו טאָן, און ווי לייכט, אָדער ווי שווער איז עס אים אָנגעקומען. איך האָב אַלעמאָל ליב געהאַט זיך צו דערגרונטעווען צו זיין דערציאונג, וואָס פאַר אַ טאַטע־מאַמע, וואָס פאַר אַ זיידע־באָבע האָט ער געהאַט, וואָס איז עס איז אים אַזוי לייכט אָנגעקומען זיי צו געבן דעם דרך.

פאַראַן אַזעלכע פּראָגרעסיווע מענטשן — אַזוי רופן זיי זיך,

— וואָס טוען עס צוליב הייסער טאַטע־מאַמע־שאָפט. זיי ווילן מאַכן פון די קינדער אַ לייט. זיי ווילן נישט, אַז די קינדער זאָלן דאַרפן ליידן פון יידישע צרות. זיי זיינען זיך מקריב פאַר די קינדער און זיי פירן זיי אַריבער דער גרענעץ. אַ סך אַזעלכע טאַטעס מאַכן עס בשתיקה, זיי האַלטן נאָך אָן זייער פאַרבינדונג מיט יידן, עסן אין יידישע רעסטאָראַציעס, קויפן כשר פלייש, ווייל זיי קאָנען אין מויל נישט נעמען קיין טרפה'נעם ביסן, אָבער אין זאַך האָבן זיי אויפגעטאָן, זיי האָבן שוין פאַרזאָרגט זייערע קינדער.

איך קען אַזאַ זיידן, וואָס די שקאָצעוואַטע און שיקסעוואַטע אייניקלעך האָבן אים ליב ס'לעבן, ווי מען האָט ליב אַ זיידן, אָבער אַז ער עפנט דאָס מויל און ער הויבט־אָן רעדן אַ ליטווישן פויליש מיט דער „סין", בעטן זיי אים ער זאָל שווייגן. זיי האָבן ליב דעם זיידן אַ שטומען און זיי רופן אים גוטמוטיק אַלע צאַצקעדיקע אַנטיסעמיטישע צונעמענישן. ניין, דער זיידע האָט זיך נישט גע'שמד'ט, אָבער ער קווועלט־אָן, וואָס ער קאָן שטאַרבן רואיק, ווייל זיינע יורשים טראָגן שוין נישט דאָס יידישע פעקל.

עס איז דאָ צופיל קאָנטאַקט איצט צווישן די אוועקגייער און די יידן. אַ סך איז אין דעם אפשר שולדיק די איינגעוואָרצלטע מורא, אַז דער משומד קאָן קאַליע מאַכן, ווייל וואָס איז דען אַ משומד, אויב נישט אַ פאַסקודנער ייד? פוילן איז אַ קאַ־טוילישע מדינה און מען האָט פשוט מורא, אַז אויב מען וועט דעם משומד שטאַרק באַיקאָטירן, אָדער אים מאַכן ענג, וועט עס הייסן אַז מען באַליידיקט די שטאַט־רעליגיע. שווייגט מען גאַנץ אָפט. אין אַ סך יידישע רעסטאָראַציעס זיצן יידן, וואָס עסן די אמת'ע געשטאָפטע העלדזלעך, געפילטע פיש, טשאָלענט און־דיסקוטירן מיט אַ זיפץ יידישע פּראָבלעמען, מיט אַלע יידישע גלייכווערטלעך און שטעכווערטלעך, אָבער די חברה־לייט האָבן אין דער היים גוי'עשע ווייבער און גוי'עשע קינדער. זיי לעבן זיך אויס אינגאַנצן צווישן יידן, זיי האַנדלען און וואַנדלען מיט יידן, ווייל זיי זיינען נאָך אַפילו נישט אַריבער דעם שוועל פון דער פרעמדער וועלט.

האָב איך געקענט אַ משומד, וואָס האָט דוקא קאָקעטירט מיט זיין יידיש. ער האָט זיך גע׳שמד׳ט איבער אַ שיקסע, איז די שיקסע פון אים אַוועק אַ יאָר נאָך דער חתונה, ווייל זי איז געווען אַן אַנטיסעמיטקע און דער גע׳שמד׳טער מאַן איז אַלץ געווען צו־יידיש פאַר איר. זי האָט געמיינט, אַז דאָס שמד־וואַסער וועט בייטן זיין פיזיאָנאָמיע, זיינע זשעסטן, זיינע באַוועגונגען, אָבער ער האָט ליב געהאַט צו ברומען אַ גמרא־ניגון דוקא, ווען ער איז געגאַנגען מיט זיין ווייב אין קלויסטער, ווי ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט טאָן צו־להכעים.

ער איז געווען אַ דרערד־ליגער, נאָר צוליב זיין שמד האָט ער געקראָגן אַן אָרימע שטעלע פון אַ רעגירונג־אַנגעשטעלטן. ער האָט געאַרבעט צווישן גוים, אָבער זיין בעסטער חבר איז געווען אַ שגץ, וואָס האָט גערעדט יידיש ווי אַ וואַסער, און נאָך וואָס פאַר אַ יידיש, אַ יידיש מיט אַלע תנועות און האַוואַיעס. דער שגץ איז געווען אַ שיכור און דער משומד האָט אויך גע־טרונקען. פלעגן זיי גאַנץ אָפט זיצן אין יידישע גאַרקיכן און טרינקען און זינגען „גאָט און זיין משפט איז גערעכט". דער שגץ האָט גע׳ירשנ׳ט זיין יידיש פון דער מאַמען זיינער, וואָס האָט אַפילו געקאָנט ליכט־בענטשן און האָט געקאָנט אָפּמאָלן אַ גאָט־אברהם. גאַנץ אָפט פלעגט זי זיך בעטן ביי דעם משומד, אַז ער זאָל אויסקומען, ווייל ער וועט אָנווערןביידע וועלטן, האָט זי אים געוואָרנט, ער וועט נישט האָבן נישט די וועלט און נישט יענע. אַז ער האָט זיך גוט אָנגעזויפט, האָב ער ליב געהאַט נאָכצודערקען וועגן דעם סטראַשונאַק. דו ווייסט, פלעגט ער טענה׳ן צו זיין גוי׳עשן פריינט, דיין מאַמע איז אַ י י ן קלוגע פרוי, אַ ממזר׳טע. זי זאָגט איך וועל פאַרלירן ביידע וועלטן, און זי איז גערעכט. לעצטנס האָט ער זיך שטאַרק גענומען צום האַרצן יידישע צרות. אַז יידן איז גוט קאָן מען נאָך זיין אַ שטיקל משומד, האָט ער מיר דערקלערט, אָבער ווען יידן גייט ביטער, גייט נישט איין דער גאַנצער שמד. די יידישע צרות, האָט ער אויך גע׳טענה׳ט צום שגץ זיינעם, וועלן אים טרייבן אין דרערד אַריין. מיט עטלעכע וואָכן צוריק האָט ער

זיך אַרונטערגעוואָרפן פון אַ דאַך און געבליבן ליגן אַ טויטער אין אַ יידישער געגנט. ער איז פּאָרט צוריקגעקומען אויף אַ ווײַלע.

עס האָט זיך אויסגעלייטערט. אַ פּויער איז אונדז אַנטקעגנ־געקומען מיט זיין פור. אונדזער באַלעגאָלע און דאָס פּויערל האָבן זיך אָנגעקוקט מיט גענעצדיקע אויגן. דער וועג איז נישט געווען אַזוי פּוטער־גלאַט, ווי דער באַלעגאָלע האָט אים באַזונגען. עס זיינען געווען שיינע עטלעכע באַרגאַרויפן און באַרגאַראָפּן. גאַנץ אָפּט האָט זיך געדוכט, אַז מען האַלט דאָס האַרץ אין דער האַנט און מען היט עס, אַז מען זאָל עס נישט פאַרלירן — אַזוי האָט זיך די פור געהעצקעט איבער אויסגעריסענע שטיקער שאָסיי, שטייניקע בערגלעך און בלאָטעס. אָבער עס זיינען אויך געווען שיינע שטיקער וועג. די פור איז געלאָפן אויף ווייכער ערד, די אָרימע פעלדער מיט די אומריטמישע בייטן, צעווירעט אָן אַ סדר, האָבן פונדעסטוועגן דערפרייט די אויגן. גאַר גוט איז זיך געפאָרן דורך די וועלדער מיט שמאָל־אויסגעטראָטענע סטעזשקעלעך. דער אַראָמאַט איז געווען אַלטער אויסגעשטאַ־נענער וויין פון פערמענטירטע בלעטער.

— אָטעמט טיף, — האָט נייפעלד געזאָגט, — דער פּוי־לישער וואַלד קאָן אויסהיילן דאָס קראַנקסטע האַרץ.

עס איז שוין געווען גרויסער טאָג, אָבער די וועלדער האָבן אָנגעהאַלטן אָן אייגענע שטילע און קילע ליכט, ווי די ליכט און די שטילקייט וואָלטן זיך דאָ נישט געביטן טאָג־טעגלעך, ווייל זיי שטאַמען־אָפּ פון אָן אייגענער, אַלטער דינאַסטיע, וואָס ווייסט פּינקטלעך וויפיל ליכט אַזאַ שטילקייט דאַרף האָבן, כדי זי זאָל נישט רייסן די אויגן. פון ערגעץ האָט זיך געהערט ווי אַ פויגל פּרואווט־אויס דאָס קול'כל.

נייפעלד האָט שטיל באַפוילן דעם באַלעגאָלע, אַז ער זאָל אָפּשטעלן דעם וואָגן.

— עס איז זיך בדאי איינצוהערן, — האָט ער מיר געזאָגט,

— דאָס איז ער.

— ווער? — האָב איך אים געפרעגט.

— ווער זאָל עס זיין. נישט קיין אַנדערער ווי דער וועלט־באַרימטער נאַכטיגאַל. שש...

ער האָט געזונגען טרוקן, עטלעכע קורצן טרעלן, וואָס האָבן זיך איבערגע׳חזר׳ט, ווי ער וואָלט איינגעשטעלט די טעמע, אָבער גלייך נאָכדעם איז ער זיך פאַרגאַנגען אין לענגערע מאָנאָלאָגן. מערקווירדיק, אין דעם געזאַנג איז נישט געווען קיין סימן פון סענטימענטאַלקייט. עס איז מיר פשוט געווען אַ וואונדער, וואָס אַזאַ קאָפּ־זינגער איז באַרעדט געוואָרן פון סענטימענטאַלע דיכטער. זיין זינגען איז געווען אַ רעטשיטאַטיוו מיט אַ סך אָפּשטעלן. יעדע פראַזע איז געווען לענגער און קאָמפּליצירטער פון דער פריערדיקער. נאָך יעדער פראַזע האָט ער אונטערגעוואַרט צו כאַפּן דעם מוזיקאַלישן אָטעם, אָדער זיך איינצוהערן אַליין, וואָס פאַר אַן איינדרוק דאָס האָט געמאַכט. ווען ער האָט געזונגען איז די שטילקייט געוואָרן אַ געדיכטערע. דאָס זינגען איז אַרומגערינגלט געוואָרן מיט אַזויפיל שווייגן, וואָס האָט געמאַכט אַ וואַרע פאַר דעם איינציקן ביסל געזאַנג. אָבער דאָס זינגען אַליין איז אויך געווען אַ טייל פון דעם אייגנאַרטיקן וואַלדישן אור־ליכט און אור־שטילקייט. עס איז גיכער געווען ווי די פאַרמאַכיקטע שטילקייט וואָלט זיך צערעדט מיט אַן אייגן לשון, ווי דער פויגל וואָלט דעשיפרירט דאָס מורא׳דיקע שווייגן פון וואַלד. עס איז נישט געווען קיין סימן פון דעגראַדירנדיקער זיסקייט אין דעם נאַכטיגאַלס געזאַנג, פון אַרונטערלאָזן זיך צו אָנגענומענע געשמאַקן, פאַרקערט — עס איז געווען פערפעקציע פון אויסדרוק. עס האָט פשוט געריסן ביים האַרץ, וואָס מען האָט דעם פויגל אַזוי באַליידיקט, פאַרסאַכאַרינט און פאַרלאַקריצט פאַר דער וועלט, בעת ער האָט אַזאַ אומפּאָפּולערע און קלוגע מוזיקאַלישע עבֿרי.

ער האָט איבערגע׳חזר׳ט צוויי פראַזן, אָבער די צווייטע פראַזע האָט זיך דערשפּיצט צו אַ פראַגע, וואָס איז געבליבן אָפּגעהאַקט, וואַרטנדיק אויף אַ תשובה. די תשובה איז נישט געקומען. ער איז אַנשוויגן געוואָרן.

— דאָס איז אַ פאַרשפּעטיקטער. געוויינלעך זינגען זיי

ביז מיטן יוני. און מייסטנס ביינאַכט. אָבער מיר האָבן געהאַט די זכיה צו הערן דעם אויסנאַם, — האָט נייפעלד זיך אָנגערופן שטיל, ווען ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דער זינגער האָט פאַרענדיקט.

— עס איז געווען אַ שיין שטיקל שירה צום רבונו של עולם, — האָט דער באַלעגאָלע עס געמאַכט קורץ. — הייטיא, — האָט ער אַ צי געטאָן די לייצעס און דאָס פערדל האָט גענומען לויפן, ווי עס וואָלט זיך אָנגעשעפּט מיט נייע כוחות נאָך דעם מחיה׳דיקן אָפּרו.

— עס איז אפשר געווען אַ לכבוד אייך, — האָט נייפעלד געזאָגט מיט אַ שמייכל.

איך האָב אים באַמערקט, אַז אין אַמעריקע האָבן מיר נישט אַזאַ זינג־פויגל. מיר האָבן אַנדערע, דוקא אַ סך סענטימענטאַלערע פייגל.

נייפעלדן האָט הנאה געטאָן, וואָס איך האָב אויך נישט גע־כאַפּט קיין סענטימענטאַליטעט, אָדער ווי ער האָט עס נאָך מער באַטאָנט מיט דעם וואָרט סענטימענטאַלעכץ.

— אַט דער זשאַווער־ברוינער פויגל איז אַזוי ווייט פון טרערנדיקע לידלעך, ווי איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, — האָט ער צוגעגעבן. — גאַנץ אָפט, ווען איך הער אים, דוכט זיך מיר, אַז ער שרייבט געזאַנג אויף אַ ספּעציעלער שרייב־מאַשינקע. בלויז די קאַלאַראַטור קומט אוים ווי דורכגעציטערט פון די פליגל. די קורצע אָפּגעהאַקטע נאָטקעס מאַכן דעם איינדרוק, ווי ער וואָלט געטראַכט אינצווישן און געווען זייער פאַרזיכטיק און אויסקלייבעריש מיט יעדן באַזונדערן אויסדרוק. דאָס טריי־לערן האָט דעם חן פון אַן אמת׳ער אימפּראָמפּטו.

דער פורמאַן האָט אַ כוואַטש געטאָן מיט דער בייטש, ווען מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון וואַלד. אונטער דעם איינפלום פון דעם פריוואַטן קאָנצערט, וואָס מיר האָבן געהערט, האָט ער זיך צעזונגען אַ חזנ׳ישע זאַך און נאָכגעמאַכט אַלע גענגלעך. ער האָט מער געשפּילט ווי געזונגען די באַזונדערע ראָלן

פון אַלע משוררים אין כאָר, פון באַס ביז צום קליינטשיקן אינגעלע, מיט דעם מעסערדיקן קוויטשערל.

— איר הערט, יידן, איר וועט דאָך נישט גלויבן, אָבער מיר האָבן מיט יאָרן צוריק געהאַט אַ חזן אין שול, — האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אונדז, — וואָס מען האָט אים טאַקע גערופן סלאַוויק. האָט דער פויגל, וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס געהערט, ביי אים געמעגט די שטיוול פּוצן. איך בין נאָך געווען אַ קליין אינגעלע און דער חזן מיט דעם גאָרגל פון אַ סלאַוויק איז שוין לאַנג אויפן עולם האמת, אָבער איך וועל זיין כבקרת רועה עדרו קיינמאָל נישט פאַרגעסן. זיינס אַ הנני, — ב׳מיין אַז מען שמועסט יענער האָט געהאַט אַ האַלדז, וואָס האָט געשפּילט ווי אַ פליית. דער חזן איז צו אונדז געקומען פון דער ליטע און זיין סוף איז געווען אַ טרויעריקער. מען האָט אים געפּאַקט מיט אַן אשת איש און ער איז ווי אין וואַסער אַריין. זיינס גאַל וועט מען שוין קיינמאָל נישט הערן, סיידן איר האַלט די היינטיקע חזנים מיט די גלח׳ישע שטימען פאַר זינגער.

ער האָט פאַר זיך אַליין אויסגעפּרואווט דעם כבקרת און דיריגירט מיט דער בייטש. ער האָט עס אָבער געמאַכט שטיל, ווי ער וואָלט קיינעם נישט אַריינגעלאָזט אין דעם אינעווייניק פון זיין קינדערשער דערמאָנונג. ווען ער האָט אומגעדרייט דעם קאָפּ צו אונדז און אונדז געזאָגט, אַז מיר האָבן נאָך אַ האַלבע שעה קיין קוזמיר, האָט ער געהאַט טרערן אין די אויגן, אַזוי האָט אים דורכגענומען זיין אייגן זינגען.

נייפעלד האָט געשוויגן. זיין טונקל פּנים איז געווען איבער־געצויגן מיט אַ דין הייטל פון ערנסט, ווי אַ צייטווייליקער וואָלקן איבער אַ קלוגן שמייכל. צי דערפאַר ווייל ער האָט שוין געהאַט צופיל גערעדט, אָדער ווייל ער האָט עפּעס געטראַכט פאַר זיך, נאָר ער האָט קיין איין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. עס האָט גיכער געקאָנט זיין, אַז ער האָט זיך פייערלעך צוגעגרייט פאַר דעם אַריינפאָר קיין קוזמיר.

אויפן וועג האָבן מיר אָנגעהויבן צו טרעפן יידן מיט די פאַרדאַשיקטע היטעלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי ספּעציעל־

צוגעקליבענע יידישע דערנער-קראַנצן. דאָס גאַנצע מלכות און דער גאַנצער שטאָלץ איז געלעגן אין די פּיין-צעקאַמטע בערד. פאַראָרימטע מלכים מוזן נעבעך זוכן פון אונטער דער ערד פרנסה. זיי האָבן באַגלייט אונדזער פור מיט טרויעריקע אויגן, וואָס האָבן גאַנץ טיף אַ טאָפּ געטאָן אין וואָגן, ווער מיר קערן זיין און וואָס מען קאָן פון אונדז דערוואַרטן. דער ריטם פון זייער גאַנג איז געווען אַ בנעימות'דיקער, אָט — דאָס אָרימ־קייט און די גרויסע גליקן וועלן נישט אַנטלויפן. אַזוי זיינען אַמאָל די חומש-פּאַסטוכער לאַנגזאַם געגאַנגען צו דעם ברונעם אַרונטערקייקלען דעם שטיין.

— דאָס זיינען די גאָלדשפּינער אונדזערע, די אינטערנאַ־ציאָנאַלע באַנקירן אונדזערע, — האָט נייפעלד געוואָרפן ווער־טער, ווען ער האָט געזען ווי איך באַטראַכט די יידן. — דאָס זיינען ראָטשילדס פון מילכיקס, זיי זוכן מסתמא צו פאַרקויפן אַ קעזל, אָדער אפשר פליען זיי גאָר הויך, און זיי ווילן בשותפות קויפן אַ קעלבל. זייערע רייכטימער וויל מען עס אויך צונעמען. מען טרייבט זיי סיסטעמאַטיש פון די דערפער, נישט מיט געזעצן, נאָר מיט טעראָר, מען צינדט אונטער זייערע הייזלעך, וואָס האָבן בלויז געוואַרט אויף דער געלעגנהייט, אַז זיי זאָלן אַוועק מיטן רויך און אויפהערן צו זשיפּען. די פּויערים ווערן אויפגעהעצט און גאַנץ אָפט באַגעגענען זיי די שטילע יידן מיט שטעקנס און מיט דראָנגעס. וואוהין לויפן זיי? אין די גרעסערע שטעט, וואו עס וואַרטן ערשט אויף אַזעלכע אונטערנעמער, אָדער גרוי־סע צעלייגער, גילדענע געלעגנהייטן. אפילו די טעריטאָריעס פאַר שנאָרריי זיינען פאַרכאַפּט און מען שטייט קאָפּ אויף קאָפּ.

— אויב איר ווילט וויסן, — האָט נייפעלד גערעדט מיט ברען, — ווערט קעגן אונדז געפירט אַ שטענדיקע מלחמה, אַ הונגער-בלאָקאַדע. נישטאָ קיין אָרוים און קיין אַריין, ווייל די לענדער האָבן זיך קעגן אונדז באַוואָפנט מיט גאַנצע באַ־וואָרענישן. און דאָ-אָ פירט מען אַ בוכהאַלטעריע, וויפיל יידישע געשעפטן עס זיינען שוין אַריינגעפאַלן אין פּוילישע הענט, פון וויפיל יידישע מיילער מען האָט שוין אַוועקגעריסן ס'ברויט.

פאָלגט מיך, די פּאַליאַקן מאַכן עס אַ סך קליגער פון היטלערן. זיי פילדערן נישט און שרייען נישט, זיי טאַראַראַמעווען נישט, נאָר זיי גייען איבער אונדזערע קערפּערם מיט אַקעראַייזנס און זיי גלייכן אונדז אוים מיט דער ערד. אַ הונגער־בלאָקאַדע איז כלומר׳שט אַ לאַנגזאַמער פּראָצעס, אָבער אין דער לאַנגזאַמקייט זיינען דאָ די יסורים פון אַ שווידערלעכער קראַנקהייט. צענד־ליקער טויזנטער יידן, מיט די ווייבער און מיט די קינדער, גוסס׳ן ממש פון הונגער. אַמאָל האָט מען זיך געראַטעוועט דורך עמיגראַציע. די שיפסקאַרטע פון אַ קרוב איז געקומען ווי אַן אליהו הנביא, אָבער היינט קוקט מען דעם אונטערגאַנג גלייך אין די מלאך־המות׳דיקע אויגן.

— און מען האָט געמאַכט אַ שלעכטן שם די פּוילישע יידן איבער דער גאַנצער וועלט, — האָט ער אַלץ גערעדט מיט אַ חסידישן ברען, — מען וואָלט באַדאַרפט קלאַפּן טרעוואָגע, מען וואָלט באַדאַרפט אויפקלערן די וועלט, אַז די פּוילישע יידן האָבן פייער, האָבן גלויבן, האָבן אַזאַ אוצר פון אמונה, וואָס די גרויסע וועלט ווייסט גאָרנישט דערפון. מיר זיינען קלוגע קינדער, מיר האָבן נאָך אַ גאָט אין הארצן און מיר האָבן בטחון, אַ וואונדערלעכן, אָפּטימיסטישן בטחון, נישט גלאַט קיין רעליגיעזן בטחון—אַ בטחון וואָס שפּייזט די נשמה און לאָזט זי נישט פאַרלאָזן דעם אויסגעמאַגערטן און פאַרהונגערטן גוף. מען האָט באַרעדט די פּוילישע יידן פאַר דער וועלט און מיר זיינען געוואָרן אומגעוואונשטע אימיגראַנטן אומעטום. אָט די־אָ, אונדזערע דייטשע פאַרטריקנטע ביינער האָבן, נאָך אַלעמען, מזל. איך וויל עס אויף מיינע ליפּן איצט נישט ברענגען. מען דאַרף זיי אַוודאי ראַטעווען. אָבער וואָס פאַר אַ פאַרגלייך מיט דעם פּוילישן ייד, מיט דער וואַרימקייט, מיט דער נשמה׳דיקייט, מיט דעם יידנטום, וואָס האָט אָנגעהאַלטן דעם צלם אלקים פון יידישקייט.

דער באַלעגאָלע האָט אומגעקערט דעם קאָפּ עפּעס צו זאָגן, אָבער נייפעלד האָט עס ביי אים ממש מיט געוואַלט אַרויסגע־ריסן פון מויל. ער האָט צו אים געמאַכט מיט דער האַנט, אַז

ער זאָל שווייגן. ער האָט מסתמא ניט געוואָלט, אַז דער באַלע־גאָלע זאָל עס פאַרשוועכן און פאַראיינפּאַכן. ער האָט זיך אונטערגעהויבן און גענומען קוקן אויף אַלע זייטן.

— ליבער פריינט, — האָט ער מיר געזאָגט מיט אַ צערטלעך קול, — אָט זיינען מיר אין קוזמיר.

## IV

נייפעלד האָט געשמייכלט, ווי ער וואָלט געזען דעם שענסטן חלום אויף דער וואָר, ווען די פור איז אָנגעפאָרן פון אַ זייט און געבליבן שטיין נישט ווייט פון אַ פּלומפּ. נייפעלדס שמייכל האָט זיך איבערגעגעבן צו מיר אויך און אַפילו צום באַלעגאָלע, בעת ער איז אַרונטערגעקראָכן מיט אַ קרעכץ און זיך געהויבן די הויזן.

דורך דעם דאָזיקן טריאָ פון וואַרימע שמייכלען האָב איך זיך גענומען אַרומקוקן אויף די פאַרעלטערטע הייזקעס, וואָס זיינען געשטאַנען, ווי אין אַ גאַנץ געוויינלעכן מעין סטריט, ערגעץ אין אַ קעטסקיל שטעטל. מיט די שמייכלען, ווי מיט געבאָרגט ליכט, האָב איך געוואָלט אויפוואַרעמען די קונציקע צעהויקערטקייט פון יעדן הויז באַזונדער. עס האָט אויסגעזען ווי איין הייזקע שפּאַרט־אונטער דאָס אַנדערע און צוזאַמען זיינען זיי צענטריפּעטאַל, רייסנדיק זיך צום פּלומפּ, וואָס איז געשטאַנען אינמיטן, ווי אַן אַלטער, פינצטערער זונזייגער, וואָס האָט געוויזן אַז עס איז שוין דריי־פערטל נאָך צוועלף, אָדער דרייצן הונדערט יאָר — און זאָל עס אימיצן אָנהייבן צו אַרן.

ווען נישט דער פּלומפּ, וואָלטן זיך די קליינע הייזקעס צעפאַלן און צעקרישלט. דער פּלומפּ האָט אויסגעזען די פונדאַמענטאַלע קראַפט, וואָס האָט דאָס גאַנצע געסל צוזאַמענגעהאַלטן.

נייפעלד האָט נאָך געהאַט אַ קליינעם פאָרשלאָג: אַזוי ווי עס איז נאָך פרי, זאָלן מיר אַרויפגיין ערגעץ און איבערכאַפּן

אַ לייכטע זאַך און שפּעטער וועט ער מיך שוין נישט באַ־לעסטיקן. איך וועל זיך גיין מיין וועג און ער זיין וועג.

דער פורמאַן האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דעם פאָרשלאָג. עס חלש'ט אים דאָס האַרץ און ער קאָן פּשוט נישט שטעלן קיין פוס. אוודאי, האָט ער געטענה'ט, דאַרף מען כאַפּן אַ לייכטע זאַך. און וואָס קאָן זיין לייכטער, אויפן ניכטערן מאָגן, ווי אַ טרונק בראָנפן?

ער האָט אונדז אַרויפגעפירט אויף אַ צעקרומטן גאָרן פון טרעפּ, וואָס האָט זיך אין סאַמע מיטן קלעטער איבערגעשלאָגן מיט אַ פינצטערער טיר. מיר זיינען אַריין אין אַ צימער פול מיט קינדער, מיידלעך און אינגלעך, וואָס האָבן זיך גענומען צעפליען ווי הינדלעך.

אַ מאַן מיט אַ שמאָלער און אויסגעלענגערטער שוואַרץ־גרויער באָרד און מיט אַן ערנסט רבניש פּנים האָט אונדז גע־געבן שלום און גלייך גענומען גרייטן צום טיש. ער האָט אוועקגעשטעלט אַ פלעשל און דער פורמאַן האָט געמאַכט אַ שהכול מיט אַ פרום פּנים און אויסגעטרונקען צוויי גלעזלעך איינס נאָך דעם אַנדערן.

ער האָט זיך פאַרהוסט און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די צוויי גלעזלעך זיינען אַ סגולה פון אַ געניטן טרינקער, ווייל איינס שטופּט־אַרונטער דאָס צווייטע.

— אויב, רבותי, וויל מיך פאָלגן, — האָט דער ייד מיט די רבנישע באַנעמונגען געזאָגט, — איז דאָס סאַמע בעסטע צו פאַרבייסן מיט אַ געבראָטענער קאַטשקע.

— אַ שטיקעלע הערינג מיט ציבעלע? — האָט זיך דער פורמאַן געבעטן.

— ווי פאַרשטייט איר? — האָט דער פאַרכמורעטער ייד געזאָגט. — ווען איך האָב איצט אַ שטיקל הערינג, וואָלט איר מיך באַדאַרפט דערמאָנען? כ'על אייך זאָגן דעם אמת, נעכטן ביינאַכט זיינען מיך באַפאַלן אַ צען־צוועלף פרעסער, ווי די היישעריקן, און זיי האָבן מיך אויסגעליידיקט. אָנו, פּרובירט זאָגן, איר ווילט נישט קיין געבראָטענע קאַטשקע. דאָס איז,

רבותי, דאָס איינציקע וואָס איך האָב אָפּגעראַטעוועט פון דער שׂרפה.

— אָבער ברויט? — האָט דער באַלעגאָלע געפרעגט מיט שרעק.

— סקאָלקאָ אוגאָדנאָ, — האָט דער ייד געענטפערט מיט אַ שמייכל. — ברויט גייט ביי אונדז קיינמאָל נישט אויס. דאָס איז אונדזער נר־תמיד.

דער פורמאַן האָט גענומען אַ קוואָרט וואַסער, געעפנט די טיר און זיך געוואַשן אויף די טרעפּ.

אַ יידענע איז אַרויסגעקומען מיט אַ געשריי.

— אַ יאַנדעס אַ מענטש האָט אָנצומאַכן אַ פּלעטש אויף די שטיגן. מ'עט דאָך נאָך ברעכן האַלדז און נאַקן אין דעם וחלקלקות.

— אַ דאַנגע האָט איר. זאָל זיך אייך דוכטן איר האָט אַמאָל געוואַשן די שטיגן, — האָט זי דער באַלעגאָלע געטרייסט.

אַז עס איז געקומען צו באַצאָלן, איז דער רבנישער ייד פאַרשוואונדן און די יידענע איז אַריינגעקומען נעמען דאָס געלט. נייפעלד איז באַשטאַנען דערויף, אַז מיר זיינען געוועזן זיינע געסט, און ער מוז צאָלן. ווען די יידענע האָט געזאָגט וויפיל עס קומט איר, האָט דער באַלעגאָלע גענומען שרייען:

— איך קריג שיר די שלאַק. אַזאַ מלחמה־יקרות איז ביי אייך? ווי קאָן מען עס האָבן ס'האַרץ צו נעמען אַזויפיל פאַר אַזאַ אויסגעדאַרטן כאַדאַק פון אַ קאַטשקע?

— זעט איר דאָך, — האָט די יידענע אים געזאָגט כלומר'שט רואיק און טאַמעוואַטע, מיט אַ באַהאַלטן פייערל, — וואָס גייט עס אייך אָן? עס גייט דען אַרויס פון אייער טייסטער? עס איז דען אייער חתונה?

— איר זענט נישט קיין יידענע, נאָר אַ באַנדיט זענט איר. וואו איז אייער מאַן. עך על נישט לאָזן באַצאָלן. צוליב אייך שטאַרבן קליינע קינדער. איר מאַגט עס וויסן. עך וויל זען אייער מאַן.

— מיין מאַן מישט זיך נישט אין געלט־זאַכן.

— קען נעבעך נישט קיין צורת אלף פון אַ מטבעה, — האָט דער באַלעגאָלע נאָכגעקרומט, און נייפעלד, וואָס האָט געהאַלטן דאָס געלט גרייט צו באַצאָלן, האָט זיך נישט געאיילט. ער האָט אַזוי הנאה געהאַט, אַז ער האָט געוואָלט אויסציען די פאַרשטעלונג וואָס לענגער.

— רופט־אַריין דאָס גאָטס בהמה׳לע, ניש־קשה, ער ווייסט וואָס עס איז אַזוינס אַ מטבעה׳לע.

— עך וועל דיך אָפּגיסן מיט אַ פּאָמעשאַף, — האָט די יידענע געכומען שרייען אויף דו, — אויב דו וועסט נישט פאַרמאַכן דעם פּיסק, אויסגעקרימט זאָל ער דיר ווערן. ביסט נישט ווערט מיין מאַנס פּישעכץ. געהערט אַ ביסל, ער׳ט מיר זאָגן וויפיל איך זאָל נעמען פאַר מיין קאַטשקע.

— ברײנדעלע קאָזאַק, ׳עסט שוין ביי מיר גע׳ניזוק׳ט ווערן. עך וועל דיר ברענגען אַ מכה און נישט קיין עסערס. עך טרעף אַנטקעגנאיבער אויך.

די יידענע איז געוואָרן אַ ביסל ווייכער און זי האָט אַרונ־טערגעלאָזט פופציק גראָשן מיט איין קנאַק.

— אַז מען רעדט מענטשלעך איז דאָך עפּעס אַנדערש, — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל, וואָס האָט זיך פלוצים געיאָוועט ביי איר אויפן צעהיצטן שטערן.

דער באַלעגאָלע האָט שוין גאָרנישט געזאָגט. ער האָט בלויז גענומען דאָס פלעשל און זיך אָנגעגאָסן נאָך אַ גלעזעלע.

— דאָס איז טרינקגעלט, — האָט ער געזאָגט צו דער יידענע, — און וואָס דו ווינטשט מיר איצט זאָל דיר אָנגיין כאָטש אַ העלפט, רבונו של עולם. לחיים, לחיים.

אינדרויסן האָב איך זיך באַשטעלט מיט דעם באַלעגאָלע, אַז ער זאָל אונדז פאַרנאַכט צוריקנעמען. נייפעלדן האָב איך פאַרזיכערט, אַז אויב ער האָט נישט קיין באַזונדערע פלענער, וועט עס ביי מיר זיין זייער אָנגעלייגט, אַז ער וועט מיך באַגלייטן. ער איז געווען גערירט פון מיין איינלאַדונג.

איך האָב זיך פלוצים געכאַפּט, אַז די נידריקע הייזקעס און דאָס גאַנצע צוזאַמענגעטוליעטע געסל האָבן געצויגן די בליקן

אַרונטער. איך האָב צום ערשטן מאָל אויפגעהויבן די אויגן און דערזען אַ באַרג און אויפן באַרג אַ חורבה, וואָס האָט אויס־געזען ווי דאָס איבערבלייבעכץ פון אַ גרויס הויז, פון וועלכן דאָס גאַנצע אינעווייניקסטע איז אויסגעברענט געוואָרן אין אַ שׂרפה. דערנעבן, אַ ביסל העכער אויפן באַרג, זיינען געשטאַנען נאָך אַזעלכע צוויי הויכע רושטאָוואַניעס. אָבער די צוויי האָבן שוין אויסגעקוקט ווי נישט פאַרענדיקטע אָנוואורפן אויף אַ שלאָס. דער באַרג איז געווען אַ סך אינגער און פריילעכער ווי די הייזקעס אין טאָל. צוזאַמען מיט דעם וואַלדיקן גרינס, און מיט די חורבות, האָט דער באַרג אויסגעזען ווי אַ טייל פון אַ אינגערער ציוויליזאַציע, לגבי די קליינע הייזקעס, לעבן וועלכע מיר זיינען געשטאַנען.

— איך האַלט, אַז איידער מיר וועלן אַרויפקלעטערן צו אסתר'קעס שלאָס, זאָלן מיר פריער אַרומקוקן דאָס שטעטל אין דער נידער. שפּעטער וועלן מיר עס זען פון דעם באַרג.

ער האָט געזאָגט **אסתר'קעס שלאָס** אַזוי גלייכגילטיק, אַז איך האָב אים גענומען פאַרדעכטיקן אין ספּעציעלן אָנשטעל פון גלייכגילטיקייט, כדי ער זאָל זען אויף ווי ווייט דאָס וועט מיך פאַרטשעפּען. עס האָט מיר טאַקע דערלאַנגט, ווי מיט אַ גילדערנער פייל, גלייך אין האַרצן. אויפן באַרג אויבן האָט געפלאַטערט אַ יידיש פאָלקסליד, וואָס האָט געצילט גלייך צו מיר אין האַרצן מיט אַ גאָלדענער פייל, געוויקלט אין סאַמעט און אין זיידנס. דאָס יידישע פאָלקסליד איז געווען, פאַרשטייט זיך, אַ גאָלדענע פאַווע, וואָס איז געפלויגן, געפלויגן און געזונגען.

קעניג קאַזשמיערזש האָט געטראָגן אַ פּאַפּירענע פּורים־קרוין און האָט געהאַט אַ זיידענע באָרד. ער איז געווען אַ ביסל טי־פּעשעוואַטע און האָט געכאַפּט דאָס אָנבליק פון קעניג אחשורוש. אָבער ער איז געווען אַ פייערדיקער פאַרליבטער, וואָס האָט געטראָגן דאָס יידישע מיידל אַרויף, אַרויף, העכער און העכער, וואו מען האָט נאָר־וואָס געהאַט פאַרענדיקט די לופט־שלעסער. אונטן איז געשטאַנען מרדכי און זיך געקראַצט פון גרויס הילפ־לאָזיקייט. אַ בעלנות זי צו פאַרטראָגן אַזוי הויך, מען קאָן דאָך

בלייבן אָן אָטעם קלעטערנדיק. אסתר׳קע אַליין האָט גאָר־נישט געזאָגט. זי איז געלעגן אַ פֿאַר׳חלש׳טע אין קעניגס אָרעמס. זי איז געווען פֿאַרפֿומירט ווי אַ פֿסאָמביקס. דוכט זיך, זי איז געווען נאַקעט, אָדער גיכער דריי־פֿערטל נאַקעט, ווייל דאָס לעצטע פֿערטל האָט קאַזימיערזש מיט די אייגענע הענט געוואָלט אַרונטערציטערן. און אין די לאַנגע טעג, ווען דער קעניג האָט געקיניגט ערגעץ ווייט, האָט אסתר׳קע אַרונטער־געקוקט מיט בענקשאַפֿט צום פֿלומפּ, צו די פֿאַרשוואַרצטע הייזער און צו אירע ברידער. ביינאַכט האָט זי צעפֿלאָכטן אירע צעפּ און געזונגען: גיי איך מיר אַרויס אויף דעם גאַניקל דאָס שטעטעלע באַקוקן. אין אַזעלכע טרויעריקע וואַרטענישן אויף דעם קרול, מיט דער זיידענער באָרד, האָט זי צוגעבונדן אַ בריוועלע צום סאַמע עק פֿון דער גילדענער פֿאַווע, דאָס ברי־וועלע איז געווען געשריבן צום יידישן פֿאָלק, נאָך וועלכן דאָס האַרץ איז איר אויסגעגאַנגען פֿונוויטנס. אָבער דעם קרולס כישוף־מאַכער האָט געמאַכט אַ שטורם־ווינט און פֿאַרבליצט און פֿאַרדונערט די גאַנצע געגנט. די גילדענע פֿאַווע האָט אין דעם בייזן געוויטער נישט געקאָנט טרעפֿן צום יידישן פֿאָלק און דאָס בריוועלע איז איר אַרויסגעפֿלויגן פֿון עק און פֿאַרפֿאַלן געוואָרן.

שפּעטער זיינען מיר געשטאַנען אין אַ טונקעלער וואוינונג און איבערגעקוקט דאָס צווייפֿלהאַפֿטע בריוועלע, וואָס אסתר׳קע האָט געשיקט צו איר פֿאָלק. אַן אַלטער ייִד האָט פֿאָרזיכטיק אויפֿגעשלאָסן אַ שאַנק און אַרויסגענומען עטלעכע געהאָפֿטענע מענטעלעך, עטרות און זילבערנע יד׳ן, וואָס די אַוועקגעגאַנגענע אָדער אַוועקגעשלעפּטע טאָכטער האָט צוגעשיקט. דער אַלטער האָט דערציילט, אַז די קאָנצעסיע האָט ער גע׳ירשנ׳ט פֿון זיין טאַטן און זיין טאַטע האָט עס נאָך געקראָגן פֿון זיידן. די אַלע טייערע חפצים געהערן צו דער קהילה, אָבער די קהילה אנער־קענט די חזקה, וואָס ער האָט אויף די אַלע היסטאָרישע אַנטיקן. ער האָט מיר געוויזן די אויסגעהאָפֿטענע גאָלדענע און זילבערנע אותיות אויף די מענטעלעך און מיר איבערגעגעבן, אַז אַ באַ־רימטער יידישער שרייבער פֿלעגט ביי אים טאָגן און נעכטיקן.

יענער האָט זיך פּשוט ניט געקאָנט אָפּרייסן פון דעם הייליקוואַרג און, הלמאי זאָל ער לייקענען, יענער שרייבער האָט עס אַזוי ליב געהאַט, אַז מען האָט אים געמוזט קוקן אויף די פינגער, אוים מורא אַז ער וועט עפּעס צרונטערקנייטשן. דאָס איז אַפילו נישט קיין גנבה, דאָס איז שוין אַ ליידנשאַפט אַזאַ, ווי הייסט עס, קלעפּיקע פינגער, און, צוריקגעשמועסט, ווער קאָן ביישטיין דעם יצר הרע, ווען מען האַלט אין די הענט אַ מענטעלע, וואָס אסתר׳קע אַליין האָט אָנגערירט מיט אירע מלכה׳דיקע פינגער.

ווען איך האָב אים דערלאַנגט עטלעכע זלאָטעס, האָט ער געזאָגט, אַז ער איז נאָך נישט פאַרטיק מיט אונדז. ער האָט אונדז גענומען פירן עטלעכע הויפן, ביז ער האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ שול, וואָס איז נאָך עלטער פון זיין אסתר׳קע. וויפיל מאָל קעניג קאַזמיערזש איז געווען אין דער שול זאָלן מיר אַלע פאַרמאָגן די טויזנטער, האָט ער אונדז ביידן געוואָלט רייך מאַכן. ער האָט אונדז אַריינגעפירט אין דעם ספּעציעלן צימערל, וואו עס זיינען אַמאָל פאַרגעקומען ברית מילה׳ס, ער האָט אונדז געוויזן די רחבות׳דיקע שטול פאַר דעם סנדק, וואָס האָט געהאַלטן דאָס קינד ביים יידישן.

דער עיקרשט זאָל איך נישט פאַרגעסן, אַז זיין טאַטע, וואָס איז אויך געווען שמש פון שול, איז אַליין געווען אַ שטיק שם־דבר. יענער יידישער שרייבער האָט אים גוט געקענט. ער פלעגט קומען צו אים און ביי אים אַרויספּלאַדערן געגנוג מעשות. דערנאָך האָט ער זיי באַשריבן אין די גאַזעטן און מענטשן האָבן געלעקט די פינגער. צי ער אַליין האָט אַמאָל געגלייבט יענע מעשות? חלילה, דער קאָפּ איז פאַרדרייט מיט דאגות. אָט איז איינע פון זיינע גרעסטע דאגות.

אַ מיידל מיט שעמעוודיקע שוואַרצע אויגן, און דוקא מיט אַ געשוירענעם קאָפּ האָר, איז צוגעקומען.

— טאַטע, האָסט דעם שליסל? עס זיינען געקומען עטלעכע מענטשן, וואָס ווילן זען די אַנטיקן.

דער שמש איז געבליבן שטיין און זיך געגעבן אַ מעלאָדראַמאַטישן פּאַטש איבער אַ הויזן־קעשענע, ווי ער וואָלט גע־

וואָלט, אַז דער וויכטיקער שליסל זאָל פאַרלוירן גיין און עס זאָל זיך נעמען טאָן אַ ביסל. אָבער ער האָט אים גלייך געפונען און עס דערלאַנגט דער טאָכטער.

— שלים דערוויַיל אויף, איך קום באַלד אַריין. קאָנסט דערוויַיל אָנהויבן דעם שפּיל.

זי איז אַוועק אַ טרויעריקע. דער טאַטע איז נאָך געבליבן שטיין אַ וויַיל און דערלאַנגט אַ זיפץ, וואָס איז געקומען פון אַזעלכע טיפענישן, וואו עס ליגן נאָך אַלע נישט-מקוים-געוואָרענע תּפילות פון די לעצטע ימים-נוראים.

— ווי איר קוקט זי אָן איז זי פּונקט אַזאַ יפת תּואר ווי אסתּר׳קע. הענט האָט זי גאָלדענע. איך זאָל אייך וויַיזן איר אַרבעט, איז עס אַזוי אינטערעסאַנט, ווי די אַלע מענטעלעך. אַמאָל וואַרף איך פאַר טשיקאַוועשטש אַריין אירם אַ געהאַפטן שטיקל צווישן די אַלטוואַרגן און מען באַוואונדערט עס נאָך מער פון דעם גאַנצן אוצר. אָבער חתנים קריגן אַנדערע, און פאַרוואָס מיינט איר, וויַיל זי איז אָן אויסקלייבערין. האָט פליי אין דער נאָז. מען וואָלט געמאָגט שווערן, אַז זי זיצט טאַקע און וואַרט אויך אויף אַ קרול, וואָס זאָל זי נעמען פאַר אַ קעפּס-וויַיב.

נייפעלד האָט מיך פאַרהאַלטן און מיך אומדערוואַרט אַריינגעפירט אין אַ שוסטערשן וואַרשטאַט. די שוסטער-שטול איז געשטאַנען ליידיק און איבערן וואַרשטאַט האָט זיך געפילט אָן איינגעגעסענער געררוך פון לעדער. פון אַ צווייטן צימער איז אַרויסגעקומען אַ מאַן מיט אַ קליין ברוין בערדל און טיפע אויגן. ער האָט געהאַט אַ שטאָלצן גאַנג און ער האָט אָפּגעגעבן נייפעלדן שלום ווי אַ גלייכער אַ גלייכן.

— פאַראַן עפּעס אַרבעט? — האָט אים נייפעלד געפרעגט.

— גאָט צו דאַנקען, אַז נישט, — האָט דער מאַן געענטפערט מיט אַ שמייכל.

פינף קינדער, דריי מיידלעך און צוויי אינגלעך, אומגעפער אין עלטער פון דריי ביז צען, האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום אים. אַלע פינף זיינען געווען ענלעך, צוויי טראָפּן וואַסער, צום

מאַן, וואָס איז איצט געשטאַנען אינמיטן, ווי דער גרויסער בוים אין אַ סאָד.

— דאָס האָב איך אָפּגעשפּאָרט פון מיין גאַנצער אַרבעט, — האָט דער שוסטער געזאָגט און אויפגעהויבן פאַרגלעטע הענט מיט געפאַרבטע פינגער און איינגעשוואַרצטע נעגל צו דער סטעליע, — אָן עין־הרע.

— און וואָס הערט זיך מכוח קונסט, רב שמואל ?

— נישט צו פאַרזינדיקן, ברוך השם, — האָט ער געזאָגט מיט אַ פרום פנים און מיט אַ ווירדיקן קאָפּ, וואָס האָט זיך אַליץ געריסן העכער.

ער האָט געקוקט אויף דעם שוויגנדיקן נייפעלדן און ער האָט זיך אָן אַ וואָרט געלאָזט גיין אין צווייטן צימער. מיר זיינען אים נאָכגעגאַנגען מיט אַ ליכטיקן נייגיר. ער האָט גע־נומען אויספּאַקן פאַרשטויבטע בילדער און אָנגעצונדן דאָס פינצטערע הויז מיט פאַרכמאַרעטע זון־אויפגאַנגען און רויט־בלויע פאַרגאַנגען, מיט קרומע געסעלעך און אַלטע ציגל, מיט הויז־פאַרב, וואָס בלויז אַלט־איראָפּייאישע הייזער פאַרמאָגן — איינגעטונקלטע געלן, וואַסערדיקער ראָז, און אַ גרוי, וואָס איז די קאָליר פון שפּינוועב, — הייזער, וואָס קוקן־אויס ווי אויס־געגראָבן און רעסטאַוורירט און האָבן שוויגנדיקע פאַרבן, וואָס טונקלען אַלעמאָל מיט אַ ליכט פון ערב־רעגן.

ער האָט אויפגעראָלט די בילדער, געמאָלן אויף שלעכט פּאַפּיר, ער האָט אונדז געוויזן יידן מיט פנים׳ער, ווי די אַלטע ציגל. עס האָט גענומען אויסזען ווי אַ שנעלער פילם פון אַ וויי־טער וועלט. האָב איך דאָס אַליץ געזען ? יאָ און ניין. די אַלע הייזער און די אַלע מענטשן האָבן מיר אויסגעקוקט באַקענט, אָבער דאָס זיינען געווען נישט די הייזער, וואָס איך האָב געזען איצט מיט וואָכעדיקע אויגן, נאָר דאָס זיינען געווען די זעלבע הייזער, וואָס איך האָב אַמאָל געזען מיט קינדישע אויגן, ווען איבער די איינגעקויטיקטע מויערן האָט געפלאַטערט דער וואַ־כער שלאָף פון אַ קינד, וואָס האָט געהערט געזאַנג אַפילו אין

די בראָמען, וואו עס האָט אייביק גענעצט און געשמעקט מיט דעם עסיק פון שתנה, פון ווער ווייסט וויפיל דורות.

אויך ער, דער שוסטער, האָט דאָס אַלץ געמאָלן איצט, אָבער מיט דעם וואונדער פון זיין קינדישן חלום. איך האָב געפעדימט געדאַנקען וועגן דער קינדישקייט פון קונסט און וועגן דעם ווערט פון אָנהאַלטן די קינדישקייט וואָס לענגער, ביז קונסט ווערט דער עסענץ פון איצט, מיט שאָטנס אָדער וואָרצלען פון דערמאָנונגען, טאַקע רעאַליסטיש, קלאָר און צווייי-מאָל-צווייאיק, אָבער דורכגעזאַפּט מיט דער טרויעריקייט פון אַ בענקשאַפט נאָך דעם אייביק יונגען צוריק. אָט די בענקשאַפט גיט וואונדער צו דער וואָרהאַפטיקייט, וואויל איז דעם וואָס זעט די רעאַליטעט אַ טרויעריקע, נישט אַ דערעסלעך-טרויערי-קע, נאָר אַ קינדיש-טרויעריקע, מיט דעם אָפּטימיסטישן טרויער, וואָס אין שרעק פאַר דעם טויט, גייט ער פונדעסטוועגן שטאַלץ פאָראויס צו אַ סך לעבעדיקע יאָר.

אַזוי האָבן גערעדט צו מיר רב שמואל׳ס בילדער. ער אַליין האָט איצט דערציילט, ווי ער איז שיר נישט געוואָרן דאָס צווייטע וואונדער אין קוזמיר. די פּוילישע צייטונגען האָבן שוין געשריבן וועגן אים צענדליקער באַשרייבונגען, וועגן שמול דעם שוסטער, וואָס איז אַ מאָלער פון דער געטאָ. קומט מען זיך צוזאַמען אויף בייז וואונדער און מען קוקט אויף אים מיט אַ ווערדליג. ווערדליג אַ שוסטער איז ער אַ גוטער קינסטלער, אָבער מען קויפט ביי אים זייער ווייניק און מען לאָזט אים ווידער איבער מיט די געלאַטעטע שיך. אַמאָל האָט זיך אַ קריסט פאַראינטערעסירט און אים אויסגעהאַלטן אַ גאַנץ יאָר. האָט ער טאַקע אַ גאַנץ יאָר געמאָלט, אָבער דער אויבערשטער האָט דעם קריסט צוגענומען און איצט איז זיין איינציקע האָפנונג ארץ ישראל. אין ארץ ישראל וועט מען אַ יידישן קינסטלער נישט לאָזן פאַלן. מען וועט אים אויפהייבן פון מיסט און אים דערהויבן.

דער שוסטער איז צוריק אַריינגעגאַנגען מיט אונדז אין דעם וואַרשטאַט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שוסטער-

שטול, אַנגעטאָן אַ זאַק־פּאַרטוך און גענומען קלאַפּן טשוועקעס אין אַ פּאָדעשווע. ער האָט דאָס געטאָן מיט אַ מינע, ווי ער וואָלט אונדז געוואָלט ווייזן, צו וואָס אַ קינסטלער קאָן דערגיין.

— השם יתברך וועט נאָך העלפן, — האָט ער געזאָגט מיט אַ זיפץ, — נישט וואָר, יאַנקעל? — האָט ער זיך געווענדט צו איינעם פון זיינע קינדער.

ער האָט אויסגעזען צו זיין דער סאַמע עלטסטער, פון אַ יאָר צען. ער האָט פאַרגלייזט די אויגן און געזאָגט מיט אַ זיפץ, ווי אַן אַלטער. דער זיפץ און די ווערטער האָבן פאַרמאָגט די ווירטואָזיטעט פון אַ וואונדער־קינד, וואָס שפּילט אויף אַן אַלטן, יידישן סטראַדיוואַריוס.

— מיר האָבן אַ גאָט אין הימל.

— אָט דאָס זאָג איך אויך, — האָט דער שוסטער פאָ־טאַקעוועט דעם זון, — דאָס איז מיין בכור, ער זאָל לעבן און געזונט זיין, מיין עלטסטער טאָפּ לאָקשן. איך האָב בטחון אין רבונו של עולם.

ער האָט אַריינגענומען עטלעכע טשוועקלעך אין מויל און זיי געהאַלטן צווישן די ליפּן אַ ווײַלע. ער האָט זיי געבאַפּט איינציק־ווייז און זיי אַריינגעשלאָגן מיט צוויי האַמער־קלעפּ.

— איך מוז מודה זיין, איך בין אַ פרומער ייד, — האָט ער געזאָגט און זיך אַ ביסל פאַרטראַכט.

— איך וועל זיך שוין אויך מודה זיין, אַז איך בין פרום אויס מורא. נישט אַזוי אויס מורא פאַר דעם רבונו של עולם, נאָר, איך זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד, אויס מורא דערפאַר, אַז איך זאָל ווערן אויס קינסטלער. איך האָב אַ געפיל, אַז די פרומקייט און די קונסט זיינען דאָס זעלביקע. פאַרליר איך די פרומקייט, פאַרליר איך די קונסט. מיין האַלטן דעם פּינזל אין דער האַנט האָט אַ סך צו טאָן מיט מיין פרומקייט. ווען איך וואָלט געווען אַן אַפּיקורס, וואָלט איך געווען נישט מער ווי אַ שוסטער. מיין קענען מאָלן ציט יניקה פון מיין אמונה אין אַ בורא עולם, פון דעם אַז עס איז דאָ אַן השגחה און אַז עס איז נישט הפקר. ווען איך וואָלט חלילה געטראַכט, אַז עס איז הפקר,

וואָלט איך נישט געמאָלט קיין בילדער. נישט אַזוי יאַנקל?

— דער טאַטעשי האָט רעכט, — האָט ער ווידער געענט־פערט מיט אַ ווירטואָזן פאַרקנייטשן דעם שטערן.

ווען מיר זיינען אַרוים פון שוסטערס וואַרשטאַט האָט מיר נייפעלד באַמערקט, אַז מיר האָבן שוין געזען אַ גרויס שטיק פון קוזמיר.

— ווען איך בענק נאָך דעם מערקווירדיקן שטעטל ווייס איך אייגנטלעך נישט, צי איך בענק נאָך דעם שטעטל, אָדער נאָך די עטלעכע מענטשן, וואָס זיינען אַליין שטיקער לעגענדע, וואָס האָבן איינגעזאַפּט אין זיך אַ טייל פון גרויסן וואונדער. אָט, די פאַרשוואַרצטע גאַס, מיט די עטלעכע געוועלבלעך, מיט די עטלעכע לאַמעדוואָווניקעס, זיינען די בענקשאַפט אַרויף צום באַרג, וואו די לעגענדע אַליין שטייט אַ נאַקעטע און כאַפּט אַ ציטער, ווי אין אַ פרעסטל. איך וועל אייך געבן אַ צומביי־שפּיל: אויבן איז שוין שבת, און דאָ אונטן איז אַ שטענדיקער פרייטיק־צו־נאַכטס, אָדער בעסער, אַ פרייטיק אָוונט, ווען עס נעמט אַנטונקלען די פינצטערע הייליקייט, וואָס הויבט זיך אָן צו לייגן אויף די לאָדנס פון די קראָמען, אויף די שויבן פון פענצטער און אין די אויגן פון קליינע, שרעקנדיקע אינגלעך. דאָ וואַרט מען כסדר, אַז מען זאָל בענטשן ליכט, אָבער עס איז אייביק אַזוי־אַ ערב־שבת׳דיק. פאַראַן דאָ אַ סך מענטשן, וואָס האָבן אויסגעלעבט אַ גאַנץ לעבן און קיינמאָל אויף דעם באַרג נישט אַרויפגעקלעטערט. לאָמיר אייך געבן אַ באַנאַלן משל: אויבן שטייען די רואינען פון דעם שכולו טוב, אונטן בלאָנ־דזשעט־אַרום אַ פאַרפינצטערטע בענקשאַפט; אויבן איז דער פאַרענדיקטער פינף־ אָדער זיבן־יאָר־פּלאַן, און אונטן שלעפּטשעט מען נאָך פון מויל צו מויל דאָס געהיימע וואָרט רעוואָלוציע.

—גיט אַ נעם דעם שוסטער רב שמואל, — האָט נייפעלד מיר ווייטער מסביר געווען, — איז ער נישט אַליין אַ שטיק בענקשאַפט אַרויף צום באַרג אויבן? אַ שוסטער, וואָס איז נעבעך באַפאַלן מיט אַ ווייב און קינדער און מיט טאַלאַנט צו מאָלן — אומזיניקע קאָנטראַסטן. און ביידערליי פליכטן פירט

ער דורך ווי נאַר אַ ייד קען. קיין איין פליכט פוילט נישט אונטער אין אַ באַהעמיש געמויזאכץ. ער שוסטערט און מאָלט און האַפט צום רבונו של עולם, אַקוראַט ווי די באַהאַלטענע צדיקים פון אַמאָל, וואָס האָבן געטראָגן אויף די פּלייצעס די וואָך מיט אירע דאגות און די גרויסע בענקשאַפט נאָך אַ נס פאַר כל ישראל.

— ווייל וואָס איז אייגנטלעך געשען אין קוזמיר? — הערט וועט איר פאַרשטיין. דער ייד האָט זיך געהאַט זיין פאַרפינצטערט שטיק אייגנס און דער גוי האָט זיך געהאַט זיין לעבן. מיר זיינען אַלעמאָל דערגאַנגען ביז צו דער ראַגאַטקע. נאָך דער ראַגאַטקע ליגט דער טויט. אַ גרויסער בית-עולם מיט זיידע-באָבעס, דאָס הייסט, כאַפּ זיך אַ שפּאַציר ביז צו דער ראַגאַטקע און קום צוריק, ווייל דו זעסט דאָך שוין מיט וואָס דאָס שמעקט? מיט קברות-בלעטלעך. אָבער דאָס פאָלק האָט באַשאַפן אַ צווישנגרענעץ לעגענדע, וואו עס קומט זיך צוזאַמען אונדזערס אַ טאָכטער מיט זייערס, נישט אַנדערש ווי אַ קעניג. דאָרט אויף דער צווישנגרענעץ רעדט מען אַפילו נישט וועגן חופה וקדושין. האָט אסתר'קע, די יידישקע, חתונה געהאַט, אָדער האָט זי דער קעניג באַרירט אַן אַ יידישן הרי-את? קיין ייד וויל נישט דירעקט זיך צורירן צו דער מאָראַלישער זייט, אָדער-גוט-יידישלעכער זייט פון דער לעגענדע. עס איז גענוג, אַז מיר יידן האָבן געשאַפן אַ מעגלעכקייט, וואו מיר ווערן שטיקלעך מחותנים מיט זיי, און נישט מיט אַ ליאַדע אַנטעק, נאָר מיט דעם קעניג, וואָס ווערט שוין, פאַרשטייט זיך, אַן אוהב ישראל. מיר האָבן אויסגעגעבן אַ טאָכטער, אַרויסגעשיקט זי ווי אַן אַמבאַסאַדאָרשע, און מיר פרעגן נישט קיין קשיות. אָבער אמת פרומע יידן זיינען גאָרנישט אַזוי שטאַרק להוט צוצוגיין נאָענט צום ענין. אַט זאָל זיך אַרומוואַלגערן אין טאָל אַ מעשה וועגן אַ יידישער טאָכטער מיט אַ פּוילישן קעניג.

# V

נייפעלד האָט מיך גענומען אַרויספירן פון דער הויפּט־גאַס. איך האָב געכאַפּט אַ קוק אויף דעם פּערדל אונדזערס, וואָס איז נאָך אַלץ געשטאַנען לעבן פלומפּ. דער באַלעגאָלע איז געזעסן אויף אַן איבערגעקערט פּעסל און געצויגן אַ שמועס מיט אַ וואַסער־טרעגער, וואָס איז געשטאַנען מיט די אָשעם און מיט פולע, איבערגעגאָסענע קאַנען וואַסער. די גאַסן, וואָס האָבן געפירט אַוועק פון דעם פּלאַנעטן־סיסטעם אַרום פּלומפּ, האָבן נישט געהאַט קיין סימן פון פאַר׳חושכ׳טקייט, כאָטש זיי זיינען געווען שמאָל און האָבן זיך געשלענגלט באַרג אַראָפּ. אָבער ווי טיף און טאָליק די גאַסן זיינען נישט געלעגן, איז דער באַרג אויבן געווען אַ טייל פון דער טאָליקייט. מען האָט אים געזען און געפילט זיין גרינע פרייל עכקייט, וואָס האָט אַרונטער־געפלייצט מיט שטיקער זון און שאָטן אויף די בנעימות׳דיקע הייזלעך, אויף גערטנדלעך מיט די געדעקטע טישן, וואו פריי־לעכע און זומערדיקע פּאַרלעך זיינען געזעסן און געגעסן.

— עס איז דאָ זייער שיין, — האָב איך נייפעלדן געזאָגט דאָס סאַמע פּראָסטסטע וואָס איך האָב אים געקאָנט זאָגן.

— איך האָב שוין מורא צו רעדן, כדי איך זאָל אייך נישט דערסען, ווי אַ פּראָפעסיאָנעלער פירער, אָבער איך מוז אייך זאָגן, אַז איך בין שוין אַרומגעפאָרן אין אויסלאַנד און געזען אַ סך שענערע זומער־פּלעצער, געזען שענערע און העכערע בערג, אָבער — אָבער דאָ איז אַן אַנדער סאָרט שיינקייט.

צענדליקער יונגעלייט און יונגע מיידלעך זיינען געגאַנגען אינמיטן גאַס און גערעדט אויפן קול. עטלעכע מיידלעך האָבן גערויכערט מיט אַ מענערשער געניטקייט. זיי זיינען אַלע גע־ווען באַלאָדן מיט פּעק, אָבער זיי זיינען געגאַנגען פלינק, ווי די שווערקייט וואָלט זיי לייכטער געמאַכט דעם וועג.

— דאָס זיינען אונדזערע מאַלער־פּילגרימען, וואָס קומען זיך צוזאַמען אַהער פון גאַנץ פּוילן. וואו פּוילן האָט נאָר אַ ווינ־

קעלע, און וואו דאָס ווינקעלע האָט נאָר אַ שטיקל מאַלער, מוז ער זומער קומען עולה־רגל זיין קיין קוזמיר. קוזמיר לאָזט זיך מאָלן און באַמאָלן פון טויזנטער ערטער, — האָט מיך נייפעלד אויפגעקלערט.

ווען מיר זיינען אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, האָבן מיר טאַקע געזען, ווי אין סאַמע מיטן גאַס איז געשטאַנען אַ יונגער־מאַן, פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, מיט אַ יונג, אויסגע־כאַוועט בערדל, מיט אַ בערעי און מיט מאָדנע ברייטע הויזן און געמאָלן די ערשטע פלעקן פון אַ לאַנדשאַפט. ווייזט אויס, אַז אים איז געגאַנגען אין מאָלן אַ בוים, וואָס האָט אויסגעזען אַלט און שוואַך־באַבלעטערט. דער בוים האָט געהאַט ריזיקע צווייגן, וואָס זיינען געווען צעקרומט און צעפלאָכטן, ווי אַלטע צעפּאָרענע הענט פון אַ פרוי וואָס ליידט פון אַרטריטיס. לעבן אים, אינמיטן גאַס, זיינען געזעסן צוויי מיידלעך אויף אויפ־שטעל־בענקלעך. זיי האָבן דעם מאַלער ממש געקוקט אין די הענט אַריין, געראַיכערט, געשפּיגן און געשוויגן.

מיר זיינען אַזוי דערגאַנגען ביז צו אַ צעגאָסענער ליכטיקייט, וואָס האָט פּשוט פאַרבלענדט די אויגן.

— מיט דעם קוק אויף דער קעניגין וויסל ענדיקט זיך אונדזער עקסקורסיע איבער דער נידער פון קוזמיר. איצט זיינען מיר שוין גרייט אַרויפצוקלעטערן. אָבער, נישט געאיילט, איר מעגט זיך אָפּרוען אַ ביסל. די וויסל האָט זיך היי־יאָר נישט אויפגעפירט, ווי עס באַדאַרף צו זיין. איר ווייסט דאָך, מיר האָבן געהאַט דאָס גרעסטע פאַרפלייצעניש אין הונדערט יאָר, אַזוי האָבן געשריבן די צייטונגען. איר קאָנט נאָך זען די סימנים. דעם ברעג זעט מען נאָך נישט אַרוים, ווייל דאָ איז אַלץ פאַר־גאָסן. די געפערלעכע גאָס־רעגנס האָבן אָנגעטאָן גרויסע שאָדנס. די וויסל האָט אַוועקגעשלעפּט הייזלעך, בהמות און אַפילו מענטשן. איר זעט דאָרט־אָ, וואו עס סטאַרטשן־אַרויסביימער, מ׳קאָן מיינען אַז דאָס איז וויסל, אָבער דאָס איז אַלץ פאַר־גאָסענע ערד, וואָס מען וועט ערשט אַרויסזען אין עטלעכע טעג אַרום. דערווייל לאָזט דער טייך נאָך נישט צו נאָענט צו זיך.

ביים טייך זיינען געזעסן צענדליקער מענטשן און זיך געוואָרעמט אויף דער זון.

— אַז איר וועט זיך גוט איינקוקן, — האָט מיר נייפעלד אָנגעוויזן, — וועט איר זען פּאַרפּלייצטע בענק. די בענק זיינען געשטאַנען נאָענט צום ברעג, האָט זיי דער געוויסער אינגאַנצן פאַרדעקט, אָבער דער טייך נעמט שוין אָפּגיין.

אינמיטן ווייסל האָבן זיך געטראָגן ביימער, שטיקער ברעטער און קליינע קאָלאָניעלעך גראָז. זיי זיינען געשוואומען מיט דער רואיקייט פון קאַטשקעס. ווער ווייסט ווענעמס חרוב'ע הייזער די רואיקע ווייסל האָט געפירט, ווער ווייסט וואו עס שטייט איצט אַ פּויערל און וויינט.

דער טייך האָט אויסגעזען ווי צעשמאָלצן שטאָל. אויף יענעם זייט ברעג האָבן זיך געזען די גרין־געלע רוקנס פון וועלדלעך, וואָס זיינען געווען אַ טייל פון באַרג. אויפן באַרג האָבן געגלאָצט אַ ביסל משופּע'דיק די חורבות פון אסתר'קעס שלאָס. עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט־אָט און זיי וועלן אַריינקראַכן אין דער ווייסל און די גזלנ'טע וועט אפילו נישט אַ באַוועג טאָן מיט אַ ברעם, נאָר זי וועט אָוועקטראָגן רואיק די לעצטע קרישקעס פון אַ לעגענדע.

אויבן אויפן באַרג האָט זיך געשפּרייט אַ קילע גרינקייט, אָבער אין טייך האָט זיך געוואָלגערט די גאַנצע זון, וואָס האָט זיך צעפּלייצט אין אַ בלאַט־וואַסער און באַדעקט די ווייסל מיט בלענדנדיקער שפּיגלדיקייט, אויף וואו וויט דאָס אויג האָט נאָר געקאָנט זען. אַפילו די שטיקלעך ברעטער און ביימער זיינען געשוואומען אין זון.

— מיר וועלן מאַכן אַ שטיקל הפסקה, — האָב איך געזאָגט נייפעלדן — צווישן דער נידער און דער הויך. עס איז צופיל. לאָמיר זיך צוזעצן אין אַ גערטנדל, דערביי, און זופּן אַ קילן געטראַנק.

— מהיכא תיתא, ביי מיר האָט איר גע'פּועל'ט. מען דאַרף נישט באַפּן, נאָר ביסלעכוויז אַלץ פאַרדייען. אגב, ווי אַזוי האָט איר פאַרדייעט די געבראָטענע קאַטשקע?

איך האָב אויף אים אַ קוק געגעבן און דערזען זיין צע־שמייכלט פּנים, וואָס האָט איצט אויסגעקוקט אַ ביסל שטיפעריש.

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, אויב איר וועט מיך נישט האַלטן פאַר קיין פרעסער, אַז מיך הויבט שוין אָן צו הונגערן. — ער האָט אַרויסגענומען דעם זייגער — כאָטש עס איז ערשט אַ פערטל צו צוועלף. איצט וועלן מיר זיך שוין נישט לאָזן פירן פון דעם באַלעגאַלע. פאָלגט מיך, מיר וועלן אַריינגיין אין אַ גערטנדל און מיר וועלן עסן אַ היימישן יידישן מאַלצייט, מיט אַ זופּ, און טאַקע מיט אַ שטיקעלע הערינג פאַר אַ פאַרשפּייז, אפשר גאָר מאַרינירטן הערינג. קאָן זיין, אויב מיר וועלן האָבן מזל, וועלן מיר עסן אַ הייסן קרויט־באָרשטש. פאַראַן דאָ אַ יידענע, וואָס מאַכט אַ גאָלדענעם קרויט־באָרשטש, מיט אַ מאַרך־ביין. זי האָט אַ שם אויך פאַר איר פעטן צימעס מיט אַ טייגל. אירע מאכלים זיינען טעם גן־עדן. מיר וועלן זיך זיצן אינדרויסן, אָדער אין אַן אַלטאַנקע, און הנאה האָבן פון גאָטס דרויסן. וואָס וועט איר זאָגן דערצו?

איך האָב אים דערקלערט, אַז וואָס מער ער רעדט, אַלץ הונגעריקער ווער איך, און טאָמער פירט ער מיך נישט גלייך צו דער יידענע מיט דעם קרויט־באָשטש, וועל איך פאַלן פון הונגער.

— אויב אַזוי, זענט איר אַ בראַט. — ער האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן ביי דער האַנט און דער גאַנצער שווערער און ברייטער מענטש האָט גענומען לויפן מיט דער פלינקקייט פון אַ קליין אינגל.

אינמיטן לויפן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיר געזאָגט מיט אַ באַזאָרגט פּנים:

— איך מוז אייך וואָרענען, אַז איר זאָלט צו מיר נישט האָבן קיין פּרעטענזיעס, אויב די יידענע וועט היינט נישט האָבן קיין קרויט־באָרשטש. ווייל דאָס איז שוין אַ מזל־זאַך, אַמאָל טרעפט מען און אַמאָל זאָגט זי, אַז ווען מען קומט נעכטן וואָלט עס פּונקט גוט געווען. עס ווענדט זיך צי היינט איז היינט, אָדער היינט איז נעכטן. — און ער האָט אויפגעהויבן די הענט

צום הימל, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַ נס. — אָפּגעמאַכט? איך האָב אייך קיין קרויט-באַרשטש נישט צוגעזאָגט און בין אייך קיין קרויט-באַרשטש נישט שולדיק.

זיין ברוין, געשטופּלט פּנים איז איצט געווען איין שטיק געלעכטער. אין דער מינוט איז ער מיר נאָענט געוואָרן, ווי אַ ברודער.

— אויף מיין וואָרט, אַז איר וועט מיך איצט נישט פירן עסן — זאָל שוין אַפילו זיין קיבעבע — וועל איך אייך ממית'ן.

— אַזוי זאָלט איר רעדן, אַזוי זענט איר אַ בראַט. — ער האָט מיך ווידער אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט און געלאָפן.

די יידענע האָט געהאַט גאַנצע צוויי וואָרצלען אויף דער נאָז, פון איינעם האָבן געשפּראָצט האָר. נייפעלד האָט נישט אַנדערש געוואָלט האָבן, אַז זיי זיינען חנ'עוודיקע וואָרצלען. דעם חן האָט ער געזען אין דעם, וואָס זיי געהערן נישט צום מין פּראַקטישע וואָרצלען, וואָס פאַרמירן זיך אויף דער עלטער, בכדי די ברילן זאָלן זיך בעסער האַלטן אויף דער נאָז. די וואָרצלען זיינען אויסגעקומען אויף ביידע זייטן און האָבן דער דיקער נאָז געגעבן דעם אויסזען פון אַן אייגנאַרטיקן געוויקס.

אָבער דערפאַר האָט זי געהאַט הענט, וואָס זיינען געווען די אמת'ע אשת-חיל'דיקע. גוטע, מוטערלעכע הענט, וואָס קענען קאָכן, באַקן, וואַשן פּאַדלאָגעס, אַרויסבאַגלייטן דעם חמץ, אַריינפירן דעם פּסח אין יעדן ווינקעלע, הענט וואָס קאָנען פאַרווישן די וואָכעדיקייט און ברענגען דעם שבת, וואָס קאָנען צוואָגן קעפּ, וואַשן גרעט, אַרויספירן קינדער פון מאַזלען, פּאָקן און שקאַרלאַטינע. די האַלב-נאַקעטע הענט זיינען געווען פעט אָבער שטאַרק, מער מאַמעדיקע ווי ווייבלעכע, זיי האָבן געהאַט אַ פריילעכע באַוועגלעכקייט און אַרויסגערופן צוטרוי צום צעטל פון עסנוואַרג, וואָס זי האָט אויסגערעכנט.

מיר האָבן זיך געאייניקט אויף אַ געדישאַכץ, ווייל קרויט-באַרשטש האָט זי פּונקט נישט געהאַט. ווען קאָכט זי קרויט-באַרשטש? דאָס איז שווער צו וויסן, ווייל זי קאָכט נישט מיט אַ סדר, נאָר ווען עס פאַלט איר איין, אַז אירע חברה זיינען שוין

גענוג אויסגעהונגערט נאָך דעם. ווען זי זאָל נאָכגעבן אירע עסערם די שמד און זי זאָל זיי קאָכן וואָס זיי ווילן און ווען זיי ווילן, וואָלטן זיך די בעסטע מאכלים שנעל צוגעגעסן.

— כ׳על אייך זאָגן דעם אמת. איך קאָך גאַנץ אָפּט נישט קיין קרויט-באָרשטש צוליב מיין מאַן, ווייל יענער האָט אַן אמת׳ן יצר הרע נאָך דעם געקעכץ. ער פרעסט זיך אַזוי אָן דערמיט, אַז ביינאַכט מוז מען אים לייגן קאָכעדיקע שטאַרצן צום בויך און ער איז פאַרביי.

ביי אַ צווייט טישל איז געזעסן אַ מאַן מיט דעם פּראָפיל צו אונדז, אָבער דער פּראָפיל איז געווען איינער אין מיליאָנען. איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל אים אָט-אָט דערקענען. איך האָב שטאַרק געוואָלט, אַז ער זאָל זיצן אַזוי, מיט דעם האַלב-בלינדן אויגל, מיט דער לאַנגער גאָמבע און מיט דעם צע־פּלעטשטן אויער און נישט אומדרייען דאָס גאַנצע פּנים, כדי דאָס דערקענען זאָל זיין איבערראַשנדיקער.

מיין זכרון האָט איבערגעטאַשט טויזנטער, צענדליקער טויזנטער פּראָפילן און זיך אָפּגעשטעלט מיט טריאומף. איך האָב געגעבן אַ קנאַק מיט די פינגער.

— איר זעט יענעם-אַ, דעם מיט דער האַלבער באַק צו אונדז. איך האָב אים שוין נישט געזען איבער צוואַנציק יאָר. ער איז אַ מאַלער, מיינער אַ יוגנט-חבר. זיין נאָמען איז פאַר־שטאַנד.

— פאַרשטאַנד? פאַרשטאַנד? יאָ, ער האָט אַ שטיקל נאָמען צווישן יידישע מאַלער, — האָט נייפעלד געזאָגט טונקנ־דיק אַ שטיקל ווייס ברויט אין דעם געדישאַכץ. — עס לייגט זיך אויפן שכל, אַז דאָס איז ער, ווייל יעדער דריטער מענטש דאָ איז אַ מאַלער. אַזוי ווי איר זענט נישט קיין מאַלער, און איך אוודאי נישט, מוז ער זיין.

יענער האָט אומגעדרייט דאָס פּנים. ער האָט געהאַט ווייסע ברעמען און ווייסע וויעס, ווי זיי וואָלטן געווען געמאַכט פון חזיר-האָר. איין אויג איז געווען קלענער פון צווייטן. עס האָט אויסגעזען ווי דער שווערער קאָפּ האָט גראָד אַרונטערגעדריקט

דאָס רעכטע אויג, וואָס ער האָט בשום אופן נישט געקאָנט צעעפענען.

— אוודאי, איצט איז שוין קיין קונץ נישט אים צו דער־קענען, — האָב איך געזאָגט נייפעלדן און גלייך צוגעגאַנגען צום טישל און אים פאַרבעטן, אַז ער זאָל זיך מטריח זיין צו אונדז.

ער האָט זיך פלעגמאַטיש אויפגעהויבן פון זיין בענקל. ער האָט אויסגעזען אַ שווער־אָנגעגעסענער און אַ פאַרדרימלטער.

— איר האָט אויך געגעסן געדישאַכץ? — האָט אים נייפעלד באַגריסט, אויסווישנדיק דעם טעלער מיט אַ שטיק ווייס ברויט.

— דאָס איז אַלץ וואָס איר האָט געוואָלט וויסן? — האָט דער שווערלעכער מאַן געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט שוין געוואָלט צוריקגיין צו זיין אייגן טישל.

איך האָב געזען, אַז עס האַלט שמאָל, האָב איך אים שנעל געגעבן אַ פרעג, אויב ער איז פאַרשטאַנד, דער מאָלער.

דאָס האָט אים שוין אַ טראָפּעלע מער פאַראינטערעסירט.

אַקוראַט ווי איך וואָלט געטראָפן, האָט ער געזאָגט און זיך צוגעזעצט, אָבער ער האָט זיך בלויז האַלב צוגעזעצט. ער האָט זיך געזעצט מיט אַ מינע, אַז אויב עס וועט אים נעמען לאַנג־ווייליקן, וועט ער זיך גלייך אויפהויבן.

איך האָב אים גענומען דערמאָנען געמיינשאַפטלעכע יוגנט־פריינט, אים געזאָגט ווער איך בין, דערמאָנט אַמעריקע, דער־מאָנט אים אַפילו, ווי אַזוי ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט, איידער איך בין אַוועקגעפאָרן, און צי געדענקט ער דאָס בריוול, וואָס ער האָט מיר געשיקט, איידער די מלחמה האָט אויסגע־בראָכן, אָבער די מלחמה האָט אַרונטערגעלאָזט דעם פאָרהאַנג איבער אַלץ און דער ים איז געוואָרן אַ סמבטיון.

איך האָב געמוזט רעדן מיט אַן אויפגעלעבטקייט, ווייל איך האָב זיך צעוואָרימט דערמאָנענדיק זיך אין יענע טעג, ווען מיר אַלע האָבן אויסגעמאַסטן דעם זאַקסישן גאָרטן, אין דער לענג און אין דער ברייט.

ער האָט אויף אַלץ געזאָגט יאָ, יאָ, יאָ, אָבער די יאָס

זיינע זיינען געווען קאַלטע און נישט איבערצייגנדיקע. ווען ער האָט איינגעזען, אַז דער יאָ קומט־אַרויס אַ ביסל צו מאַשינאַווע, האָט ער עס געביטן אויף אַן אוודאי, אָבער עס איז געווען קלאָר, אַז ער גלייבט נישט אין דעם, נאָר עס איז נאָך געווען קלאָר, אַז ער געדענקט מיך נישט, אַז מיינע וואַרימע דערמאָנונגען מאַכן אויף אים נישט דעם מינדסטן איינדרוק. ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן, האָט ער גאָר אויסגעזען פאַרמאַטערט און זיינס אַן אוודאי איז געבליבן הענגען אַ פאַרשעמטער און אַ נישט־צוגעקלעפטער צום טעקסט פון מיינע קינדער־זכרונות.

איך האָב אים דערציילט, אַז איך האָב ערשט געזען זיינס אַ בילדער־אויסשטעלונג אין הויז פון אַן אַפּגעקומענעם גביר. דער גביר האָט ביי אים געקויפט די בילדער אין די גוטע ציטן, איצט איז דאָרט אַ פּריוואַטע רעסטאָראַציע פאַר געשעפטלייט, וועמעס ווייבער זיינען אַוועקגעפאָרן אויף פרישע לופט. איך האָב אים נישט געזאָגט, אַז די בילדער קוקן־אויס ווי מען וואָלט זיי גוט פאַרענדיקט נאָכן פאַרענדיקן, אַז די קאָלירן זיינען אַלע שרייענדיקע, גראָז איז צו־גראָזיק און דאָס לייב פון די נאַ־קעטקייטן דערמאָנט אין די אילוסטראַציעס צו די אַמאָליקע אויסגאַבן פון „טויזנט און איין נאַכט" — אַליוו וואָס פאַלט כמעט אַריין אין שוואַרץ.

דאָס איינציקע וואָס אים האָט יאָ געגומען איז געווען מיין קומען פון אַמעריקע. ער האָט מיר פאַרזיכערט, אַז ער האָט אַ סך בילדער אין זיין אַטעליע. ער קאָן מיר באַווייזן זיינע בילדער, עטלעכע אַמעריקאַנער האָבן שוין ביי אים געקויפט.

ווען ער האָט אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט געקויפט, איז ער שוין געוואָרן אַ ביסל לעבעדיקער פון מיר. ער האָט מיר דער־ציילט, אַז אין קוזמיר מאָלט ער לחלוטין גאָרנישט. דאָ זאָלן אַנדערע מאָלן. ער זיצט בלויז און טראַכט און קוקט. אַז ער קומט אַהיים מאָלט ער אַ גאַנצן ווינטער. ער האָט פיינט קוזמיר. אַמאָל פלעגט ער אויך דאָ קומען עולה רגל זיין, אָבער איצט קומט ער עס אויסשוויצן פון זיך. ער איז שוין געווען אין פּאַריז, איז ער קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן. דאָרט דרייען זיך אַרום גרויסע מאָלער און גרויסע קאָליקעס, האָט ער קיינמאָל נישט

געקאָנט באַשליסן צו וועלכער קאַטעגאָריע ער געהערט — האָט ער דערפֿאַר געכאַפּט און אַנטלאָפֿן. ער איז שוין געווען אין וואַרשע אויך, איז דאָרט אַן אומגליק, די פּאָליאַקן האָבן פֿיינט אַ יידישן קינסטלער, מען וועט אים דער׳הרג׳ענען מיט פֿאַר־שווייגעניש, קאַלטבלוטיק, אויסגערעכנט דער׳הרג׳ענען. דאָס יידישע וואַרשע איז נאָך אַ גרעסער אומגליק. דאָרט, אַז דו לאָזט זיך נאָר באַקענען פֿאַר אַ יידישן מאַלער, מאַכט מען דיר אייביקע יום־טובים, מען דער׳הרג׳עט דיך מיט אַ נאַציאָנאַלן טומל. טאָמער הויבסטו אָן צו שפּילן די ראָלע פֿון דעם יידישן קינסטלער, ביזטו קאַפּוט.

ער איז צוריקגעקומען צום געדאַנק, אַז ער האָט פֿיינע בילדער און אַז מען קאָן ביי אים קויפֿן אין גלייכן געלט.

נייפעלד איז געזעסן ביים טיש, אָבער פֿאַר זיך, אין אַן אייגענעם האַלב־דרימל. זיין טונקל פּנים איז איצט געווען נאָך טונקעלער און די געשטופּלטע לעכלעך האָבן זיך געעפֿנט ברייטער, ווי זיי וואָלטן געאָטעמט אין שלאָף. די האַלב־גע־שלאָסענע אויגן האָבן אָנגעהאַלטן אַ פֿייערל, אַ פֿייערל פֿון אַ שמייכל. דוכט זיך, אַז ער האָט געלאַכט פֿון מיר, פֿון מיין פֿאַרלעגנהייט, פֿון מיין פֿאַנאַנדערגעוואָרימטער קינדהייט, וואָס דער מאַלער פֿאַרשטאַנד האָט אַזוי מורא׳דיק קאַלט אויפֿגענומען.

דער מאַלער האָט אונדז געפֿירט צום וועג, וואָס האָט גע־וויזן אַרויף אויפֿן באַרג און גיך אַוועק, ווי ער וואָלט געווען צופֿרידן פֿון אונדז פּטור צו ווערן. נייפעלד האָט זיך ביי מיר געבעטן, אַז מען זאָל גיין נישט געאיילט, נאָר געלאַסן, פּאַוואָליע, פּאַמעלעך, ווייל מען וועט אָנקומען אין צייט.

אויפֿן וועג האָבן מיר אָנגעטראָפֿן דאַטשניקעס, ווייבלעך אין קורצע הייזקעס, מענער מיט צעכראַסטעטע העמדער. אויף אַ מאָמענט האָב איך געמיינט, אַז איך בין ערגעץ אין די קעטס־קילס. יונגעלייט האָבן געטראָגן איבערגעטריבענע שטעקנס, טעאַטראַלישע, ווי זיי וואָלטן געקלעטערט די בערג אין אַן אָפּערעטע, מיט געזאַנג. זיי האָבן טאַקע געזונגען יידישע לידער, פּוילישע און העברייאישע.

מיר זיינען צוגעקומען צו דער ערשטער חורבה פון אסתר־קעס שלאָס. נייפעלד האָט געטאַפּט די ווענט און זיי געגלעט. מיר זיינען אַריין אינעווייניק אין דער חורבה. דורך די לעכער, וואָס זיינען אַמאָל געווען פענצטער, האָט זיך געזען דאָס גאַנצע שטעטעלע אונטן, מיט דער רואיקער ווייסל, וואָס האָט אויסגעזען איינגעשרומפּן און צוזאַמענגעפרוירן. די רואיקייט פון דער ווייסל, די זילבערנע פאַרגליווערטקייט האָט דער חורבה, וואו מיר זיינען געשטאַנען, געגעבן דעם פייערלעכן אויסזען פון אַ שלאָס.

— דאָ האָט זיך אסתר׳קע אַלע פרימאָרגן געשפּיגלט אין דער ווייסל, — האָט נייפעלד געזאָגט און נאָך אַלץ געטאַפּט און געגלעט די אָפּגעשיילטע ווענט. וואו נישט וואו האָט זיך נאָך אויף די אויפגעשוואָלענע ווענט געזען אַ ביסל פאַרב, אפשר איז דאָס געווען דאָס איבערבלייבעכץ פון ווענט־דעקאָראַציעס, וואָס די רעגנס האָבן אָוועקגעוואַשן.

פּלוצים האָבן מיר געהערט אַ סאָפּען און אַ פּרייכן. דער מאָלער פאַרשטאַנד איז אויסגעוואַקסן לעבן מיר.

— איך בין זיך געקומען אַנטשולדיקן פאַר אייך. אַ בין איך אַ אידיאָט. ערשט שפּעטער האָב איך זיך געגומען דערמאָנען ווער איר זענט. די יידענע גיט צופיל צו פרעסן. איך האָב פּשוט געהאַט אַ טשאַד אין קאָפּ. אַ בין איך אַ באַלוואַן. אַזוי צו פאַרגעסן.

איצט האָט ער מיר שוין גענומען דערמאָנען איינצלהייטן פון אונדזער פריינטשאַפט.

— איך וועל עס זיך קיינמאָל נישט מוחל זיין. איר — האָסט עס מיר אַריינגעלייגט אין מויל אַריין, — האָט ער זיך גענומען פּלאָנטערן צווישן איר און דו, — און גאָרנישט. פוי.

ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף דער ווייסל אונטן און געזאָגט, אַז ער מוז שוין אַרונטער פון באַרג. ערליידט פון אַ מאָדנער ליידנשאַפט. אַזוי שנעל ווי ער קומט אַהער אַרויף, גלוסט זיך אים צו מאַכן אַ פּאַלענבויגן גלייך אַרונטער, אָבער איצט זיינען דאָ

צו־פיל מענטשן, דאָס קאָן מען נאָר דורכפירן ביינאַכט. דעמאָלט פילט ער זיך ווי קרול קאַזימיערזש אַליין.

ער האָט גענומען אַרונטערגיין און מיך געבעטן, אַז איך זאָל למען השם אָפּטרעטן ביי אים אין אַטעליע.

אין די חורבות, וואָס זענען געשטאַנען אַ ביסל העכער, האָבן געקלעטערט קינדער אויף ריזיקאַלישע און לייטערדיקע טרעפּ אַזעלכע. מיר זיינען געגאַנגען נאָך העכער, פאַרבייגע־גאַנגען פויערשע כאַלופּעס, וואָס זיינען איצט געווען געפּאַקט מיט דאַטשניקעס. נייפעלד האָט ענדלעך אַנטדעקט אַ ווינקל, אַ קליין וועלדל, וואָס איז געשטאַנען משופּע׳דיק אויפן באַרג און אַרונטערגעקוקט צו דער ווייסל. מיר האָבן זיך אַוועקגע־זעצט אויף די שאַרפע בלעטער.

ער האָט אַרונטערגענומען דאָס העמד און אַפילו דאָס אונטערהעמד.

— טוט זיך אויך אויס, זאָל די קוזמירער זון אייך דורכבאַקן. זון, ווייסל־קילקייט, וואַלד, איר וועט עס האָבן צו געדענקען.

איך האָב אים דערמאָנט, אַז מען דאַרף שוין אַ טראַכט טאָן וועגן אונדזער באַלעגאַלע און וועגן פאָרן צוריק.

ער האָט אַרויסגענומען דעם זייגער, אים צוריק אַריינגע־לייגט, און זיך גענומען וואַלגערן איבער די בלעטער, מיט דעם נאַקעטן לייב, ווי אַ אינגל.

— נישקשה, מיר קאָנען זיך נאָך פאַרגינען אַ גאַנצע שעה גן־עדן התחתון, און אַ צווייטע שעה רעכן איך אויס אויף אַרונטערצוקומען פון באַרג.

# קאפיטל זעקס

# I

ווען מיר זיינען שוין געשטאַנען ביים פּלומפּ און געהאַלטן ביי אַריינקריכן אין וואָגן, האָט נייפעלד זיך פּלוצים מישב גע־ווע און באַשלאָסן, אַז ער וועט נאָך בלייבן ווינציקסטנס אַ מעת־לעת אין קוזמיר.

ס'איז אַזוי די מעשה, האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אויב איך וועל קיין פּאַראיבל נישט האָבן. ער וועט שוין אַזוי גיך נישט זיין אין די מקומות, וויל ער עס אויסשעפּן ביז צום דנאָ. וואָס האָט ער צו פאַרלירן? עס איז מעגלעך, אַז נאָכן מעת־לעת וועט זיך אים ערשט פאַרגלוסטן צו בלייבן נאָך אַ טאָג מיט אַ נאַכט. קיינער טרייבט אים נישט פון דאַנען, אָבער די מעשה איז אייגנטלעך, ווען ער זאָל וויסן, אַז איך יאָג זיך נישט און איך האָב נישט קיין באַשטימטע פּלענער, וואָלט ער מיט מיר געפאָרן און זיך אַרומגעשליאָנדערט ערגעץ אַנדערש.

— איר פאַרשטייט, צי נישט, איר מוזט אַוועקפאָרן פון פּוילן. הייסט עס, מיר וועלן זיך דאַרפן געזעגענען מאָרגן אָדער איבערמאָרגן, איז שוין גלייכער, אַז מיר וועלן זיך געזעגענען היינט. ווייל וואָס וועט שוין אַרויסקומען, אַז איך וועל אויסרעדן נאָך אַ זאַך מיט ווערטער? אַזוי וועל איך וויסן, אַז איר דרייט זיך נאָך אַרום און אַז מיר האָבן נאָך געקאָנט פאַרברענגען צוזאַמען. מאָרגן אָדער איבערמאָרגן מיינט דערפירן עס ביז צום אויסגעשעפּטן סוף. זייט מיר בעסער געזונט.

ער האָט מיר אויסגעשטרעקט די האַנט. זיין טונקל פּנים האָט איצט געהאַט אַ ברען איבער דער טונקלקייט. די קוזמירער זון, וואָס ער האָט אַזוי ליב, האָט אים אָנגעצונדן דעם שטערן און צעגליט אַן אומרואיקע ליכטיקייט אין די אויגן.

— ביים איצטיקן זיגזאַג אין יידישן לעבן קאָן מען קיינ־מאָל נישט וויסן. עס קאָן געמאָלט זיין, אַז אין אַ שיינעם העלן

טאָג וועלן מיר זיך גאָר טרעפן אין ניו יאָרק. איר וועט שפּאַ־צירן מיט מיליאָנען מענטשן, ווי מיר זעען דאָס אין די אַמע־ריקאַנער פילמען. וועל איך צוקומען און אַרויפליייגן די האַנט אויף אייער אַקסל און כדי איר זאָלט מיך בליץ־שנעל דערקענען, וועל איך אַ זאָג טאָן — קוזמיר!

דער באַלעגאָלע האָט לייכט באַרירט דאָס פערד מיט דער בייטש, ווי ער וואָלט אַנגעטריבן אַ פליג. דאָס פערדל האָט גע־נומען לויפן מיט אַן אומדערוואַרטער שנעלקייט.

— דאָס איז אַ גאָלד, נישט קיין פערדל! עס פאַרשטייט די בייטש אויפן וואונק, — האָט דער באַלעגאָלע גערימט דאָס פערד, מיט אַ זעלטענער צערטלעכקייט. — עס האָט זיך טאַקע שיין אָפּגערוט אַ גאַנצן טאָג, זיך אָנגעפּאַשעט און זיך אָנגעפּי־טערט, ווי אין חומש שטייט. פונדעסטוועגן, — האָט דער באַ־לעגאָלע זיך פלוצים דערמאָנט, — איז מיר אַ שאָד דער יונגער־מאַן, וואָס איז פאַרבליבן אין קוזמיר. עס איז נישט אַזוי דאָס געלט, עך וועל אים קריגן מאָרגן אויך, פון מיינע הענט וועט ער זיך נישט אַרויסדרייען, אָבער ער איז אַ טייערער יונגערמאַן. ער קוקט־אוים צו זיין נישט קיין פאַרגרעבטער, אדרבא, גאָר־נישט קיין פאַרגרעבטער.

דאָס פערדל האָט זיך גענומען אַ ביסל אונטערפוילן און דער באַלעגאָלע האָט עס ווידער מכבד געווען מיט אַ גלעט, דאָס מאָל איבער די פּיס.

— אַ נחת, נישט קיין פערדל, — האָט דער באַלעגאָלע הנאה געהאַט, — איך האָב פיינט צו זיין אונטערוועגנס שפּעט ביינאַכט, איך בין חלילה נישט קיין באַיוסען, איך האָב נישט קיין מורא פאַר קיין גזלנים, און טאָמער מאַכט זיך מען דאַרף אימיצן זייער נויטיק אָפּשטעקן אַ באַקפייפער, קאָן מען זיך נאָך פאַרלאָזן אויף מיר. איך קאָן סילוק׳ן מיט אַלעמגוטן.

אַ פאַרנאַכטלעכע שטילקייט האָט פאַרוואַלקנט די שוואַרצע ערד, אויף וועלכער דאָס פערדל האָט זיך געטראָגן. עס האָט זיך געדוכט, אַז דער וואָגן האָט אומעטום אָנגעיאָגט אַ גרעסערע און טונקעלערע שטילקייט, ווי עס האָט אויסגעזען פונוייטנס.

דער הימל האָט זיך אָנגעהויבן אויסבעטן אין מערב מיט פייערן פון פאַרשיידענע קאָלירן, מיט ברענענדיקן רויט און אפילו מיט אַ פלאַקערדיק שטיקל געל איבער אַ בלוי, וואָס איז געווען אַזוי ראַפינירט, ווי מען וואָלט פון דעם בלוי אַרויסגענומען דאָס גאַנצע פסולת און איבערגעלאָזן בלויז דעם סאַמע עסענץ פון קאָליר. אויף אַ בערגל האָבן עטלעכעביימער נאָך געהאַט צווישן זיך אַ ביסל גאָלד פון אַ באַהאַלטענער זון.

דער באַלעגאָלע האָט גערעדט, אָבער איך האָב אים גע־הערט ווי דורך אַ דרימל. עס האָט זיך געדוכט, אַז די העלפט וואָגן, אויף וועלכער ער איז געזעסן, איז אַוועקגעפאָרן פון מיר, צוזאַמען מיט דעם פערדל, און איך בין געבליבן איינער אַליין. איך האָב געטראַכט פון אַ שפּאַניש בוך, וואָס איך האָב אַמאָל גע־לייענט. דער אויטאָר, ראַמאָן דעל וואַלע אינקלאַן, האָט דאָס בוך איינגעטיילט אין פיר סאָנאַטן, לויט די פיר צייטן פון יאָר. אין דעם ערשטן טייל איז דער ריטער פול מיט פרילינג, זומער ברענט ער מיט דערפאָלג, ווי אַ קאַסאַנאָווע, הערבסט גייט אים שוין בארג אַראָפּ און אין ווינטער ליגט ער מיט אַן אָפּגעשאָ־סענער האַנט און וואַרט אויפן סוף. די פיר סאָנאַטן שפּילן געלאַסן אַ מענטשלעך לעבן אויף דעם הינטערגרונט פון אַ צייט־באַראָמעטער. צייט מיט זון, צייט מיט רעגן, צייט מיט שניי, צייט מיט טונקלקייט, צייט מיט נאַכט.

מיר האָט זיך געדוכט, אַז מיין האַלבער וואָגן איז געפאָרן אין ראַיאָן פון האַרבסט. אַ ציטער איז מיר אַריבער איבערן גאַנצן לייב, ווען די ביימער אויפן בערגל זיינען געוואָרן אַזוי שטיל, ווי די ערד, איבער וועלכער דער וואָגן איז איצט געלאָפן, ווען דאָס שטיק רויט אויפן הימל איז צעשוואומען און געוואָרן אַנעמיש.

איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרשטיין פאַרוואָס נייפעלד האָט זיך פלוצים געזעגנט. ערשט איצט האָב איך גענומען באַגרייפן, אַז איך וועל אים שוין מער נישט זען. אַז דער וואָגן פאַרט־אַוועק פון אים, ווי ער פאַרט־אַוועק פון אַ טאָג אין קוזמיר. איז דאָס אויך געוואָרן אַ טייל פון דער הערבסטיקייט, וואָס

האָט זיך געלייגט אַרום האַרץ, ווי אַ שטיק פֿאַרגעפּיל, אָדער אפשר אַ נאָכגעפּיל. עס איז געווען אַ גרויסע חוצפּה פֿון מײַן זײַט, אָבער עס האָט זיך מיר געדוכט, אַז דער וואָגן מײַנער איז אַן אַלעגאָרישער: ער לויפֿט באַרג־אַראָפּ, כאָטש די ערד איז געווען פֿלאַך, עס האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב איצט, אין דעם טונקל, דערגרייכט די ערבסטיקייט אין מײַן לעבן. עס האָט אויסגע־זען אַז דער טאָג, נײַפּעלדם באַקאַנטשאַפֿט, אפילו מײַן מאַמעס טויט, זײַנען זיך מאָדנע צוזאַמענגעפֿאַלן מיט אַ באַרג־אַראָפּי־קייט אין מײַן אייגן לעבן, און דאָס אַלץ איז אין ריטם פֿון גאַנצן ייִדישן לעבן, אפשר גאָר פֿון דעם פֿאַרנאַכט איבער דער גאַנצער וועלט.

און איך בין דאָך געפֿאָרן זוכן אַ באַשייד. זאָל דאָס זײַן אַ טונקעלער אַנדייט, אַקוראַט ווי די טונקעלע ערד, וואָס דער וואָגן דעריאָגט און וואָס ווערט נאָך טונקעלער און אָנגעזאַפּטער מיט שווײַגן, ווען מען דעריאָגט עס.

מיר וועלן אַלע — איך און אַלע דערמאָנונגען און אַלע פֿאַרגעסענישן אין מיר — דערפֿאָרן אינגיכן צום ווינטער מיט אַן אָפּגעשאָסענער האַנט. וועט דאָס זײַן די האַנט, בײַ וועלכער איך האָב געשוואָרן, אַז אָפּדאָרן זאָל זי, אויב איך וועל פֿאַרגעסן אין דיר, און אין אַלץ, וואָס האָט זיך ווען געשפּיגלט אין מײַנע אויגן און אין מײַן מוח.

דער וואָגן איז צוריק געוואָרן גאַנץ און געקראָגן אַ פֿערד און אַ באַלעגאָלע, וואָס האָט איצט געזונגען אַ חסידישן ניגון. דאָס איז געווען כּנגד דעם סלאָוויק, וואָס האָט אַזוי שיין אָפּגע־געבן קאָנצערט אינדערפֿרי, אויף דעם אָרט אין וועלדל. דעם ניגון האָט ער נאָך געהערט פֿון זײַן טאַטן, וואָס האָט עס אײַנגע־האַנדלט בײַם ראַדזינער.

— אָט ווי איר הערט, ממש אײַנגעהאַנדלט. ער איז גע־פֿאָרן אויפֿן יאַריד און צוריקגעקומען נקי, ווײַל ער איז זיך גאָר פֿאַרזעסן בײַם רבין און מיטגעבראַכט אַ ניגון. די מאַמע האָט אים טאַקע געפֿרעגט, אויב פֿון דעם ניגון קאָן אַ געווינערין האָבן מילך אין די בריסט. די מאַמע איז נאָר־וואָס געהאַט גע־

לעגן געוואָרן מיט מיין אינגערן ברודער. מיינט איר, אַז דער טאַטע האָט איר נישט געענטפערט, — מיט השם יתברכ׳ס הילף? אַזאַ ייד איז דאָס געווען — פון יענע יידן. אַוודאי איז ער נישט געווען קיין באַלעגאַלע, ער האָט געקענט משניות און איז גע־ווען קלאָר אין תנ״ך, ווי איך אין דעם ווערדל. אָבער דער ניגון איז טאַקע אַן אַנטיק. דעם אמת׳ן טעם פילט מען אין אים שמחת תורה, ווען יידן לייגן האַנט אויף אַקסל און מען גייט צוזאַמען אַ האָפּקע פאַר זיין ליבן נאָמען וועגן.

די נאַגנדיקע פאַרנאַכטיקייט איז זיך צעגאַנגען איבער מיין גאַנצן קערפּער און האָט אַ ביסל אָנגעוואוירן אין שאַרפקייט, כאָטש איך האָב נאָך געפילט אַ שווערקייט אין אַלע מיינע גלידער.

— איר וועט נישט גלויבן, אַז איך וועל אייך אָפּגעבן אַ ראַפּאָרט, מיר זיינען שוין אינדערהיים.

דאָס פערדל איז געלאָפן ווי עס וואָלט געהאַלטן ביי דער־לויפן צו אַ מעטע. איך האָב שוין אָנגעהויבן צו דערקענען די האָטעלן. מיר זיינען איצט געפאָרן אויפן זאַמדיקן וועג, וואָס האָט געפירט גלייך צו בוכלערנערם פּענסיאָנאַט.

## II

אַרום האָטעל איז געשטאַנען אַ רעדל מענטשן. עס איז נישט געווען דער געוויינלעכער נאָך־ווערשערע עולם. וואָס פאַרדייעט לאַנגזאַם די עסנס. ווען איך בין אַרונטערגעקראָכן פון וואָגן, האָב איך געזען אַ סך אומבאַקאַנטע פּנים׳ער. דער ערשטער, וואָס איז צוגעקומען צו מיר, איז געווען דער אינגערער זון פון דער ראַבייאישער סוויטע. אַ ביסל וויטער האָב איך געזען זיין עלטערן ברודער. דער אַמעריקאַנער איידעם איז אויך געשטאַנען צווישן עולם. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט שטאַרק פאַראינטערעסירט:

— ווען? ווען האָט דאָס פּאַסירט?

— אָט, נאַר־וואָס. מען האָט אָפּגעגעסן, האָט ער געזאָגט, אַז ער פילט זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען. —

— ווי מיין לעבן, — האָט זיך פינקעל געבראָכן די הענט, — ביים טיש האָט אויף אים געשיינט די שכינה. ער האָט דער־ציילט מעשות, געזאָגט גלייכווערטלעך, געזונגען און געבערענט אַ וועלט, ווי מיין לעבן, איך וועל עס נישט אויסהאַלטן. אַזאַ פּראַכט, אַזאַ הדרת פּנים. וואָס זאָגט דער דאָקטאָר?

— וואָס זאָל ער זאָגן? — האָט געזאָגט אַ יידענע מיט אַ גלייכגילטיקער שטים פון איינער, וואָס איז שוין געוואוינט צו אַזעלכע זאַכן, — ער האַלט שמאָל, עס איז זייער ביטער, ער דאַרף איצט זייער געניטיק האָבן זכות אָבות.

— וואָס איז עס — די לעבער?

— כ׳מיין, דער מלאך המות האָט שוין זיין אויסרייד, — איז אַריינגעפאַלן אַן אַלטע יידענע. — אַנדערע זאָגן גאָר עס איז די נירן, ווידער האָט ער אַ ביסל צוקער, אפשר גאָר דאָס האַרץ. ער האָט מיסתמא פון אַלץ צו־ביסלעך, ווערדליק ווי אויף דער עלטער. וואָס איז מישטיינס געזאָגט דער מענטש?

— ער האַלט טאַקע שמאָל? — האָט געפרעגט אַ צווייטע יידענע.

— שמאָל, ברייט, — האָט געענטפערט די יידענע מיט דעם טרוקענעם קול, — עס איז אַלץ ביי אים, כ׳האָב זיך די הענט נישט געוואַשן, אין די הענט.

איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז דאָס מיינט מען שטיינ־מאַנען, אָבער איך האָב פונדעסטוועגן געפרעגט ביים אינגסטן רבינ׳ס זון מיט די אויגן.

— אוודאי, ווער דען זאָל עס זיין? מען לאָזט קיינעם נישט אַרויף. ער ליגט ביי זיך אין צימער. מען האָט גערופן אַ קאָנ־סיליום.

דער האָטעל־אייגנטימער האָט מיך דערזען אין דער פינצ־טער.

— נו, וואָס זאָגט איר נישט צו אונדזער בראָך? האָ, האָט איר זיך גערעכנט אויף אַזעלכס? דאָס האָט ער דאָך מיר

אָנגעזאָגט די בשורה, אַז איר זענט געפאָרן קיין קוזמיר. גוואַלט, גוואַלט. אַ מענטש מעג זיך טאַקע איבערנעמען. איר האָט באַדאַרפט זען ביים טיש, מיט אַ שעה, אַנדערטהאַלבן. ער האָט דאָך אויסגעזען ווי אַ קייסער, אויף מיינע נאמנות. איך האָב זיך נישט פאַרגונען צו קוקן אויף זיין ליכטיק פּנים, אויף מיינע נאמנות.

ער איז נאָענט צוגעקומען צו מיר און מיר איינגערוימט אין אויער:

— איר זענט אפשר הונגעריק? איר ווייסט דאָך, איינס קומט נישט צום אַנדערן. דער זינדיקער גוף מאָנט דאָס זייניקע.

איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך האָב נישט דעם מינדסטן אַפּעטיט.

— וואָודען? — האָט ער שוין גערעדט העכער. — אַזאַ בשורה. ס׳איז אַ שיינע מעשה. גיי זעץ זיך אַוועק צו אַ סעודה. גלויבט מיר, אַז איך האָב אַ גאַנצן טאָג אין מויל נישט געהאַט. איך האָב עס אָפּגעלייגט אויף ביינאַכט. איצט, איר זאָלט מיר שטופּן אין מויל אַריין גאָלדענע רענדלעך. מען דאַרף דאָך האָבן דאָס האַרץ פון אַ רשע צו זיצן און עסן.

— מען לאָזט נישט צו צו אים? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— וואָס רעדט איר? דער קאָנסיליום זיצט דאָך שוין דאָרט באַלד אַ שעה צייט.

דער גאַנצער עולם האָט זיך גענומען קלייבן אַרום בוכ־לערנערן.

— וואָס קאָן איך אייך זאָגן? וואָס קאָן מען וויסן, אַז מען שטייט הינטער דער טיר. אינעווייניק זיצט די טאָכטער נעבעך. אַי, ווער עס איז זי איצט מקנא! עס רייסט מיר אויס אַ שטיק האַרץ.

— זאָגט איר, אַז עס איז טאַקע שלעכט? — האָט פינקעל געפרעגט מער מיט געוויין, ווי מיט קול.

— שלעכט, וואָס שלעכטער קאָן גאָרנישט זיין, גלויבט מיר אַז עס איז נישטאָ וואָס אַנצוּוואוּערן, מען זאָלט געמעגט אַוועק־

ליגן די בושה אָן אַ זייט און זאָגן אַ קאַפּיטל תהילים. וואָס קאָן עס שאַטן? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט מיט אַ מינע, ווי ער פּרואווט איצט אויס די סאַמע לעצטע רפואה.

— וואָס הייסט שאַטן? — האָט זיך אָנגערופן אַ ברוגז׳לע־כער דער עלטערער ראַבייאַישער זון. — עס קאָן אַ סך העלפן. וואָס דען קאָן העלפן? הא, וואָס דען? — האָט ער געמאַכט מיט די הענט.

— מען דאַרף האָבן אַ מנין? — האָט פינקעל געוואָלט וויסן.

— כ׳מיין, אַ מנין איז אַוודאי גוט, אָבער אַז עס וועט פעלן איינער — דער ראַבייאַישער זון האָט אַרומגעכאַפּט דעם עולם מיט אַ פאַרשנדיקן בליק. די יידענעס האָבן זיך גענומען אָפּ־רוקן, כדי די מענערשע אַרמיי פון תהילים־זאָגער זאָל זיך אַרויסזען.

— מיר וועלן האָבן אַ שטאַרקן מנין, — האָט ער געזאָגט. — איך וועל אייך אָנווייזן וואָס פאַר אַ קאַפּיטלעך מען דאַרף זאָגן. אָבער עס איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט, אויב מען וועט נישט זאָגן מיט כונה, מיט דעם גאַנצן ברען און מיט דעם גאַנצן פּירוש המלות, אויפן חסידישן שטייגער.

דער יונגער ראַבייאַישער זון איז געווען דער איינציקער, וואָס איז געבליבן הינטערשטעליק, ווען דער עולם איז אַוועק אין האָטעל זאָגן תהילים.

— איר זענט אַפּנים נישט קיין תהילים־זאָגער, — האָט ער צו מיר געמאַכט מיט אַ שמייכל.

— ניין, — איך האָב אים דערקלערט, אַז איך וואָלט זיך נישט אָפּגעשיידט פון צבור, אָבער איך קאָן נאָך אַלץ נישט קומען צו זיך. אַלעמאָל אַזוי, ווען איך דערזע וואָס פאַר אַ שברי כלי דער מענטש איז. דער ערשט־מיט־אַלעמען און דער גלייך־נאָך־אַלעמען לאָזט שטענדיק אויף מיר אַ רושם, וואָס איז אַ וואונד, און עס היילט זיך נישט אַזוי גיך.

— און איך האָלט גלאַט נישט פון מטריח זיין דעם רבונו של עולם אומזיסט. ווען עס זאָל זיין אַ קינד, וואָלט איך גע־

שפּאָלטן דעם הימל, אָבער אַז עס האָלט ביי אַ מענטש, וואָס האָט אויסגעלעבט זיינע באַשערטע יאָר, וואָס־זשע וועט אַרויס־קומען, מען וועט אויסבעטלען נאָך עטלעכע יאָר? עס פּאַסט נישט צו דינגען זיך מיט דעם רבונו של עולם. און גלויבט מיר, ווען איך באַשלים שוין יאָ עפּעס צו טאָן, וואָלט איך נישט געזאָגט קיין תהילים. דער רבונו של עולם האָט נאָך נישט געהערט קיין קאַפּיטל תהילים, ווי מיינט איר? און מיין ברודער וויל עס מאַכן אַן איינדרוק אויף גאָט ברוך הוא מיט אַ קאַפּיטל תהילים, פאַר אַ נאָווינע. אַ איז ער אַ פּאַרנאַרישטער מענטש. עפּעס ווי מען וואָלט אָפּגעשלאָסן און פאַר׳חתמ׳עט דעם קוואַל פון תפילות, ווער האָט אַזוי באַשלאָסן? וואָס בין איך מחויב צו טראָגן איבערגעניצעוועטע סחורה? יענעם, וואָס האָט געשריבן סקאָרבאָווע תפילות, איז געווען ביטער אויפן האַרצן אַנדערש און מיר איז אַנדערש ביטער. דאַרף איך געפינען מיין אייגענעם דרך צום רבנו של עולם. צו וואָס איז דאָס געגליכן? ווי איך וואָלט געווען קראַנק און זיך באַנוצט מיט די מעדיצינען, וואָס מען האָט פאַרשריבן מיין ברודער, ווען ער איז שלאַף געווען. דוד המלכ׳ן האָט בפירוש אַנדערש וויי געטאָן ווי מיר, און איך דאַרף געפינען מיין אייגן לשון, ווען איך קלאַפּ־אָן אין טויער פון רחמים. תפילות זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר שמאָלע קעפּ, פאַר פאַרהאָוועטע מענטשן. אַליין זיינען זיי שטומפּיק אויף דער עברי, נעמען זיי געבאָרגטע רייד. אַקוראַט ווי איר זאָלט אַנטאָן יענעמס אַ פּאָר ברילן. איר ווייסט דאָך, אַז מיר חסידים מאַכן סיי־ווי נישט קיין גרויסן צימעס פון דאַווענען, אָבער איך גיי נאָך גאַנץ שיין ווייטער. ווען מען זאָל מיך פאָלגן, וואָלט איך צוזאַמענגענומען אַ מנין פון שווייגער. מען זאָל זיצן און שווייגן און מכון זיין ביים שווייגן.

די קולות פון די תהילים־זאָגער האָבן זיך דערטראָגן צו אונדז. מיר האָבן געהערט בוכלערנערס קול, פינקעלס, וואָס האָט אַלעמען געוואָלט דעקן מיט אַ יאָמער, אָבער איבער דעם גאַנצן עולם פון פרעפּלער האָט זיך געהערט דאָס דינע געזאַנג פון דעם עלטסטן ראַבייאַישן זון, וואָס האָט יעדער וואָרט טועם

געוועז. אפילו דא, וואו מיר זיינען געשטאנען, איז זיין קול געווען ווי א גרוים ליכט, וואס ברענט ווארעם און שמעלצט זיך.

— מען קאן נישט זאגן, ער האט א פיינעם געלענג צום זינגען, מיין ברודער. ער מיינט, ער וועט נעמען דעם רבונו של עולם מיט דעם קול זיינס. מילא, איך וויל זיך נישט אריינמישן, אויב מען וועט עס אויבן דערהערן איז מיר אוודאי ניחא.

איך האב אינסטינקטיוו גענומען גיין אויף די טרעפ און אליין נישט וויסנדיק פארוואס, האב איך אויפגעעפנט די טיר, וואו עס איז געלעגן דער חולה מסוכן. איינער פון די צוויי דאקטוירים, א יונגער קריסט, האט מיך מיט א רציחה א פאק געטאן ביי אן ארעם און מיך שוין געוואלט ארויספירן.

אין דער רגע האט דער קראנקער אליין געעפנט די אויגן און שוואך א מאך געטאן מיט דער לינקער האנט. דער מאך מיט דער האנט האט געווירקט מאמענטאן. עס איז געווען ווי דער קראנקער וואלט געגעבן א באפעל, כאטש ער האט קיין ווארט נישט ארויסגערעדט. דער מאך מיט דער האנט איז געווען א יידישלעכער. עט, ווי איינער רעדט, עס מאכט שוין גאר נישט אוים. דערצו האט ער געהאט א הויך פון א שמייכל, א שמייכל וואס האט אפילו פארמאגט חוזק. דער חוזק איז געווען דאס סאמע פארקערטע פון דער גאנצער געשפאנטקייט אין צימער. דער חוזק איז אפשר געווען דאס וואס האט דעם מאך מיט דער האנט געמאכט אזוי פארשטענדלעך. דער דאק־טאר, וואס האט מיך געוואלט ארויסווארפן, האט זיך פארשעמט, ווי דער חוזק וואלט געווען אויף זיין דאקטארשן חשבון. איך אליין האב זיך געפילט פארלוירן פון מיין אייגענער דרייסטקייט, וואס האט געעפנט א טיר, א טיר וואס האט באדארפט זיין אפגעשלאסן מיט צען שלעסער.

דער חולה האט קוים געקאנט האלטן די אויגן אפן. ער האט מיר געוויזן מיט דער האנט, אז איך זאל קומען נענטער צום בעט. ביים בעט איז געזעסן דער צווייטער דאקטאר, און א ביסל ווייטער, אויף א ווינשטול, שטיינמאנס טאכטער, וואס האט איצט אויך געשמייכלט. איר שמייכל איז געווען אפענע

באוואונדערונג פון אַ מאַמען, וואָס איז שטאָלץ מיט איר קינד. איך ווייס נישט, צי זי איז אין דער מינוט געווען זיכער, אַז איר טאַטע שטאַרבט, אָבער עס איז געווען קלאָר, אַז אויב זי האָט עס געוואוסט, איז זי געווען שטאָלץ מיט אים — אפשר ווי שיין ער קוקט־אוים אפילו אין אַזעלכע מינוטן, און ווי ער פּירט זיך אויף, ווי עס דינט אים אַלץ וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט זיין גאַנץ לעבן; איצט ליגט עס אַלץ מיט אים אין בעט און עס איז אַ מחיה צו קוקן אויף דעם טאַקט, אויף דער קלוגשאַפט און אויף דער רואיקייט. אַפילו איצט איז ער באַרעכנט און ער וואַרפט נישט אָן קיין פּחד אין קיין איין ווינקעלע פון צימער. ווען נישט די דאָקטוירים, וואָלט גאָר קיין סימן נישט געווען, אַז ער איז קראַנק. ער איז געווען אַ סך דינער, ווי איך האָב אים געזען אינדערפרי, דערפאַר האָט ער אויסגעקוקט אַ ביסל איינגער. די טאָכטער האָט איבער דעם שמייכל אירן געלאָזט פאַלן אַ טרער, אָבער דער שמייכל איז איר נאָך אַלץ געלעגן ווי אַ גע־בויגענער רעגנבויגן איבערן פּנים.

דער קראַנקער האָט ווידער געמאַכט מיט דער האַנט און מיך צוגערופן. ער האָט געמאַכט מיט די ליפּן. איך האָב זיך אָנגעבויגן און זיך איינגעהערט, ווי ער האָט זיך געמאַטערט צוזאַמענצושטעלן ווערטער פון צעבראָכענע שטיקלעך. ער האָט עס געטאָן מיט אַ לייכטער, גוט־ברודערלעכער מינע, ווי ער וואָלט געזאָגט: זעסט עפּעס אַזוינס? וואָס זאָגסטו עפּעס צו אַזאַ מין עסק אינמיטנדערינען? ער האָט זיך חלילה נישט באַ־קלאָגט, נאָר אַז עס איז נישט געלונגען צוזאַמענצוברענגען די צעבראָכענע זילבן, האָט ער בלויז געשמייכלט פון הילפלאָזיקייט.

איך האָב מיט גרוים מי קוים געכאַפּט עטלעכע ווערטער, אַז זיין ראיה איז שוין געשלאָגן אויף דעם רעכטן אויג און אַז איך זאָל זיך שטעלן ביי זיין לינקער זייט.

— דאָ איז פינצטער, — האָט ער מיר געזאָגט און איך האָב זיך געשטעלט ביי דער לינקער זייט פון בעט. ער האָט נישט געקאָנט איבערדרייען דעם קאָפּ, נאָר דאָס לינקע אויג האָט זיך באַוועגט אין מיין זייט. ער איז געווען צופרידן.

מיטאמאל איז די טיר באשטעקט געוואָרן מיט קעפּ, נייגעריקע, נישט־דרייסטע, אויסגעוויינטע קעפּ. דער אינגערער דאָקטאָר איז ווידער אויפגעשפּרונגען, אָבער ער האָט געקוקט אויף דעם עלטערן קאָלעגע, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַ באַפעל.

שטיינמאַן האָט זיך אַ טרייסל געטאָן. דאָס צימער איז פול געוואָרן מיט מענטשן. זיי זיינען אָבער געבליבן שטיין עטלעכע טריט פון בעט, ווי צווישן זיי און דעם בעט וואָלט געווען אַ וואַסער — נישט אַריבערצושפּרייזן.

צוזאַמען האָבן זיי אַלע אויסגעזען ווי זיי זיינען געקומען גרייט עפּעס צו טאָן פאַר שטיינמאַנען, אים טראָגן, הויבן אין דער הויך, פירן, אָדער מיט צוזאַמענדיקע כוחות טאָן אַ שווערע און נייטיקע זאַך, אפשר הויבן אַ שווערע משא, וואָס מוז אַרונטערגעהויבן ווערן.

ווען די דאָקטוירים האָבן זיי ניט געשטערט, זיינען זיי אַלע געוואָרן אַ ביסל דרייסטער און זיי האָבן געמאַכט נאָך אַ שפּאַן נענטער צום בעט. אין דער טיר האָבן זיך באַוויזן עטלעכע יידענעס. שטיינמאַנס טאָכטער האָט זיך אַלץ נישט גערירט פון אָרט. זי איז געזעסן אומבאַוועגלעך און קיין אויג נישט אַראָפּגענומען פון איר טאַטן.

די יידן זיינען געוואָרן פרייער. זיי האָבן געפילט, אַז זיי האָבן דאָ אַ רעכט, אַז זיי האָבן נאָר־וואָס תהילים געזאָגט פאַר זיינעטוועגן און זיי מעגן קומען אַ קוק געבן, אויב זיי האָבן עפּעס גע׳פּועל׳ט. זיי זיינען אַלע אַריבערגעגאַנגען אויף דער זייט, וואו איך בין געשטאַנען.

דער עלטערער דאָקטאָר האָט שטיל, ווי פאַר זיך, אָבער באַפעלעריש, אַ זאָג געטאָן:

— ער האָט דאָך נישט קיין לופט. עס איז צו־ענג.

מען האָט זיך גענומען רוקן צוריק, אָבער שטיינמאַן האָט זיי שוין געהאַט דערזען.

דער האָטעל־אייגנטימער און פינקעל האָבן די ערשטע דערזען, אַז שטיינמאַן האָט זיי באַמערקט. זיי האָבן זיך אַזש פאַר־

רויטלט, ווי קינדער צוגאַסט ביי אַ רייכן פעטער. זיי האָבן זיך געפרייט, וואָס ער האָט זיי געזען, וואָס זיי האָבן אים געזען, ווי ער וואָלט צוריק געקומען פון אַ ווייטער נסיעה. זיי האָבן זיך אָבער פאַרשעמט, וואָס שטיינמאַן האָט געזען, אַז זיי זיינען געקומען צו אים צו גאַסט אין אַזאַ לאַגע. ער זאָל ליגן און זיי זאָלן שטיין איבער אים, דאָס שיקט זיך עפּעס נישט.

שטיינמאַן האָט ווידער עפּעס געמאַכט מיט די ליפּן. איך האָב זיך אָנגעבויגן. ער האָט גערעדט בעסער ווי פריער, אָבער איינגאַנצן אָן אַ קול, ווי ער וואָלט גענומען אויף דער שפּיץ צונג שאָטנס פון ווערטער.

מען זאָל עפּעס זינגען, אַ חסידישע זאַך, אַ פריילעכס.

איך האָב מיינע אויערן נישט געגלויבט. איך האָב זיך נאָך נידעריקער אָנגעבויגן. ער האָט געכאַפּט, אַז איך בין איבער־ראַשט, דערפאַר האָט ער נאָכאַמאָל איבערגע׳חזר׳ט:

— אַ ניגון, אַ פריילעכס.

איך האָב עס איבערגעגעבן דעם עולם, ווי איך וואָלט פאַר זיי געלייענט אַן אומגלויבלעכן טעקסט, אָדער איבערגעזעצט פון אַ טויטער שפּראַך, וואָס האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

זיי האָבן אויף מיר געקוקט מיט פיינדלעכע בליקן. מאַך איך, חלילה, חוזק פון דעם וואָס ליגט אויפן בעט? האָב איך דאָס אפשר אויסגעטראַכט, כדי חוזק צו מאַכן פון זיי?

אָבער אין דער מינוט האָבן אַלע קלאָר געזען, אַז שטיינ־מאַנס פּנים האָט זיך פאַרענדערט. עס האָט געמאַכט גרימאַסן, ער האָט געקנייטשט דעם שטערן, געדרייט מיט די ליפּן. מיר איז אַזש קאַלט געוואָרן, ווען איך האָב דערפילט, אַז ער זינגט פאַר זיך, כאָטש מען האָט גאָרנישט געהערט. דער גאַנצער רוקנביין איז מיר געוואָרן אַ שטיק אייז.

נישט נאָר איך, יעדער איינער אין צימער האָט שוין געזען, אַז שטיינמאַן זינגט. זיין פּנים איז געוואָרן ווי אַ בלאַט נאָטן. אַלע האָבן זיך איינגעקוקט אין די גרימאַסן, ווי זיי וואָלטן

זיך איינגעהערט אין געזאַנג. עס האָט זיך דערהערט אַ ברומען, אַ יללה׳דיק ברומען, ווי פֿון פֿאַרלווירענע אין אַ וואַלד, וואָס זיינען ווייט איינער פֿון אַנדערן און ווילן זיך געפֿינען. דאָס ברומען האָט גענומען ווערן גאַנץ און ביי אַלעמען האָבן זיך די פּנים׳ער צעקנייטשט, אין האַרמאָניע מיט דער התלהבות פֿון אַ ניגון, מיט דער טיף פֿון ניגון. שטיינמאַנס גרימאַסן זיינען שוין איצט נישט געווען אייגנאַרטיק, נאָר זיינען געווען אין כאָר.

ווער עס איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט אַ קנאַק געטאָן מיט די פֿינגער איז שווער געווען צו וויסן. לויט פֿינקעלס האַלב־פּאַר׳חלש׳טן קאָפּ האָט עס געקאָנט זיין ער, אָדער אפשר דער אַמעריקאַנער איידעם פֿון דער ראַבייאַישער סוויטע. דאָס זינגען איז געווען אַזוי שטיל, אַז נישט קוקנדיק אויף די ליכט אין צימער האָט זיך געדוכט, אַז אַלע זינגען אין דער פֿינצטער. עס איז שוין געווען לייכט צו כאַפּן, אַז דאָס ברומט מען דעמזעלבן ניגון, וואָס מען האָט געזונגען, ווען איך האָב צום ערשטן מאָל דערזען שטיינמאַנען, ווי ער האָט געפֿירט טיש.

די טאַכטער האָט באַגלייט דעם ניגון צושאַקלענדיק דעם קאָפּ צום טאַקט, ווי זי וואָלט געווען דער איינציקער שפּיל־אינסטרומענט אין צימער.

זיין זעענדיק אויג האָט מיך אַ רוף געטאָן.

איך האָב זיך ווידער אַנגעבויגן און געהערט, ווי ער זינגט מיר אַריין אין אויער — אַ ריקוד׳ל. אַ הילפֿלאָזער בין איך גע־שטאַנען אַנגעבויגן אַ ווײַלע.

— אַ ריקול׳ל, אַ ריקוד׳ל, אַ ריקוד׳ל, — האָט ער געשעפּ־טשעט עטלעכע מאָל, ווי אַן איינגע׳עקשנ׳ט קינד. אָבער אַזוי שנעל ווי איך האָב דאָס איבערגעגעבן, האָט עס געהאַט גאָר אַ פֿאַרקערטע ווירקונג. אַלע האָבן זיך מיטאַמאָל אויסגעניכ־טערט. דאָס ברומען האָט אויפֿגעהערט און יעדער איינער איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרשעמטער, ווי ער וואָלט סיי־ווי ביז איצט שוין געטאָן אַזעלכס, וואָס ווערט נישט געטאָן צווישן דערוואַק־סענע מענטשן, און איצט פֿעלט נאָך צום רומל אַ ריקוד׳ל.

דאָס גאַנצע ברומען האָט געדויערט אַ מינוט, אפשר נאָך ווייניקער. אפשר האָט זיך יעדן איינעם אויסגעדוכט, אַז דער אַנדערער האָט געזונגען. מעגלעך, אַז יעדן איינעם האָט זיך גאָר גע׳חלום׳ט, אַז נאָר ער אַליין האָט זיך נאַריש געמאַכט, מען האָט געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן, ווי מען וואָלט גע־פאַרשט יענעמס בליקן, אויב מען האָט געהערט, אויב מען האָט געכאַפּט.

דער עלטערער דאָקטאָר איז געזעסן איבער דעם חולה און גענומען דעם פּולס. דער קראַנקער איז איצט געלעגן מיט פאַר־מאַכטע אויגן, אָבער פון יעדן אויג איז גערונען אַ טרער. די טרער איז געווען אַ לעבעדיקע, און עס איז געווען קלאָר, אַז דער, וואָס קוקט־אוים אַ שלאָפנדיקער, לעבט איצט און טראַכט און אפשר וויינט ער פון פרייד, וואָס דער ניגון איז דערשפּיצט געוואָרן און אַרויפגעפירט געוואָרן אויף דעם סאַמע העכסטן פעלז, וואו העכער קאָן מען שוין נישט קלעטערן מיט געזאַנג.

דער דאָקטאָר האָט מיטאַמאָל געוויזן, אַז מיר זאָלן אַלע אַרוים. מיר זיינען אַרוים פון צימער און שטיל צוגעלענט די טיר.

— אָט דאָ־אַ, ביי דער טיר וועל איך זיך וואַלגערן אַ גאַנצע נאַכט, — האָט פינקעל געזאָגט. — ווי אַ הונט וועל איך דאָ ליגן. אפילו מיין ווייב וועט מיך פונדאַנען נישט אָוועקרייסן. פרעג איך אייך, — האָט ער זיך געווענדט צו מיר, — פאַראַן עפּעס אַ סך אַזעלכע יידן? עס וואַקסן עפּעס אונטער אַ סך אַזעלכע יידן?

ער האָט מיטאַמאָל אַרויסגעפּלאַצט אין אַ געוויין, וואָס ער האָט געמוזט צודישן מיט ביידע הענט, אַז מען זאָל עס, חלילה, נישט הערן איבערן גאַנצן קאָרידאָר. די יידענע מיט דעם טרוקענעם קול האָט אויף אים אַ קוק געגעבן מיט כעס און שפּאָט. זי האָט אים אָפּגעמאָסטן פון אויבן אַרונטער און פון אונטן אַרויף, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגן, אויב דאָס וויינט טאַקע אַזוי אַ מאַנסביל.

און כדי צו באַווייזן, אַז זי, אַ פרוי, מאַכט זיך נישט נאַריש

מיט אזעלכע שטיק, האָט זי אַנגעשטעלט אַזאַ טרוקן קול, אַז עס האָט נישט געהאַט קיין שאָטן פון אַ ציטער.

— ער וועט די נאַכט נישט איבערלעבן. דער מלאך המות שטייט אים שוין צו קאָפּנס.

## III

דער יונגער ראַבייאַישער זון, וואָס האָט זיך אונטן אַרומגע־דרייט, הין און צוריק, אָן אומגעדולדיקער, האָט מיך דערזען. ער איז צוגעלאָפן מיט אַ נייגעריק פּנים.

ווען איך האָב אים דערציילט, אַז שטיינמאַן איז ביים פולן פאַרשטאַנד, כאָטש ער האַלט נישט גוט, האָט ער אײַנ־גאַנצן אויפגעלויכטן.

— אָט דאָס־אַ וועל איך נאָך אַמאָל אויספאָרשן. דער פאַרשטאַנד איז דאָך דער גוף פון דער נשמה. די נשמה האָט אויך איר גוף. יאָ, איידער מען דערגייט צו דער נשמה דאַרף מען דורכברעכן אַ סך גראָבע הייטלעך. אָבער אַז אימיצן איז באַשערט אַנצוהאַלטן דעם שכל ביז דער לעצטער מינוט, קריגט ער אַ געטלעכע געלעגנהייט צו דערזען זיין אייגענע לויטערע נשמה. ווייל ער קוקט אויף זיך אַליין אין בין השמשות, ווען דאָס וואָס מיר זעען גייט־איבער אין דער ממשלה פון דעם, וואָס מיר זעען שוין נישט. איך האָב פאַר אייך אַ פאָרשלאָג, לאָמיר אַ ביסל דורכשפּאַנען דעם פּאַרק, איצט האָט זיך שוין דאָרט אַ ביסל אָפּגעליידיקט, קיין מוזיק שפּילט מען שוין אויך נישט. דוקא איצט איז אַ מחיה צו כאַפּן אַ שפּאַציר.

— איך מוז זיך שוין אײַנגנטלעך נעמען פּאַקן אין וועג אַריין, ווייל מאָרגן פאַרטאָג הויב איך אָן מיין רייזע צוריק אַהיים.

— אַזוי גאָר? מאָרגן וועט איר שוין נישט זיין קיין היגער? מעגן מיר דאָך אוודאי אַריינגיין אין גאָרטן זיך געזעגענען.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און עטלעכע רגע׳ס נישט גע־מאַכט קיין טריט.

— אַהיים, אַהיים, ווען איר ווייסט, ווי שיין און ווי שטאָלץ דאָס קלינגט. הלואי וואָלטן אַלע יידן געהאַט אייער היים. זאָגט מיר, איך בעט אייך, איר פירט עפּעס מיט פון דאַנען? אַזוי עפּעס, צידה לדרך, אַז עס זאָל אייך קלעקן אויף נאָכ־צוטראַכטן?

ער האָט זיך פאַרטראַכט און אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעך צום פּאַרק צו. עס איז געווען קלאָר, אַז ער וואַרט אַפילו נישט אויף קיין תשובה.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און איך האָב געזען זיינע גרויסע אויגן.

— איך אַליין בין אייך נישט מקנא. טוט מיר איין גרויסע טובה. מיינט נישט, אַז עס רעדט צו אייך אַ אינגל. אַז איר וועט אַמאָל צוריקקומען אַהער מיט יאָרן שפּעטער, וועט איר זען מיט אייערע אייגענע אויגן. טאָמער וועט איר נישט צוריק־קומען, וועט איר סיי־ווי הערן, ווי עס וועט קלינגען די יידישע וועלט מיט מיין נאָמען. ביי מיר איז נאָך איצט צעשוואומען, בע־סער געזאָגט, עס קאָכט זיך אַלץ אין אַ גרויסן טאָפּ. מען זעט נאָך די פּעטרישקע, די גרינסן, די בוינען, די שוועמלעך. עס קאָכט און עס זידט, אָבער באַלד וועט פון אַלץ ווערן איין געריכט. איך פיל שוין דעם טעם דערפון. גלויבט מיר, עס איז נישט קיין באַרימעריי. פון אַלע עקן פּוילן וועלן יידן זיך צוזאַ־מענפאָרן און איך וועל היילן זייערע געמיטער מיט דער פרייד פון אַנטפּלעקן. יעדער ייד וועט ווערן אַ זעער, אַ ווייסער, אַ פאַרשטייער. איך וועל זיי נישט טראָגן אויף מיינע פּליי־צעס, ווי מיין זיידע האָט עס געטאָן. זיי וועלן זיך אַליינט טראָגן אויף די פּלייצעס. מען וועט נישט גלאַט ליב האָבן איינער דעם אַנדערן, נאָר מען וועט זיך עס מוזן פאַרדינען. מען וועט מוזן קלעטערן אויף אַ לייטער. איר ווייסט דאָך ווי דער קאָזשניצער האָט געטייטשט דעם ואהבת לרעך כמוך. כמוך, ווי זיך אַליין, נו, און זיך אַליין, האָט דער קאָזשניצער געזאָגט, האָט מען דען

גלייך ליב? אָן אויג האַלט מען טייערער ווי אַ פּוס, דעם קאָפּ שאַצט מען העכער, ווי איך בעט איבער אייער כבוד. דערפאַר, אויב דיין חבר איז אַ קאָפּ, האָב אים ליב ווי דיין קאָפּ, און אויב ער איז פאַרקערט, פאַרשטייט איר דאָך שוין אַליין — כמוך, פּונקט ווי דו האָסט ליב זיך אַליין. אַזוי האָט געטייטשט דער קאָזשניצער.

אַ געשטאַלט האָט זיך געקייקלט ווי אַ פּעסל. דאָס געשטאַלט האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין דער באַלעגאַלע.

— גוט וואָס איך האָב אייך געטראָפן, — האָב איך אים געזאָגט. — איר מוזט מיך קומען נעמען צו דער באַן גאַנץ פרי.

— אַ בראָך איז צו מיר, — האָט ער געעפנט דאָס מויל און איך האָב גלייך דערפילט דעם איבערגעזייערטן גערוך פון בראָנפן. — אַבי איך דריי זיך אַרום, ווי אַ הפקר פּעטרישקע. איר ווילט כאַפּן דעם זעקסער צוג?

ער האָט גענומען לויפן.

—איך גיי אַריינכאַפּן אַ צוויי-דריי שעה שלאָף און איר קאָנט זיך פאַרלאָזן אויף מיר. איר מעגט זיך, אם ירצה השם, פאַרלאָזן אויף מיר.

איך האָב זיך ביי אים געבעטן, אַז ער זאָל נישט פאַרגעסן אין מיר, ווייל איך וועל שטיין געפּאַקט און וואַרטן.

— אל תראוני שאני שחרחורת, קוקט נישט, וואָס איך האָב איבערגעכאַפּט אַ כוס'ע. נאָך צוויי שעה שלאָף וועל איך אַ נייער מענטש. איך בין, האָט קיין פאַראיבל נישט, ווי אַ פערד. איך שלאָף נישט, איך דזשימע.

— לאָזט זיך נישט איינרעדן, — איז מיין יונגער באַגלייטער ווייטער אַנגעגאַנגען, ווי מען וואָלט אים גאָרנישט איבערגעשלאָגן, — אַז יידן דאַרפן נישט זיין שענער און בעסער ווי אונדזערע שכנים. ביי זיי, ביי אונדזערע שכנים, פרעגט קיינער נישט, פאַרוואָס זיי לעבן, ביי אונדז פרעגט מען יאָ, און מיט אַ געבייזער. און ביזקל וואַנען עס וועט קומען דער גרויסער אויסגלייך, וועט ביי אונדז אַרוים די נשמה. מיר מוזן זיין אימשטאַנד צו זאָגן קלאָר — אָט פאַרוואָס מיר לעבן אויף דער

וועלט. פאַרפאַלן, דערוויל איז עס זייער וועלט און זיי לאָזן צו אונדז אויס זייער גאַנצע קריסטלעכקייט.

— יאָ, מיין ברודער, דער נישט־פאַרגינער, — האָט ער גע־זאָגט מיט אַ צופרידן שמייכעלע, — וועט מוזן קומען און זיך בוקן צו מיר. זיס, זיס איז דער חלום פון יוסף הצדיק, אַלע וועלן קומען איבער מיין שוועל מיט געהויבענע קעפּ, נאָר ער וועט זיך מוזן בוקן אין דרייען. וויפיל אנערקענונג מען זאָל נישט קריגן פון פרעמדע, גייט עס גאָר נישט איין, ביז עס קומען נישט די גאָרבן פון אייגענע זיך בוקן און פאַרנויגן. יוסף הצדיק האָט די נישט־פאַרגינערייַ געוואָלט ברעכן.

מיר זיינען צוגעקומען צום טויער. דער גאָרטן־וועכטער האָט אונדז געגומען איבערצייגן, אַז עס לוינט זיך שוין באַלד נישט אַריינצוגיין, ווייל ער שליסט דעם פּאַרק אין אַ האַלבער שעה אַרום.

מיר האָבן אים פאַרזיכערט, אַז מיר וועלן זיין אינדרויסן צו דער באַשטימטער צייט.

מיר האָבן געכאַפּט אַ שנעלן שפּאַצער איבער דער הויפּט־אַלייע און זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק נישט ווייט פון טויער, כדי צו האַלטן אַן אויג אויף דעם וועכטער. דער וועכטער האָט געגעבן עטלעכע פייף. ער איז צוגעקומען צו אונדז, אים איז קאַנטיק געפעלן געוואָרן וואָס מיר זיינען געווען וואָרט־האַלטער.

— וויפיל מען גיט זיי וואָוילטאָג איז נישט גענוג, — האָט ער זיך באַקלאָגט פאַר אונדז און געצופּט די וואָנסן זיינע. — אַלע זיינען שוין אַרויס, נאָר די יונגע פּאָרלעך, פאַר זיי איז די נאַכט צו ווייניק.

ער האָט ווידער גענומען פייפן.

— ביי מיין וואָרט, איך וועל פאַרשליסן דעם טויער, און זאָלן זיי זיך וואַלגערן אַ גאַנצע נאַכט, ווי די קעץ. וואָס דען קאָן איך טאָן?

עס האָבן זיך גענומען באַווייזן פּאָרלעך, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעקראָכן פון די ביימער אַרום אונדז. יעדער בוים האָט פון זיך אַרויסגעגעבן אַ פּאָרל. יעדע פאַרגראָזטע און פינצטערע

סטעזשקע האָט אַרויסגעשפּראָצט פון זיך אַ פּאַרל, ווי זיי וואָלטן זיך אַלע געשפּילט אין באַהעלטעניש. זיי האָבן קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. זיי זיינען געגאַנגען מיט אַרונטערגעלאָזטע קעפּ, ווי זיי וואָלטן זיך געשעמט פאַר דעם וועכטער, וואָס האָט אויף זיי געוואַרט ביז דער לעצטער מינוט.

— נאָך איין פּאַרל טליקעט זיך ערגעץ אַרום אין גאָרטן. איך געדענק, אַ איך געדענק. זי איז אַ רויטע. איך וועל זיי געבן נאָך דריי פייף און דערנאָך, אויף מיין וואָרט, קאָנען זיי דאָ האָבן עטלעכע צווילינגס.

אָבער נאָך איידער ער האָט פאַרענדיקט דעם דריטן פייף האָט זיך באַוויזן דאָס לעצטע פּאַרל. אַפּילו אין דער פינצטער האָט מען געקאָנט זען דעם מיידלס פלאַקערדיקע האָר און איר שעמעוודיקע פאַרלעגנהייט. דער הויכער מאַן, וואָס האָט זי געפירט געאָרעמט, איז מיט איר געגאַנגען ווי דורך אַ בראַנד, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען דורך צוויי רייען פון צענדליקער מענער, וואָס האַלטן גרייט שאַרפע ריטער פאַר די לעצטע, פאַרשפּע־טיקטע זינדער פון פּאַרק.

ווען די רויטע איז פאַרביי געגאַנגען האָט דער וועכטער געקוקט אויף אונדז מיט טריאומף.

— איר זעט, אַז איך געדענק זיי. איך האַלט זיי אַלעמען אויפן קאָפּ. פון מיר קאָן מען זיך נישט אויסבאַהאַלטן.

דער וועכטער האָט געגעבן אַ לעצטן פייף פאַר זיכערקייט וועגן. דער פּאַרק האָט איצט אויסגעזען ווי אַן אויסגעליידיקטע שול ביינאַכט. ער האָט אונדז ביידן געזאָגט אַ העפלעכע גוטע נאַכט, אַ מענערשע, ווי אַ מאַן צו צוויי אַנשטענדיקע מענטשן, וואָס מען דאַרף נישט אַרויספייפן פון באַהעלטענישן.

— מיינט נישט, אַז איך שווייג, האָב איך אייך גאָרנישט וואָס צו זאָגן וועגן די אַלע פּאַרלעך. וועגן דעם יצר הרע, וועגן דעם שיר, איין געזאַנג, השירים, פון אַלע געזאַנגען. איך וואָלט אייך געקאָנט דערציילן וועגן וואונדערלעכע חלומות, וואָס קומען צו מיר, נאָכדעם ווי איך זע דעם פּאַראַד פון פּאַרלעך. מיינט נישט, אַז אין מיר זינגט נישט אַ חשק אין אַלע אָדערן.

אבער וואָס טו איך מיט דעם חשק? ווי צוים איך אים? איך פֿאַרטיף אים, אַקוראַט ווי די יידן האָבן אָפּגעטאָן שלמה המלכ׳ן און געמאַכט פֿון זיין שיר השירים אַ געזאַנג צו דער כנסת ישראל. אַזוי נעם איך אין חדר אַריין מיין חשק און איך מאַך פֿון אים אַ משל, אַן אַלעגאָריע. ער וויל ביי מיר ווערן דאָס אויבערשטע פֿון שטייסל, אבער איך גיב אים אַ נמשל מיט אַן אינהאַלט, וואָס פֿאַרשעמט אים אין ווייטן האַלדז אַריין. און וואָס מיינט איר וועט זיין, אַז דער משל וועט זיך איינשפּאַרן און זיך נישט לאָזן בייקומען? וועל איך זיך גלייך לאָזן רעדן אַ שידוך און אַרונטער פֿון מאַרק.

— איז וואו שטעלט איר זיך אָפּ? אין פּאַריז? — האָט ער מיך ווידער געפֿרעגט, ווען מיר זיינען שוין געווען נישט ווייט פֿון בוכלערנערס האָטעל. — זאָגט דעם אמת, איר פֿירט עפּעס צוריק אַ רעיון, אַ שטיקל מוסר השכל? אַן עם־הארץ פֿאָרט ווי אַ פֿערד, אבער אַ מענטש, אַ בר דעת, אַז ער מאַכט אַ ווייטע נסיעה, מוז ער דאָך עפּעס פֿאַראיבריקן. מען פֿאָרט אַהין און מען פֿאָרט צוריק. עס גייען אַוועק עטלעכע וואָכן און ס׳איז ווי גאָרנישט. מען שטייט אַלץ אויפֿן זעלביקן אָרט. אבער, זעט איר, אַז עס שטעלט זיך אָפּ פֿון דעם אַ געדאַנק, אַ, זעט איר, דאָס איז עפּעס אַנדערש. דאָס איז כולו ריוח.

— אויב איר ווילט וויסן, — האָב איך גערעדט מער צו זיך ווי צו אים, — גייט עס אין אַן אויסגעצייטיקטן טרויער. דאָס איז פֿאַרמעגנס, וואָס קומט מיט די יאָרן פֿון זען און פֿון הערן. פֿאַראַן אַ טרויער, וואָס דו קאָנסט אים נעמען ביי דער האַנט, ווי אַ גוטן באַגלייטער. האָסט אים נישט מורא צו קוקן אין די אויגן אַריין. עס איז נישט דער שרעקעוודיקער פּחד, נאָר אַ פֿאַרשטענדיקער טרויער, אַן אויסגערייפֿטער. גיסט אַ קוק אין שפּיגל און דו זעסט די אייגענע אויגן און פֿון זיי לייענסטו אַרויס רייד, וואָס זיינען געבליבן ביי דיר אין קאָפּ, אַ קרעכץ, אַ זיפֿץ, אַ שמייכל. דו דערפֿילסט, אַז דו ביזט אייגנטלעך דיין אייגענער טרויער, וואָס עלטערט זיך אין דיר און ווערט קליגער פֿון יאָר צו יאָר.

— נו, אויב אזוי, זייט־זשע מיר געזונט און פאָרט מיר געזונט. — ער האָט מיר געגעבן די האַנט. — גיט זיך אַמאָל אַ דערמאָן אין מיר. דערמאָנט זיך אין אייערע ברידער דאָ. לאָמיר הערן ישועות און נחמות פון ביידע זייטן ים.

איין פענצטער האָט אויסגעזען פאַרטרויערט מיט דער ליכטיקייט, צווישן אַלע פינצטערע פענצטער אין בוכלערנערס האָטעל. דער אייגנטימער איז געשטאַנען ביי זיין טויער, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף מיר די גאַנצע צייט.

— ברוך—דין—אמת, — האָט ער מיר געזאָגט מיט דעם טראָפּ אויף אַלע דריי ווערטער.

— ברוך—דין—אמת, — האָט דער יונגער ראַבייאישער זון נאָכגעזאָגט פרום און זיך געלאָזט גיין.

— ווען? — האָב איך איבערגעפרעגט בוכלערנערן.

— נאָר־וואָס, אפשר מיט אַ פערטל שעה צוריק, ווויי מיר.

איך בין שטיל אַרויפגעגאַנגען די טרעפּ. איך האָב זיך באַמיט צו גיין וואָס שטילער. פינקעל איז מיר אַנטקעגנגעקומען.

— איר ווייסט שוין די פינצטערע בשורה? ער איז נפטר געוואָרן ווי אַ גרויסער צדיק. ברוך דין אמת.

— איז פאָרט איר טאַקע מאָרגן? — האָט מיך בוכלערנער געפרעגט, אזוי שנעל ווי איך האָב געעפנט די טיר פון מיין צימער. איך האָב אפילו נישט געהערט ווי ער איז מיר נאָכגעגאַנגען.

ער האָט זיך צוגעזעצט אויף דעם וויגשטול און זיך אָנגעהויבן וויגן מיט אימפּעט.

— יאָ, מיר קאָנען זיך שוין צערעכענען.

— איי, זאָלט איר געזונט זיין, ווער האָט דאָס דעם קאָפּ דערצו? אפשר וועט איר כאַפּן אַ ביים? אַ טרונק בראָנפן? עם חלש׳ט מיר שוין אליין אויך דאָס הארץ. פאַר עלית נשמה, מעג מען, כלעבן, כאַפּן אַ שנאַפּס און פאַרבייסן אויך. גלויבט מיר, ס׳מת וועט גאָרנישט האָבן דאַגעגן.

ווען איך האָב זיך נישט געלאָזט איבעררעדן, האָט ער מיך

פאַרזיכערט, אַז ער וועט אויף־זיין אַ סך פריער פון מיר און עס וועט זיין גענוג צייט פאַר חשבונות.

אַ הויכער ייִד, מיט אַ קליין קעפּל און אַ שפּיציק בערדל האָט געעפנט די טיר און בלויז אַריינגערוקט דעם קאָפּ.

— נישטאָ דאָ דער באַלעבאָס?

— יאָ, וואָס וועט עץ זאָגן גוטס?

— פאַניע בוכלערנער, — האָט ער געמאַכט אַ רחמנות־פּנים, — איך בין דאָ דער תהילים־זאָגער. וועל דאַרפן זיצן ביים מת אַ גאַנצע נאַכט, איז חלש'ט מיר שוין דאָס האַרץ, אַ פּשיטאַ שוין שפּעטער. פאַרוואַלגערט זיך אפשר אַ שטיקל הערינג? אַ קעלישיקל צו דערכאַפּן ס'האַרץ? — ער איז אַלץ נישט אַרי־בער די שוועל.

— וואָס וועט עץ זאָגן צו אַ שטיקל פיש? אַ שטיקל חלה, אַ גלעזעלע ניינציקער, — האָט בוכלערנער געפרעגט.

— אַך! אַך! — האָט זיך דער ייִד פאַסמאַקעוועט.

— און וואו דערלאַנגען?

— אונטן ביים מת?

— אונטן? ביים מת? — האָט זיך בוכלערנער געקרימט.

— וואָס האָב איך מורא? ס'מת וועט מיר חלילה אויס־כאַפּן?

— ס'עט זיין רעכט. ס'עט באַלד זיין רעכט. מען וועט שוין דערלאַנגען.

דער קאָפּ איז פאַרשוואונדן און בוכלערנער איז אַרויס פון צימער. איך האָב גענומען גלאָסן פאַרפּאַקן מיינע זאַכן.

עס האָבן זיך דערהערט עטלעכע קלעפּ אין טיר. די טיר האָט זיך געעפנט נישט וואַרטנדיק אויף קיין דערלויבניש. דער באַלעגאָלע איז אַריין מיט רויטע, פאַרשלאָפענע אויגן.

— איך בין אייך געקומען זאָגן, אַז איר דאַרפט זיך גאָר־נישט זאָרגן. איר קאָנט זיך צולייגן און איר האָט נאָך צייט צו שלאָפן גוטע פיר שעה.

ער האָט אַרויסגענומען אַ מורא'דיק גרויסן זייגער פון וועסטל־קעשענע.

— פינקטלעך פיר שעה קאָנט איר שלאָפֿן. — ער האָט אויפגעעפנט דאָס צעריסענע וועסטל, צעכראַסטעט דאָס העמד און זיך גענומען שיבערן איבערן האַריקן לייב, ווי איינער וואָס איז נאָר־וואָס אויפגעשטאַנען פון שלאָף.

— איי וועלן מיר דעם פרייטיק גיין אין מרחץ אַריין, — האָט ער געזאָגט מיט תענוג. — מיר וועלן קומען אַהיים און שבת וועלן מיר זיין אַ ייד מיט יידן צוגלייך. וואָס קומט־אַרויס פון גאַנצן האַוועןָ? איר זעט דאָך, — און ער האָט געוויזן מיט דעם פינגער אַרונטער צום דיל.

— סוף כל אדם, — האָט ער זיך געשמאַקער געשׂיבערט.

— מען וועט אייך אָפּפירן צו דער באַן. מען וועט פאָרן נאָך נייפעלדן און אים ברענגען פון קוזמיר. מען וועט אַהיים־פאָרן אויף שבת מיט שיינע עטלעכע גילן, נישט צו פאַרזינדיקן, גאָרנישט צו פאַרזינדיקן.

ער האָט זיך צוגעזעצט אויף דער וויגשטול.

— איר וועט דאָך אוודאי קיין פאַראיבל נישט האָבן, איך וועל כאַפּן אַ דרשים. פאָלגט מיך, טוט זיך אויס און לייענט קריאת שמע.

פון אונטן האָט זיך געהערט אַ שטיל כליפּן.

— איר הערט? נעבעך. דאָס איז שטיינמאַנס טאָכטער. גלויבט מיר, זי איז טאַקע געבליבן אַ וויסטע יתומה. נישט קיין מאַן, נישט קיין קינד און נישט קיין רינד. נעבעך.

ער האָט זיך אַ ביסל לויזער געמאַכט דעם שטריק אַרום די הויזן. באַלד האָט ער גענומען פאַרשנאָרכן דאָס גאַנצע צימער מיט אַ הייזעריקן האַלדז־כאָרכל.

עס איז ערשט געווען האַלב נאָך צוויי, אָבער דער זומער־דיקער פּוילישער פאַרטאָג האָט שוין גענומען אומגעדולדיק אַריינבלויען. אַ פויגל האָט געגעבן אַ רעד פון שלאָף און אַנ־שוויגן געוואָרן. איך האָב פאַרלאָשן די ליכט, דער אויפגע־וואַכטער בלוי פון פענצטער האָט פון גאַנצן פינצטערן צימער אויסגעטיילט די צוויי איבערגעפּאַקטע, צעעפנטע וואַליזעס. זיי זיינען געווען די שאַרפסטע און קאָנטיקסטע זאַכן אין גאַנצן צימער.